STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05476

OYF DER VOGSHOL

Ephraim Auerbach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אויערבאַך / אויף דער וואָגשאָל

אפרים אויערבאַך

אויף דער וואָגשאָל

באַנד איינס

עסיי, ליטעראַטור־קריטיק, קולטור־פּראָבלעמען

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב תשל״ה — 1975

EFRAIM AUERBACH
OF DER VOGSHOL
I. L. Peretz Publishing house
Tel Aviv, 31 Alembi St.

אפרים אויערבאַך
אויף דער וואָגשאָל
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב אלנבי 31

Copyright 1975 by
CHANA AUERBACH
הגבור האלמוני 52
יד אליהו — תל־אביב

Printed in Israel

נדפס בישראל

דפוס „ראש פינה", רח' ראש פינה 19, תל־אביב



אפרים אויערבאַך

1973 — 1892

אַ וואָרט פאָרויס

די צוויי בענד שטעלן מיט זיך פאָר די אָפּגעקליבענע ליטע־ראַטור עסייען פון אַ דיכטער וואָס איז געווען פאַרליבט אין ליטעראַטור און האָט געלעבט, מיט אַ טיפער אמונה, אינעם אומשטערבלעכן כח פון וואָרט.

„אָ, וואַרעם אייגן יידיש וואָרט,
נישטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער אָרט
אַ חוץ דער אייביקייט".

פאַר אפרים אויערבאַך ז״ל איז ליטעראַטור געווען דער שטראַל וואָס איז בכח צו באַלייכטן דעם מענטשנס אייגזאַמען, אָפּטמאַל פאַרנעפּלטן גאַנג אין דער וועלט. אין זיין אייגענער דיכטונג האָט ער געוואָלט דערגיין צום גרינטלעכן זין פון זיך אַליין, פון זיין דור און פונעם יידיש חלום.

„ווו איז די היים? ביים סאַמע ברעג פון די געדאַנקען".
און געדאַנק, פאַרן דיכטער, איז וואָרט, דער איינציקער שליסל וואָס קען אויפעפענען דעם טויער הינטער וועלכן עס ליגט פאַר־באַהאַלטן דער סוד, אָדער דער שאָטן פונעם סוד.

„אָ, וואָרט מיינס, דערגראָב זיך צו וואָרצל־געדאַנקען".
פאַר אים איז דאָס וואָרט געווען זיין עצם מענטשלעכקייט:

„נאָר אַז די ווערטער ווערן ליידיק, הויל,
אָן שאָטן זיין צו וואַרעמען די הויט,
דערשפּירסטו, ווי אַ חיה, — שווער און פויל —
הייבט־אָן דיך וואַרפן, דישען ביז צום טויט".

האָט ער זיך מיטן וואָרט געראַנגלט, געשפּילט, געשריבן אָן אַ שיער לידער צום וואָרט, און תמיד געזוכט ד אָ ס וואָרט וואָס

וועט באַלויכטן די טונקעלע נאַכט. ס'איז אמת אַז אַמאָל, ווי אַלע דיכטער, האָט ער געצווייפלט:

„מיט רייד פול דיביימער, נאָר איך בין אַ שטומער, —
ווי וועל איך דערשרייען דאָס לעצטע געשריי?"

אָבער אין יאוש איז ער קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן. דער גרונט־באַוווּסטזיין פון זיין גאַנצער שאַפונג איז די טיפע איבערצייגונג אַז מען קען דערגיין צום וואָרצל־געדאַנק; דאָס וואָרט איז בכח צו פאַרקערפערן דעם חלום, דערטאַפן דעם אמת.

אַזוי ווי ער האָט געשריבן, אַזוי האָט ער געלייענט. ער פלעגט באַקומען צוגעשיקט יעדן יאָר צענדליקער, אַפילו הונדער־טער, ביכער. אין יעדן איינעם האָט ער געעפנט מיט אַ ציטערדי־קער האָפענונג: אפשר דאָ, אין די בלעטער, וועט ער געפינען די „זילבערנע שפריצעלעך אויפן געדאַנק" מיט וועלכע ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען שיכור. אַ ניי בוך, אָדער אַן אַלטער ספר, אויס־געזוכט און איבערגעשטודירט צום וויפלטן מאָל, איז פאַר אים געווען דער אַריינפיר צו אַ וויזיע, אַ בליץ אויף אַ נייעם האָריזאָנט, אַ פאַסיקל זונען־שטראַל אינעם גייסט פון אַ מענטש. דעריבער, האָט ער תמיד אויפגענומען יעדן נייעם בוך, יעדן יונגן שרייבער, מיט פרייד, געלייענט ערנסט, מיט דרך־ארץ, תמיד געווען גרייט זיך אָנצושטויסן מיטאַמאָל אויפן פינטעלע ליכט. ער האָט איינמאָל באַמערקט אַז אַ ליטעראַטור קען נישט עקזיסטירן בלויז מיט „גרויסע" שרייבער; אַ געזונטע ליטעראַ־טור מוז זיין געבויט אויפן יסוד פון גוטע, טאַלאַנטפולע, מי־נאָרע שרייבער, וואָס יעדער איינער פון זיי לייגט צו ציגל צום בנין.

די געזאַמלטע עסייען שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלן טייל פון אפרים אויערבאַכס שעפערישן לעבן. זיי זענען די קריי־טישע אָפּשאַצונגען פון אַ פּאָעט וואָס האָט געזוכט אין די ווער־טער פון אַנדערע דאָס זעלבע וואָס ער האָט געהאָרעוועט צו דערגרייכן אין זיין אייגן ליד. די צוויי בענד זאָגן עדות וועגן אַ

לעבן געווידמעט צו דינען דער יידישער ליטעראַטור וואָס הייבט זיך אָן מיטן תנך און דערגייט ביז צום היינטיקן טאָג — „די חלומות שטריקערן פון רײנסטן ספרדיקן וואָל״.

אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן האָט אפרים אויערבאַך זיך פאַרנומען מיט איבערקוקן און איבערקלייבן די עסייען. כאָטש ער איז שוין געווען שטאַרק קראַנק, האָט ער נאָך באַוויזן צו איבערלייענען און מאַכן אייניקע וויכטיקע ענדערונגען. די אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן און רעדאַגירן איז אָבער געפאַלן אויף אַנדערע. מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט, באַדאַנקען די וואָס האָבן פאַרענדיקט די לעצטע אַרבעט זיינע: — שמשון מעלצער, וועלכע האָט לאַנגע שעהן געשניטן און געקלעפט, כדי צוצוגרייטן די עסייען צו שיקן אין פאַרלאַג, און יצחק יאַנאַסאָוויטש, וועלכער האָט געמאַכט דעם לעצטן אָפּקלייב אָרגאַניזירט דעם סדר, רעדאַגירט, געלייענט די קאָרעקטורן און אַכטונג געגעבן אַז די ביכער זאָלן צוזאַמענגעשטעלט ווערן אינעם פאַסיקן פאָרמאַט. אָן זייער הילף וואָלטן די צוויי בענד עסייען קיינמאָל נישט געקענט דערשיינען.

די משפחה

אפרים אויערבאַך, ז״ל,

דער פּאָעט, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער

אפרים אויערבאַך איז, זינט איך געדענק אים, געווען איינער צווישן די גדולים אין דער יידישער ליריק. אַפילו אַז צווישן אָט די גרויסע זע־נען געווען אַזעלכע וואָס זייערע נעמען האָבן אין געוויסע צייטן העכער געקלונגען ווי זיינער און וואָס אין זייער, אַזוי גערופענער, פּאָפּולאַרי־טעט ביים ברייטן מאַסן־לייענער האָבן זיי אים אַריבערגעשטיגן, האָבן אָבער די יודעי חן געוווּסט זיין ווערט און באַדייט און ווען זיי האָבן גע־ציילט די וואָס דאַווענען אין דער מזרח־וואַנט פון אונדזער דיכטונג האָבן זיי אים מצרף געווען צו דער חברותא און אים אַריינגערעכנט אין דער סביבה פון די אויסדערוויילטע.

העכער אין די פּערציקער און אין די פופציקער יאָרן האָט ער אַפילו אין פּרט פון באַקאַנטקייט זיך אויסגעגלייכט מיט די בני הכלא, מיט די פּרינצן פון יידישן ליד און ער איז געווען איינער צווישן זיי ווען זייער צאָל האָט געגרייכט צו מנינים, אַ פּשיטא שוין — ווען זייער צאָל איז פאַרקלענערט געוואָרן און האָט קוים געדעקט די פינגער פוןביידע הענט. און אַזוי איז עס געווען און פאַרבליבן ביז צו זיין אַוועקגיין אין דער באַשערטער רו, ווען ס'איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר אַז זיין פּאָע־טישער שיעור קומה האַלט אויס די גרויסקייט־מאָס, וועלכע עס האָט אין משך פון עטלעכע דורות געשאַפן די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער נייער יידישער פּאָעזיע.

צו אָט דער הויכער פּאָזיציע האָט ער, אפרים אויערבאַך, דערגרייכט מיט זיין טאַלאַנט און מיט זיין פּאָעטישער פּערזענלעכקייט. טאַלאַנט האָט ער מאַניפעסטירט באַלד מיט זיין ערשטן לידער־בוך „קאַראַוואַנען״ וואָס

איז דערשינען אין יאָר 1918. זיין פּאָעטישע פּערזענלעכקייט האָט ער געפּאָרעמט און געשטאַלטיקט אין לויף פון זיין גאַנץ שעפעריש לעבן. פון יאָר צו יאָר און פון בוך צו בוך איז אָט די פּערזענלעכקייט זיינע גע־וואַקסן און בולטער געוואָרן ביז מיר האָבן זי דערזען אין איר גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקער פולווערטיקייט און פּאָעטישער שיינקייט אין זיינע לעצטע לידער־זאַמלונגען און גאַנץ באַזונדערס אין זיין גרויסער אַליין־אַנטאַלאָגיע „אַ לעבן צווישן טאָוולען״.

אפרים אויערבאַך האָט מיר תמיד אויסגעזען ווי אַ ריזיקער דעמב אין דעם וואַלד פון דער יידישער דיכטונג. ווי אַ דעמב איז ער געוואַקסן פּאַוואָליע און זיכער אויף דעם באָדן פון דער יידישער שעפערישקייט און ווי אַ דעמב האָט ער גענומען אויף זיך אַלץ נייע און נייע רינגען וועלכע האָבן אומפאַנגרייכער געמאַכט זיין דיכטערישן שטאַם. מיט זיינע וואָרצלען האָט ער געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער אין דער ערד פון יידישן געמיט און מיט זיינע צווייגן איז ער אויפגעשטיגן אַלץ העכער און העכער צו די הימלען פון אונדזער לויטערער פּאָעטישער מחשבה. ווי דער דעמב האָט ער געהערט צו דער דיכטערישער גרויס־ביימערישער משפחה אונדזערער, אָבער ווי דער דעמב האָט ער זיך געהאַט זיין אייגן ווינקל, זיין רשות היחיד איבער וועלכן עס האָט זיך געשפרייט די ליכ־טיקע בלויקייט פון אַן אייגענעם זוניקן הימל און די מיסטישע סודותדי־קייט פון אַן אייגענעם לירישן שאָטן.

ווייל ער איז פון לכתחילה געקומען אין דער יידישער דיכטונג מיט אַן אייגן וואָרט, מיט אַן אייגענעם טאָן, מיט אַן אייגן געמיט און מיט אַן אייגענער וועלט־וויזיע, האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן גאַנץ אָפט אָפּצושטיין פון דער צייט און אַפילו צו גיין קעגן דער צייט, אירע שטרע־מונגען, געשמאַקן און מאָדעס. עס איז געווען זיין גרעסטער גליק, וואָס ער האָט שעפעריש קיינמאָל זיך נישט געדאַרפט פון גאָרנישט אָפּזאָגן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געצאָלט קיין צייט־ציגנז און האָט דעריבער סיי דיכטעריש, סיי אידעיִש קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט. אפשר האָט ער זיך נישט פאַרדינט די קרוין פון אַן עקספּערימענטאַטאָר, פון קיין אַנטדעקער, אָבער דערפאַר האָט ער תמיד זיכער געשפּרייזט אויפן דרך

המלך פון זיך צו זיך אָן האָט מיט יעדן נייעם בוך זיינעם זיך אויפגעהויבן אַ שטאַפּל העכער אויף דער לייטער וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דעם פעסטן באָדן פון זיין אייגנאַרטיקן פּאָעטישן טאַלאַנט.

ס'איז מערקווירדיק וואָס אין זיין לידערבוך „קאַראַוואַנען", ווער שמועסט נאָך — אין זיין לידער־זאַמלונג „לויטער איז דער אַלטער קוואַל", טרעפן מיר שוין אַ ריי גרונט־מאָטיוון און פּאָעטישע ווענדונגען וועלכע מיר הערן קלינגען אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע לידער־אויסגאַבעס, ווי „גילדענע שקיעה", „וואָך איז דער סטעפּ" און אויך אין די סוף־לידער פון בוך „אַ לעבן צווישן טאָוולען". אָבער אַז איר פאַרגלייכט די זעלביקע אויסגעזונגענע מאָטיוון אין זיינע פריערדיקע יאָרן מיט די פון די שפּעטערדיקע יאָרן, זעט איר וואָס עס מיינט פּאָעטישער וווּקס און גייסטיקע רייפקייט. די מאָטיוון זענען טאַקע די זעלביקע און דאָס קול וואָס זינגט זיי אויס איז אויך דאָס זעלביקע. אָבער וואָס פאַר אַ מהלך עס איז צווישן זיי און וואָס פאַר אַן עשירות־גראַד עס טיילט זיי פאַנאַנדער! דאָ ווי דאָרט זינגט דער פּאָעט וועגן לאַנדשאַפטן און איבערלעבונגען וואָס זענען אידענטיש לויטן מקור פון זייער אינספּיראַציע, לויט דער מעלאָדיק פון זייער לייט־מאָטיוו, אָבער וואָס פאַר אַ חילוק עס איז פאַראַן צווישן זיי! וואָס פאַר אַן אונטערשיד אין זייער אָרקעסטראַלער באַאַרבעטונג, אין זייער ניואַנסירונג, אין זייער וואַריירונג, אינעם אַנטפּלעקן פּרטים פון זייער פּאָליפאָנישער מוזיקאַליטעט!

לייענט דאָס ערשטע ליד פון דעם אָפּטייל „אויף דער שוועל" אינעם בוך „קאַראַוואַנען". דער דיכטער זינגט:

„ווייזן זיך גילדענע, זאַמדיקע ברעגן,
בלויע, פאַרחלומטע בערג פון דער ווייטן,
דערפעלעך קליינע, מיט סטזשעזשקעלעך שמאָלע,
לויזע אַראָבער אויף אייזעלעך רייטן."

דער זעלביקער מאָטיוו און די זעלביקע לאַנדשאַפט אינספּירירט שפּעטער, אין יאָרן אַרום, דעם דיכטער צו זינגען דאָס ליד „ואתחנן" אין בוך „גילדענע שקיעה".

„פאַרטאָג. די נידער איז אין בלוי פאַרהילט.
כפר בלום איז צו דער אַרבעט אויפגעשטאַנען,
לבנונס קאָפּ ווערט פּאַסמעסווייז באַגילדט,
א לאַנקע וואַרעמט און א שאָטן קילט —
זינג, טרויער מיינער, — ואתחנן."

נעמט די ביידע לידער־אָנהייבן. זייער ערשטע מעלה איז אוודאי דאָס וואָס מען דערפילט תיכף אַז איין דיכטער האָט זיי געשריבן, כאָטש צווישן די ביידע לידער איז פאַראַן אַ צייט־מרחק פון צענדליקער יאָרן, און נאָך וואָסערע יאָרן! פון דער אַנדערער זייט זעט איר אָבער וואָס פאַר אַ לאַנגן שפּאַן פון אַנטוויקלונג דער דיכטער האָט געמאַכט אין אָט די יאָרן, ווי זיין שטים איז רייך געוואָרן אין מאָדולאַציעס, ווי זיין געמיט איז רייף געוואָרן צום אויפנעמען און אַנטפּלעקן ניואַנסן, ווי זיין געזאַנג האָט באַקומען די פּאַרטיפּטקייט און די פאַרלענגערונג פון עכאָ און ווי זיינע פאַרבן און בילדער זענען געוואָרן אָריגינעלער, קרעפּטיקער און אַנטפּלעקערישער אויפן פאָן פון זייער דינעם קוים־אָנגעהויכטן טרויער־שאָטן.

אפרים אויערבאַך צייכנט זיך אויס אין זיין שאַפן מיט צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן: מיט זיין שורשדיקייט און מיט זיין אויסגעוואַקסנקייט. מיר פאַרמאָגן גרויסע דיכטער וואָס אין זייער שאַפן נאָך די פירציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז זייער שווער אָפּצוזוכן די שפּורן פון זייער פריערדיקער שעפערישקייט. מיר פאַרמאָגן אויך אַנדערע גאָר גרויסע דיכטער וואָס האָבן זייערע ערשטע לידער קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן. אפרים אויערבאַך איז אין זיינע לידער פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן דער זעלביקער וואָס אין די לידער פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, אין דער אייגענער צייט איז ער אָבער כסדר שעפעריש געשטיגן, כסדר שעפעריש רייכער און פולער געוואָרן, כסדר דערגרייכט צו נייע מדרגות פון רייפקייט און אויסגעשטאַנענקייט, פון טיפקייט און פול־קלאַנגיקייט, עפּעס טאַקע נאָר ווי דער געקילטער בעסאַראַבער ווייַן זיינער, וואָס אַלץ עלטער ער ווערט, אַלץ שטאַרקער, לויטערער און פאַרשיכורנדיקער ווערט ער.

ער איז געווען אַ וואָרצלדיקער פּאָעט און זיינע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין דער בעסאַראַבער לאַנדשאַפט און אין דער בעסאַראַבער ייִדישקייט. בעסאַראַביע איז נישט בלויז געווען די היים פון זיין קינד־

הייט און יוגנט, בעסאַראַבער לעבנס-שטייגער, בעסאַראַבער ייִדיש געמיט און דאָס בעסאַראַבישע ייִדישע לשון איז געווען זיין וועלט וועלכע ער האָט געבראַכט צו התגלות דורך זיין שאַפן. ער האָט נישט בלויז געזונגען וועגן בעסאַראַביע, נאָר בעסאַראַביע האָט פון אים אַרויס־געזונגען. איר ניגון האָט געריזלט אין זיין בלוט, אירע מענטשן און טיפּן האָבן געצונדן זיין וויזיע, האָבן באַלעבט זיין פאַנטאַזיע, האָבן געעפנט אין אים קוואַלן פון ליבשאַפט, קוואַלן פון גילדענעם געזאַנג.

די שוואַרצערדיקע בעסאַראַביע זינגט אַרויס פון זיין שאַפן אַפילו דעמאָלט ווען די רייד זענען דיכטעריש נישט וועגן בעסאַראַביע, נאָר וועגן סיי וועלכן מאָטיוו איר ווילט. וואָרים אומעטום און תמיד הערט איר דעם קערנדיקן און זאַפטיקן „מאַמעליגאַרישן ייִדיש" זיינעם וואָס קיינער האָט נישט אַזוי דערהערט זיין אינערלעכן ריטעם און קיינער האָט נישט אַזוי אַרויסגעבראַכט זיין פילקאָליריקייט ווי ער. ווער שמועסט נאָך אין זיינע בעסאַראַבער מאָטיוון אין וועלכע ער באַנוצט מיט אַזויפיל חן און נאַטירלעכקייט די לאָקאַליזמען וועלכע וועבן זיך איין אין אונדזער פאָעטישן לשון און מאַכן עס רייכער און פעטער. האָט ער טאַקע אין זיין מזמור שיר לבעסאַראַביע נישט בלויז באַזונגען די בעסאַראַבער לאַנדשאַפט, די ברייטקייט פון מאָלדאַוואַנער סטעפּ, די פאַרביקייט פון דער אָרטיקער נאַטור נאָר ער האָט אויך געשטעלט דיכטערישע מאָנו־מענטן אַ גאַנצער ריי ייִדישע טיפּן און געשטאַלטן וואָס האָבן באַפּעל־קערט די דאָזיקע ערד און פול געמאַכט די דאָרטיקע ייִדנגאַס. ס'איז אַ כלל אַז גרויסע דיכטער דערקענט מען אין זייער אַנדערשקייט אַפילו ווען זיי זינגען אייך און דאָס זעלביקע ליד. אפרים אויערבאַך האָט אונדז איבערגעלאָזט אין זיין דיכטערישער ירושה אַ מאָטיוו, וואָס מיר האָבן אים צופריער געטראָפן ביי משה קולבאַק, הי"ד. דאָס זענען די פעטערס און מומעס, די טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, זיידעס און סתם ייִדן וואָס זייער סימן מובהק איז זייער צוגעבונדנקייט צו דער ערד און זייער פשוטער ערלעכער כאַראַקטער וואָס רופט אַרויס צו זיך ליבשאַפט און באַוווּנדערונג. דאָך ווי אַנדערש זענען די ייִדן פון קולבאַקס „רייסן" און די ייִדן פון אויערבאַכס „סטעפּ". די אַנדערשקייט זייערע איז נישט

בלויז פון לעבנסשטייגער, פון מענטאַליטעט, פון געמיט. ס'איז אַן אַנ־דערשקייט אַ פיל טיפערע, אַ פיל וועזנטלעכערע, כאָטש שטריכן זענען פאַראַן וואָס פאַראייניקן זיי און מאַכן זיי פאַר פראָטאָטיפּן פון תמימים וועלכע גייען אַרום אויף דער ערד גאַנץ מיט זיך, גאַנץ מיט אַנדערע מענטשן און גאַנץ מיט גאָט.

„מיר האָבן געטרונקען שאַפענע מילך,
מיט שאַפענע פעלצן געוואָרעמט דעם ווינטער,
פון שאַפענע אויגן, מיט זיידנס פאַרשפּינטע,
אַרויסגעשעפּט טיפן, פאַרכמאַרעטן טרויער.
אין אונדז האָט געקלונגען אַ שאָפן געהילך,
פון הילצערנע פייפל, צעצויגענעם פלויער.
דער שאַפענער קעז מיט פליישׁ האָט געשמעקט,
די שאַפענע פוטער ווי גראָז האָט געגרינט,
דער הימל אין טאָמנע מיט וואָל צוגעדעקט,
האָט שאַפענע טרערן געוואָרפן דעם ווינט״.

אויערבאַך איז אויסגעוועזן אַ האַלבע און אפשר טאָקע אַ גאַנצע וועלט און דאָך איז ער דיכטעריש אייביק געבליבן אין בעסאַראַביע און נישט בלויז אין בעסאַראַביע של מעלה, נאָר טאָקע אין זיין היימישן בעסאַ־ראַביע של מטה פון דער קינדהייט און יוגנט. דערפאַר האָבן מיר אים געגלויבט ווען ער האָט אויף דער עלטער געזונגען:

„באַשער מיר, גאָט, אויף די עלטערע יאָרן,
אַ שטיבל אַן אָרעמס, פון פשוטן האָלץ,
איך דאַרף נישט קיין סך, נאָר אַז איינציקן גאָרן,
נאָר שטיין זאָל דאָס שטיבל אַליין אויף אַ קאָלץ.
צו מזרח און דרום די פענצטער, צו קוקן,
קאַיאָר, ווי די זון אויפן סטעפּ גיט אַ שפּראָץ,
ווי ס'לייגט זיך אַ כמאַרע ביי איר אויפן רוקן,
און נאָך וויל איך בעטן — אַ קליינעם טאַרנאָץ״.

אַ צווייטער צענטראַלער מאָטיוו אין אפרים אויערבאַכס דיכטונג איז זיין ליד וועגן ארץ ישראל און מדינת ישראל. פון זיין ביאָגראַפיע איז באַוווּסט, אַז ער איז ווי אַ יונגער בחור געפאָרן קיין ארץ ישראל, דאָרט געווען און געאַרבעט ווי אַ חלוץ פון דער צווייטער עליה און שפּעטער זיך באַטייליקט אין דעם יידישן לעגיאָן פון וואַנען אַ קראַנקהייט האָט

אים געפירט קיין אַמעריקע. אָבער כאָטש אויסגעוואַקסן ווי אַ דיכטער איז ער אין אַמעריקע, איז ער אָבער זיין גאַנץ לעבן אידעיִש און קינסט־לעריש געבליבן פאַרבונדן מיט ארץ ישראל און מדינת ישראל. אויך אין דעם פּרט איז זיין וועג געווען אַ גראַדליניעדיקער און האָט זיך געצויגן המשכדיק כסדר אַרויף־אַרויף. אויערבאַך האָט געהערט צו די געציילטע דיכטער אונדזערע וואָס האָבן זיך נישט געדאַרפט אומקערן, וואָס האָבן נישט געדאַרפט תשובה טאָן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט קיין בלאָנדזשעניש. און דעם דאָזיקן זכות האָט ער גע־האָט נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען קלוגער, ווייט־זעעוודיקער ווי אַנדערע, נאָר ווייל ער איז געווען שורשדיק און האָט פון זיין שורש קיינמאָל נישט אָפּגעווייכט. מען קאָן אַפילו זאָגן אַז זיין שורש אין בע־סאַראַביע האָט אים געפירט נאַטירלעכערווייז קיין ארץ ישראל, ווייל אויף וויפל זיין יידיש בעסאַראַביע איז געווען טיף פאַרבונדן מיט דעם לאַנד פון תנ"ך, אויף אַזויפיל האָט ער אין תנ"ך־לאַנד אָפּגעפונען זיינע טיף ידישע בעסאַראַבישע וואָרצלען.

„זיידע מיינער, ווייסער תם פון מאלשוו,
כ'בין מטריח דיך פון קבר, זיי מיר מוחל,
דיין אמונה אינעם לאַנד פון זבת חלב
זאָל מיר באַשטיין — מורא האָב איך אַז איך שטרויכל".

צום גליק האָט ער, אפרים אויערבאַך, קיינמאָל נישט געשטרויכלט, נישט געגרייזט. ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען האָט אים דער טאַטע אַנגענומען פאַר דער האַנט און פירנדיק אים צום מלמד, אים געפירט צו דער כותל המערבי. דעם דאָזיקן גאַנג איז ער געגאַנגען אַ גאַנץ לעבן מיט געזאַנג. ער איז געגאַנגען פון דער שוואַרצערדיקער בעסאַראַביע צו דער ברייטערדיקער אַמעריקע דורך ארץ ישראל, ביז ער איז צוריקגע־קומען קיין מדינת ישראל פריער ווי אַ סך אַ סך פון זיינע בני גיל. אייגנטלעך איז נישט שייך צו זאָגן אַז ער איז צוריקגעקומען קיין ישראל, וואָרעם ער איז פון דאָ קיינמאָל נישט אַוועק. ער איז דאָ געווען ווען ער איז נאָך געווען אַ חומש־יינגל אין בעסאַראַביע, ווען ער האָט אין די חדר־יאָרן געפיבערט מיט דער טראַגעדיע פון הר נבו. אוודאי איז די

זעלישע פאַרבינדונג מיט דעם תנ״ך־לאַנד שפּעטער געוואָרן ממשותדי־קער דורך זיינע איבערלעבונגען ווי אַ חלוץ. אָבער די פאַרבינדונג איז געווען שוין פריער און זי האָט אים שפּעטער רייף געמאַכט צו זינגען דאָס ליד וועגן דער „ווייסער שטאָט״ און וועגן דעם אַלעם וואָס האָט צוגעגרייט דאָס ווונדער פון מדינה־אויפקום וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ שלל פון מאָטיוון, געפילן, דערמאָנונגען אא״וו א״וו.

אין אפרים אויערבאַכס לידער קאָנט איר גרינג אָפּזוכן די שפּורן פון זיין ביאָגראַפיע. ווו ער איז געקומען, האָט ער געשלאָגן שעפערישע וואָרצלען. אויך אַמעריקע איז חלילה נישט געווען קיין פאַרבייגייענדי־קער מאָטיוו אין זיין פּאָעטיש שאַפן, אָבער די צוויי פּאָלוסן פון זיין שעפערישקייט זענען פאָרט בעסאַראַביע און ארץ ישראל. אָפּטמאָל פאַר־לירט זיך אַפילו די גרענעץ צווישן אָט די צוויי היימען זיינע. אין ארץ ישראל רופט זיך זיין ליד „שיכורי אפרים״ איבער מיט די בגילופנדיקע יידן פון זיין היים ביים דניעסטער. אין בעסאַראַביע ווידער אָטעמען זיינע יידן מיט דער זוניקער לופט פון ארץ ישראל. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס קינסטלעריש האָט אויערבאַך תמיד געשעפּט פון לויטערן אַלטן קוואַל פון ידישן געמיט אין וועלכן די גלותדיקע בעסאַראַביע און אַפילו די רוישיקע אַמעריקע האָבן זיך צוזאַמענגעניגונט מיט דער תנכישער לאַנדשאַפט און זיך צונויפגעהאָפטן מיט דער חומשדיקער וויזיע. אויערבאַך איז, ווי געזאָגט, קיינמאָל נישט אַוועק פון דער בעסאַ־ראַבער היים וואָס האָט אים געפירט צו דער ערד פון אונדזערע פאַרצייַ־טישע אבות. מען קאָן אָבער אויך זאָגן פאַרקערט: ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט זען דעם בעסאַראַבישן פּייזאַזש דורך לעבנס־שטייגער מיט די אויגן פון תנכישן געמיט. אָט די דואַליטעט האָט זיך ביי אים נישט פאַרוואַנדלט אין קיין אמביוואַלענץ, להיפּוך, זי איז געווען זיין מזל ברכה און איר פילט ממש בחוש די דאָזיקע ברכה ווען איר לייענט זיינע לידער און פּאָעמעס אין וועלכע ער מאָלט די מענטשן פון זיין בעסאַראַבער היים, די געשטאַלטן פון דער מאָלדאַווישער יידישקייט. זיי זענען ביי אויערבאַכן געזונטע, פולבלוטיקע יידן, אויסגעהאָדעוועט אויפן סטעפּ, אָבער אין זייער רויט בלוט ריזלט אַ חבדער בענקשאַפט צו די

אפרים אויערבאַך

מיסטישע בלויע הייכן; זייער פשטותדיקער חומש מיט רש״י איז דורכ־געוועבט מיט די פאַרהוילענישן פון דער קבלה; דער פראָסטער טייטש־חומשדיקער „וידבר״ — מיט די רזין דרזין פון משיח־בענקשאַפט און אַלץ צוזאַמען קומט פון דעם לויטערן אַלטן גייסט און שירה־קוואַל, וואָס פליסט גלייך פון סיני און פאַרבינדט דורות און תקופות אין יידישן לעבן, אין דער יידישער געשיכטע.

פון דעם וואָרצלדיק־קאָנקרעטן איז אויערבאַך סוף־כל־סוף דערגאַנ־גען צו דעם ליריש־פילאָזאָפישן אין זיין ליד. ער איז דערגאַנגען צו דער לויטערער מחשבה פון סך הכל. זיין שיר השירים האָט אים גע־פירט צו דעם קהלת וואָס איז אייגן דער שקיעה. אָבער זיין שקיעה איז געווען אַ גילדענע, אַ געזאַנגיקע און ס׳האָט פון איר געוויט מיט שטילן און קלוגן עלעגישן אומעט, חס ושלום נישט מיט קיין זאַגערישער מרה שחורה.

„מיר גייען צוריק פון אַ גילדענעם זומער
און אָנקומען וועלן מיר ווינטערדיק גרוי״.

אויף אַן אַנדער אָרט זינגט ער צו זיין חנהן:

„פאַלט אויף דיר שיין פון יאָרן,
ווי אַ פאַרנאַכטיקער בלענד,
אויפהייבן לאָמיר די שטאָרן
זון זאָל זיך שפּילן אויף ווענט״.

ער איז געווען, אפרים אויערבאַך, איינער פון אונדזערע גרעסטע ליד־מייסטער און ער האָט אין פרט פון גראַמען יידיש מיט העברעיִש דערגרייכט ווירטואָזיטעט. ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז ער איז אין לויף פון די יאָרן בסדר דיכטעריש געוואַקסן, רייפער און בלענדיקער געוואָרן. אָבער דער עיקר איז וואָס זיין תפילה:

„אָ, גאָט, גיב מיר כח אין רייבקייט צו גיין״,

איז דערהערט געוואָרן און ער איז ביזן סוף פון זיין לעבן געגאַנגען מיטן וועג פון פאָעטישער ריינקייט און שיינקייט אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז געבליבן שטיין פאַר אונדז ווי אַ דיכטער פון אַזאַ הויך און גרייס, וואָס דורות און דורות וועלן אויף אים זיך פאַרקוקן, פון אים זיך לערנען און אים באַוואונדערן...

אפרים אויערבאַך איז נישט נאָר געווען אַ גרויסע פּאָזיציע אין דער יידישער ליריק, ער איז אויך געווען אַן ערשט־ראַנגיקע פיגור אין דער יידישער פּובליציסטיק, אין דער יידישער עסייאיסטיק, אין דער ליטעראַטור־קריטיק אונדזערער. אַ האַלבן יאָרהונדערט איז ער געשטאַנען ביים עמוד פון יידישן זשורנאַליזם און זיך קונה שם געווען, אי ווי אַ פלינקער און געניטער צייטונגס־מאַן און אי ווי אַ וואָרטזאָגער וועגן לויפיקע און תוכיקע יידישע פּראָבלעמען. נישט געווען קיין איין וויכטיקע געשעעניש אין יידישן לעבן אויף וועלכער ער זאָל נישט האָבן רעאַגירט ווי אַ טאָג־שרייבער און פּובליציסט. ער האָט דעריבער גע־הערט צו די געלייענטסטע און אָנגעזעענסטע יידישע צייטונגס־שרייבער מיט אַן אייגענעם קאָלום אין די אויסגאַבן אין וועלכע ער האָט מיטגע־אַרבעט.

אויך דאָ איז אים בייגעשטאַנען זיין אידעישע גאַנצקייט און שורש־דיקייט, זיין אויסגעהאַלטענע אָנגעהעריקייט צום נאַציאָנאַלן לאַגער ווי אַ ציוניסטישער סאָציאַליסט, אָדער ווי אַ סאָציאַליסטישער ציוניסט. פון דעם דאָזיקן וועג האָט ער קיינמאָל נישט אַראָפּגעבלאָנדזשעט און אין אים האָט ער קיינמאָל נישט געפעלשט. ער איז געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן אידעישן וועג אפילו ווען ער איז נישט געווען גאָר שטאַרק פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס און ער האָט פאַר דער דאָזיקער אידעע „געמאַכט נפשות” אויך אין יענע צייטן ווען אַ רוב יידישע שרייבער האָבן זיך געהנדלט צו דעם כלומרשט רעוואָלוציאָנערן קאָס־מאָפּאָליטיזם. ער איז געווען בלב ונפש מיט ציון אַפילו ווען די מאָדע האָט געשטויסן אָנגעזעענע יידישע פען־מענטשן אין דער זייט פון מאָסקווע.

ביי דעם אַלעם האָט ער אָבער תמיד געהאַט זיין אייגענעם דרך און האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעשלאָסן אין די ענגע דלת אמות פון פּאַרטייישקייט. נאָך מער: ער האָט אַפילו דיסקוטירט מיט די מענטשן פון זיין מחנה אויב ער האָט געהאַלטן, אַז די אָדער יענע טואונג, די אָדער יענע ריכטונג זייערע איז נישט אין איינקלאַנג מיט זיין אמת. ווי אַ גוטער בעל מסביר, ווי אַ גרינג־האַנטיקער פּובליציסט, וואָס קאָן זיך איינשטעלן פאַר אמתן מיט לאָגיק און פּאַטאָס, האָט ער גע־

האָט מוט צו פֿאַרפֿירן פּאָלעמיקעס מיט אייגענע און פֿרעמדע און דער־מיט האָט ער זיך דערוואָרבן דעם צונאָמען פֿון לייענער וועלכער האָט זיך געלאָזט פֿון אים פֿירן און באַווירקן.

ס'איז באַקאַנט דאָס וואָרט אַז „די צייטונג פֿרעסט אויף דעם שרייבער". אויערבאַך האָט געהערט, אויך אין דעם פּרט צו די יוצאי מן הכלל. די צייטונגס־שרייבעריי האָט אים נישט באַוויזן אויפֿצועסן, נישט בלויז ווי אַ פּאָעט, נאָר אַפֿילו נישט ווי אַ פּובליציסט און עסייאיסט. האָט ער מאַקע נאָך מיט יאָרן צוריק אָפּגעשפּאָרט זיין בוך עסייען „גע־טראַכט מיט עברי־טייטש" און האָט אָנגעזאַמלט אַ שלל בלייביקע עסיי־איסטישע און ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן, וועלכע זענען איצט איינ־געזאַמלט געוואָרן אין די צוויי בענד, וואָס אַנטהאַלטן דעם עזבון פֿון זיין שרייבעריש לעבן.

אין די צוויי בענד גייען אַריין עסייען און מאמרים פֿון אַ גאַנץ פֿאַרשידן־אַרטיקן כאַראַקטער, אָבער דער קוואַנטיטאַטיווער, און אפֿשר אויך קוואַליטאַטיווער עיקר אין זיי איז די ליטעראַטור־קריטיק, ס'הייסט: אָפּרופֿן וועגן שרייבער און ביכער. אויערבאַך האָט געלעבט מיט ליטע־ראַטור און באַזונדערס מיט פּאָעזיע. חוץ דעם האָט ער ליב געהאַט שרייבער און געהאַלטן פֿאַר זיין חוב זיי צו דערמוטיקן מיט אַ סטימו־לירנדיק און אָנווייזעריש וואָרט. אָבער געשריבן זיין ליטעראַטור־קריטיק האָט ער נישט מעשה פּוסק, אָדער ווי אַן אָפּיציעלער מבינישער שאַץ־מייסטער. ער האָט געשריבן וועגן שרייבער ווי אַ שרייבער וואָס לעבט זיך אַריין אין יענעמס שאַפֿערישער וועלט, וואָס העלפֿט דעם לייענער און דעם שרייבער גופֿא קלאָר מאַכן זיינע אייגענע פּאָטענצן, כּדי ער זאָל אויסמיידן שטרויכלונגען. אין דעם פּרט האָט ער דערגרייכט צו גדולות, ווייל ער האָט דעם באַהאַנדלטן שרייבער, פּראָזאַיקער צי פּאָעט, געהאָלפֿן זיך אַליין דערזען, זיך אַליין פֿאַרשטיין. דערביי האָט ער, תּוך כּדי דיבור, אַנטוויקלט פֿאַרן לייענער זיין אייגענעם קוק אויף ליטעראַטור, זיינע אייגענע געדאַנקען און אויספֿירן וועגן אירע אויפֿגאַבן און צילן און ער האָט זיך אַפֿילו געגריבלט אין די שעפֿערישע מעשה מרכּבֿה, דאָס הייסט: אין די סודות פֿון דער דיכטערישער לאַבאָראַטאָריע וואָס

ער, ווי אַ דיכטער, האָט געפילט און געוווּסט ווי גרויס זיי זענען און וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָל זיי שפּילן אין פּראָצעס פון דער יצירה.

עס איז מערקווירדיק וואָס כאָטש ער איז געווען אַ מענטש, אַן אָנגעהעריקער צו אַ באַשטימטן אידעיִשן לאַגער, האָט ער אין דער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער פּאָעזיע, געלייגט, דער עיקר, אַכט אויף דעם קינסטלערישן מאָמענט. ער איז נישט געווען קיין קונסט לשם קונסטניק, אָבער ווען ער איז געקומען צו פּאָעזיע האָט ער קודם כל אין זין געהאַט די פּראָבלעמען און ראַנגלענישן פון שעפער מיט דעם פאָרעם און מיט דעם אופן פון אויסדרוק. ער האָט ליב געהאַט צו אַנאַליזירן דאָס בילד, דעם געבוי פון פערז, דעם אויסשטעל פון ווערטער און אַפילו די גראַם-טעכניק. ער האָט נישט ליב געהאַט דאָס צעגלידערן אַ ליד אויף שורות, אָבער ער האָט פּאָרט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דער שורה אינעם ליד, ווייל אַ שוואַכע, ווער שמועסט נאָך פאַלשע שורה איז אַ שוואַכער, אָדער פאַלשער ציגל אין דעם בנין פון לידס-גאַנצקייט. און ער האָט טאַקע זייער אָפט אָנגעוויזן אויף אַזעלכע שוואַכע ציגל אינעם ליד-געבוי. פּאָרט איז אים תּמיד געגאַנגען אין זיין ליטעראַטור-קריטיק אַרויס-צוברענגען דאָס אייגנטימלעכע פונעם דיכטער, דאָס נייע וואָס ער ברענגט מיט זיך אין דער דיכטונג און ער האָט טאַקע פאַר אָט דעם אייגנטימלעכן און כאַראַקטעריסטישן אינעם דיכטערישן ווערק תּמיד געפונען טרעפ-לעכע באַצייכענונגען און דעפיניציעס.

אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז אפרים אויערבאַכס עסייאיסטישער און ליטעראַטור-קריטישער אָפּשפּאָר איז אַ שליסל צו זיין אייגענער דיכטערישער פּערזענלעכקייט, אַ טיר און אַ טויער אַריינצוגיין אין זיין אייגענעם פּאָעטישן וויינגאָרטן, אַ וועג וואָס פירט אין זיין אייגענעם פּאָעטישן לאַנד, און דאָס איז אמת, ווייל אויערבאַך האָט נישט געמאַכט קיין פאַלשע אָנשטעלן פון ענוות און נישט גערעדט בלשון „מיר”, אָדער מיטן נוסח פון פּראָפעסאָרישער אַנאָנימיטעט. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז מען האָט אים געפילט ווי אַן אַקטיוון צד אין דער טעמע, וועלכע ער האָט ליטעראַטור-קריטיש באַהאַנדלט. פון דעסטוועגן דאַרף מען צוגעבן אַז זיין עסייאיסטיק און זיין ליטעראַטור-קריטיק האָט אַ דורכאויס אָביעקטיוון ווערט, אַ ווערט אַליין און פאַר זיך. עס איז גוטע שעפערישע

ליטעראַטור־קריטיק וואָס העלפט פאַרשטיין דעם שרייבער און זיין ווערק און ברענגט דערביי אַרויס ליטעראַטור־אַקסיאָמעס וועלכע וועלן תמיד זיין גילטיק און תמיד שאַפן אַ וואַכן לעבעדיקן אינטערעס צו די שרייבער און ביכער וועלכע ער האָט באַהאַנדלט און וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט, סיי פאַרן לייענער, סיי פאַרן שעפער גופא. צו דעם אַלעם קומט נאָך צו זיין גרויסע מעלה וואָס ער האָט געזען אונדזער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצקייט און האָט תמיד געזאָרגט מיט ליבשאַפט וועגן איר באַרייכע־רונג, וווקס און אַנטוויקלונג.

„אויף דער וואָגשאָל" האָט זיך גערופן דער קאָלום, וואָס אפרים אויערבאַך האָט יאָרן־לאַנג געשריבן אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" און דערפאַר האָבן די אַרויסגעבער פון אָט די צוויי בענד געהאַלטן פאַר ריכ־טיק אַנצורופן מיט דעם דאָזיקן נאָמען דעם עזבון זיינעם וועלכער ווערט איצט איבערגעגעבן דעם לייענער אין דער איינזאַמלונג צווישן טאָוולען.

מיר האָבן דעם עזבון געסדרט לויט דעם פאָלגנדיקן שליסל: אין ערשטן באַנד: 4 אָפּטיילן. א. עסייען וועגן דעם שאַפונגס־פּראָצעס, בעיקר וועגן די יצירה־סודות פון ליד. ב. און ג. — ליטעראַטור־קריטיק, עסייען וועגן שרייבער און ביכער. דערביי האָבן מיר אין דער אָפּטיילונג ב. אַריינגענומען די ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון שרייבער שוין אַוועקגעגאַנגענע און אין אָפּטיילונג ג. די אָפּהאַנדלונגען וועגן שריי־בער וואָס געפינען זיך צווישן אונדז, אויף לאַנגע יאָרן. דעם דאָזיקן ערשטן באַנד שליסן מיר מיט דער אָפּטיילונג ד: קולטור־פּראָבלעמען. אין דעם צווייטן באַנד גייען אַריין די אָפּטיילונגען ה. וועגן ליטעראַטור־געשיכטלעכע דאַטעס; די אָפּטיילונג ו. וועגן פּראָזאַאיקער, עסייאיסטן און זייערע ביכער, און ז. — זכרונות.

אַ גאָר גרויסן טייל פון די מאַטעריאַלן אין בײדע בענדער האָט דער נפטר, ז"ל. אַליין צוגעגרייט צום דרוק און אַליין אויף זיי געמאַכט זיינע הגהות. אַנדערע האָבן מיר צונויפגענומען פון זיין רייכן אַרכיוו און זיי צוגעגרייט צום דרוק אָן וועזנטלעכע ענדערונגען.

אפרים אויערבאַך איז ביי זיין לעבן געווען אַ בר מזל. ער איז פריי אָנערקענט און אָפּגעשאַצט געוואָרן און זיין שעפערישקייט איז געגאַנגען אין אַ גראַדער ליניע, אָן וויטיקלעכע זיגזאַגן. אָבער זיין גרעסט מזל איז געווען דאָס וואָס ער האָט געהאַט אַ געטרייען עזר כנגדו און האָט דערצויגן קינדער מיט דרך ארץ און ליבשאַפט צום טאַטנס וועלט און צו זיין שאַפן. זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען וואָס אָט די צוויי בענדער דערזעען איצט די ליכטיקע שיין און זאַמלען־איין אין בוך־פאָרעם יענעם טייל פון זיין שאַפן וואָס מאַכט וואָגיקער און פולער זיין פּאָעטישע יצירה.

דער שרייבער פון די שורות האָט געהערט צו אפרים אויערבאַכס גרויסער מחנה פאַרערער און ליבהאָבער. ער האָט אויך געהאַט דעם זכות זיך צו ציילן צווישן זיינע פריינד. אפשר דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו דעם כבוד אַז זיין נאָענטע משפחה זאָל אים אָנטרויען די אַרבעט ביים אַרויסגעבן די צוויי בענדער „אויף דער וואָגשאָל" און שרייבן די אַריינפיר־ווערטער צו דער דאָזיקער פון אַלע שטאַנדפּונקטן־וויכטיקער אויסגאַבע.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

חולון, פעברואַר 1974.

א

געטראַכט מיטן ליד

דער אָנלאָד ביי אַ שרייבער איז אַ דרייפאַכער, אפשר גאָר אַ פּיר־פאַכער, בפרט נאָך אַז ער איז זיך מטפּל מיטן ליד. ווי קלערט מען אויף, אַפילו זיך אַליין, אַט דעם פלאָנטער, וואָס הייסט ליד? באַהיט זאָל איך ווערן פון פּרווון אַריינטייטשן אינעם ליד, דער עיקר אינעם פּאָעט וואָס שרייבט דאָס ליד. אויסערגעוויינטלעכקייט, איבערמענטשלעכקייט, באַזונ־דערע קדושה. שפּילן זיך אין ענוות איז אָבער אויך אַ מין גאווה, ווער איך מאַכן אַ פּשרה: קיין איבערמענטשלעכקייט טאָקע נישט, אָבער מענטשלעכקייט אין אַ מין מצב פון דערהויבנקייט.

ביי אַלע מענטשן איז דאָ אַ מין מיסטיש־שער כוח, וואָס דריקט זיך אויס אויף כלערליי אופנים. אַז אַ מענטש ווערט פּלוצלינג אָנגעשטימט צו פריילעכקייט, זאָגט מען, אַז „אַ פרייד איז אים באַפאַלן". אינעם דאָזיקן זאָג איז דאָ אַן אָנווונק אויף מיסטיציזם, וואָרים דאָס וואָרט באַפאַלן דריקט־אויס עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרן מענטשן איז עס פאַרהוילן. דאָס אייגענע איז מיט טרויער, וואָס באַפאַלט דעם מענטשן. מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו די מיסטישע קוואַלן, וואָס פון זיי שפּרודלען־אַרויס דעם מענטשנס שטימונגען און אַמאָל טראַכט איך, אַז סע איז אַ נחת נישט צו וויסן די באַלדיקע סיבה פון פרייד, אָדער טרויער, וואָס דו לעבסט איבער. דער סוד אינעם מענטשן אַליין איז דער געטרייסטער חבר זיינער.

פרייד און טרויער, שמחה און אומעט, וואָס זענען בכלל מיסטישע איבערלעבונגען ביים מענטשן, ווערן ביים פּאָעט נאָך מער מיסטיש, דער־פאַר וואָס ער זוכט אויסדרוק פאַר זיי. דער מענטש בכלל געפינט אויס־דרוק פאַר די שטימונגען זיינע: אַז די פרייד באַפאַלט אים, קען ער זיך צעזינגען, אָדער אַפילו זיך צעלאַכן אין דער הייך. באַפאַלט אים, ווידער,

דער טרויער, קען ער שווייגן טיף־מחשבותדיק, אָדער סתם אַרומבלאָנקען איבער גאַסן, איבער פעלדער.

דער פּאָעט, אַז אײנאײנעם מיט סתם פרייד, אָדער טרויער, באַפאַלט אים אויך דער דראַנג די שטימונגען אויסצודריקן אין ווערטער, האָט שוין גאָר אַן אַנדער עובדה:

ער דאַרף געפינען דאָס וואָרט פאַרן געמיט־צושטאַנד זײנעם און נישט סתם געפינען דאָס וואָרט נאָר אַנטפּלעקן דאָס וואָרט. און ווידער, נישט סתם וואָרט, נאָר וואָרט מיט ווידערקול, מיט נאָכקול. די נאַטור אַליין האָט געשאַפן ווידערקול און נאָכקול. דאַכט זיך, אַז אין ניו העמשייר איז דאָ אַן אָזערע, וואָס הייסט עכאָ־אָזערע, איז דאָס קול דײנס אויף איר צעקלונגען אין עטלעכע קולות. פון אַלע זייטן קלינגט צוריק דאָס וואָרט דײנס. דאָס פּאָעטישע וואָרט האָט אָבער נישט נאָר אַ ווידערקלאַנג, נאָר אויך אַ שאָטן פון אַן אַנדער וואָרט. אפשר איז נישט פּינקטלעך צו זאָגן אַ שאָטן פון אַן אַנדער וואָרט, אָבער אין עכטן ליד שפּירסטו דעם שאָטן פון אַ וואָרט.

אַז דער פּאָעט וועט זאָגן „מיר איז טרויעריק", וועט ער ראשית נישט זאָגן דעם פולן אמת, ווארים דער טרויער האָט פאַרשידענע מדרגות, אַפילו פאַרשידענע ריטמען און פאַרבן. שנית, דער פּשוטער מענטש זאָגט דאָך אויך דאָס אייגענע. איז אָדער פונעם דאָזיקן ערשטן זאָג דאַרף אַרויסוואַקסן אַ ווייטערדיקער אָריגינעלער בייג — גערדאַנקלעך און בילדלעך — אָדער דער זאָג אַליין דאַרף זיין אַזאַ יחידיש־בילדלעכער, אַז ער זאָל קלינגען ווי דאָס גרויסע געזאַנג פון טרויער.

פאַרן פּאָעט אַנטפּלעקט זיך דער טרויער, אָדער די פרייד, אין זייער באַזונדערקייט. ער גיט זיי בילדלעכקייט. ער פילט אַן דאָס וואָרט מיט יענעם מיסטיציזם, וואָס ער שפירט אים אין זיך. דערפאַר האָט דאָס פּאָעטישע וואָרט אַ הינטערוואָרט. נישט קיין קלאָרער מיין איז עס, נאָר אַ שאָטן פון מיין. אַז מיר זעען אַמאָל אויף אַ זומערדיקער לאָנקע, וואָס האָט עטלעכע צעצווייגטע ביימער אויף זיך, שאָטנס און זונפלעקן, ווערן פאַר אונדז די זונפלעקן אַ סך ליכטיקער. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס די שאָטנס באַליכטיקן זיי.

רביים זאָגן תורה און אַ סך מאָל גיבן זיי אַ וואָרט זייערס אַ קנייטש,

אַ בייג. חסידים, וואָס הערן די תורה, לייגן־אַריין אין דעם געקנייטשטן וואָרט מיסטישע מיינען. זיי טייטשן עס און, וואָס מער זיי טייטשן עס, אַלץ מער לעבן זיי דאָס וואָרט איבער. וואָס איז דער קנייטש אינעם רבינס וואָרט? דער שאָטן פונעם וואָרט, דער נאָכקלאַנג.

אין דער קבלה רעדט זיך פון נגלה און נסתר — וואָס איז אָפן און וואָס איז פאַרהוילן. דאָס סאַמע אָפענע אין דער וועלט האָט אַ פאַרהוילע־ניש. בפרט דעם מענטשנס איבערלעבונגען. איז דערפאַר נישט שייך צו זוכן דאָס פאַרהוילענע און באַזונדערקייט. אין סאַמע געוויינטלעכן איז דאָ פאַרהוילנקייט. דאָס ליד איז אי אַנטפּלעקט, אי פאַרהוילן. דערפאַר, דאַכט זיך מיר, האָט ליד דעם כוח אַנצורעגן דעם לייענער, אַז ער זאָל זיך אַליין טיפער איבערלעבן.

אָבער כדי אַ ליד זאָל פאַרמאָגן דעם כוח אויף אַזאַ אופן צו ווירקן אויפן לייענער, דאַרף עס זיין אין דער בחינה פון אַן איינמאָליקער אי־בערלעבונג, אָדער ריכטיקער, דערשיינונג. נאָכן אָנשרייבן דאָס ליד קען דער פּאָעט אַריינפאַלן אין אַ גוואַלדיקן טרויער, וואָרים אים דאַכט זיך, אַז מיטן איצטיקן ליד האָט ער זיך שוין אויסגעשעפּט. מער וועט ער קיין ליד נישט שרייבן.

סע איז אָבער נישט אַזוי פּשוט, ווי איך זאָג, וואָרעם אין איינעם מיט דער איבערלעבונג פון טרויער איז אויך דאָ אַן אומפאַרשטענדלעכע, אָדער אַפילו שטורעמדיקע פרייד. אין תוך איז יצירה בכלל פרייד. אַפילו אינעם פּשוטן זאָג וירא אלקים כי טוב, ביים באַשאַף פון דער וועלט, איז דאָ די העכסטע פרייד, וואָס דער מענטש קען זיך אויסמאָלן. דער באַ־שעפער האָט געזען אַז סע איז גוט — אַז די פרשה בראשית וואָלט גע־זאָגט מער, וואָלט געמינערט געוואָרן דעם באַשעפערס פריידיקע איבער־לעבונג.

לערנען מיר דערפון, אַז איבערצוגעבן סיי פרייד און סיי טרויער דאַרף דער שעפער זיין קאַרג אויפן וואָרט. אָבער אין חומש אַליין, וואָס ווייטער מיר גייען אַוועק פון באַשאַף, אַלץ שפּעדיקער ווערט דער אויסדרוק. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער באַשאַף האָט פאַרמאָגט אַזויפיל אינטענסיווקייט, אַזויפיל שעפערישע ענערגיע, אַז צוויי ווערטער זענען געווען גענוג איבערצוגעבן דעם באַשעפערס איבערלעבונג. אין די

ווייטערדיקע חומש־מעשות איז די ענערגיע שוין דער עיקר אינעם וואָרט און דערפאַר ווערט דאָס וואָרט אַליין בילדלעכער און אָנגעלאָדענער מיט פאַרהוילנקייט.

די שעפערישע ענערגיע אונדזערע — מיר רעדן דאָ פונעם ליד — איז דאָס וואָרט. דערפון נעמט זיך, וואָס דער פּאָעט לאָדט נישט נאָר אָן דאָס וואָרט מיט בילדלעכקייט, מיט באַטראַכטן נאָכן וואָרט, מיט שאָטן פון וואָרט. ער דערפילט כמעט ביי יעדער ליד, ווי דער ריטם, דער קלאַנג פון דער שורה, דער מרכא־טיפּחא האָבן באַזונדערן טעם אויסצודריקן די שטימונג, אַפילו דעם געדאַנק. נאָר מיטן גאַנצן וויסן, איז נאָך דאָ דאָס נישט־וויסן, דער נסתר, וואָס איז אַליין פאַר זיך פול מיט שעפערישער ענערגיע.

דער אויסלאָז פון אַ ליד

חוּ פאַרענדיקט זיך אַ ליד? ווען פאַרענדיקט זיך אַ ליד? אָן ספק האָבן פּאָעטן געטראַכט דערפון און אַפילו קיין נעכט נישט געשלאָפן איבערן „סוף פון אַ ליד". רעדן רעדט זיך דאָ פון אַ לירישן ליד, נישט אַן עפּישן. מיין איך נישט, חלילה, אַז דאָס עפּישע ליד, אָדער דאָס דערציילערישע, איז אַ שפּיל ממש צו פאַרענדיקן. פּשוט דערציילן אין פערזן פון אַ זונפאַרגאַנג, אָדער אַ זונאויפגאַנג, צי נאַטור־דערשיינונגען בכלל, — פּילט־אָן דעם פּאָעט מיט אַ ציטער, אַז ער זאָל, חלילה, נישט אַריבער די נישט־געזעענע, נישט אָנגעצייכנטע גרענעצן, אָדער גאָר — נישט דערגיין צו איר. אַפילו אַ דערציילעריש ליד איז אויך נישט באַהיט פונעם פּראָבלעם, ווו דעם נאַראַטיוו דערפירן צו אַ סוף־פּסוק. איז דען דאָ איין סוף־פּסוק? אָבער פּאָרט קענען מיר טראַכטן, אַז דער נאַראַטיוו אַליין דערפירט צום אויסשעפערישן סוף.

דאָס לירישע ליד, אָבער, שעפּט זיך נישט אויס. ווי דעם מענטשנס טיפסטע איבערלעבונג איז נישט אויסשעפּעריש, אַזוי איז דאָס לירישע ליד. דער לייענער פונעם לירישן ליד איז נישט אַלעמאָל סענסיטיוו צום פיבערדיקן ציטער ביים פּאָעט, בעת ער ראַנגלט זיך מיט דער לעצטער שורה. ביים לייענער איז די לעצטע שורה, ווי די ערשטע שורה פונעם ליד, אַ געשעענע, אַן איבערגעלעבטע, אַ מין באַשערטע און אומפאַרמיידלעכע. און דאָס איז אַ גרויסע מעלה אין אַ לירישן ליד, אָבער ביז דער פּאָעט דערגייט צו אָט־דער „מעלה", איז ער פול מיט ספקות, וואָס אַ סך מאָל פּייניקן זיי אים אפילו.

פרעגן ווערט מען אַוודאי: נו, מיטן אָנהויב פון אַ ליד זענט איר שוין מושווה געוואָרן? אַוודאי נישט. נאָר אין אונדזער עסטעטיק, אַפילו אין ליד אַליין, האָט מען זיך געפּרוווט דערגרונטעווען צום ליד־אָנהויב. נישט, חלילה, וואָס עמעצער — אַ פּאָעט צי אַן עסייאיסט — האָט

אפרים אויערבאַך

אַוועקגעשטעלט דעם פּולן און לעצטן אמת וועגן דעם אַהויב פון אַ ליד. אַזוינס איז כּלל נישטאָ, בפירוש נישט שכיח. נאָר יעדער איינער, וואָס האָט דערציילט, ווי די ערשטע שורה פון אַ ליד איז געקומען צו אים, האָט ממילא געעפנט אַ שפּאַרונקעלע צום שאַפונגס־פּראָצעס זיינעם. ביי איינעם הויבט זיך אָן דאָס ליד געבערן פון אַ וואָרט, וואָס רודפט אים ממש, ביז ער זינגט עס נישט צונויף מיט אַנדערע ווערטער און פון זיי ווערט אַ שורה. ביי איינעם ווערט געשטאַלטיקט די גאַנצע שורה, וואָס פון איר וואַקסן אַרויס די אַנדערע שורות, ווי צווייגן פונעם שטאַם. נאָך ביי איינעם קומט פריער דער תּוכן פונעם ליד און דערנאָך באַקליידט ער אים אין שורות. אַפילו ביי איין־און־זעלביקן פּאָעט זענען די אופנים פון דער ערשטער שורה פאַרשידן.

אונטער דער האַנט איז מיר געקומען, בעתן איצטיקן שרייבן, רחל קאָרנס ניי בוך „די גענאָד פון וואָרט״, איז אויף דער צוועלפטער זייט פונעם בוך דאָ אַ ליד, וואָס הייסט „די ערשטע שורה פון אַ ליד״. זאָגט זי:

כ'האָב מורא פאַר דער ערשטער שורה פון אַ ליד...

די מורא אירע איז, וואָס זי ווייסט פון איר פּאָעטישער דערפאַרונג, אַז ווי דער פּאָעט לאָזט אַרויס די ערשטע שורה, איז ער מער נישט דער בעהערשער פונעם ווייטערדיקן ליד־גאַנג. אַ באַהאַלטענער כּח איז דאָ, וואָס פירט דאָס ליד, אַפילו אַז דער פּאָעט באַהערשט די טעכניק, פורעמט דאָס וואָרט. גלייבט אַז דאָס וואָרט איז ביי אים כחומר ביד היוצר.

וואָס שייך דער ערשטער שורה איז דער פּאָעט דער געפאַנגענער פון אַ וויזיע, וואָס ער דאַרף זי כּלל נישט דערזען ביזן סוף. מיט דער לעצטער שורה, אָדער מיטן סוף פונעם לירישן ליד, איז דער פּראָצעס שוין גאָר אַן אַנדערער. אַפילו טאַקע רחל קאָרנס ליד, וואָס גערעדט האָב איך דערפון נאָר וואָס. דאָס ליד האָט צוועלף שורות און אַלע זענען זיי פול מיט שרעק צו־וואָס די ערשטע שורה קען זי דערפירן און זי ענדיקט, אַז דערפירן קען זי נאָך די ערשטע שורה צו אַ דערמאָנונג, אַז זי זאָל דערפילן

אויף דער וואָגשאָל

...אויף די האָר דעם גלעט
פון הענט, וואָס זענען מער נישטאָ.

איז אוודאי דער סוף אַן אויסערגעווייינלעך דראַמאַטישער, אָבער רחל אַליין, און אַ פּאָעט בכלל, וואָלט געקענט צושרייבן נאָך אַ פּיר־שורהדיקע סטראָפע און דאַכטן זאָל זיך, אַז זי, אַט־די פערטע סטראָפע, איז גאָר דער לאַגישסטער, אָדער אומלאַגישסטער אויסלאָז פונעם ליד.

אין די טעג פון לייוויקס יאָרצייט און זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג האָב איך אַריינגעקוקט אין די לידער זיינע און אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אויפן ערשטן ליד פונעם ערשטן בוך זיינעם, וואָס איז אַרויס אין 1919, — צוריק מיט פופציק יאָר. אַ פּול־לייוויקיש ליד איז עס, אַפילו די רויקייט פונעם וואָרט איז אויך דורכגעדרונגען מיט לייוויקס פאַר־נעפּלטער סימבאָלישקייט, וואָס האָט אין די ווייטערדיקע יאָרן אים אַזוי הויך פּאָעטיש דערהויבן.

צום דאָזיקן ליד איז דאָ אַ מעלאָדיע און אַ סך זינגען עס. הייסן הייסט דאָס ליד „ערגעץ ווייט" — דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע ליגט ערגעץ ווייט און אין דער ערד פון יענעם לאַנד וואַרטן אויף אונדז „אוצרות פאַרשאָטענע". און ווידער „ערגעץ ווייט" וואָגלט ווער אום אין שניי און —

געפינט נישט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם.

איז דער סוף פונעם דאָזיקן ליד דער איינציק־מעגלעכער? קיין ספק איז נישט ביי מיר, אַז אין לייוויקס וויזיע זענען געווען נאָך אַ סך שורות, וואָס האָבן זיך ממש ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי געבן אַ תּיקון, אָבער אויסגעקליבן האָט ער גראָד די שורות, וואָס מיט זיי ענדיקט ער דאָס ליד זיינס. דער סוף פונעם ליד האָט נישט אויסגעשעפּט דעם פּאָעטס איבערלעבונג און איך טראַכט, אַז אפשר איז אין דער נישט־אויסגעשעפּטקייט דאָ דער כישוף פון אַ ליד.

אַוודאי, ליד־פאָרמען זענען דאָ, וואָס שטעלן אַוועק אַ צוים פאַרן פּאָעט. דער סאָנעט, למשל, קען נישט האַלטן מער ווי פערצן שורות און דער פּאָעט מוז דורכפירן דאָס שליחות פונעם געגעבענעם ליד אין די ראַמען פון די פערצן שורות. אַזוי איז די טריאָלעט, דער ווילאַנעל

און די אַנדערע ליד־פֿאָרמען. זעען מיר טאַקע, אַז נאָר די גאָר גרויסע מייסטערס אין דער פּאָעזיע פֿון דער וועלט האָבן זיך געקענט פּאָעטיש אויסלעבן אין די געצוימטע פֿאָרמען. די סאָנעטן שעקספּירס זענען דער מוסטער פֿון גרויס־פּאָעטישקייט אין אַזאַ געצוימטקייט.

די צווייַ לידער, וואָס איך האָב פֿריער פֿון זיי גערעדט, פֿאַרמאָגן נאָך אַלץ אין זיך אַ מאָס דערציילערישקייט, כאָטש אין זייער פֿאַר־טראַכט זענען זיי יחידיש ליריש. איז דערפֿאַר דער סוף זייערער ווי אַ דראַמאַטישער קלימאַקס. ריין לירישע לידער אָבער וואָס דערציילן לחלוטין גאָרנישט, נאָר זענען לויטערער ליריזם — ווו איז דער אויס־לאָז אין אַזעלכע לידער? נעמען מיר, למשל, טאַקע לייוויקס ליד „די פֿייגל פֿליען מחנותווייַז אַוועק". לייענען מיר:

די פֿייגל פֿליען מחנותווייַז אַוועק פֿון אונדזער לאַנד,
ווייַל אונדזער לאַנד ליגט טיף אין שניי פֿאַרשאָטן,
די זון האַלט ביים פֿאַרגיין, דער ווייטער מערב־ראַנד
וואַרפֿט אָפּ פֿון זיך אין גליווער־בלוי אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן.

קוקט דער פּאָעט נאָך די פֿייגל, ער זעט ווי טייל פֿליערס „פֿאַלן־צו צו אַלע דאַך־געזימסן" און ער לאָזט זיך אַרונטער, „אין געדאַנק", מיט זיי —

איך הוידע זיך אויף איינער פֿון די שטריק מיט זיי אין ריי,
און טראַכט, ווי זיי: דער וועג איז לאַנג, איז ווייט אַריבער ימען.

לאָזט זיך מיט אָט די שורות אויס דאָס ליד? איז דער דאָזיקער סוף דער פּאָעטיש־אומפֿאַרמיידלעכער? דאַכט זיך, אַז נישט. ביי אַנ־דערע פּאָעטן, וואָס האָבן אויך געשריבן פֿון פֿייגל וואָס „פֿליען מחנות־ווייַז אַוועק", איז דער סוף פֿונעם ליד גאָר אַן אַנדערער. אָבער דער יחיד־פּאָעט האָט זיין אייגענעם שטייגער, זיין אייגענע איבערלעבונג און, דער עיקר, אַן אייגענעם אויפֿבליק פֿון וויזיע, אַז ער קומט צו אַ פּונקט, וואָס ער שפּירט, אַז דאָ ענדיקט זיך דאָס ליד און ווייטער וועט שוין דאָס ליד אפֿשר זיין איבערגעלאָדן.

זישע לאַנדוי האָט כמעט ווי זיך געשפּילט מיט לידער. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס ליד זיינס זאָל האָבן חן. דערפֿאַר האָב איך געזוכט אין זיינע לידער דעם באַזונדערן אופֿן, ווי ער לאָזט אויס אַ ליד. בין

איך אָנגעקומען אויף אַ ליד זיינס, וואָס האַלט אַכט שורות — צוויי סטראָפעס. אַן אַכט־שורהדיק ליד איז ממש אַן אַנטפּלעקונג ווי עס אָנצוהויבן, נאָר נאָך גרעסער איז די אַנטפּלעקונג עס צו ענדיקן. הייסט דאָס ליד לאַנדויס „אַ פרימאָרגן שפּאַציר״:

די גאַסן נאָך פון רעגן פייכטע,
ווי אַלץ איז נעפּלדיק און גרוי.
סע ווייען ווינטן מילדע, לייכטע
און מילד און לייכט איז מיר אַזוי.

גאַס־איין, גאַס־אויס גיי איך שפּאַצירן,
ווי הימלעך קלינגט מיין יעדער טראָט.
אוי, גאָט, אַזוי זאָל אייביק פירן
מיך דורכן לעבן דיין גענאָד.

דער אומגעריכטער ווענד צו גאָט איז דאָ כלל נישט קיין רעליגיע־זער, וואָרים איר שפּירט אַז דער פּאָעט האָט זיך געוואָלט אַ חנדל טאָן מיט דער אייגענער שטימונג זיינער. אָבער דער אויסלאָז פונעם ליד וואַרפט צוריק אַ מיסטיש־פּאָעטיש ליכט אויפן גאַנצן ליד.

דער מייסטער פון דער לעצטער שורה איז געווען יוסף ראָלניק — דער פּאָעט וואָס האָט זיך מיט קיין מייסטערשאַפט נישט אויסגעצייכנט. געווען איז ראָלניק דער פּאָעט פונעם פּשוטן וואָרט, וואָס נישט גע־פוצטערהייט האָט עס געשיינט מיט הונדערטער קאָלירן. אין אַ סך לידער זיינע איז די לעצטע שורה געווען דער פּראָזשעקטאָר אויפן גאַנצן ליד. נעם איך אַ ליד זיינס, וואָס געשריבן האָט ער עס מסתמא אין די צוואַנציקער יאָרן, אָדער נאָך פריער. דאָס ליד איז דאָס אַכטע אין דער סעריע „אויף גאָטס באַראָט״ און דער פּאָעט זאָגט:

איך בין אַן אַלטער, אַלטער ייד
און פאָר אַהיים שוין פון יאַריד.
אַביסל קראַנק, אַביסל מיד,
נאָר צום יאַריד דאָך האָב איך גיט.
איך האָב געהאַנדלט מיט אַ וועלט,
אַמאָל מיט געלט, אַמאָל אָן געלט. —

דערפירט ער דעם צוריקפאָר פונעם יאַריד, אַז אויף נאַכט וועט ער זיך לייגן אין בעט און דער שלאָף וועט אים צומאַכן די אויגן. איז דער

לירישער גאַנג פונעם ליד, דאַכט זיך, דאָ שוין ביזן אויסלאָז, אָבער ראַלניק גיט זיך אַ פאַרקער אויף אַן אַנדער זייט און פירט אויס:

אָקסן, הענדלער, פערד און הינט,
אַלץ פאַרגעסט זיך, אַלץ פאַרשווינדט...

די לעצטע צוויי שורות, כאָטש אויבן אויף זענען זיי איבעריק, זעט איר אָבער דערנאָך, אַז זיי וואַרפן אַ ליכט אויפן גאַנצן ליד, וואָרים אין די פריערדיקע פערצן שורות רעדט ער נישט דערפון, וואָס אויפן יאַריד האָט זיך אָפּגעטאָן. מיט די צוויי לעצטע שורות, אָדער נאָך ריכטיקער, מיט דער פאַרלעצטער — אָקסן, הענדלער, פערד און הינט — באַקומט זיין מידקייט פון דעם יאַריד אַ פולקייט, אַ תיקון, אַ מאָראַלישן אונטערשפּאַר.

ביי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אין איר בוך „דזשיקע גאַס", זענען דאָ צוויי לידער מיט איין נאָמען — „ביים שפּיגל". נעמען מיר דאָס ערשטע ליד, וואָס איז אין אַלע אַכט שורות אויסגעפּילט מיט הויך־פּאָעטישקייט, אָבער די אַכטע שורה איז דער אַפּאָטעאָז פונעם טראַגיזם, וואָס איז בכלל דער מאָטיוו פונעם ליד —

אָט שטיי איך ביים שפּיגל און האַלט אַלץ אין בעטן,
די האָר מיינע לאָז מיר נאָך איבער,
און זאָל זיי נאָך עמיצער גלעטן.
און ס׳געשעט ביי מיין שפּיגל אַ נס,
אָט שטיי איך ווי אַ ווייס צווייגעלע בעז,
כ׳דערקען מיינע קינדערשע שיך,
און דאָס ווייסקייט פון קלייד,
נאָר כ׳דערקען נישט מיין קינדערשע פרייד.

זעען מיר, אַז די לעצטע שורה אין אַ ליד איז אַ סך מאָל דער שליסל צום גאַנצן ליד. דער אופן, ווי אינעם ליד־אויסלאָז אַריינברענגען אַ מין פּאָעטישן באַשייד אויפן גאַנצן ליד, איז אַנדערש, פאַרשטייט זיך, ביי יעדן פּאָעט באַזונדער. אַמאָל איז די לעצטע שורה, אָדער אַפילו סטראָפע, אַן אויפקלערערישע און אַמאָל, ווידער, איז איר קלימאַטיש־קייט אין אינטענסיווער בילדלעכקייט אירער. יאָ, אינטענסיווע בילד־לעכקייט פון אַ שורה איז אויך דער שליסל צום גאַנצן ליד, כאָטש די

שורה קלערט נישט אויף, לאזט זי אבער איבער א מין פאעטישן נאכ־גאנג, וואס מיר קענען זיך לאנג פון אים נישט באפרייען.

יעקב גלאטשטיין איז דער זאגערישער פאעט. אבער אינעם זאגעכץ גלאטשטיינס איז דא א געזאנג, א סך מאל אזויווי דער ניגון פון א קאפיטל תהילים, וואס דער פרומער ייד האט עס געזאגט ביחידות. בין איך אנגעקומען אויף א ליד אינעם בוך זיינעם „די פרייד פון יידישן ווארט" — כ׳האב, חלילה, נישט געדארפט זוכן ביי אים א ליד, דערפאר זאג איך „אנגעקומען", אויפגעמישט און באלד דערשפירט ווי גוט עס איז פאר מוסטער פונעם געדאנק, וואס איך האב ארויסגעזאגט בים סוף פון פריערדיקן פאראגראף.

דאס ליד הייסט „דער דור" און לייענט זיך:

נישט דור המדבר, נאר דור המות,
און מיט אזויפיל צער געשלאגן,
די קליינע ערד האט אונדז נאך נישט באזיגט.
וואס קענען מיר ענטפערן, וואס זאגן,
ווען אונדזערע פארוואגלטע אברים זענען
צווישן זיך צעקריגט?

זיצן מיר ביי אייפגעפראלטע טויערן פון פרייד,
און ווען דאס שאלן פון שופרות
נעמט זיך צו אונדזערע אויערן דערטראגן,
שטרעקן אויס די ברידער־וועכטער
די הענט צו ניט־געטרייסטע וואגלערס
וואס בלייבן ליגן
אויף דער שטילער זייט פון יונגן געלעכטער.

אז מיר לייענען „מיט קאפ", זעען מיר ווי די פריערדיקע צוועלף שורות זענען בפירוש באוווסטזיניק בילדעריש געצוימט. די דרייצנטע שורה — „אויף דער שטילער זייט פון יונגן געלעכטער" — דערלאנגט אייך ממש מיט א פאעטישער בילד־דובינע איבערן קאפ. „די שטילע זייט פון יונגן געלעכטער" איז נישט מפרש דאס ליד, נאר סע דער־הויבט עס צו אזא הויך, אז איר הערט ממש ווי סע גייט אייך נאך, און פירן פירט די לעצטע שורה.

וו, אדער ווי, געפינט מען ביי אברהם סוצקעווערן איין אויסגע־

שפּילטע שורה? און נישט דערפאַר איז עס, וואָס ביי אים זענען נישטאָ קיין שורות, וואָס הויבן זיך אויף צו די העכסטע הייכן אויף די פּאָע־טישע פליגלען זייערע. פאַרקערט, סע איז גראָד דערפאַר, וואָס זיינס אַ ליד איז אַ טלית שכולה תכלת — שיינקייט פון וואָרט, לויטערקייט פון בילד און קלאָרע פאַרנעפּלטקייט פון געדאַנק. אָבער אַפילו סוצקע־ווער דערזינגט זיך אויך אַ סך מאָל צו אַ לעצטער שורה.

חלילה דיר צו ענדיקן. ס׳איז נישט קיין צייט פאַר שלימות.
אייביקער פון מירמל זענען שיימעס.
פאַרמאַך דאָס פענצטער. זאָלן שאָטנס אַנטאָן זעק,
ווען שדים שפּילן קאַרמען, ריגאָלעטאָ.
און לאָז איבער אַ ליידיקע שורה, אַ פלעק —
אַ זכר לגעטאָ.

דאָס ליד איז פון סוצקעווערס „לידער פון ים המוות". אין די זעקס שורות איז דאָ די פולע שטימונג, וואָס סוצקעווער שטעלט זי אַרום מיט אַ מין דעקאָראַציע. אָבער דער טרויער, ווי אויסגעצירט ער איז נישט, בלייבט אַלץ אַ נאַקעטער. ער באַוועלטיקט די שיינקייט און די לעצטע שורה — אינעם איצטיקן ליד צוויי שורות — עפנט אויף דעם טויער צום פולסטן טרויער. דער פּאָעט, כאָטש ער רעדט פריער נישט פון שורות, שפּירט איר, אַז עס איז כלל נישט נייטיק צו באַרעכטיקן די שורה „אַ ליידיקע, אַ פלעק", וואָרים מיר טראָגן אַלעמאָל אין זיך דעם פלעק, אַ זכר לגעטאָ, ווי אין דער טראַדיציע אונדזערער האָבן יידן איבערגעלאָזט אַ שטיק וואַנט איבער דער טיר, נישט קיין אויסגעקאַ־לעכטע, — אַ זכר לחורבן.

די עובדה מיינע איז נישט דורכצואַקערן די גאַרע יידישע פּאָעזיע, נאָר אַרויסצוברענגען דעם גאַנג פון אַ לירישן ליד און ווי סע דערגייט צו דער לעצטער שורה, צום אויסלאָז. ווײַל איך דערפאַר נעמען נאָך איין מוסטער, מאַני לייבס, וואָס וועט מיר צוהעלפן קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק מיינעם וועגן דעם אויסלאָז פון אַ ליד. אינעם ערשטן באַנד פון דער צוויי־באַנדיקער אויסגאַבע „מאַני לייב", דערשינען אין יאָר 1955, איז דאָ אַ ליד, וואָס הייסט „אַ מעשהלע". מיר ווייסן ווויל, אַז

מאַני לייב איז נישט נאָר געווען דער מייסטער אויף מעשהלעך, נאָר אַז סתם לירישע לידער זענען אויך ביי אים געווען אין דער בחינה פון מעשהלעך. דאָס ליד:

מיר קומען אויף דער וועלט מיט אָפענע און גרויסע אויגן,
און ווי אַ מעשהלע דאָס לעבן ליגט פאַר אונדז און וואַרט.
און ווי אין יענעם מעשהלע, — געשטויגן־ניט־געשטויגן, —
דאָס לעבן רייצט און מאַטערט מיט פאַרבלענדעניש און נאַרט.

ווייל אַלץ איז אין דעם מעשהלע: אי שאַרפע שרעק, אי ווונדער,
אי יענער טייערער דערציילער, חלום, נס און וואָר.
און ליב איז אונדז דאָס מעשהלע, דערציילט פאַר אונדז באַזונדער,
און אַלץ, וואָס אין דעם אויסטערלישן מעשהלע קומט פאָר.

נאָר אין דעם מעשהלע די זעלבע ווונדער קומען ווידער,
און נייע קומען נישט, ווי נייער ווונדער וואָלט נישט זיין.
און אונדז דערעסט דאָס מעשהלע, ס'מאַכט אונדז מיד און מידער,
אונדז שלעפערט שוין. מיר גענעצן. און אָט — מיר שלאָפן איין.

ביי מאַני לייבן איז דער ליד־אויסלאָז נישט צו וואַרפן אַ שיין אויף די פריערדיקע שורות, נאָר צונויפצונעמען די שורות אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אין איין שורה פאַרסך־הכלען די שטימונג. אין תוך איז עס דאָס אייגענע, ווי ביי די פריערדיקע לידער, נאָר דער אופן איז אַן אַנדערער.

האָבן מיר זיך דערגרונטעוועט צום מהות פונעם ליד־אויסלאָז? ניין, מיר האָבן נאָר אַביסל אויפגעהויבן דעם שלייער איבער דער מיסטעריע פון ליד בכלל און דעם אויסלאָז פון ליד בפרט. מיר אַליין איז נעבעך דער אויסלאָז פון אַ לירישן ליד, אַז בלייבן זאָל עס ווי דער לעצטער אַקאָרד פון אַ סימפאָניע, וואָס האַקט זיך אָפּ, אָבער קלאַנגען בלאָנדזשען נאָך אום, ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געזוכט פאַר זיך אַ תיקון.

דער אימאַזש

אַמאָל טראַכט איך, אַז דעם אמתן פּאָעט דאַרפן מיר כלל נישט קענען פּערזענלעך, אַפילו נישט די ביאָגראַפיע זיינע. פון זיינע לידער קענען מיר צונויפשטעלן אַ קינסטלערישע ביאָגראַפיע, שוין אָפּגערעדט פון דערגרונטעוועז זיך צו די טיפסטע איבערלעבונגען זיינע. מיר דאַרפן ווייט נישט גיין, כדי צוגעפינען אַ מוסטער פון אַזאַ פּאָעט. דערביי וויל איך אויסנעמען איין תנאי: אַז מען זאָל מיר נישט האַלטן צוגענאַגלט צום דאָזיקן געדאַנק, וואָרים גרויסע פּאָעטן זענען דאָ, וואָס פון זייערע לידער וועט איר נישט קענען צונויפשטעלן אַפילו אַ פּעדימל פון זייער ביאָגראַפיע. און וואָס איז שייך אַ מוסטער, וועל איך ברענגען צוויי מוסטער־פּאָעטן, וואָס זענען אינגאַנצן אַנדערש בנוגע דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל אין זייערע לידער. לאָמיר בפירוש אַ קוק־טאָן:

לייוויק איז דער מוסטער פונעם פּאָעט, וואָס פון זיינע לידער קענט איר צונויפשטעלן אַפילו מער ווי אַ קינסטלערישע ביאָגראַפיע. כמעט יעדער ליד זיינס דערציילט פון זיין ביאָגראַפיע. דער סאַמע פּאָעטישער אָנהויב זיינער איז אַ ביאָגראַפישער. מיר קענען די האַרעפּאַשנע מאַמע זיינע, דעם בייזן, טראַגישן טאַטן, אים אַליין, — לייוויקן, — און דעם גאַנצן לעבנס־גאַנג זיינעם קענען מיר.

אַמאָל אין אַ ווינטער איז לייוויק אַוועקגעפאָרן אין די בערג און אין איינער אַ נאַכט איז ער געשטאַנען ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן, די שניי־ווייסקייט האָט ממש פאַרבלענדט און ער איז צו־געפאַלן צום פענצטער און זיך צעקלאַפּט דעם שטערן. די, וואָס קענען לייוויקס לידער, האָבן אוודאי געלייענט דאָס אויסערגעוויינטלעכע ליד פונעם צעקלאַפּטן שטערן.

משה־לייב האַלפּערן, וואָס האָט לרוב געשריבן לידער פון זיך, האָט

אונדז נישט געגעבן די סביבה, וואָס אין איר איז ער געוואַקסן. פון זיינע לידער וויסן מיר נישט ווער דער טאַטע זיינער איז געווען, דאָס געשטאַלט פון זיין מאַמען לויכט נישט פאַר אונדז, נאָר עטלעכע לידער פון דער שטאָט זיינער, זלאָטשעוו, האָבן מיר. און דאָך איז משה־לייב איינער פון די גאָר געהויבענע פּאָעטן אונדזערע. וואָס איז אָבער שייך מיר פּערזענלעך, איז מיר נענטער דער פּאָעט, וואָס פון זיינע לידער קענען מיר אויפבויען אַ קינסטלערישע ביאָגראַפיע זיינע.

רעדט זיך איצטער פון פּאָעטן, וואָס פון זייערע לידער קענען מיר כמעט אויספורעמען די ביאָגראַפיע זייערע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר טאָרן נישט פאַרפירט ווערן דערפון, וואָס אַז מיר האָבן צוויי פּאָעטן און פון ביידנס לידער זינגט אַרויס די ביאָגראַפיע, איז שוין דער פּאַר־עטישער פּאַרנעם אַ גלייכער. אין איין פּרט קענען זיי טאַקע זיין גלייך, אָבער אין די סאַמע וויכטיקסטע פּרטים זענען זיי ווייט איינער פון דעם אַנדערן, ווי ווייט סע איז מזרח פון מערב. דער יסוד אָבער פון פּאָעטישער אויפריכטיקייט איז ביי בײדע דער אייגענער, דער חילוק איז אינעם פּאַרנעם, אין דער פאַרטיפונג פון דעם פּאָעטישן אמת.

פּאָרט בלייבט דער סאַמע עיקר: דער פּאָעטישער אמת.

סע איז געווען אַ גרויסער רבי, ר׳ זישע אַנישפּאָלער, האָט ער אַמאָל געזאָגט: איבער מאה ועשרים, אַז איך וועל זיך דאַרפן שטעלן פאַרן מלאך דומה און ער וועט מיך פרעגן פאַרוואָס איך בין נישט געווען קיין משה רבינו, וועט עס מיך נישט אָנהויבן אַרן, וואָרים קיין משה רבינו האָב איך נישט געדאַרפט זיין. אַזוי וועט אויך זיין, אַז ער וועט מיך פרעגן פאַרוואָס איך בין נישט געווען קיין ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אָדער אַן אַנדער גרויסער צדיק, — וועט עס מיך נישט אָנהויבן צו אַרן. אַז ער וועט מיך אָבער פרעגן פאַרוואָס איך בין נישט געווען קיין זישע אַנישפּאָלער, וועט מיך אָנכאַפּן אַ ציטער.

אין דער דאָזיקער חסידישער מעשה איז דאָ אַ וועלט מיט חכמה.

אַז מיר טראַכטן אָבער אַביסל ווייטער, דערגייען מיר גאָר צו אַן אַנדער מסקנא: ביים רבין איז דער תוך געווען נישט קינסטלערישקייט, נאָר אמונה און מעשים טובים, וואָס אַ סך מאָל זענען אַט־די מעלות לגמרי דער היפוך פון קונסט. ביים פּאָעט ווידער, איז דער תוך, — וואָס

איז טאַקע דער תוך ? דאָ בלייב איך שטיין, וואָרים דאָ הויבט זיך אָן די אַלטע פלוגתא צווישן עטיק און עסטעטיק אין דער וואָרט-קונסט, — אַ פלוגתא, וואָס געפלאַקערט האָט זי ביי אונדז אַ זעכציק יאָר צוריק און וואָס פאַרטיק מיט איר זענען מיר נאָך נישט.

האָב איך, דאַכט זיך, אַמאָל שוין געבראַכט אַ געלונגענעם זאָג פונעם העברעיש-יידישן פּאָעט-עסייאיסט יעקב פיכמאַן, אַז אַ שלעכט ליד איז פאַר זיך אַליין אומעטיש. צו דער אייגענער צייט מעגן מיר אַריינקוקן אין די נביאים אונדזערע, וואָס דער תוך זייערער איז לכל-הדעות געווען די אייביקע עטיק פון דער זינדיקער וועלט אונדזערע און דאָך איז די פּאָעזיע ביי זיי די העכסטע, און אין אַ סך פּרטים שטייגט זי אַפילו איבער די גריכישע, וואָס איר עיקרדיקער תוך האָט געדאַרפט זיין דורכאויס עסטעטיק.

בלייבן מיר ווידער שטיין : וואָס איז דער פּאָעטישער אימאַזש ? איז ער דער אמת ? דאָס מיינט פשוט, אַז דער אימאַזש וואַקסט נישט אַריבער דעם תוכן פונעם ליד. אָדער איז דער אימאַזש אַ מין סובלי-מאַציע, וואָס דורך גוזמא, אַפילו ליגן, ווערט דאָס ליד גאָר דערהויבן. אַז מיר נעמען קלאַסישע אימאַזשן, אָדער סימילן, זעען מיר אַז דורכן ליגן, אָדער מילדער געזאָגט, דורך דער גוזמא, דערגרייכט דער פּאָעט אפשר נאָך אַ העכערע מדרגה, ווי דורכן קאָנקרעטן אימאַזש.

אין שיר השירים פאַרגלייכט שלמה שולמיתעס האַלדז צו דודס טורעם. שיין וואָלט אַ מיידל אויסגעזען, אַז דער האַלדז וואָלט געווען ווי אַ טורעם. אָבער די גוזמא טוט דאָ אויף אַ סך מער, ווי דאָס פשוטע, קאָנקרעטע בילד. מיר מאָלן זיך אויס די ווונדערלעכע ליניעס פון דודס טורעם און מיר טראָגן די גראַציעזע ליניעס אַריבער אויפן האַלדז שולמיתעס און איר שיינקייט ווערט אַ סך דערהויבענער.

אין תהילים, אינעם קאַפּיטל בצאת ישראל ממצרים, דערגייט דער זינגער צו אַזאַ עקסטאַז, אַז ער זאָגט : די בערג האָבן געטאַנצט ווי די ציגנבעק, דער ים האָט זיך אויסגעקערעוועט אויף צוריק און דער ירדן איז אַנטלאָפן. פון דער גוואַלדיקער פּאָעטישער גוזמא וואַקסט אין דעם געזאַנג אַרויס די גרויס-היסטאָרישע געשעעניש אי מיט איר ווונדער און אי מיט איר פאַרכטיקייט. דער תהילים-זינגער האָט געוואָלט דער־

גרייכן די העכסטע מדרגה עקסטאַז און נאָר דורך די גרונמאדיקע אי־מאַזשן האָט ער דערגרייכט אַ סך מער, ווי ער וואָלט געקענט דערגרייכן דורך קאָנקרעטע אימאַזשן.

ווידער זענען דאָ אימאַזשן, וואָס זייער עובדה איז צו שאַפן די אילוזיע פון ממשותדיקייט, אָבער אין דערווירקלעכקייט זענען זיי דורכאויס אַבסטראַקציע. ביי יעקב פרידמאַנען, אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „נפילים״, איז דאָ אַזאַ סטראָפע:

מיר זיינען נישט דער פויגל, נישט דער פידל,
נאָר דער פלי. נאָר זיין ניגון.
מיר זיינען נישט דער גאָרטן, נישט דאָס וויגל,
נאָר זיין בלי. נאָר דאָס וויגן.

איז דער פלי אַליין אַ ממשות? אָן דעם פויגל איז דער פלי נישטאָ. הייסט עס, אַז דער פלי אַליין איז נישטאָ. דאָס אייגענע מיט די ווייטערדיקע אימאַזשן, ווי זיי לייכטן אַרויס פון די אַנדערע שורות אין דער סטראָפע. איז אָבער דער אימאַזש דאָ אַזאַ באַצווינגענדיקער, אַז איר הויבט אָן צו זען דעם פלי און נישט דעם פויגל.

די טעג איז מיר אָנגעקומען אַ ביכל לידער פון אַ נייעם פּאָעט אין ישראל, אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט. „אומרויקע אותיות״ הייסט דאָס ביכל און אַרויסגעגעבן האָט עס דער פאַרלאַג „המנורה״. אַזויווי סע איז דאָס ערשטע ביכל שפּיגלבלאַטס, טראַכט איך, אַז סע איז כדאי צו ברענגען אַ סטראָפע זיינע, וואָס וועט מיר דינען צו באַווייזן אָן אַנדער מין אופן פון אימאַזש. געזאָגט וואָלט איך, אַז דער אימאַזש דאָ איז דורכאויס אַבסטראַקט, אָבער דערצו קומט נאָך צו די פאַנטאַסטישקייט. ביי יעקב פרידמאַנען איז „נישט דער פידל, נאָר דער ניגון״, ביי שפּיגלבלאַטן איז דער אימאַזש אַן ענלעכער, אָבער פאַרט אַן אַנדערער:

יעדער ניגון איז מיר אונטערטעניק
און קוקט מיר אין די אויגן, ווי אַ קנעכט.

ביי בײדע פּאָעטן איז דער ניגון אַ ממשות פאַר זיך, אָבער שפּיגל־בלאַט פּערזאָניפיצירט אים און דערגרייכן דערגרייכט ער דערמיט, וואָס מיר מאָלן זיך אויס דעם ניגון ווי אַ לעבעדיק נפש, וואָס איז אַפילו בכוח

אפרים אויערבאך

צו קוקן אַ מענטשן אין די אויגן. אינעם אייגענעם ליד איז דאָ אַזאַ מין סטראָפע:

נאַקעטע באַפאַלן מיך די שעהן
און איך טו זיי אָן אין בלוי געוואַנט,
און איך פיר זיי דורך דעם וואַלד פון קלאַנגען,
ווי מען פירט די קינדער ביי דער האַנט.

נישטאָ קיין וואָר וואָרט אינעם דאָזיקן אימאַזש, וואָרים ווי זענען שעהן נאַקעט? און ווי באַפאַלן זיי דעם פאָעט? היינט נאָך, אַז ער טוט זיי אָן אין בלוי געוואַנט, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז איר הויבט נישט אָן צו וויסן, ווי מע טוט בכלל אָן שעהן אין געוואַנט, שוין אָפּגערעדט פון בלוי געוואַנט. נאָר די סטראָפע ווירקט פאָרט אויף אייך, אַז איר זאָלט זען דעם פאָעטס עלנט. הוילע פאַנטאַזיע שאַפט דאָ טראַגישע ווירקלעכקייט.

קומען צו אַן אויספיר איז נישט שייך. דער אימאַזש אין אַלע זיינע פורעמס איז דאָס סאַמע תוכיקע אינעם ליד. דער גערעטענער אימאַזש איז אי דער פידל, אי דער ניגון.

יאוש אין ליד*)

בכלל וואָלט איך אפשר היינט נישט געדאַרפט רעדן, נאָר אָפּקומען מיט לייענען עטלעכע לידער. איז אָבער דער יצר־הרע צום רעדן אַ תקיף און ער באַוועלטיקט אַפילו די שטימונג צום שווייגן, וואָס איז ביי מיר אַ סך מאָל דאָ. בפרט נאָך היינט אויפדערנאַכט, ביים ערשטן צונויפטרעף מיט חברים יידיש־שרייבער אין זייער אייגענער יידיש־היים. מיט שרייבער באַזונדער האָב איך זיך שוין געטראָפן, אָבער מיטן שרייבערישן כלל זיך צו טרעפן זענען געווען מניעות, אַ שטן המקטרג האָט זיך אַריינגעמישט. און רעדן וויל איך איצטער טאַקע פון די שקיעה־לידער, וואָס זענען דער עיקרדיקער מאָטיוו אינעם בוך מיינעם. נאָך אין ניו־יאָרק זענען מיר אָנגעקומען בריוו פון קאָלעגן, וואָס האָבן געהאַט טענות צו מיר: וואָס הייסט עפּעס שקיעה? ערשטנס, האָבן זיי געטענהט, ווי קומט צו אייך די שטימונג פון שקיעה? איר זענט דאָך אַלעמאָל געווען דער פּאָעט פון לעבן, פון אויפגאַנג, נישט פון קיין שקיעה. צווייטנס, מיר טאָרן נישט רעדן פון קיין שקיעה, שוין אָפּגערעדט פון באַזינגען די שקיעה.

אין שייכות מיט מיינע לידער האָט מיר נישט איינער געזאָגט: וואָס־זשע, איר האָט זיך שוין אויך אַ קער־געטאָן צום טרויער? סע פּאַסט נישט פאַר אייך. ווי סע וואָלט געווען אַזאַ מאָס, וואָס פאַר איין פּאָעט פּאַסט יאָ און פאַר אַן אַנדער פּאָעט פּאַסט נישט. ווי בכלל וואָלט געווען דער מין „פּאַסעניש" אין פּאָעזיע. וויל איך זיך דאָ נישט פאַרענטפערן, נאָר זאָגן בתכלית הקיצור אַ פּאָר מחשבות, וואָס איך האָב געטראַכט בעת מענטשן זענען געקומען צו מיר מיט טענות.

---

*) עסיי געלייענט אויף אַ מסיבה אין ישראל לכבוד דעם בוך „גילדענע שקיעה".

אפרים אויערבאך

ראשית: וואָס פאַר אַ לידער אַ פּאָעט זאָל נישט שרייבן, דאַרף דער צוגאַנג זיין קודם, צי די לידער זענען עכטע פּאָעזיע, צי זיי פאַרמאָגן אַט דעם ציטער פון געמיט, וואָס מאַכט דאָס ליד פאַר אַ ליד. מיר קענען לייענען אַ ליד פון שטורמישער פרייד, נאָר סע זאָל נישט האָבן אין זיך אַט דעם טייערן עסענץ פון פּאָעזיע און אונדז זאָל דערפון ווערן גאָר טרויעריק. פאַרקערט, ווידער, מיר קענען לייענען דאָס טרויעריקסטע ליד און זאָלן דערפילן אַ מין אויסלייטערונג אין זיך, אַ מין דערהייבונג, אַן עליה רוחנית, וואָס זאָל אונדז אָנפילן מיט וואַרעמקייט. דאָס איז דער כוח פון דעם וואָרט, וואָס דערגייט צו דער קוואַליטעט פון פּאָעזיע.

לאָמיך דאָ אויפקלערן נאָך אַן ענין אין שייכות מיט פּאָעזיע: איך האַלט, אַז סע איז נישטאָ קיין פינצטערע, קיין אויסגאַנגסלאָזע פּאָעזיע, קוים איז זי נאָר פּאָעזיע. דער פּראָצעס פון שרייבן אַ ליד איז פאַר זיך אַליין פול מיט דערהויבענער פרייד. נישט איינמאָל קען טרעפן, אַז דער פּאָעט זאָל ממש וויינען ביים שרייבן אַ ליד, נאָר אינעם געוויין איז דאָ אַ געזאַנג, וואָס ער אַליין פאַרשטייט עס נישט און דער ברענענדיקסטער טרויער ווערט באַלויכטן פונעם דאָזיקן געזאַנג. יאָ, דאָס איז דער פּראָצעס פון שרייבן דאָס ליד. דער פּאָעט ראַנגלט זיך פאַרן וואָרט, ער פירט מיט זיך אַ מלחמה, וואָרעם יעדער אימאַזש אין אַ ליד, יעדער בילד, איז אַן אָנט־פלעקונג, אַן איינמאָליקע דערשיינונג. אַז דאָס וואָרט קומט סוף כל סוף, דאָס בילד אַנטפּלעקט זיך אים, לעבט ער איבער אַזאַ פרייד, וואָס זי מוז זיך אַריבערטראָגן אינעם ליד. מעג אַפילו דער מאָטיוו זיין אַ טרויערי־קער, די אָנהייב־שטימונג מעג זיין אַ דריקנדיקע, ווערט אָבער דער טרויער באַפרייט אינעם פּראָצעס פון שרייבן דאָס ליד. וואָרעם די אַנט־פּלעקונג פונעם וואָרט איז אַ קוואַל פון ליכטיקייט. אויב סע איז אמת׳ע פּאָעזיע, מוז זיך דער שאַפערישער פּראָצעס אַריבערטראָגן אינעם ליד.

האַלט איך דערפאַר, אַז קיין פינצטערע לידער זענען נישטאָ, דער טיפסטער צער אין ליד ווערט אויסגעלייזט אינעם פּראָצעס פון געפינען אויסדרוק פאַר אים, דעם צער. איך געדענק, ווי יידן האָבן תשעה באָב געוויינט ביי איכה ישבה בדד און אַז איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פּאָעזיע, איז דאָס גרויסע געזאַנג פונעם חורבן ביי מיר אויסגעקומען נישט קיין פינצטער געזאַנג, נאָר אַ ליכטיקס. דער וווּנדערלעכער פּאַטאָס, דער

צונויפשטעל פון די ווערטער, די אַנטפּלעקונג פון אימאַזשן האָבן אויפן ליד פון צער אויסגעגאָסן קוואַלן ליכט.

וויל איך נישט זאָגן, אַז סתם לידער פאַרמאָגן די ריינע קוואַליטעט פון פּאָעזיע, וואָס באַגילדיקן די שקיעה. זאָגן וויל איך אָבער, אַז אויב לידער, זענען זיי נישט קיין פינצטערע, נאָר דורכן צער רייסן זיך דורך דינע פּאַסיקלעך זון, ווי אין פאַרנאַכט, אַז דער מערב איז פול מיט צער פון פאַרגיין, דערצו נאָך פאַרוואָלקנט און דורך די וואָלקנס רייסן זיך דורך שטיקער זון, ברענענדיקע זון.

דאָס איז ראשית. און איצטער שנית: מיר זענען דערוואַקסן צו שקיעה, די יידישע פּאָעזיע איז שוין אַזוי קינסטלעריש אויסגעוואַקסן, אַז זי האָט שוין דעם כח צו זען שקיעה, זינגען פון שקיעה, אַנטפּלעקן די זוניקע גאָלדיקייט אין דער שקיעה. נאָר אַ פּאָעזיע, וואָס איז נאָך יוגנטלעך, וואָס ליגט נאָך אין די וויקעלעך, דאַרף זיך גאָנערן, דאַרף זיך אָנטאָן דאָס מיצל פון יונגשאַפט. צו שקיעה דאַרף מען דערוואַקסן. אויפצונעמען שקיעה און זי באַגילדיקן, איז אַ מדרגה, וואָס אַ רייפע פּאָעזיע דערגייט צו איר. מיר האָבן פאַר דער שקיעה קיין מורא נישט, וואָרעם מיר ווייסן, אַז מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט רייכע פּאָעטישע שייערן. מיר זענען טרויעריקע יידישע פּאָעטן, אָבער גייען דעם טרויער אַנטקעגן מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז דאָס געזאַנג אונדזער וועט קיינמאָל נישט פאַרגיין: סע איז אַ גרויס געזאַנג, אַ יידיש געזאַנג, אַ פּאָעטיש דערהויבן געזאַנג און קיינער קען עס ביי אונדז צונעמען. און אַזוי איז אויך אונ־דזער טרויער אויפן יידישן לשון: ווער וועט עס ביי אונדז צונעמען? ווער האָט דעם כח אָפּצווישן טויזנט יאָר יידיש לעבן, וואָס אויסגעזונ־גען האָבן מיר זיי אין אונדזער יידיש?

אויספירן וויל איך, אַז סע איז נישטאָ קיין יאוש אין פּאָעזיע. טרויער און צער זענען נישט קיין יאוש, נאָר אַ סך מאָל גאָר די העכסטע פרייד. וואָרעם וואָס איז טרויער, וואָס איז צער? זיי זענען, ווי די הויכע טעמ־פּעראַטור, וואָס באַקעמפט די סמ׳יקע מיקראָבן אינעם מענטשנס גוף. טרויער און צער זענען די הויכע גייסטיקע טעמפּעראַטור אויסצולייזן אונדז פון יאוש. נאָר אַ פּאָעזיע דאַרף דערוואַקסן צו טרויער, זי דאַרף זיך דערהייבן צו צער. ווער וועט זיך איינשטעלן צו זאָגן, אַז די וווּנדער־

אפרים אויערבאך

לעבע פּאָעזיע אונדזערע, וואָס האָט שוין דעם כּח איבערצוגעבן די דינסטע ניואַנסן פונעם געמיט, פונעם מענטשנס איבערלעבונגען, איז שוין נישט דערוואַקסן צום גרויסן טרויער, אַפילו צום טרויער פון דער שקיעה? יאָ, פון דער פּאָעטיש-דערהויבענער שקיעה, פון דער שקיעה, וואָס איז באַגילדט מיט דער שפע פון זון ביים טראַגישן אָפּשיין אירן, שפּירן מיר דעם אויפגאַנג פון אַ נייער פּאָעטישער זון, — איבער אונדז און אין אונדז.

יוני 1971

דאָס קול

דעם שרייבערס אינסטרומענט איז דאָס וואָרט, ווי די פאַרב און דער פּינדזל זענען דעם מאָלערס, דער שטיין, אָדער דאָס ליים, ביים סקולפּ־טאָר און דאָס האָלץ ביים שניצער־קינסטלער. ביים רוסישן שרייבער אַלעקסאַנדער קופּרין איז דאָ אַ דערציילונג, וואָס הייסט גאַמברינוס. דערציילט זיך אין איר פון אַ יידישן פיאַנאָ־שפּילער, וואָס שפּילט דורך די נעכט אין דעם אָדעסער ווינקעלער גאַמברינוס. דער שפּילער איז אַ גרויסער קינסטלער, אָבער ער לעבט אויס דעם קינסטלערישן דראַנג זיינעם נאָר אין דעם ווינקעלער, אויפן אָפּגעניצעוועטן אופן וואָלטן מיר געזאָגט, אַז דאָ רוט אויף אים די שכינה. דערווייל נעמט מען אים צו אויף דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און, אַז ער קומט צוריק, זענען די הענט ביי אים צעקאַליעטשעטע און קיין פּיאַנאָ קען ער מער נישט שפּילן. אַז ער פאַלט אַריין צוריק אין גאַמברינוס, איז דער קבלת פּנים פאַר אים גאָר אַ שטורמישער. די שטענדיקע טרינקערס, וואָס האָבן זיך יאָרן געקוויקט מיט זיין פּיאַנע־שפּילן, רופן אים: שפּיל פאַר אונדז. אָן דיין שפּילן איז דאָ געווען אומעטיק, ווי אויף אַ צווינטער. אָבער שפּיל, אַז די הענט זענען צעקאַליעטשעט. כאַפּט ער אַרויס אַ קליינע מויל־האַר־מאָשקע און הייבט־אָן אויף איר צו שפּילן. פון דעם דאָזיקן אָרעמען אינסטרומענט קריגט ער אַרויס די וווּנדערלעכסטע טענער. ער האָט גע־ראַטעוועט דעם קינסטלערישן דראַנג אין זיך מיטן סאַמע אָרעמסטן אינ־סטרומענט.

דער שרייבער כישופט אַרויס דאָס וואָרט מיטן דראַנג זיינעם אויסצו־דריקן די טיפסטע איבערלעבונגען אין זיך. יעדער שרייבער, וואָס פירט מיט זיך אַ געראַנגל זיך צו דערגראָבן צום קינסטלערישן וואָרט, וואָס איז אַלעמאָל דאָס איינציקע וואָרט, קיין אַנדערס קען נישט זיין, יעדער שריי־

בער ווייסט פון זיך אַליין, אַז ווען אים געלונגט צו געפינען דאָס וואָרט, וואָס ער זוכט מיטן ציטער ממש פון אַלע אברים זיינע, עפנט זיך פאַר אים אַ ליכטיקער קוואַל פון פריש-שפּרודלדיקע ווערטער, וואָס בעטן ממש ביי אים: שרייב אונדז אַן אויפן פּאַפּיר.

דער פּרימיטיווער מענטש, מאָלן מיר זיך אויס, איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין טראַנס פון אַ וואָרט וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט. קינדער אין דער פריער עלטער, בעת זיי הייבן־אָן צו דערשפּירן דעם כישוף פונעם וואָרט, זאָגן־איבער אַן אַ שיעור מאָל דאָס אייגענע וואָרט און קענען זיך גאָרנישט אָנלאַכן פון דער וואָרט־הנאה. אוודאי, דערוואַקסענע זענען שוין אַביסל שטומפּיק אויף דער וואָרט־הנאה, אָבער שרייבער זענען נאָך אַלץ פאַרכישופט פון וואָרט. דאַכט זיך דאָס אייגענע וואָרט, וואָס ער האָט שוין טויזנטער מאָל גענוצט, איז ביי אים אַלץ אַן אַנטפּלעקונג. דער סוד דערפון איז, וואָס דאָס אייגענע וואָרט, וואָס דער שרייבער שטעלט עס אַריין אין אַ זאַץ אַביסל אויף אַן אַנדער אופן, ווערט באַנייט און שפּילט מיט נייע קאָלירן און פרישע פאַרבן. וואָרט איז נישט אַליין. סע איז אַלעמאָל אַרומגעטוליעט מיט שכנים, און די שכנים וואַרעמען זיך אַליין און וואַרעמען דאָס סאַמע פּשוטסטע וואָרט, אַז אַרויסשטראַלן זאָל עס פון זיך אַ שיין, וואָס ביז איצטער האָבן מיר זי נישט געזען.

דאָס וואָרט, איידער סע ווערט געבוירן, האָט אַ קול, וואָס הערן הערט מען עס אין טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה. בפרט האָט אַ קול דאָס וואָרט ביי יידן. דאָס קול איז געווען דער גרויסער כוח, וואָס האָט אונדז געפירט אין דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן. אין תנך קומט אונדז אַלעמאָל אַנטקעגן דאָס קול, וואָס איז געווען אַנטשיידנדיק אין די סאַמע טרויעריקסטע און פריידיקסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע אונדזערער.

דער סאַמע אָנהייב: אברהם אָבינו איז אַוועקגעגאַנגען פון חרן דערפאַר וואָס ער האָט געהערט אַ קול, וואָס האָט אים געזאָגט: גיי פון דיין לאַנד און פון דיין געבוירנלאַנד. קיין כנען איז ער געקומען אויפן אָנזאָג פון דעם קול צו גיין אין יענעם לאַנד. די יידישע קאָסמאָגאָניע, — די מעשה פונעם וועלט־באַשאַף, — איז פאַרבונדן מיטן קול, וואָרים

ביי אַלצדינג, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, שטייט ויאמר אלוהים, — גאָט האָט געזאָגט סע זאָל ווערן און סע איז געוואָרן. אָבער דאָ קומען מיר צום טיפערן תוך: דאָס קול האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט. הייסט עס, אַז דאָס וואָרט האָט פון אָנהייב־אָן געהאַט אין זיך אַ שעפערישן כוח.

און אַז קין האָט דערהרגעט הבלען, זאָגט די פרשה בראשית: דאָס קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט. דאָס קול, הייסט עס, זאָגט נישט נאָר כי טוב ביים באַשאַף, דאָס קול מאָנט אויך דין וחשבון ביים מענטשן פאַרן פאַרברעך וואָס ער באַגייט.

דאָ איז וויכטיק אָנצוווייזן, אַז נאָך דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אָדער קאָסמאָגאָניע, האָט די טואונג באַשאַפן די וועלט, נאָך דער יידישער — דאָס וואָרט. אָבער ווייטער ווערט ביי די גריכן דאָס וואָרט דער עיקר און ביי אונדז — די טואונג. אָבער מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק מיטן קול, וואָס איז ביי יידן אַזאַ גרויסער כח. אומעטום אין תנך טראָגט זיך דאָס קול. אַפילו „קול קורא במדבר" האָט אויך אַ הויך־מיסטישן מיין. נאָכן חורבן בית המקדש איז דאָס קול געוואָרן ממש אַ שטענדיקער פאַרויסגייער און נאָכגייער פון ידישן פאָלק. ביי ירמיה דעם נביא גע־פינען מיר אַזאַ זאָג: כי קול נהי נשמע מציון — אַ קול פון געוויין הערט זיך פון ציון.

אַז איך בין געשטאַנען אינעם קיבוץ רמה, טאַקע לעבן ירושלים, און אַרונטערגעקוקט צום קבר רחל, וואָס איז דאַמלסט געווען אַ טייל פון דער ירדן־מלוכה, האָב איך ערשט דערפילט ירמיהס גרויס־פּאָעטיש בילדלעכקייט. דער נביא איז אָן ספק געווען אין רמה און איז אוודאי געשטאַנען אויף דעם אָרט, וווּ איך בין געשטאַנען און געהערט האָט ער דאָס קול:

קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה — אַ קול הערט זיך אין רמה, רחל וויינט אויף די קינדער אירע.

אין מדרש איכה דערציילט זיך:

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: סע זענען נישט אויפגעקומען ביי די אומות העולם אַזעלכע פילאָזאָפן, ווי בלעם בן בעור און אבנימוס הגרדי. האָט מען געזאָגט צו זיי: ווי קענען מיר אָנהייבן מיט דער דאָ־זיקער אומה? האָבן זיי געזאָגט: גייט אין די בתי כנסת, אויב דאָס

קליינוואַרג צווישערט מיט זייערע קולות, וועט איר זיי נישט בייקומען.
אויב זיי צווישערן נישט מיט זייערע קולות, וועט איר זיי בייקומען.

דער זין איז אַ פּשוטער: אַז דאָס יידישע קול איז מיט אונדז, אין אונדז, אַרום אונדז, קענען די גרעסטע שונאים אונדזערע אונדז נישט בייקומען. ווו האַלטן מיר איצטער מיטן יידישן קול אונדזערן? איז כאָטש איך האַלט נישט, אַז דער עיקר ביי אַ פאָלק איז דאָס לשון זיינס, מוז איך אָבער זאָגן, אַז דאָס קול פון אַ פאָלק קומט צום אויסדרוק דורכן וואָרט זיינעם, דורכן לשון.

נאָר לאָמיר צוריקקומען צום קול: דער געדאַנק פון אחדות הבורא איז געקומען פון דעם קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די הייכן און פון די טיפענישן. דאָס רופערישע קול איז דערפאַר אַריינגעוואַקסן אין אונדזער באַוווסטזיין, אַפילו אין דער איבערלעבונג אונדזערער. מיר האָבן אַלע געלעבט צווישן נישט־יידן, אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט פון אַ נישט־יידן אַז ער זאָל נתפעל ווערן פון עמיצנס אַ קול. יידן, אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך, זענען אַריינגעפאַלן אין התפעלות פון אַ קול: איי האָט ער אַ קול, אַ וועלט דאַרף מען אויספּאָרן צו הערן אַזאַ קול. מיר הערן אַלעמאָל דאָס קול: אברהם, אברהם, ווו ביסטו? אין דער ליכטיק־טראַגישער געשיכטע האָבן מיר אַ סך מאָל געענטפערט: הנני, דאָ בין איך. מיר האָבן געענטפערט דעם קול, וואָס האָט אונדז גערופן, וואָרן געווען איז עס אַ קול פון אַ העכערן רוף.

אַז משה איז געווען אין דער מדבר, האָט ער געהערט אַ קול, וואָס איז געקומען פון דעם ברענענדיקן דאָרנבוים: ציִ־אַראָפּ די שיך דיינע, וואָרן הייליק איז דאָס אָרט, וואָס דו שטייסט אויף דעם. יוספס וויזיע, וואָס איז געווען אין דער בחינה פון אַ קול און וואָס ער האָט עס געהערט און געזען אין חלום, האָט די בני־ישראל אַריינגעפירט אין גלות מצרים. און דאָס קול, וואָס משה האָט געהערט אין דער מדבר, — אַ וויזיאָנעריש קול, וואָס האָט געברענט אין דעם דאָרנבוים, האָט די יידן אַרויסגעפירט פון מצרים.

דאָס אייביקע געראַנגל פון ברודער מיט ברודער איז געבונדן מיטן קול. אַז יעקב האָט געבראַכט דעם בלינדן יצחקן די צוויי ציגנבעקעלעך און יעקב האָט זיך פאַרשטעלט מיט פעלעכלעך פון די ציקעלעך, האָט

אויף דער וואַגשאָל

אים יצחק אַרומגעטאַפּט און געזאָגט: דאָס קול איז יעקבס קול און די הענט זענען עשוס. דאָס קול האָט געבראַכט יצחקס ברכה אויף יעקבן און איינס פון די פּאַטעטישסטע לידער אין דער וועלט איז געשאַפן געוואָרן:

זע, דער ריח פון מיין זון
איז ווי דער ריח פון אַ פעלד,
וואָס גאָט האָט געבענטשט.
און גאָט זאָל דיר געבן דעם טוי פון הימל
און פון די פעטקייטן פון דער ערד,
און תבואה אַ סך און ווייַן.

די עפּיק פון דעם נביא שמואל וואַקסט אַרויס פון דעם קול. אַז חנה, די מוטער זייַנע, איז געקומען צום נביא עלי מתפּלל צו זיין פאַר אַ קינד, האָט זי געהערט אַ קול, וואָס האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט געבוירן אַ זון, נאָר זי וועט אים דאַרפן הייליקן צו גאָט. שמואל אַליין, אַז ער האָט געדינט ביי עלי הכהן, האָט אין איינער אַ נאַכט געהערט אַ קול, וואָס האָט אים אָנגעזאָגט צו גיין צו יידן און זיי רופן תשובה צו טאָן. היוצא לנו מדברינו:

לאָמיר זיך צוהערן צום קול אונדזערן, וואָס איז דער סאַמע תוך פון אונדז, — אויב נאָר מיר וועלן נישט פאַרפירט פון פאַלשע אויס־טייטשונגען, פון טראַגישע טעותן אין אויפקלערן דאָס קול, וואָס מיר הערן. אין דער איצטיקער צייט אונדזערער, אַז מיר הערן יידישע קולות פון גאָר דער וועלט, איז אַ סך מאָל שווער אויסצורייניקן דאָס אמתע יידישע קול פון די פאַרפירערישע קולות, וואָס זענען נישט קיין יידישע. לאָמיר דערפאַר זיין געבענטשט מיט יצחקס חוש —
צו הערן דאָס ריינע יידישע קול.

יוני, 1966

יידישע ווערטער

דער סוד פון דער „ה"

דאָס אות „ה" איז אין יידישקייט איינגעהילט אין אַ סוד. אַפילו „יוד" דערגייט נישט צו דער מדרגה פונעם פינפטן אות אין אונדזער אלף־בית. אין דער ערשטער באַגעגעניש פון דעם אור־פאָטער פונעם יידישן פאָלק מיטן איינציקן גאָט, האָט ער נאָך געהייסן אברם, וואָס מיר קענען טייטש „פאָטער פון די הייכן", אָדער גאָר „דערהויבענער פאָטער". ערשט אין כנען, אַז אברם האָט פאַרשניטן אַ בונד מיטן אחד, האָט אים דער איינציקער גאָט צוגעגעבן אַ הא צום נאָמען און פון אברם איז גע־וואָרן אברהם.

וואָס איז דער באַטייט פון דער הא, אַז דורך איר זאָל דער אַרויס־געקומענער פון אור־כשדים דערהויבן ווערן צום סימבאָל פון אחד און אַרויסקומען זאָל פון אים אַ פאָלק, וואָס וועט זיין „ווי די שטערן אין הימל"? און נישט נאָר בנוגע אברהמען האָט די הא דורכגעפירט אַזאַ גרויס שליחות, נאָר אויך בנוגע שרהן. די אור־מוטער פונעם יידישן פאָלק, ווייסן מיר דאָך, האָט געהייסן שרי — דער סוף פונעם נאָמען איז געווען אַ יוד, האָט גאָט געזאָגט אברהמ'ען, אַז פון איצט אָן וועט זי הייסן שרה, מיט אַ הא צום סוף.

אין דער סדרה לך־לך גיט דאָס חומש אָן די סיבה פאַר ביידע מאָל צושטעלן אַ הא. ביי אברהמ'ען: „כי אב המון גויים נתתיך". טייטשט יהואש: „וואָרים פאַרן פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך גע־מאַכט". ביי שרה'ן, ווידער, זאָגט גאָט נישט אויס דעם סוד פון דעם איבערבייט פון דער יוד אויף הא, נאָר אין צווייטן פסוק זאָגט ער: „וברכתי אותה וגם נתתי ממנה לך בן, וברכתיה והיתה לגויים, מלכי עמים ממנה יהיו".

פרעגט זיך: כדי אברם זאָל ווערן אַן „אב המון גויים״ דאַרף גאָט צוהעפטן אַ הא צום נאָמען זיינעם? און, ווידער, ביי שרי, איז דאָך די יוד, דאַכט זיך, פאַרהייליקטער פון דער הא? די צונויפשטעלער פון חומש איז, ווייזט אויס, אויך געווען קשה, האָבן זיי געפרווט געפינען אַ תירוץ, נאָר צו איבערציייגנדיק איז ער נישט. שוין אָפּגערעדט, אַז בנוגע שרה׳ן איז די פאַרענטפערונג אין חומש אַפילו פרעמדלעך.

גאָטס נאָמען, וואָס מיר טאָרן אים נישט פורש־זיין, איז צונויפגע־שטעלט פון איין יוד, איין וואָו און צוויי מאָל ה׳. ווידער איז דער נאָמען אויסגעטייטשט „אהיה אשר אהיה, אָבער אויך דאָ דאָמינירט די ה׳. און אַז אין די טראַדיציאָנעלע ספרים ווייל מען שרייבן דעם באַשעפערס נאָמען בתכלית הקיצור, שרייבט מען נישט מער ווי ה׳ און דאָס איז גענוג, אַז דער לייענער זאָל וויסן, אַז דערמיט איז געמיינט גאָט.

דאָס ערשטע אות אין אונדזער אלף־בית, אלף, איז טאַקע אַ יחסן דערמיט, וואָס מיט אים הייבט זיך אָן דאָס וואָרט אחד, אָבער אין סימ־באָלישן זין איז די הא פאַרט אַ סך העכער, וואָרים מיט איר ענדיקן זיך אַלע ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צום באַשעפער, ווי, למשל, הללויה.

צו וואָס איז עס צו רייד געקומען? צו דעם, וואָס מיר האָבן אָנגע־הויבן צו פאַרגעסן די קדושה פון אונדזער אלף־בית. ביי די אומות העולם זענען די אותיות נישט מער ווי צייכנס, וואָס דורך זיי קען זיך דער מענטש אַרויסזאָגן. ביי אונדז זענען די אותיות הייליקע צייכנס, און אַ חוץ דעם, וואָס דורך זיי קען זיך דער מענטש אַרויסזאָגן. ביי אונדז זענען די אותיות הייליקע צייכנס, און אַ חוץ דעם, וואָס דורך זיי ווערן צונויפגעשטעלט ווערטער, האָבן זיי נאָך פאַר זיך אַן אייגן לעבן, וואָס מקובלים האָבן אַפילו געגלייבט, אַז דורך צירופים — מצרף־זיין איין אות מיטן אַנדערן — קען מען דערגרייכן אַ גאָר הויכע מדרגה פון רוחניות.

דער אור־פאָטער אונדזערער, אברם, אַז ער האָט אויף גאָטס באַפעל, אַריינגענומען נאָר איין הא אין זיין נאָמען, איז פון אים אַרויסגעקומען דאָס יידישע פאָלק. שרי, אַז זי איז, ווידער אויף גאָטס באַפעל, געוואָרן שרה — מיט אַ הא צום סוף — איז זי געוואָרן די מוטער פון דעם יידישן פאָלק. לאָמיר דערפאַר דרך־ארץ האָבן פאַרן יידישן אות, נישט מבייש

זיין עס מיט אומריינע ווערטער, און דער עיקר, נישט אַרויסזאָגן דער־מיט אומריינע געדאַנקען.

די צאָל זיבן

מיר זענען אַריינגעטראָטן אין זיבעטן צענדליק פונעם הײַנטיקן יאָר־הונדערט, איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער צאָל זיבן סיי אין אונדזער טראַדיציע און סיי אין דעם פאָלקלאָר אונדזערן. די קאָסמאָגאָניע אונדזערע דרייט זיך אַרום די צאָל זיבן: אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן די וועלט און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט. קומען אָבער אונדזערע מפרשים און זאָגן, אַז דער זיבעטער טאָג, שבת, איז אויך געווען אַ טייל פון בריאת העולם, און אפשר די סאַמע העכסטע מדרגה פון דעם באַשאַף. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס אינעם דאָזיקן טאָג האָט גאָט באַשאַפן דעם הייליקסטן טאָג — שבת.

גאָר וויכטיק איז דער געדאַנק, אַז רו איז אויך אַ טייל פון דעם באַשאַף. אָן דעם טאָג פון רו וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. דער זיבעטער טאָג איז דערפאַר דער דערהויבנסטער.

דריגגען מיר ווייטער אַריין אין דער טראַדיציע אונדזערער, זעען מיר, אַז די צאָל זיבן איז הייליק סיי אין דער העכסטער מדרגה פונעם לעבן און סיי, באַהיט זאָל מען זיין, פונעם טויט. ביי אַ חתונה ציען זיך די פריידיקע טעג זיבן טעג — די שבעת ימי המשתה. ווידער, ביי טרויער נאָך אַן אָוועקגעגאַנגענעם זיצט מען שבעה — ווידער זיבן טעג. אונטער דער חופה דרייען זיך די כלה מיט די עלטערן אירע זיבן מאָל אַרום דעם חתן און ביים חתונה מאָלצייט דאַרף מען מאַכן זיבן ברכות — די שבע ברכות.

אַז יהושע האָט געדאַרפט איינעמען יריחו, האָט אים גאָט געהייסן, אַז די יידן זאָלן זיך זיבן מאָל דרייען אַרום דער מויער פון דער באַ־פעסטיקטער שטאָט און בלאָזן שופר. מיט דער צאָל זיבן האָבן די בני ישראל איינגענומען די ערשטע באַפעסטיקטע שטאָט פון כנען.

אין אונדזער יידישן לשון איז זיבן גאָר געהויבן: זי האָט דעם זיבעטן חן. ער איז ממש אויפן זיבעטן הימל. ער האָט אים דערלאַנגט

אויף דער וואַגשאָל

אַ זעץ, אַז עס איז אים פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ. זאָלסט אויס־פאָרן זיבן מדינות וועסטו נישט געפינען אַזאַ אוצר.

אומעטיקע ווערטער

וואָס הייסט אומעט אין ווערטער? דער לייענער וועט אפשר מיט רעכט פרעגן: אַז אין ווערטער איז דאָ אומעט, איז דאָך אין זיי אויך דאָ פרייד? און פאַר וואָס נישט קיין ווילדע ווערטער? אַז איר גיט ווערטער אַ באַזונדערן קיום פאַר זיך אַליין, מיט די אייגנשאַפטן וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, נעמט דאָך קיין סוף נישט.

איז דער אמת, אַז עס נעמט טאַקע קיין סוף נישט. ווערטער זענען פאַר זיך אַליין אַ יש. זיי לעבן אין זייער אייגענעם זכות, און זיי האָבן אַ סך מאָל דעם גורל פון אַ בשר ודם. ווערטער לעבן אַדורך זייער יוגנט, זייער אויפבלי. ווערטער פאַרוועלקן און זיי גייען אַוועק אין זייער רו. די אייביקע רו פון ווערטער איז דאָס ווערטערבוך, וואָס שטעלט זיי אַ בכבודיקע מצבה.

ביי מיר זענען פאַרשריבן עטלעכע הונדערט ווערטער, וואָס אַז איר ווילט צו זיי צוקומען, וועט איר זיי דאַרפן זוכן אין אַ ווערטערבוך, — און אַמאָל קען זיך מאַכן, אַז אַפילו אין אַ ווערטערבוך וועט איר זיי אויך נישט געפינען. פאַר וואָס, וועט איר פרעגן? דערפאַר, ווייל זיי האָבן שוין אָפּגעדינט; זיי זענען געגאַנגען דעם אייביקן גאַנג, — מיט די מענטשן, די יידן, וואָס האָבן זיי גענוצט. און דאָ קומען מיר צום סאַמע עיקר: די ווערטער, וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן אינאיינעם מיט די יידן, וואָס האָבן זיי געוואַרעמט אין די הערצער זייערע.

דער טראַגיזם פון דעם יידישן וואָרט איז נישט נאָר, וואָס סע ווערט פאַרעלטערט, ווי ווערטער אין אַנדערע שפּראַכן, ביי אַנדערע פעלקער. ביי אונדז ווערט דאָס יידישע וואָרט ממש אומגעבראַכט, ווי דער יידי־שער מענטש. דאָס פוילישע יידנטום האָט פאַרמאָגט אַן אומגעהייער רייך יידיש לשון. איז נישט נאָר האָט דער נאַציזם געבראַכט דעם חורבן סיי אויף יידן און סיי אויף דעם יידישן לשון. אויך דאָס איצטיקע פוילן, דאָס

קאָמוניסטישע, האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום אומברענגען דאָס יידישע, פּאָלקישע וואָרט.

האָב איך אויבן געזאָגט, אַז ביי מיר זענען פאַרשריבן עטלעכע הונדערט ווערטער, וואָס אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז זיי זוכן אַ תיקון, ווי די נשמות ערטלאות, — די פאַרבלאָנדזשעטע נשמות. וועל איך פּרווון אויפלעבן אַ פּאָר ווערטער און, פאַרשטייט זיך, צו דער אייגענער צייט אויפלעבן די יידן, וואָס האָבן זיי געשאַפן, אָדער אַריינגעאָטעמט אין זיי אַ לעבעדיקן אָטעם.

נאָר אָנגעהויבן האָב איך מיט „אומעטיקע ווערטער". וועלן מיר קודם כל נעמען אַ מוסטער פון די ווערטער, וואָס פון זיי טראָגט זיך דער יידישער אומעט. נעמען מיר, למשל, דאָס איינפאַכע וואָרט „פּעי־טערס". עס איז אַן אומעטיק וואָרט. דער ייד האָט דאָס דאַזיקע וואָרט געהאַלטן אין אַ זיידן זעקעלע, כמעט אין זיין טלית־זעקעלע. ער האָט זיך מיט דעם וואָרט „פּעיטערס" נישט געוואָרפן; ער האָט עס געהאַלטן פאַר באַזונדערע, יום־טובדיקע געשעענישן.

אמת טאַקע, דאָס וואָרט נעמט זיך פונעם געוויינלעכן יידישן וואָרט „פאָטער". אָבער סע איז אַ גרויסער מהלך צווישן זיי. אַ פאָטער איז אי אַ טאַטע, אי דער אייבערשטער. מיטן פאָטער, אַפילו מיט דעם וואָס אין הימל, איז דער ייד היימיש און נאָענט. די „פּעיטערס" זענען אָבער די אבות פון חומש. און אַפילו אַז דער ייד איז היימיש מיט זיי, איז ער פאַרט ווייט פון זיי אין זיין מענטאַליטעט. ווייטער אַפילו, ווי פון דעם „פאָטער אין הימל".

אַז דער ייד האָט געזוכט אַ זכות ביים רבונו של עולם, האָט ער געבראַכט דעם יחוס זיינעם: די „פּעיטערס"...

אַ ספּירט

פּאָלג מיך אַ גאַנג פון „פּעיטערס" צו ספּירט". אָבער עס איז אַ טיפּישע שייכות. אַן אינערלעכע נאָענטקייט, דאָ צווישן זיי. דאָס פּשוטע וואָרט „ספּירט", איז דאָס שאַרפע געטראַנק, וואָס יידן האָבן זיך פאַר־קרימט, אַז זיי האָבן אַ זופּ געטאָן דערפון: „אַי־אַי־אַי, דאָס איז דער אמתער ספּירט. פּולע ניינציקער..."

נאָר אַ ייִנגל, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף קעפּל צום לערנען און ער איז געווען אויסגעבונדן מיט די „פּעיטערס", איז געווען אַ ספּירט. מיט ליבשאַפט האָבן ייִדן גערופן אַזאַ מין ייִנגל „ספּירט". געוויינלעך, איז דער „ספּירט" געווען אַ קאַפּעלע צעטראָגן. נאָר מען האָט אים מוחל געווען דאָס צעטראָגנקייט. ווארים ער איז דאָך געווען פול מיט תורהדיקע שפּיצלעך.

אַנגעדרינדזשעט

אַ טאָפּ איז אַנגעדרינדזשעט. אַז ווייבער האָבן געקויפט אין מאַרק אַ טאָפּ, אָדער צוויי, האָבן זיי פריער אויסגעפּרווט, צי די טעפּ זענען נישט אַנגעדרינדזשעט. אין ליטווישן ייִדיש, זאָגט מען, דאַכט זיך, אַז דער „טאָפּ איז אַנגעשפּאָלטן". מיר אָבער געפעלט בעסער „אַנגעדרינ־דזשעט", — עס איז בילדלעכער און גיט מער איבער דאָס צעשפּאָלטנ־קייט פון דעם טאָפּ.

אָבער נישט אַ טאָפּ אַליין, אַ מענטש איז אויך אַנגעדרינדזשעט אין אונדזער ייִדיש. אַ ייִד, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פאַרחושט און סע האָט זיך געקענט טרעפן, אַז ער זאָל נישט וויסן וואָס מיט אים טוט זיך, — אַזאַ ייִד איז געווען אַנגעדרינזשעט.

און טאַקע „פאַרחושט". ווער פון אונדז געברויכט נאָך דאָס דאָזיקע שיין־בילדלעכע וואָרט, וואָס האָט ממש כאַראַקטעריזירט אַ מענטשן, אים אָוועקגעשטעלט פאַר אונדז אַ לעבעדיקן? מיר געברויכן איצטער כּל־ערליי ווערטער איבערצוגעבן אָט דעם נשמהדיקן צושטאַנד ביי אַ מענטשן, אָבער צו דעם איין און איינציקן וואָרט פאַרחושט קומט עס נישט.

וואָס איז דערפון געדרונגען? אַז מיר וואָלטן געמעגט אַ זוך טאָן אין זיך: פרווון זיך דערמאָנען די האַרציקע ייִדישע ווערטער, וואָס אַ סך פון זיי זענען נעבעך, געוואָרן גרויסע יורדים.

ווענט

ווענט זענען נישט צו שטעלן אַ צאָם פאַרן מענטשן, נאָר צו עפענען פאַר אים ברייטקייטן און וויטקייטן. אַז איך זיץ אין צימער, ווו די

ווענט זעען ווייט פון מיר, פיל איך זיך דערדריקט. איבער נאָענטע ווענט קוק איך אַריבער. איבער ווייטע ווענט פאַרהאַלט זיך דער קוק מיינער אין אַן אומבאַשטימטן רוים.

אַז דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו קוקן ווייטער פון זיך, האָט ער זיך דערטראַכט צו ווענט. אָבער אינעם קוק צו דער ווייטקייט האָט דער מענטש אויך איינגעצוימט זיך אַליין. די ווייט איז געוואָרן זיין אייגענע. ער איז געוואָרן אינטים מיט איר אינעם ענגערן שטח צווישן ווענט. וואָס מער יחידיש דער מענטש איז געוואָרן, אַלץ נעענטער זענען אים געוואָרן די ווענט. די ווייט נעמט דער מענטש אַרום מיט אַ טיפערן אַריינקוק, אַז ער האָט פאַר זיך ווענט.

דער שטח צווישן ווענט גיט דעם מענטשן די איבערלעבונג פון אייגנקייט. אַז איך קוק אויף די ברייטע האָריזאָנטן, באַפאַלט מיך אַ סך מאָל אַ שרעק. עפּעס קען איך נישט דערשפּירן זיך אַליין אין דער אומבאַגרענעצטקייט. אַ געפיל פון קליינקייט באַוועלטיקט מיך. אַז דער קוק מיינער פאַרהאַלט זיך אויף אַ וועלדל, אַמאָל אויף אַ פּאַס בלויען הימל, אָדער אויף אַ באַרגשפּיץ, ווערט מיר די ווייט אינטים, אייגן — מיין ווייט.

דער מענטש וויל אַרויסגיין פון זיך צו דער ווייט. ער וויל, אַז די ווייט זאָל זיין פּערזענלעך זיינע. די אַבסטראַקטע ווייט וואַרעמט אים נישט אָן. דער געדאַנק קען פליען אין די הייכן, אַז ער גייט אַרויס פון דער נידער. דאָס געמיט איז דעם מענטשנס קליין פייערל, וואָס ברענט אין די טיפסטע ווענט פון זיין אייגנקייט. וואָס טיפער דאָס געמיט לייכט אין דעם מענטשן, אַלץ ווייטער זעט ער, אַלץ דורכדרינגלעכער זענען די גייסטיקע אויגן זיינע.

אַמאָל, אַז איך בין עלנט, נעמען מיך די ווענט אַרום ווי וואַרעמע הענט. אין דרויסן איז דער עלנט מיינער גרעסער. אין אַ טיף־אויסגעשטערנטער נאַכט אַז איך בין אַליין אין דרויסן, שטעל איך זיך אָפּ אויף איין שטערן, — ער איז מיין וואַנט; ער איז מיין לאָמפּ; ער צאַמט אָפּ דעם שטח פאַר מיר. צו אים רעד איך, ווי צו איין מענטשן.

יוני, 1971

ב

הונדערט יאָר מאָריס ראָזענפעלד

די דאַטע הונדערט יאָר מאָריס ראָזענפעלד איז, אַ חוץ דעם אָפּגעשלאָסענעם יאָרהונדערט פון אַ גרויסן יידישן פּאָעט, אויך דער יובילײ פון אַן עפּאָכע אין יידישן לעבן פון אַמעריקע און אפשר אויך אין פאַרנעם פונעם גאַנצן וועלט־יידנטום. די ראָזענפעלד־עפּאָכע איז געווען אַ שטורעמדיקע, אַ צעטומלטע, זי האָט געברויזט מיט אידייען, מיט אויפקום, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט זי פאַרמאָגט אין זיך אַ מין מוטנעקייט, ווי בכלל אַ שטורעמדיקער, אַלץ־מיטרייסנדיקער שטראָם. און מאָריס ראָזענפעלד איז געווען דער גרעסטער זינגער פון יענער עפּאָכע. ער האָט אויסגעזונגען אי איר פרומקייט, אי איר צעלאָזנקייט, אי איר איידלקייט, אי איר וווּלגאַרקייט. ער האָט זי אי אויסגעלייטערט אין זיין ליד, אי זי צעקלויצעט.

מאָריס ראָזענפעלדן האַלט מען פאַרן אַרבעטער־פּאָעט. איז עס אמת נאָר ביז אין אַ מאָס: ער איז געווען דער פּאָעט פונעם יידישן אַרבעטער אין יענער עפּאָכע, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין ליבשאַפט צו דער אַרבעט. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן אויפצוקומען, — נישט אין אַמעריקע, נאָר אין מזרח־אייראָפּע, — אַ פּאָעזיע פון אַרבעט, וואָס האָט די אַרבעט באַזונגען, נישט באַוויינט. ביאַליקס ליד „תחזקנה”, וואָס איז אַ געזאַנג צו דער יידישער אַרבעט אין ארץ ישראל, איז אין תוך מער אַרבעטער־פּאָעזיע, ווי מאָריס ראָזענפעלדס הונדערטער לידער, וואָס האָבן געקלאָגט אויפן גורל פון יידישע אַרבעטער און אויפן אייגענעם גורל, וואָס ער דאַרף נעבעך זיין אַן אַרבעטער. אוודאי איז ראָזענפעלדס ליד „מיין יינגעלע” אַ קלאַסיש ליד פאַר זיין אייגענער עפּאָכע. אָבער וואָס איז די אידייע פונעם ליד? אַ קליינבירגערלעכע, אַ פאַראַכטונג צו אַרבעט. זיין „טרערן־מיליאָנער” איז ווידער געוויין פון אַרבעט, נישט געזאַנג.

די עפּאָכע, וואָס אין איר האָט ער געלעבט און געשאַפן, האָט ראָזענפעלד פּאָעטיש אויסגעשעפּט. פּסיכאָלאָגיש איז ער נישט גע־שטאַנען העכער פון דער שאַפּ־אַרבעטער מאַסע. ער האָט זי אויסגע־דריקט, ער האָט אַרויסגעזונגען איר אידעאַל, וואָס איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישער, נאָר אַ קליין־באַלעבאַטישער. דער אַרבעטער פון יענער צייט, אַז ער איז באַגליקט געוואָרן און איז אַרויס פון שאַפּ, צו וואָס האָט ער זיך גענומען? צו אַ קענדי־סטאָרקע, אָדער אַ קליינער גראָסערי. אין זיי איז ער אויך געווען פאַרשקלאַפּט, געווען פאַרנומען פון פרי־פאַרטאָג ביז ווייט אין דער נאַכט. אָבער אויפן דאָזיקן גורל זיינעם האָט ער שוין נישט געקלאָגט, און דער פּאָעט זיינער, מאָריס ראָזענפעלד, האָט אים אין ליד נישט באַקלאָגט. דער קענדי־סטאָר באַלעבעסל, אָדער גראָסערימאַן, האָט זיך געפילט דערהויבן אין זיין איבערגאַנג פון שאַפּ אין אייגענעם באַלעבאַטישקייט און מאָריס ראָזענ־פעלד האָט פּסיכאָלאָגיש אָנגענומען דעם בייט.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין די שפּעטערע יאָרן, נאָך 1910, ווען די לאַגע פונעם יידישן אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן, די יוניאָנס האָבן אָנגעהויבן אויסצוקעמפן פאַר אים קירצערע אַרבעטס־שעהן און בעסערע שכירות, האָט מאָריס ראָזענפעלד אויפגעהערט צו שרייבן אַרבעטער־לידער. דער „אַרבעטער־פּאָעט" האָט נישט געהאָט אויף וואָס צו וויינען, ער האָט געפּרוווט רופן די אַרבעטער צו סטרייקן, צו קאַמף, אָבער דאָס ליד זיינס האָט שוין נישט פאַרמאָגט דעם כח, וואָס מיט עטלעכע יאָר פריער, בעת דער אַרבעטער איז געווען פאַר־קנעכט.

אוודאי גיב איך דאָ נישט קיין פולע אָפּשאַצונג פון מאָריס ראָזענ־פעלדס פּאָעזיע. בקיצור וויל איך נאָר זאָגן, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז מאָריס ראָזענפעלד געווען דער באַוויינער פונעם גלות, נאָר דאָ אין אַמעריקע האָט ער דאָס גלות־געוויין אַריבערגעטראָגן אויפן שאַפּ. דאָ איז דער יידישער אימיגראַנטישער גלות געווען דער שאַפּ. נעמען נעם איך עס פון זיינע גלות־לידער, ווי דאָס וווּנדערלעכע ליד זיינס „אויפן בוזעם פון ים". דער פּאַטאָס פונעם דאָזיקן ליד, דאָס אויפריכ־טיקע וויי־געשריי, דער פּאָעטישער שווונג, — אַלץ איז דאָ פּאָעטיש

העכער, ווי אַפילו אין די בעסטע שאַפּ־לידער זיינע, אַז מיר נעמען אַפּילו דאָס ריין־אַרבעטער ליד, „מיין יינגעלע״, איז עס אויך מער געשריי פון אַ גלות־יידן, ווי פון אַן אַרבעטער. מיר געפינען נישט אַזאַ געוויין ביי אַנדערע פעלקער. דער צובונד צום יינגעלע איז אַ דורכאויס יידישער.

ריין־לירישע און נאַטור־לידער

אַז ראָזענפעלד האָט געשריבן נאַציאָנאַלע לידער, האָב איך שוין פריער אָנגעוויזן. אין די נאַציאָנאַלע לידער זיינע איז ער מער פּאַטעטיש, דער פּאַטעטישער פּאַרנעם זייערער איז אַ העכערער. געשריבן די נאַציאָנאַלע לידער האָט ער אין אַן עפּאָכע, ווען יידישער נאַציאָנאַליזם איז געווען ממש טריפה. איז כאָטש ער איז געווען דער געקרוינטער אַרבעטער־פּאָעט און דעמאָלט האָט עס באַדייט סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, אַנטי־יידישקייט, האָט ער דאָך געשריבן נאַציאָנאַלע לידער, לידער איבער יידישע ימים טובים און גלות־געזאַנגען, ווי דאָס ליד זיינס „מיטן וואַנדערשטאָק אין האַנט״. מיט קיין צופּיל כאַראַקטער און מוט האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט, אָבער דאָס נאַציאָנאַלע געפיל האָט פּאַטעטיש גענומען די איבערהאַנט ביי אים.

אַ גרויסער שאָד איז, וואָס ראָזענפעלדס ריין־לירישע און נאַטור־לידער זענען צעוואָרפן, וואָס מען האָט זיי נישט אָפּגעקליבן, אַז מיר זאָלן זען ווי גרויס ער איז געווען אינעם ריינעם, נישט־טענדענציעזן ליד. ווי הויך ראָזענפעלד איז געווען אין די שאַפּ־לידער און אַפּילו אין די נאַציאָנאַלע לידער, אַזוי שטיל איז ער געווען אין לירישע לידער. די נאַטור־לידער זיינע האָבן פאַרמאָגט אַ מין פּרימיטיווקייט, זיי האָבן ממש געשמעקט מיט דער נאַטור.

צי ער אַליין האָט אָפּגעשאַצט די לידערדיקע לידער זיינע ווייס איך נישט. ער איז אַזוי געווען פאַרכאַפּט דערפון, וואָס זיינע שאַפּ־לידער האָבן אים אָנגעטאָן אַ קרוין, אַז די אמתע לידער זיינע האָט ער געשריבן מסתמא, אַז די שכינה האָט אויף אים גערוט און געהאַלטן האָט ער זיי פאַר פּאַטעטישע קאַפּריזן, נישט פאַרן עיקר אין זיין שאַפונג.

אפרים אויערבאַך

די טראַגעדיע „עלטערע יאָרן"

געשטאָרבן איז ראָזענפעלד אין עלטער פון 63 יאָר און דערקענט האָב איך אים אַרום אַכט יאָר פאַר זיין טויט. דאָס הייסט, אַז אַלט איז ער דעמאָלט געווען נישט מער ווי 55 יאָר, וואָס ביי שרייבער איז די עלטער די בלי־צייט אין זייער שעפערישקייט. ראָזענפעלד איז שוין אָבער געווען אויסגעשעפּט. ער איז געווען פאַרביטערט. ער איז געווען דער געפאַלענער פּאָעטישער קעניג.

דערמאָן איך זיך, ווי איין מאָל האָב איך אים געטראָפן אין קראָטאָנע פּאַרק. דער טאָג איז געווען אַ גאָלדיק־האַרבסטיקער, נאָר די בלעטער האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַלן. ער איז געגאַנגען מיטן שטעקן אין דער האַנט און געדאַכט האָט זיך, אַז ער טאַפּט מיט די אויגן דעם וועג. אַזויפיל צער איז געווען אין זיין גאַנג, אַזויפיל געפאַלנקייט און מידקייט.

מיר האָבן זיך געקענט שוין אַ היבשע פּאָר יאָר און איך האָב אים באַגריסט. ער האָט מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט מיך נישט דערקענט. ער האָט, ווייזט אויס, חושד געווען, אַז איך בין פון די „יונגע", וואָס האָבן, אין זייער געראַנגל פאַר אַ פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור, אים אַרונטערגעריסן, האָב איך אים געזאָגט זייער פריינטלעך: „אַז בלעטער ווערן רייף און גאָלדיק, הייבן זיי אָן צו פאַלן פון דיביימער"... צו וואָס איך האָב עס געזאָגט ווייס איך ביז היינט נישט, נאָר געזען האָב איך, ווי ער האָט אַ ציטער־געטאָן.

„יונגערמאַן", האָט ער געזאָגט, „איך גיי דאָ און זוך מיין אייגן גאָלד"... דערנאָך האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן שטעקל און זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע.

יונג איז ער אַרויפגעשטיגן אויפן טראָן פון דער ייִדישער פּאָעזיע. יונג איז ער פון דעם טראָן אַרונטער. איז ער אַ צענדליק יאָר אַרומגעגאַנגען איבער דער ייִדיש־וועלט אַ טראַגישער, כמעט אַ פאַרגעסענער.

יאַנואַר, 1962

אברהם ליעסין

אין דער ליטעראַטור קען געמאָלט זיין, אַז אַ שרייבער זאָל קינסטלעריש שטיין אויף אַ הויכער מדרגה, אָבער דער תוכן זיינער איז נישט פון יענעם קאַליבער, וואָס דו זאָלסט זיך קענען אָנשפּאַרן אויף אים „אין מינוטן שווערע פון דיין לעבן". עסטעטישע הנאה פון אַ ליד, אָדער דערציילונג, איז אוודאי גאָר פיין, אָבער וואָס איז שייך זיך אָנשפּאַרן, צי שטאַרקן מיט זיי, בין איך מסופק. איר זאָלט מיך פרעגן: וואָס מיינט זיך אָנשפּאַרן אויף אַ קינסטלעריש ווערק און, ווידער, וואָס דאַרף דאָס קינסטלערישע ווערק פאַרמאָגן, כדי מיר זאָלן זיך קענען דערמיט שטאַרקן אין די שווערע מינוטן פון אונדזער לעבן? — אַז איר זאָלט מיך פרעגן אָט די פשוטע און ביז גאָר לאָגישע שאלה, וועל איך אייך נישט האָבן וואָס צו ענטפערן. וואָרים דער אָנשפּאַר אין קונסט איז אַ ריין פערזענלעכע איבערלעבונג און איינער קען זיך אָנשפּאַרן אויף איין ווערק און דער אַנדערער — אויף אַן אַנדערן, גאָר לחלוטין קאַפּויערן ווערק. אָבער פאָרט איז ערגעץ דאָ אַ מאָס, וואָס מיר ווייסן נישט מיט וואָס מיר מעסטן זי, אָבער מיר שפּירן זי, מיר לעבן זי איבער.

אברהם ליעסין איז געווען די שרייבערישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אין אונדז אַרויסגערופן אי דרך־ארץ, אי באַוווּנדערונג, אי די איבערלעבונג פון אָנשפּאַר אויף אים. לייוויק איז געווען די גרעסטע פּאָעטישע דערשיינונג פונעם דור אונדזערן, אָבער נישט קיין אָנשפּאַר־פערזענלעכקייט, אינעם זין וואָס איך האָב געפּרוווט אָנצייכענען. כדי איר זאָלט מיך בעסער פאַרשטיין, וועל איך נעמען פאַר אַ ביישפּיל צוויי שרייבערס פון אונדזערע קלאַסיקערס: שלום עליכם און פּרץ. קינסטלעריש איז שלום עליכם אַריבערגעוואַקסן פּרצן פון סאַמע אָנהייב־אָן און איצטער, פופציק יאָר נאָך זיין טויט, האַלט ער נאָך אַלץ אין וואַקסן. אָבער פּרץ איז די שרייבערישע פערזענלעכקייט וואָס אויף

איר קענט איר זיך אָנשפּאַרן. אַ זאָג זיינער דערהייבט אייך, רעגט אייך אָן, רופט אַרויס אין אייך מחשבות. איבערדערציילן שלום עליכמען דאַרפט איר איבערדערציילן אַ גאַנצע מעשה. נאָכזאָגן פּרצן איז גענוג אַז איר זאָגט נאָך אַ פּסוק. דאָ איז נישט שייך ווער סע איז העכער, גרעסער, אָדער וויכטיקער. סע איז באַזונדערע דרכים, יעדער דרך פירט אויף אַן אַנדער סטעזשקע, כאָטש אין דעם גאַר ווייטן האָריזאָנט קומען זיך די סטעזשקעס צונויף און ווערן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט: די גרויסע יידישע ליטעראַטור.

ליעסין איז געווען אונדזער שכן אין משך פון אַ סך יאָרן. זאָגן אויף אים, אַז ער איז געווען אַ צוגעלאָזענער מענטש, איז נישט שייך. דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן גרויס לגבי די שכנים, — דעם באַגריף פון גרויסהאַלטעריי האָט מען אויף אים נישט געקענט אָנווענדן, וואָרים ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיט דער הויך־גייסטיקער וועלט זיינער, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט טראַכטן פון גרויסהאַלטעריי, אָדער קליינהאַלטעריי. פּשוט, ער איז געווען פון אַן אַנדער קאַליבער, ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ סביבה, וואָס ער אַליין האָט זי אויסגעפילט. אָבער די שכנהשאַפט האָט ער איבערגעלעבט און אַפילו ביי אַ סך געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן די צוגעבונדנקייט זיינע צו דער באַזונדערער אַטמאָספערע, וואָס דאָס הויז 808 עידי עוועניו האָט געשאַפן. למשל, צו אונטערנעמונגען אין קעלער איז ער כמעט אַלעמאָל געקומען. נישט פּינקטלעך צו דער צייט איז ער געקומען, אָבער אַז דער עולם איז שוין געווען פאַרטאָן אָדער אין די רעדעס אָדער אינעם היימישן קאָנצערטל, האָט זיך שטיל געעפנט די קאָרידאָר־טיר און דאָס קרעפּטיקע, ברייטפּלייציקע געשטאַלט ליעסינס האָט זיך אין איר אַריינגעשטעלט, מיט אַ מין אויסדרוק פון שולדיקייט אויפן בלייכן פּנים און אַ צעטראָגנקייט אין די אויגן. ער איז געווען פון דעם טיפּ, וואָס רופן רופט מען אים „דער פאַרשפּעטיקטער".

די לייטאַרטיקלען פאַר דער „צוקונפט", וואָס זענען נאָך ביזן הייניטיקן טאָג דער מוסטער פון גרויס־יידישער פּובליציסטיק, האָט ער געשריבן אַ דריי נעכט, איידער דער זשורנאַל האָט געדאַרפט אַרויסגיין. פון מיין פענצטער, אַקוראַט אַקעגן זיין דירה אויפן זעקסטן גאָרן אין

ווינקל פון עידי און מעטיוס, האָב איך אַ סך מאָל געזען ווי די פענצ־טער אין זיין צימער זענען העל באַלויכטן ביז ווייט אין דער נאַכט אַריין. געוווּסט האָב איך, אַז ליעסין זיצט איצטער על התורה ועל עבודה. געטראַכט האָב איך דאַמלסט, אַז ליעסין האָט געירשנט פון די דורות יידישקייט די מידה פון אָפּריכטן חצות. איר האָט ביי אים נישט גע־קענט דערגיין, צי דאָס שרייבן איז אים אָנגעקומען שווער אָדער לייכט. ער איז געווען דער שרייבער, וואָס אייביק האָט ער זיך געגרייט צו שרייבן. די שרייבערישע הכנות זענען ביי אים געווען אַ מין עבודה פאַר זיך אַליין. אוודאי, צייטן זענען געווען ווען ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום שרייבן מיט אַ פיבערדיקן ציטער. דאָס זענען אָבער געווען יוצא־מן־הכלל שטימונגען. געוויינטלעך האָט ער פריער דורכגעטראַכט די טעמע, נאָכגעקוקט און נאָכגעזוכט מקורים, און ערשט דערנאָך געשריבן.

רעדט זיך דאָ, פאַרשטייט זיך, פון דער פּובליציסטיק ליעסינס, נישט פון די לידער. די לידער האָט ער, דאַכט זיך מיר, אויך דורכגעטראַכט ביזן סוף, ממש ביז דער לעצטער שורה, אָבער גאָר אין אַ גרויסער מאָס איז ער אין זיי געפירט געוואָרן פון דער אינטואיציע, פון דער „שכינה", וואָס האָט אויף אים גערוט. נישט איין מאָל איז מיר אויס־געקומען מיט אים צו שמועסן מכח דעם אופן פון שרייבן לידער און ער האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט פון אַ דירעקטן און קלאָרן ענטפער וועגן דעם פּראָצעס פון שרייבן ביי אים. נאָר געזען האָב איך אים אַ סך מאָל הערן לידער און דערשפּירט אין אים אַ באַזונדערע דערהויבונג דערביי. געפירט האָט ער זיך, אַז ווען אַ פּאָעט האָט אים געבראַכט לידער פאַר דער „צוקונפט", האָט ער געבעטן די לידער אים פאַרצו־לייענען. ער אַליין, ליעסין, איז געשטאַנען ביי אַ ברעג פונעם ריזיקן טיש אינעם אויפנעם־צימער, ביידע הענט האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און יעדער אבר אין אים, האָט מען געזען, איז פאַרנומען מיט הערן. ער האָט נישט סתם געהערט, נאָר אַריינגענומען אין זיך דאָס ליד מיט אַלע זיינע חושים. אַ מין פאַרענדערונג איז פאָרגעקומען אין אים און אַזויווי מיר אַז אָט דער מין פאַרענדערונג כלל נישט פרעמד, האָב איך שוין געלערנט דערפון, וויאַזוי ער, לעסין, שרייבט אַ ליד. ער איז באַ־הערשט פון דער שטימונג, האָב איך געזען, און צו דער אייגענער צייט

האַלט דער אינטעלעקטועלער גייסט אין אים אַ קאָנטראָל איבער דער שטימונג, אַז זי זאָל אים צו ווייט נישט פאַרפירן.

אָבער נישט נאָר האָט ער געהערט די לידער, וואָס פּאָעטן האָבן אים געבראַכט פאַר דער „צוקונפט", אויך זיינע אייגענע לידער האָט ער געוואָלט הערן, ווי אַנדערע לייענען זיי פאַר אים. שרייבער, וואָס זענען אַמאָל אַריינגעקומען צו אים, האָבן שוין געוווּסט, אַז ער וועט זיי בעטן לייענען אין דער הייך די לידער זיינע, אַז ער זאָל הערן. אַז איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, האָב איך, דאַכט זיך, געפונען דאָס רעטעניש. ליעסינס לידער זענען ריטמיש און אפילו דער תוכן זייערער איז אויך אַ ריטמישער. דער אויער זיינער איז געווען אַ קלאַנגיק־פולער און, אַז ער האָט געהערט אַ ליד זיינס, האָט ער עס טיפער אַריינגענומען אין זיך, ווי אַז ער האָט עס געלייענט פונעם פּאַפּיר. פּאָעטן זענען דאָ, — אויב סע איז אַ סוד, בעט איך אים קיינעם נישט צו דערציילן, — יאָ, סע זענען דאָ פּאָעטן, וואָס זינגען אויס זייערע אייגענע לידער. אַז איר ווילט, איז עס אַ משוגעת, נאָר בכלל קענען מיר טראַכטן, אַז שרייבן לידער איז אַ מין משוגעת. וואָרעם וואָס פאַר אַ קלאָרער מענטש וועט אין די רייפע יאָרן זיינע זיך אָוועקזעצן און אויסמעסטן שורות אַקוראַט נאָך דער צאָל זילבן, נאָכן ריטם, און דערצו נאָך צוקלייבן גראַמען, — בוידעם צו לאָקשנברעט?

ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז דאָס יינגערע יידישע ליד האָט ווייט אָוועקגעשפּאַנט פאַר אים. ער האָט נישט געוואָלט זיין דער פּאָעט פון אַ פריערדיקן דור, וואָס אַלע האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ, אָבער שרייבן ווי ער שרייבט מען נישט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס נייע יידישע ליד איז אַ סך בייגעוודיקער, בילדלעכער און שפּראַכלעך רייכער. און וואָס מער אומזיכער ער האָט זיך געפילט, אַלץ מער האָט ער געוואָלט הערן אַנדערע לייענען זיינע לידער. ווי אַ מין ריטואַל איז עס געווען, אַז ווען איינער איז צו אים געקומען, זאָל ער אים געבן זיינע לידער צו לייענען אין דער הייך. ער אַליין האָט זיך איינגעהערט צום אייגענעם ליד, וואָס געהערט האָט ער עס שוין אוודאי צענדליקער מאָל, אַז איך האָב געקוקט אויף אים, בעת ער האָט זיינע לידער געהערט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער וויל זיך אַליין דערהערן און צו דער

אײגענער צייט כאַפּן אין יענעמס קול אַ פּאַרטשעפּ אויף אַ וואָרט, אויף אַ קלאַנג.

„וואָרט”, האָט ער דעם אַנדערן איבערגעריסן, „כ׳האָב עפּעס דער־כאַפּט. דאָ וועל איך דאַרפן אַ שלייף־טאָן...

אַז מיר לייענען די לידער ליעסינס, — די לידער פון יידישער גבורה און יידישן מאַרטירערטום, — פרעגן מיר זיך: וואָס איז ביי אים, דער פּאָעט, דער עיקר? דער תוכן, צי דאָס ליד? מיר האָבן גע־האַט פּאָעטן אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָס ביי זיי איז נישט דאָס ליד געווען דער עיקר. נאָר דער אינהאַלט, דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער ציטער, דער קאַמפּס־רוף, דער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. דאָס מיינט, אַז די אידייע איז ביי זיי געשטאַנען העכער פון דער קינסטלערישער פולקייט אינעם ליד. ליעסין איז געווען דער פּאָעט פון אידייען, אָבער ביי אים זענען די אידייען געווען וויזיעס, וואָס ער האָט זיי געזען אין חלום און אויף דער וואָר. דערפאַר האָט ער געשאַפן די האַרמאָניע פון ליד און אידייע.

אַז ליעסין זאָגט אין אַ ליד זיינעם פון דער יהודה המכבי סעריע:

און סע פאַלט דער גיבור מיט דער שווערד אין האַנט,
דאָך אין סוף, אין שוואַרץ־פאַרהאַנגענעם,
לויכט ערשט אויף זיין אַנהייב פאַרן פאָלק און לאַנד,
אין עקסטאַז אין אויפגעגאַנגענעם. —

האָט איר אַ טיפע אידייע אין די פיר שורות, אָבער צו דער אייגענער צייט זענען זיי פּאָעטיש־בילדלעכע. די צווייטע שורה אַליין, „אין סוף אין שוואַרץ־פאַרהאַנגענעם”, איז אַ בילד, וואָס איר זעט עס אַ סך טיפער, ווי סתם אַן אַנדער שורה.

ליעסין האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין די שפּעטע אַכציקער יאָרן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט. אַז ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אין 1897, איז ער שוין געווען אַ פאַרטיקער פּאָעט. ער האָט דאָ באַלד פאַר־נומען אַ פּאָזיציע אין דער דאַמאָלסטיקער אַרבעטער־פּרעסע און פאַר־שטייט זיך, אויך געדרוקט אין איר לידער. נאָר עטלעכע יאָר האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן פּאָעטיש צו שווייגן. האָט זיך אין אים פאַרשטאָפּט

דער פּאַטעטישער קוואַל? ווי פּסיכיש אויפצוקלערן דעם פּעריאָד פון שווייגן, ווייסן מיר נישט. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ער האָט דערשפּירט זיין צוריקגעשטאַנענקייט לגבי דער אויפגעבראַוזטער נייער יידישער פּאָעזיע. ער האָט געזוכט דעם צוריקקום צום ליד, אָבער מיט באַנייטן אויסדרוק, מיט פּאָרזיסיקייט פון דער יונגער פּאָעזיע.

אַז ער איז צוריקגעקומען, אַרויסגעקומען פונעם שווייגערישן אָפּצאָם איז אין זיין ליד געווען אַ שאָטן פון בייקייט, אָבער נישט דער פולער וואָרט־אויסדרוק, וואָס צו אים האָט ער זיך געריסן. דאָס ליד איז ביי אים נאָך אַלץ געווען טעמאַטיש דערטראַכט, אָבער נישט קינסטלעריש אויף די פליגלען, וואָס מיר שפּירן זיי אין גרויס־פּאַטעטישע לידער.

ביים לעבן האָט ער זיך אָנגעהערט זייער אַ סך שבחים, אָבער חושד בין איך, אַז ער אַליין האָט גאָר שטאַרק געספּקט אין זיי. אין 1936 איז אַרויס אַ נומער „צוקונפט" צו ליעסינס פערציק־יאָריקער שרייבערישן יובילײ. כאָטש אָפיציעל האָט דעם נומער רעדאַקטירט הלל ראָגאָף, האָט אָבער ליעסין אַליין מיך פאַרבעטן צו שרייבן דאָרטן אַן אַרטיקל. דאָרטן האָב איך אָנגעוויזן, אַז לעסינס לידער פון יידישן הערויזם זענען רוסיש אין ריטם און אין בוי פון דער שורה. געמאָנט האָב איך ביי אים יידישן ריטם. איז כאָטש ער האָט דאָס אַרטיקל מיינס געליינט אין כתב־יד, האָט ער געהאַט צו מיר טענות נישט פאַרן קריטישן אַנווייז, נאָר פאַר־וואָס איך האָב געשריבן נישט מער ווי פינף זייטלעך. ער האָט געוואָלט כאָטש נאָך פינף זייטלעך.

ברענג איך דעם דאָזיקן פאַקט, כדי צו ווייזן, ווי ער האָט געוואָלט, דורך מיר, אַרויסהערן זיין אייגענעם ספק. אפשר אויך די אייגענע אומ־צופרידנקייט מיט זיינע דערגרייכונגען.

ליעסין האָט קיין בוך לידער נישט אַרויסגעגעבן. ערשט אַ פּאָר יאָר פאַרן טויט האָט וואָלאָדקע אַרויסגעצוווּנגען אויף אים צונויפצושטעלן דריי בענד פון זיינע געזאַמלטע לידער. ליעסין האָט זיך אָבער אַזוי לאַנג מתעסק געווען מיט צוגרייטן די לידער, מיט שרייבן און איבער־שרייבן, ביז ער האָט נישט דערלעבט זיי צו זען אָפּגעדרוקט און איינ־געבונדן. אין די אָפטע שפּאַצירן מיט אים איבער די שטילע גאַסן פון דער געגנט אין בראָנקס, האָב איך אים נישט איין מאָל געפרעגט פאַרוואָס

ער פֿאַרשלעפּט אַזוי דאָס אַרויסגעבן די ביכער? האָט ער געענטפֿערט, אַז ער דאַרף נאָך עפּעס אָנשרייבן... אים האָט זיך געדאַכט אַז די לידער וואָס ער וועט איצטער אָנשרייבן, וועלן אים אַוועקשטעלן פּאָעטיש גאָר הויך.

וואָס איז דאָס דויערנדיקע, וואָס איז געבליבן פֿון ליעסינען? קודם, די פּערזענלעכקייט. שרייבער זענען דאָ, וואָס זייער פּערזענלעכקייט וואַקסט אַריבער זייער שרייבערישקייט. ליעסין האָט עס שאַרף געפֿילט. ער האָט אָבער אויך געפֿילט, אַז פּערזענלעכקייט איז נישט אַזוי דויערדיק, ווי שעפֿערישקייט. וואָס ווייסן מיר פֿון ישעיה הנביא? האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט. וואָס פֿאַר אַ פּערזענלעכקייט איז ער געווען? מיר ווייסן נאָר דעם „חזון ישעיה בן אמוץ״ און דאָס איז גרעסער פֿון אַלץ, וואָס ער איז געווען, אָדער געקענט זיין, פּערזענלעך. צו רייד איז עס געקומען, בעת מיר האָבן גערעדט פֿון אַ שרייבער, וואָס באַווירקט אייך מיט זיך אַליין, זיין פּערזענלעכקייט.

און ליעסין איז געווען אַ שרייבעריש געשטאַלט, וואָס איז זיך אַליין אַריבערגעוואַקסן. ער האָט שאַרף איבערגעלעבט דעם מהלך צווישן זיך און זיין פּאָעזיע. ער האָט אַ סך גערעדט פֿון זיינע לירישע לידער, נישט די לידער פֿון יידישן העראָיזם. אָבער נאָר עטלעכע לירישע לידער האָט ער אָנגעשריבן, וואָס זענען פֿון אַ קוואַליטעט, וואָס דערגרייכן צום גרויסן אָנזען, וואָס ער האָט געהאַט. אַ סך מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז דאָס טראַגישע פּערזענלעכע לעבן זיינס איז געווען אַ מחיצה צווישן אים און דעם ריינעם ליריזם. ער האָט מורא געהאַט צו שרייבן פּערזענ־לעך־לירישע לידער, אַז ער זאָל זיך צופֿיל נישט אַרויסגעבן, אַנטהילן. אפֿילו אַז ער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד „גליק זיך אָפּצוזאָגן פֿון גליק״, האָט ער זיך איינגעהילט אין עטלעכע שלייערן, אַז דער פּערזענלעכער טראַגיזם זאָל זיך צופֿיל נישט אַנטפּלעקן.

נאָך אַזויפֿיל יאָר, וואָס ער איז פֿון אונדז אַוועק, קענען מיר קוקן אויף זיין פּאָעטישער ירושה אָביעקטיוו. ער איז געווען דער נאַציאָנאַל און סאָציאַל סענסיטיוועסטער פּאָעט, וואָס דער פֿריערדיקער דור האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט זיין פּאָעטישע וויזיע געשטאַלטיקט, זי געפֿורעמט

אפרים אויערבאַך

אין דער ווייטער געשיכטע אונדזוערער. „געשטאַלטיקט" מיין איך אין דעם זין, וואָס ער האָט געמוזט האָבן אַ געשיכטלעך געשטאַלט פֿאַר זיינע גייסטיקע אויגן, כדי צו פֿורעמען אין וואָרט זיינע ווייט־געשיכטלעכע איבערלעבונגען. דער לידער רינג פֿון יהודה־המכבי, — פֿופֿצן לידער, — בלייבט מאָנומענטאַל אין דער ידישער פּאָעזיע. דאָס געשטאַלט ר' עקיבא איז נאָך ביז היינט פּאָעטיש פֿריש אין ליעסינס אויסגעפֿורעמקייט. אַזוי די לידער וועגן רוסלאַנד און צענדליקער אַנדערע געשטאַלט־פּאָעמעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן.

נאָר ער איז געווען דער געטרייער באַשרייבער, אַ סך מאָל באַזינגער, נישט דער פּאָעט, וואָס גיט אַ פּלי און נעמט דאָס געשטאַלט מיט זיך מיט אינעם פּלי זיינעם. אין אונדזער פּאָעטישן אוצר וועלן בלייבן ליעסינס טראַגיש־העראָישע געשטאַלטן. זיי וועלן זיין דער פּאָעטישער אלף־בית וואָס פֿירט אונדז אַריין אין די מער קאָמפּליצירט־אויסגעאיידלטע קאַמערן פֿון געשיכטלעכער געשטאַלטונג. אַן אוצר וואָס מיר וועלן נאָך לאַנג זיך שפּיגלען אין אים.

און איבער אַלץ — די שיינע ידישע פּערזענלעכקייט, די מלא־וגדשדיקע מיט ידישקייט.

מאַי, 1955

ביאַליק — דער מענטש און פּאָעט

מיך האָט פאַרכאַפּט ביאַליקס פּערזענליכקייט ווי זי האָט פאַר מיר אויפגעלויכטן אין די זכרונות וואָס זיין פרוי, מאַניאַ, האָט אָנגעשריבן און דער פאַרלאַג „דביר" האָט זיי אַרויסגעגעבן אין אַ ביכעלע פון קליינעם פאָרמאַט.

געשריבן האָט פרוי ביאַליק אירע זכרונות אין רוסיש, און איבער־געזעצט האָט מען זיי אויף העברעיש. געזאָגט וואָלט איך, אַז דאָס איז אַ פרום ביכל פון אַ יידישער טאָכטער, וואָס איז נזהר מיט אַ וואָרט, אַז עס זאָל, חלילה, נישט זיין אַ ביסל פאַרשייט.

איז מכוח דעם צוניפּטרעף אירן מיט ביאַליקן נישטאָ קיין באַזונדערע מאָמענטן, וואָס האָבן מיך פאַרכאַפּט. עס איז געווען אי די מייסטערשאַפט פון אַן אַלטמאָדישן שדכן, אי די ניי־מאָדישע ליבע, וואָס האָבן צונויפ־געפירט חיים נחמן ביאַליקן מיט דער האַלב־אויפגעקלערטער מאַניאַ אויערבאַך. וואָס איז דער עיקר אין די זכרונות אירע, איז דאָס, וואָס זי דערציילט פון די שפּעטערע יאָרן, ווען ביאַליק איז שוין געווען דער באַרימטער פּאָעט, שוין אַפילו נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַט אָנגעשריבן די „לידער פון צער און צאָרן".

די חבריה שרייבערס אין אַדעס, דערציילט פרוי ביאַליק, האָבן גע־לעבט צווישן זיך זייער נאָענט. אויב איינער פון זיי האָט געשריבן אַ שיר, אָדער אַ דערציילונג, צי גאָר אַ מאמר, האָט ער דעם חיבור זיינעם איבערגעלייענט פאַר די אַנדערע, און אַלע האָבן אויסגעהערט נישט נאָר „מיט קאָפּ", נאָר אויך מיט חסידישער התלהבות. דערנאָך האָט מען גערעדט דערפון, ווי פון אַ גרויס געשעעניש אין דער ליטעראַטור. דרך אגב, פרוי ביאַליק דערציילט, אַז אין יענע יאָרן האָבן אַלע אָדעסער שרייבערס גערעדט צווישן זיך יידיש, און עס איז גאָר נישט איינגעפאַלן עמיצן זיך צו שעמען מיטן יידישן וואָרט.

אין די ערשטע אָדעסער יאָרן האָט ביאַליק געעפנט אַ קוילן־סקלאַד און ער האָט אָנגעווירן די גאַנצע טויזנט רובל, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון לערעריי אין סאָסנאָוויץ. פּרוי ביאַליק זאָגט מיט אַ לייכטער איראָניע, אַז ער האָט געוואָלט איר אַליין און די פריינד שרייבערס איינרעדן, אַז על פּי טעות איז ער געוואָרן אַ שרייבער. — אין דער אמתן איז ער גאָר איינער פון די פעיקסטע סוחרים.

געווען איז ביאַליק אַ צעטראָגענער. איין מאָל, דערציילט זי, האָט ער געקלאַפּט מיט אַ העמערל אין עפּעס אַ זאַך און ער האָט דערפאַר נישט געקענט הערן וואָס ער רעדט. האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: „שווייג!" און ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער אַליין שטערט צו הערן. אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז דער, וואָס קלאַפּט, האָט ער זיך אויך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער. זייער אָפט האָבן זיך אים געחלומט חלומות, און ער האָט זיי געמוזט איבער־דערציילן. און דערציילט האָט ער פון שיינע, וווּנדערלעכע חלומות. זייער אָפט האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל קאַפּויער, און אַז מען האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם, האָט ער זיך פאַרשעמט. וואָרים געוואָלט האָט ער זיין אָנגעטאָן שיין און ריין, און אַפילו נאָך דער לעצטער מאָדע.

אינטערעסאַנט איז וואָס פרוי ביאַליק דערציילט, אַז ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרמעסטן אין ראַנגלעניש מיט די באַקאַנטע, און אַז ער האָט דעם אַנדערן אָוועקגעלייגט, האָט ער מיט טריאומף געזאָגט:

„כ'האָב דאָך געזאָגט, אַז מיט מיר טאָר מען זיך נישט אָנהייבן..."

דעם זעלביקן שטריך פון באַרימען זיך מיט פיזישער גבורה האָב איך געקענט ביי עטלעכע באַרימטע יידישע שרייבערס. איינער פון זיי איז געווען אברהם ליעסין. מסתמא איז דאָס אַ רעאַקציע פון גייסט־מענטשן, וואָס ווילן זיך אויסמאָלן, אַז זיי זענען געוואַלדיקע גיבורים.

איינע פון די שטאַרקסטע סצענעס באַמאָלט פרוי ביאַליק אין שייכות מיטן קעשענעווער פּאָגראָם. זשאַבאָטינסקי האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש ביאַליקס „אין דער שחיטה־שטאָט" און זי פאַרגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג. אין מיטן האָט מען אָנגעזאָגט דעם עולם, אַז די פּאָליציי קומט. פון פריער זענען געווען געגרייט טישן מיט כלערליי מאכלים, און דער עולם האָט זיך באַלד אויסגעזעצט ביי די טישן. איינער האָט אָנ־

געהויבן צו שפּילן פּיאַנע. אַנדערע האָבן געטאַנצט. די אויגן זענען נאָך פול געווען מיט טרערן פון ביאַליקס צער־ און צאָרן־לידער... אָבער פאַר דער פּאָליציי האָט מען געזונגען און געטאַנצט.

אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן אַן אָוונט פאַר יהודה שטיינבערג דערציילט פרוי ביאַליק. אין דעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט שלום עליכם, פרוג, אַש, און אַנדערע. דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפּילט. מען איז ממש געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. שלום עליכם האָט געלייענט זיין „גימנאַזיע” די אַנדערע האָבן געלייענט קורצע דערציילונגען זייערע. אַז עס איז געקומען צו מענדעלען, האָט ער געדאַרפט לייענען אַ קאַפּיטל פון זיינער אַ דערציילונג. אָבער ער האָט זיך פאַרגעסן און ער האָט געלייענט איבער דער מאָס. ער האָט געלייענט שטיל. די טויזנטער אין טעאַטער זענען געוואָרן אומרויק. לעווינסקי איז צוגעגאַנגען צו אים און אים געזאָגט, אַז ס'איז צייט צו ענדיקן. אָבער מענדעלע האָט ווייטער געלייענט. דער עולם איז פּשוט מיד געוואָרן, ביז ביאַליק איז צוגעגאַנגען צו מענדעלען און אים געזאָגט, אַז עס איז צייט זיך אָפּצושטעלן. פאַר ביאַליקן האָט ער דרך ארץ געהאַט, און ער האָט אים געפאָלגט.

דער פּאָעט פון חורבן־לידער, דער שאַפער פון גרויס־מיטאָלאָגישע תנ"כישע פּאָעמעס, ביאַליק, איז צו דער אייגענער צייט געווען אַ שטיפער. ער פלעגט נאָכמאַכן דעם קריי פון הענער, דאָס הירזשען פון פערד, דאָס בילן פון הינט, און אַפילו דאָס געזאַנג פון פייגל האָט ער נאָכגעמאַכט אַזוי נאַטירלעך, אַז קיינער האָט נישט געקענט דערקענען, צי אַ מענטש אימיטירט די בעלי חי, צי דאָס זענען די בעלי חי אַליין. אַז מענטשן אַרום האָבן זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ טוט זיך, איז ער נתפעל געוואָרן דערפון, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן אַ קאָזאַצקע. און ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען וואָס ער קען נישט טאַנצן ווי עס דאַרף צו זיין.

אין די יאָרן פון דעם אָנהייב פון באָלשעוויזם איז געווען אַ גרויסער דוחק אין אַלע פּראָדוקטן. די ביאַליקס זענען אַרומגעגאַנגען הונגעריקע. אין שטוב איז נישט געווען קיין קוילן צום הייצן און נישט קיין נאַפט אָנצוצינדן אַ לאָמפּ. פון עלעקטריע איז אָפּגערעדט, אַז עס איז נישט גע־

ווען. איין מאָל, אין אַן אינדערפרי, איז פרוי ביאַליק געשטאַנען אין דער קיך און חיים נחמן איז נאָך געלעגן אין בעט. וואָרים אַ גאַנצע נאַכט איז ער געהאַט געווען פאַרטאָן אין איבערזעצן „ווילהעלם טעל". פלוצלינג האָט ער זיך אין בעט צעשריגן:

„איך וויל פאָרן קיין ארץ ישראל!"

דראַמאַטיש איז דער עפּיזאָד ווי אַזוי די ביאַליקס זענען אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל. זי דערציילט, אַז איינער אַ באָלשעוויסטישער באַאַמטער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר ביאַליקן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אים דערלויבן אַרויסצופאָרן. זי רופט נישט אָן דעם נאָמען פון דעם באַאַמטן, און דאָס איז באמת אַ פאַרדראָס.

גראָד איז מיר דער דאָזיקער עפּיזאָד גוט באַקאַנט. ווער איז געווען דער באַאַמטער? מיינער אַ חבר, בן ציון דוכאָוונע, — עלטער פון מיר אויף אַ צען יאָר, אָבער אַ חבר אין משך פון יאָרן. דוכאָוונע איז אין אָדעס געווען דער פינאַנץ־מיניסטער. אָבער בשתיקה האָט ער געשריבן העברעישע דערציילונגען פאַר קינדער. ער האָט זיך משתדל געווען פאַר ביאַליקן. און איידער ביאַליק איז אַרויסגעפאָרן, האָט אים דוכאָוונע אַריינגערוקט אין קעשענע, אַז קיינער זאָל נישט זען, כתב ידן פון זיינע דערציילונגען.

יאַנואַר, 1971

די לירישע מענטש־דראַמע — לייוויק

קודם, אַ ביסל התנצלות: אין משך פון איבער 50 יאָר נאָנטשאַפט מיט לייוויקן זענען צווישן אונדז געווען קאָנפליקטן, — אידייאישע, פּאָעטישע, ריין־מענטשלעכע. נאָר אין די קאָנפליקטן איז אַלע מאָל געווען פאַרערונג פאַר אים, ליבשאַפט און אַ מין מורא. וואָס איז געווען די מורא? די באַצווינגערישקייט פון זיין פערזענלעכקייט. ווי נאָנט ער איז נישט געווען, איז ער דאָך געווען פרעמד. נישט די פרעמדקייט פון אַ מענטשן, וואָס האַלט זיך זייטיק, — פאַרקערט, לייוויק איז געווען אַ מעורב עם הבריות, ער האָט ליב געהאַט צו זיין צווישן מענטשן, ער איז אומעטום געגאַנגען, מיט אַלצדינג זיך אינטערעסירט. אָבער אין דער סאַמע אינטימסטער חברותא איז ער געווען אַליין. דאָס איז די אַליינקייט פון דער פערזענלעכקייט. אַמאָל האָב איך אים געזאָגט: כדי איר זאָלט זיין אַליין, דאַרפט איר זיין צווישן מענטשן. האָט ער מיר געפּרוווט אויפקלערן, אַז דאָס נעמט זיך אפשר נאָך פון דער טורמע, פון דער קאַטאָרגע, ווו דער מענטש איז מיט אַ סך, טיילט דעם גורל פון אַ סך, אָבער אין תוך איז ער אַליין. ווייס איך נישט, צי דאָס איז אינגאַנצן אַזוי. איך ווייס אָבער, אַז לייוויק איז געווען נאָענט און דאָך ווייט. אַז ער איז געווען אינאיינעם און דאָך אַליין. מיר האָבן אים פאַרשטאַנען און דאָך איז ער געבליבן פאַר אונדז אַ רעטעניש. מיר האָבן אים ליב געהאַט, נאָר צו דער אייגענער צייט איז געווען אַ מין מורא פאַר דער שאַרפקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

נאָר פערזענלעכקייט אַליין איז נישט דער סאַמע עיקר, וואָס האָט געווירקט אויף אונדז. דער סאַמע עיקר איז די שעפערישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אונדז אַי גערעגט, אַי אַפילו אַ סך מאָל געפּלעפט. קעגן לייוויקס ליד האָבן מיר זיך אַ סך מאָל געראַנגלט, ווי מיר ראַנגלען זיך קעגן אַ שטורמישן אָנפּליי. זיין ליד איז אונדז אָבער בייגעקומען,

האָט אונדז באַזינגט. אויף לייוויקן איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ גוט ליד, אַ פּאָעטיש-גרויס ליד. לייוויק האָט תמיד צוגעשריבן נאָך אַ ליד צום גאַנצן סכום, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז עס איז נישט שייך אויסצוטיילן ביי אים דאָס ליד, אָדער דאָס אַנדערע ליד. ער איז געווען דער פּאָעטישער אַרכיטעקט, וואָס האָט געבויט דעם שעפערישן בנין זיינעם אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער ציגל איז כמעט דער פונדאַמענט, וואָס דאָס גאַנצע געבוי האַלט זיך אויף אים. לייוויק איז דער פּאָעט פונעם גרויסן ליד, אָבער נאָך מער איז ער דער פּאָעט פונעם גאַנצן שעפערישן סכום זיינעם.

אָנגעוויזן האָב איך שוין, אַז סע איז אַ זעלטענע דערשיינונג אַזאַ האַרמאָניע צווישן דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט און די לידער זיינע, ווי לייוויק איז געווען. זיין געשטאַלט האָט אים אויסגעדריקט. דאָס קול זיינס איז געווען אי דער קלאַנג, אי דער אַראָמאַט פון זיין ליד. אין אַ ליד זיינעם שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמע. דאָס באַזונדערע וואָרט איז ביי אים דראַמאַטיש. אין אַ ליד זיינעם זאָגט ער:

פאַרוואָס אויסגעקליבן פאַר מוזע דעם עפּלבוים גראָד,
דערצו נאָך אַ דורותדיק-אַלטן, אויף עלנטן באָדן?
פאַרכישופט האָט מיך, ווי אַ געטלעכער סוד,
זיין שטיין אויסגעקרימט, איז דער פּראַכט פון זיין שפע געלאָדן.

איז כדאי זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין די דאָזיקע פיר שורות, כדי מיר זאָלן כאָטש אַ ביסל פּרוּוון פאַרשטיין לייוויקס ליד, — נישט דאָס אויבנאויפיקע אין ליד, נאָר דאָס טיף אינעווייניקסטע. דער היינטצייטיקער פּאָעט וועט מורא-האָבן זיך צוצורירן צום וואָרט „מוזע״, וואָס איז שוין ממש אָפּגעניצעוועט. ביי לייוויקן ווערט דאָס אָפּגעניצעוועטע וואָרט באַנייט. דאָס איז דערפאַר, וואָס באַלד גייט די צווייטע שורה: „דערצו נאָך אַ דורותדיק-אַלטן, אויף עלנטן באָדן״. די „מוזע״ וואָס היינטיקע פּאָעטן שעמען זיך ממש מיט איר, קריגט דאָ אַ תיקון, זי ווערט דער סימבאָל אי פאַר עלנטקייט, אי פאַר דורותדיקער אַלטקייט. דער קלימאַקס דערגרייכט די סטראָפע אין דער פערטער שורה, ווו דער פּאָעט זעט די אויסגעקרימטקייט פון בוים און צו דער אייגענער צייט זיין

באַלאַדנקייט מיט שפע. דער קאָנטראַסט פון אויסגעקרימטקייט, וואָס איז ווונדיקייט, און שפעדיקייט, איז די טיפע אינערלעכע דראַמע, וואָס וואַקסט־אַריבער דעם עפּלבוים. דאָס איז מענטש־דראַמע. דאָס איז דראַמע פונעם לעבן אויף דער וועלט. דער יידיש־פּאָעט טראָגט אַפילו אַריבער אָט דעם פערזענלעכן דראַמאַטישן צער אויף אַ סך אַ ברייטערן שטח: אויפן גורל פון יידישער שעפערישקייט. מיר זעענען אַנגעלאָדן מיט גייסטיקער שפע. אונדזער עפּלבוים איז פול מיט „געטלעכן סוד", אָבער צערדיק אויסגעקרימט און מיט וווּנדערשרעק זעען מיר, ווי ער קרימט זיך אויס אַלץ מערער און מערער. מיר שטייען מיט צימער פאַרן רעטעניש, ווי —

דער בוים נעמט אין בענקשאַפט העכער און העכער נאָך שטייגן,
אַ שפע פון עפּלשן זונגאָלד זיין קרוין באַדעקט,
און ברכהדיק זינקען־אַראָפּ ביז צום גראָז זיינע צווייגן.

אין פאָרעם איז דאָס אַ נאַטור־ליד, אָבער לייוויקס נאַטור איז זיין אייגענע, ער פילטר־אָן די נאַטור מיט זיין אייגענער איבערלעבונג, מיט דער אייגענער פערזענלעכקייט. דער עפּלבוים וואָלט זיך אַליין נישט דערקענט אין דעם לייוויקישן אויסקוק. און פאַרט איז אינעם ליד דאָ דער עפּלבוים־אַראָמאַט. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך לענגער אויפן דאָזיקן ליד, כדי צו פּרווון באַווייזן, ווי ביי לייוויקן איז דאָס ליד אַ דראַמע און אויך, ווי ער פאַרלייוויקט די נאַטור.

אַנגעהויבן האָט לייוויק מיט די סיבירער לידער. אין 1913 איז עס געווען. ער איז פון סיביר אַנטלאָפן. טויזנטער פאַר אים און נאָך אים זענען אַנטלאָפן פון דער צאַרישער קאַטאָרגע. ביי אים, אָבער, איז סיביר אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער מענטש־דראַמע. סע איז נישט סתם סיביר, נאָר דער מענטש־סיביר, סע איז „די זון, אַזוי מיד ווי מיר אַלע, פאַר־גייט". דער יחידישער טראַגיזם ווערט סימבאָל פון מענטש־טראַגיק.

אויף די וועגן סיבירער
קען עמיץ נאָך איצטער געפינען אַ קנעפּל, אַ שטריקל
פון מיינס אַ צעריסענעם שוך,
אַ רימענעם פּאַס, פון אַ ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון הייליקן בוך.

אין די פינף שורות איז דאָ דער אָנזאָג אויף לייוויקס ווייטערדיקער, רייפערער פּאָעזיע. אין זיי איז שוין דאָ דער אָנזאָג פון אָנפילן דאָס פשוטע וואָרט מיט אַ ווייטיק וואָס איז אַזוי ווייט, אַז דאָס וואָרט קומט צוריק מיט אַ ווידערקול. אין דער קאַלטער, ווייס־פאַרפרוירענער סיבי־רער ווינטערנאַכט הערט לייוויק אַ געוויין. פרעגט ער: וועמעס געוויין איז עס? סע איז קיינעמס נישט געוויין, — „וויינט דער ברייטער וועג אַליין". און שוין דאָרט מאָלט לייוויק, ווי ער שלעפּט דעם שליטן אין שניי און אים קומט אויס, —

אַזוי ווי איך אַליין
וואָלט ליגן טויט אין שליטן...

די שפּירונג פון אייגענעם טויט איז ביי לייוויקן אויפגעקומען גאָר פרי. אין צענדליקער לידער זיינע איז די דאָזיקע שפּירונג דאָ, — זי ווערט ביי אים אַ קאָנקרעטע זעאונג. לייוויק האָט איבער פופציק יאָר געזען לידער. בכיוון האָב איך געזאָגט געזען לידער, וואָרעם געצויגן האָט ער זיך דאָס גאַנצע פּאָעטישע לעבן זיינס לידער צו זען, נישט אַפילו צו הערן, אָדער צו טראַכטן. ער דערשפּירט דאָס ליד, אָבער די שפּירונג קומט צו אים דורך אַן אינערלעכער זעאונג, דורך אַ חזיון, וואָס פירט אַמאָל אַוועק אויף דער אַנדערער זייט פון ליד. לייוויק ציט אייך אַריין אין זיין אייגענער וועלט, וואָס איז אַמאָל אַן אַפּאָקאַליפּ־טישע, אַמאָל אַ קאָשמאַרע, אַמאָל אַ דראַמאַטישע, לויטער־מענטשלעכע. דאָס ליד זיינס איז דראַמאַטיזם פון וויזיע, טראַגישער צונויפשפּיל פון כוחות, וואָס האָבן אים אַליין אַריינגענומען אין זייער קלעם און וואָס ער זעט זיי אין דער שפּירונג, שפּירט זיי אין דער זעאונג.

אינעם בוך „לידער צום אייביקן" איז דאָ אַ ליד, וואָס לייוויק רופט עס „אויף יענער זייט פון זאַכן". די לעצטע סטראָפע פונעם ליד לייענט זיך:

דערזע איך ערשט, אַז אַלץ, וואָס הייסט געשעט,
איז ווייניקער נאָך יש פון שטויב אויף שליאַכן,
און ס'יאָמערט אויף אין מיר דער דיבוק פון פּאָעט
און כ'פאַל אַוועק אויף יענער זייט פון זאַכן.

וואָס איז „אויף יענער זייט פון זאַכן״? כדי זיך דורכצונעמען מיטן דאָזיקן בילד, דאַרפט איר נאָכגיין לייוויקס זעאונגען, איר דאַרפט זיי דערשפּירן. צי איר אַליין וועט האָבן דעם זעערישן כוח אַריינצוגיין אינעם תחום פון „אויף יענער זייט פון זאַכן״, בין איך מסופק, זיכער זענען מיר אָבער, אַז דעם פּאָעט ה. לייוויקן גלויבן מיר, אַז ער דערזעט די מיסטישע וועלט, וואָס איז איבער דער רעאַלקייט, אָדער ווייטער פון איר. איין ליד זיינס ענדיקט ער אַזוי:

אַלץ איז מיר איז וואַך
און כ׳דאַרף נישט קיין אויגן צו קוקן,
כ׳נעם דורך איעדער זאַך,
ווי כ׳וואָלט זען אפילו מיטן רוקן.

אַז איר זאָלט אָנווענדן די ריין־פּאָעטישע מאָס אויף דער שורה „ווי כ׳וואָלט זען אַפילו מיטן רוקן״, וואָלט זי די מאָס נישט אויסגעהאַלטן. זי איז אַפילו נישט צונויפגעזונגען ריטמיש מיט די פריערדיקע שורות, — און לייוויק איז שטאַרק נזהר געווען מיטן ריטם פון אַ שורה. אַקוראַט אַזוי איז די צווייטע שורה פון דער סטראָפע, „און כ׳דאַרף נישט קיין אויגן צו קוקן״, וואָרעם אַז „אַלץ אין מיר איז וואַך״, נעמט שוין די שורה אויך אַריין דאָס קוקן מיט אַן איבערלעכער וואַכיקייט. בפרט נאָך, אַז די דריטע שורה זאָגט שוין „כ׳נעם דורך איעדער זאַך״, וואָס איז אויך אַ מדרגה פון זעעודיקייט. ביי לייוויקן אָבער ווערן די שורות אַ טיף־דורכגעשפּירטע פּאָעטישע דראַמע, זיי זענען דער אויף יענער זייט פון ליידער, וואָס איז זיין אייגענע וועלט.

וואָס איז „אויף יענער זייט פון זאַכן?״ אַ זעעודיקייט, וואָס איר הייבט־אָן צו גלויבן, אַז סע זענען דאָ בשר ודמס, וואָס זענען מיט איר געבענטשט. לייוויק צווינגט אויף אייך אַרויף אַזאַ גלויבן. ער האָט דעם פּאָעטישן כוח אייך צו באַווירקן, אַז איר זאָלט צוקומען צום סאַמע ברעג פון זאַכן און פּרווון אַ קוק־טאָן אויפן טונקל־מיסטישן „יענער זייט״ זייערן.

איינס פון לייוויקס פול־קאָשמאַרע זעעודיקע ליד איז „דאָס נגלה־ליד״. אין די 24 שורות מאָלט־אויס דער פּאָעט אַ גרויליק בילד, וואָס איז פּאָעטיש דינאַמיש און סאַרקאַסטיש ביטער. ער זעט „דאָס

נגלהדיקע גליק", ווי דער עולם טאַנצט און זינגט „ס'לעבן איז אונדז זיס, אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן אונדזער שאָדן"... איר ווערט אינער־לעך אויפגעציטערט פונעם דאָזיקן פשוטן זאָג, וואָס טראָגט אייך אַוועק צום משוגעת פון אַ וועלט, וווּ דער „שאָדן" איז אַ גליק. נאָר צום סוף, אַז „אַלע שליאַכן מיט הילולא־ווײַן פאַרגיסט ער", און אַז „דאָס נגלה־גליק צעטראָטן ליגט אונטער די פיס", געשעט דאָס אומדערוואַרטע „און — דעמאָלט גייט עס אויף צוריק אין מזל נסתר". אוודאי קען מען דאָס ליד אויסטייטשן, אַריינלייגן אין דעם כלערליי פּאָעטישע כוונות און מיינען, אָבער סע איז דאָ אַ קלאָרקייט, וואָס פאַרטונקלט די לוי־טערקייט פונעם ליד און ווידער איז דאָ אַ טונקלקייט, וואָס דערהייבט דאָס ליד צו אַ העכער מדרגה לויטערקייט. וואָס מער מיר וועלן טייטשן אַזאַ ליד, ווי „דאָס נגלה־ליד", אַלץ פאַרפּלאָנטערטער און טונקעלער וועט עס אונדז ווערן. וואָס מער, אָבער, מיר וועלן דורכגענומען ווערן מיטן טונקעלן דראַמאַטיזם פונעם ליד, אַלץ לויטערער וועט עס פאַר אונדז ווערן. דאָס איז ווידער דער אומבאַגרייפלעכער אויף יענער זייט פון לידער, וואָס איר באַגרייפט אים מיט אַנדערע חושים, ווי מיטן שכל, אָעד געדאַנק, — איר דערזעעט אים, איר דערשפּירט אים.

דער פּאָעט זאָגט אויף זיך אַליין, — אינעם ליד „אוּנטפּלאָם", — אַז:

איך האָב צעבונדן אַלע בונדן,
איך האָב מיין וואָרט פון צוים באַפרייט...

באַפרייען דאָס וואָרט פון צוים איז דאָ אָנגעווענדט אינעם באַזונ־דערן לייוויקישן זין, וואָרעם דאָס פּאָעטישע שליחות איז גאָר צו האַלטן דאָס וואָרט אין צוים. לייוויקס זין איז — באַפרייען דאָס וואָרט פונעם פשוטן מיין זיינעם, אָנפילן דאָס וואָרט מיט אַ „יענער זייט פון וואָרט". אַז איר נעמט די לעצטע סטראָפע פונעם דאָזיקן ליד, זעט איר ווי דער פּאָעט שאַפט פאַר אייך אַ בילד, וואָס איז דורכאויס לייוויקיש, וואָס אָטעמט מיט זיין אייגענער לופט, לעבט אין פּאָעטס אייגענער ספערע פון זעאונג און שפּירונג:

די נאַכט צעעפנט אירע לונגען
און שלינגט דעם מולדס ווייסן שויס,

און כ'וועל איך איר אַריינגעשלונגען
צוזאַמען מיט דעם האָרץ פון בוים.

דאָס איז, דאַכט זיך, אַן אַבסטראַקציע, וואָרעם געוויינטלעך טראַכט איר נישט, אַז די נאַכט האָט לונגען און, וואָס איז שייך דעם מולד, איז ער אַ דינער האָרן און פלייצט נישט אַריבער מיט שוים, ווי די פולע לבנה. און ווידער, איר מאָלט זיך אויס, ווי די נאַכט שלינגט־איין דעם גאַנצן בוים אָבער „דאָס האָרץ פון בוים" זעט איר נישט. לייוויק זעט אָבער דעם „אויף יענער זייט פון זאַכן" און די פשוטע ווערטער, וואָס מיט זיי גיט ער איבער די זעאונג זיינע, זענען אָנגעלאָדן מיט אַן אומבאַגרייפלעכער אינטענסיווקייט, וואָס צווינגט אייך צו זען דאָס נישט־געזעענע. אין ר' נחמן בראַצלאַווערס „מעשה בה"ז בעטלערס" זאָגט דער בלינדער בעטלער, אַז מיט די בלינדע אויגן זעט ער אַ סך ווייטער, ווי אַנדערע מיט אָפענע אויגן, — ער נעמט־דורך די וועלט פון איין עק ביזן אַנדערן מיט זיין אינערלעכן קוק. לייוויקן, צו זיינע אָפענע אויגן, זענען נאָך געגעבן די בלינדע אויגן פון ר' נחמנס בעטלער.

אינעם ליד „אין אָפשלוס פון קרייז" בעט דער פּאָעט ביי גאָט, אַז ער זאָל אים ברענגען „צום אָרט פון מיין וויגל", ווו ער זאָל אָפשליסן דעם קרייז פון זיין לעבן. ער זעט דעם „שטח פון מיינע טריט" ווי ער איז שיין, אָבער ער זעט אויך, ווי דער שאָטן וואָס גייט מיט אים מיט, „ווערט נאָך שענער" די זעאונג פונעם אייגענעם שאָטן איז אַ פּאָעטיש־געוויינלעכע, אָבער ביי לייוויקן איז זי אַ קאָנקרעטע, אַ ממשותדיקע. זי איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ שפּירעוודיקע און דערפאַר קענט איר באַגרייפן, ווי דער שאָטן זיינער ווערט נאָך שענער ביים „אָפשליסן ענדלעך מיין עיגול". איר הייבט־אָן צו טראַכטן, אַז דער פּאָעט האָט דעם שאָטן זיינעם אַריינגענומען אינעם עיגול פון זיין לעבן, אַז ער האָט תמיד געשפּירט און ממשותדיק געזען, ווי מיט אים גייט מיט דער שאָטן, וואָס איז יענע זייט פון זאַכן, יענע זייט פון וואָרט, יענע זייט פון לידער. און, אַז לייוויק זאָגט אין אַן אַנדער ליד, אַז אַן „אויסטערליש צעוואַקסענע לבנה קוקט אין פענצטער און רייצט מיך מיט אַ טאָפּל־בליק" און דערנאָך הערט ער „אַ טאָפּל־קול", שפּירט איר ווידער, ווי זיין זעעוודיקייט איז איבערן געוויינטלעכן תחום

און זיין הערונג איז פול מיטן „טאָפּל־קול״.
אַמאָל פאַלט ער אַריין אין פּאַטעטישן ספק און —

...סיי בייטאָג, סיי בייטאָג
בעטל איך אויס די מתנה, וואָס רופט זיך געזאַנג...

איר ווייסט אָבער, אַז דער ספק איז לייוויקס אומגעזעטיקטקייט מיטן „חסד פון קלאַנג״, אַז וויפל דער חסד קומט נישט צו אים, בלייבט ער נאָך דאָרשטיק אים צו טרינקען אָן אויפהער. לייוויק איז דער פּאָעט, וואָס אָפּט נעמט ער דורכאויסיקן סימבאָל און פאַרוואַנדלט אים אין ווירקלעכקייט. דאָס שליחות פון פּאָעזיע איז צו פאַרוואַנדלען ווירקלעכקייט אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל זיך אַליין אַריבערוואַקסן און ווערן סימבאָל. ביי לייוויקן איז דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער, — ער אָפּערירט מיט סימבאָלן, אָבער אין זיינע פּאָעטישע פינגער ווערן זיי אויסגעקנאָטן אין אַ ווירקלעכקייט, וואָס כאָטש איר באַגרייפט זיי נישט, שפּירט איר זיי אָבער. ער איז דער פּאָעט, וואָס „אין פרישער אויפגעעפנטקייט פון אַלטע ווערטער״ קוקט ער אַריין „מיט צוטרוי אַ באַנייטער״. דאָס בילד פון וואָרט, ווי לייוויק זעט עס איז אַזוי קלאָר, אַז ביי אים ווערט עס אַ „פרישע אויפגעעפנטקייט״, — אַן אומגעוויינטלעך פּאָעטיש בילד, וואָס טראָגט אייך אַוועק ערגעץ אויף דער יענער זייט פון לידער.

דער גרויסער צענטראַלער מאָטיוו פון לייוויקס שאַפונגען איז געווען די דראַמע פון מענטשלעכע יסורים, וואָס אין זיך אַליין זענען זיי דראַמאַטיש, אָבער ביי אים ווערן זיי פאַרשאַרפט דערפון, וואָס אַלעמאָל איז דאָ דער אַנדערער, וואָס ברענגט די יסורים. אָבער דאָס וואָלט נאָך אַליין נישט געווען באַזונדער לייוויקיש, — ער נעמט־אַריין אין די מענטש־יסורים אויך דעם, וואָס איז דער שולדיקער אין זיי. נישט דער קרבן אַליין איז אַ קרבן, נאָר אויך דער קרבן־ברענגער. קענען מיר נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַן אידייע, אָדער אַ פילאָסאָפישער געדאַנק, וואָס לייוויק האָט געבראַכט. סע איז דער פּאָעטישער געדאַנק, וואָס פאָרמולירט זיך נישט, ראַמט זיך נישט איין אין אַ סיסטעם, ווערט נישט קיין אָפּגעגרענעצטער גאַנג. סע איז איבערלעבונג, סע איז וויזיע, דער מענטש־קאָמפּלעקס איז עס, — דער מענטש־קאָמפּלעקס נוסח לייוויק.

אָבער דער פּאָעט, וואָס דער געדאַנק וואַקסט ביי אים אַרויס פון דער אינטואיציע, קען זיך אַמאָל סותר־זיין און אין דער סתירה איז ער נאָך מער קאָמפּליצירט. לייוויק, וואָס זאָגט אויף זיך, אַז ער האָט געזען דאָס געשמיסענע לייב, ווערט אין אַנדערע שטימונגען זיינע דער באַזינגער פונעם מענטשלעכן גוף, פון פרויען־שיינקייט, פון דעם ריטעם אינעם מענטשלעכן גוף. איז אין דעם דאָ סתירה? אַז מיר זאָלן נעמען די קאָמפּליצירטע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט מעכאַניש, זעען מיר סתירה אין דעם. אַז מיר נעמען זי אָבער, די פּערזענלעכקייט, אין איר פלאַנ־טער, איז כלל קיין סתירה נישטאָ. אלה ואלה דברי שירה חיים, — בײדע זענען דאָס געזאַנג פון פּאָעטס איבערלעבונגען.

דעם מאָטיוו פון יסורים געפינען מיר ביי לייוויקן אין פּאַטאַליס־טישן זין און, ווי איך האָב פריער אָנגעוויזן, אינעם זין פון מענטש־צו־מענטש יסורים. די פּאַטאַליסטישע יסורים דריקט לייוויק אויס אין דעם עקידה־מאָטיוו און אין דער איוב־דראַמע. די עקידה איז ביי לייוויקן אַ מין אייביקער נשמה־פּלאָנטער. נישט יצחק איז דער גרויסער טראַ־גיזם אין דער עקידה, נאָר דער ווידער, וואָס ער האָט געדאַרפט זיין דער קרבן פאַר יצחקן. ניין, לייוויק איז נישט געווען קיין וועגעטאַ־ריער. זיין געשריי פאַרן צער פונעם ווידער, וואָס איז אונטערגעקומען אברהמען, נאָכדעם ווי דער מלאך האָט אָפּגעהאַלטן זיין האַנט פון צו שעכטן יצחקן, — דער צער זיינער איז, וואָס דער ווידער איז געוואָרן דער סימבאָל פון פאַרבייט־קרבן. ער האָט אַפילו נישט זוכה־געווען צו זיין אַן אייגענער קרבן, נאָר צו פאַרבייטן דעם יצחק־קרבן. דער קרבן האָט דערפאַר נישט קיין זין, ער קויפט גאָרנישט אויס, ער דער־לייזט נישט. איז אין דעם דאָ אַן אידייע? ניין, עפּעס העכערס פון אידייע איז אין דעם דאָ, — אַ גרויס־פּאָעטישע אַנטפּלעקונג, וואָס פּילט אונדז אָן מיט ציטער, וואָס עפנט פאַר אונדז אויף די וויזיע פון דער קרבנדיקער שטומקייט.

איוב, ווידער, איז די דראַמע פונעם מענטש־גורל. נישט דער אַנ־דערער מענטש ברענגט די יסורים אויף איובן, גאָט ברענגט זיי. די קריג איז דאָ קעגן דעם מענטשנס גורל, — אייביקע קריג, וואָס קיין אויסגאַנג איז פון איר נישטאָ. ווי קען זיך דער מענטש ראַנגלען קעגן

דער באַשערטקייט? די דראַמע „אין די טעג פון איוב" האָט לייוויק געשריבן שוין גאָר ביים סוף פון זיינע שפּעטערישע יאָרן. ער האָט אין איר צונויפגענומען אַלע יסורים פון דער וועלט, זינט דעם אָנהייב אירן. עפּעס קומט אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט מאַכן אַ סך־הכל פון אַלע זיינע לייט־מאָטיוון, זיי דערפירן צום אַפּאָטעאָז, מיטן געדאַנק אפשר, זיך פון זיי צו באַפרייען. צי אפשר האָט לייוויק פאָראויסגעפילט, אַז אדיף אים לויערט דער טראַגישער סוף און מיט דער פּאָעטישער אינ־טואיציע האָט ער געפרווט ברענגען אַ סדר אין זיינע לייד־מאָטיוון? וואָס מיר זאָלן נישט זאָגן און טראַכטן, וועט עס זיין ספּעקולאַטיוו. מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז דאָס בוך לידער זיינס, „לידער צום אייביקן", וואָס איז געשריבן נאָך דער איוב־דראַמע, איז אַ באַפרייערישס. אינעם דאָזיקן בוך זענען דאָ לידער, וואָס דערנענטערן לייוויקן צו דער אייי־ביקער גאָט־מיסטעריע. לידער זענען דאָרטן דאָ, וואָס אָטעמען מיט דער יידישער פאָלקס־באַפרייאונג. אוודאי, לייוויקס מאָטיוון פון פרייד זענען באַהויכט מיט טרויער, אָבער זיי זענען פאָרט אַנדערש אין דעם לעצטן לידערבוך זיינעם, ווי ער וואָלט זיך באמת באַפרייט פון די יסורים־מאָטיוון נאָך דער איוב־דראַמע, וואָס האָט פאַר־סך־הכלט זיינע אַלע מאָטיוון דורך צענדליקער יאָרן.

לייוויק דער דראַמאַטיקער האָט אַ צווייטן צענטראַלן מאָטיוו אין זיינע לידער: טאַטע־זון געראַנגל. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער דעם דאָזיקן מאָטיוו דערשפּירט. פאַרוואָס איז ער צו אים געקומען כמעט שוין אויפן פערטן יאָר־צענדליק פון זיין לעבן? מיר דאַכט זיך, אַז אין אים איז געווען אַ פּסיכישער אָפּהאַלט, ער האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז צורירן זיך צו אַ דראַמע פון אַזאַ פאַרנעם דאַרף דער פּאָעט זיין פול אויסגערייפט. אפשר האָט ער די דראַמע דערשפּירט, ווען ער אַליין איז שוין געווען אַ טאַטע פון דערוואַקסענע זין? איז נישט אונ־דזער עובדה דאָס דאָזיקע רעטעניש צו לייזן, מיר וועלן אפשר אַמאָל געפינען אַן ענטפער אין לייוויקס אַרכיוו.

דער טאַטע־זון־מאָטיוו ביי לייוויקן איז, דאַכט זיך, איינציק אין אונדזער פּאָעזיע. אין דער פּראָזע איז דאָ אַ קלאַסיש ווערק ווייסנ־בערגס, „דער טאַטע און די בנים". דאָס איז אָבער שטייגעריש־רעאַ־

ליסטיש און דערגייט נישט צו לייוויקס פּאָעטישן רעאַליסטישן סימ־באָליזם. צווישן לייוויקן און זיין טאַטן איז נישט געווען קיין בולטער קאָנפליקט. לכל הפּחות ווייסן מיר נישט דערפון. דער קאָנפליקט איז גאָר באַזירט אויף דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט צום טאַטן. דער קאָנפליקט איז אויך איבערן אומגליקלעכן לעבן, וואָס די גאַנצע משפּחה האָט געלעבט. לייוויק האָט זיך אָנגענומען, פּאָעטיש, פאַר דער האַרעפּאַשנער מאַמען. און אפשר איז עס גאָר דער קאָנפליקט צווישן צוויי שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, ווארעם דער טאַטע, ווי לייוויק מאָלט אים, איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך נישט גע־וואָלט בויגן פאַר דער ביטערער דאָליע זיינער.

דער גאולה־מאָטיוו ביי לייוויקן, — איבער אים האָט מען אַ סך גע־שריבן, אַ סך פּירושים אויף אים געמאַכט. אַמאָל טראַכט איך, אַז צום דאָזיקן מאָטיוו אין לייוויקס שאַפונגען טאָר מען זיך שוין נישט צורירן, ווארעם מיט די איבערגעטריבענע פּירושים האָט מען אָפּגעריבן דעם פרישן גלאַנץ פון אים, נאָר מיך לאָקט ער פאָרט, דערפאַר וואָס איך זע אין אים, — אינעם גאולה־מאָטיוו, — לייוויקס דראַמאַטישן געראַנגל פאַר יחידישן אויסלייז. איך יענע ווערק, — די דראַמאַטיש־פּאָעטישע, — ווו לייוויק דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון לירישער עכטקייט, נישט פון טעמאַטישער פולקייט, איז דער גאולה־מאָטיוו אַ מין אָפּצווייג פון די לירישע לידער זיינע. לייוויק ראַנגלט זיך פאַר מענטש־דערליי־זונג, אָבער דער סאַמע עיקר ביי אים איז די אייגענע דערלייזונג. דאָ, אין די גאולה־דראַמעס, איז דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער, ווי אין די לידער. בעת אין די לירישע לידער קומט ער פון ריין־יחידישע אי־בערלעבונגען צו מענטש און וועלט־דראַמע, קומט ער אין די גאולה־דראַמעס פון מענטש און וועלט צו זיך, צום אייגענעם געראַנגל פאַר אויסלייז. און דאָ, ווידער, איז ביי לייוויקן נישטאָ קיין פאָרמולע פאַר גאולה. גלויבט ער אינעם אחרית הימים? דערגאַנגען איז ער נאָר צום ערב־אויסלייז, — צו דער גאולה־קאָמעדיע. צום אחרית הימים אַליין איז ער נישט דערגאַנגען. דאָס קרוינווערק זיינס, „דער גולם", דאַרף זיין, ווי עס איז אָנגענומען, אַ משיח־וויזיע, אָבער די דראַמע איז נישט דער מהר"ל, נאָר דער גולם. אמת, דער דראַמאַטיזם פונעם מהר"ל,

וואָס האָט מיט די אייגענע הענט געשאַפן דעם דערלייזער און מיט די אייגענע הענט אים געדאַרפט אומברענגען, — אָט די דראַמע איז שטאַרק. טיף איז אָבער די דראַמע פונעם גולם אַליין, וואָס רייסט זיך צו מענטשישקייט, וואָס פּרוווט זיך צו דערהייבן צו די פּשוטסטע מענטש־חושים און קומט דערפאַר אום, — אָט־די דראַמע איז אַ סך גרעסער, אַ סך שטאַרקער. איז וואָס לערנען מיר דערפון? אַז אַפילו „דער גולם" איז מער יחידישע דראַמע, ווי גאולהדיקע. מער לייוויקיש־ליריש, ווי פּראָבלעמאַטיש־טעמאַטיש.

אָבער אויך אין לייוויקס לידער איז דאָ דער גאולה־מאָטיוו. אַ חוץ אין די דראַמעס איז אין לייוויקן שטענדיק געווען די איבערלעבונג, אַז ערגעץ ווו איז דאָ אַן אויסלייז און, אַז סיי דער יחיד און סיי דער וועלט־כלל ראַנגלט זיך פאַרן אויסלייז. פּאָעטיש אָבער איז ביי אים דער עיקר דער אינערלעכער אויסלייז, די מענטש־דערהויבנקייט אין זיך אַליין. אין אַ סך לידער רעדט לייוויק פון דער אייגענער גאולה, ער גלויבט, אַז —

איך טראָג אויף די ליפּן ווערטער,
וואָס זענען פאַרטרויט מיר געוואָרן,
איך בין דער שליח פון ווערטער,
וואָס ליבשאַפט און פרייד,
געמישט מיט טרויער און לייד,
האָבן הײנט אין באַגינען געבוירן.

נאָך גרונט־מאָטיוון זענען דאָ אין לייוויקס לידער, ווי דער דער־נידעריקטער מענטש, די טראַגישע ליבשאַפט, דער העלאַיז און אבע־ליאַר־מאָטיוו. אָבער נישט אַלע מאָטיוון לייוויקס רייכן פּאָעטישן ברו־נעם וועל איך אויסשעפּן. ער איז געווען די גרויסע פּאָעטישע פּערזענ־לעכקייט, וואָס האָט דעם מענטשן געזען ווי אַ גרויסע דראַמע. און זיך אַליין האָט ער געשפּירט ווי די טראַגישסטע דראַמע.

ה. לייוויק — צום זעקסטן יאָרצייט

קיין איין פּאָעט ביי אונדז האָט, דאַכט זיך מיר, נישט אַזוי פיל געשעפּט פון דעם אייגענעם לעבנס־ברונעם, ווי לייוויק, און דאָך איז ער געבליבן פאַר אונדז אַ פאַרהוילענער. אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן האָט לייוויק געפּרוווט אָנשרייבן אַ סאָנעטן־רינג, וואָס איז געווען אַ מין פּאָעטיש איבערדערציילן זיך, די יונגע יאָרן זיינע, די שטוב, וואָס אין איר איז ער געוואָקסן. איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אָנגעשריבן האָט ער נישט מער ווי צוועלף סאָנעטן, אַלע פופצן סאָנעטן, וואָס אַזאַ לידער־פאָרעם דאַרף פאַרמאָגן, האָט ער נישט דערשריבן. אוודאי, עס איז געווען אַ סיבה: ער האָט נישט געהאַט די דערפאַרונג פאַר אַזאַ פּאָעטישער פאָרעם. די סיבה איז נאָר אַן אויסערלעכע, וואָרעם ער וואָלט זיך געקענט אַן עצה געבן און אַ בייג־טאָן דעם לעצטן סאָנעט, דעם פופצנטן, אַז ער זאָל זיך צונויפגיסן מיט די פריערדיקע סאָנעטן. די טיפערע סיבה, טראַכט איך, איז געווען די אייגענע שרעק פון צופיל אַנטפּלעקן זיך.

אין אַ סך פון זיינע לידער רעדט לייוויק פון דעם קרייז, וואָס ערגעץ הייבט ער זיך אָן און ערגעץ פאַרענדיקט ער זיך. און ווידער, דער סאַמע גרונט־מאָטיוו אין לייוויקס פּאָעזיע איז — באַשערטקייט. אין די פיינלעכסטע יאָרן פון זיין לעבן, — די פיר יאָר שטומקייט, — האָט זיך אויסגעשמידט די באַשערטקייט, וואָס ער האָט פאָראויסגעזען און אַפילו געגעבן אָנצוהערן, — אַז אין טאָג פון זיין געבוירן ווערט זיך דער צעפייניקטער גוף זיינער באַפרייען פון די מוראדיקע עינויים.

דער אָנהייב לייוויקס אין דער פּאָעזיע איז געווען — צו דערהייבן דאָס געוויינטלעכסטע, דאָס פּשוטסטע און ממילא אויך דאָס מענטשלעכסטע, צו אַ סימבאָל. אין די סיבירער לידער, וואָס אָנגעהויבן צו דרוקן האָט ער זיי מיט אַ 55 יאָר צוריק, איז דאָס שוכבענדל,

וואָס ער פאַרבינדט עס אין דער ברענענדיקער קעלט, אַ סימבאָל אי פון די פאַרפרוירענע שניי־סטעפּעס, אי פון דעם מענטש־עלנט אין דער פוסטער, ווייסער וועלט. אין משך פון די יאָרן, וואָס ער האָט זיך פּאָעטיש אַנטוויקלט און פאַרטיפט, האָט ער דאָס סאַמע געווייגלעכע אין לעבן דערהויבן צו געלייטערטן, גרויסן טראַגיזם. צו דער אייגענער צייט אָבער איז לייוויקס ליד, טראַגיש ווי עס איז געווען, אויך געווען פול מיט אַ באַהאַלטענער פריידיקייט. מיר שפּירן די פרייד פון שאַפן, וואָס איז דאָ ביי יעדן אמתן פּאָעט. אויבן־אויף דאַכט זיך אייך אויס, אַז לייוויק דערפירט דאָס ליד זיינס צו אַ פּונקט, וואָס קיין אויסגאַנג איז מער נישטאָ, אָבער אַז איר הייבט זיך אָן צו פאַרטיפן אין דעם ליד זיינעם, דערשפּירט איר, אַז אין דעם טראַגיזם איז אויך דאָ אַ דערלייזונג.

לייוויק איז אין תוך אַ דראַמאַטיקער. אַ ליד לייוויקס איז אַ דראַמע, מיט אַן אָנהייב, וואָס פירט צו אַ דראַמאַטישער שטייגערונג, ביז עס דערגרייכט דעם דראַמאַטישן, אויסלייזערישן קלימאַקס. אָבער אין דעם דראַמאַטיזם איז דאָ אַן אייגנאַרטיקער ליריזם, וואָס נאָר לייוויק איז געווען בכח אים צו שאַפן. דער ליריזם לייוויקס איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ פולקלאַנגיקער, אַ מעטאַלענער אַפילו. ער איז נישט קיין קול־דממה־דקהדיקער, אָבער ער דרינגט אַריין אין דעם לייענער האַרץ און באַוווסטזיין מיט אַזאַ דינקייט, מיט אַזאַ מוזיקאַלישקייט, אַז דער צעזונגענער טרויער, אַפילו צער, ווערט אין אונדז דערוואַרעמט, זונ־פאַרגייעריש ליכטיק.

דיכטערישע פּערזענלעכקייט איז אפשר שווער צו באַשיידן, וואָס זי זי איז און ווו זי איז. מיר שפּירן אָבער די דיכטערישע פּערזענלעכקייט אין אַ וואָרט, אין אַ שורה, אין אַ גאַנץ ליד. זי, די פּערזענלעכקייט פון דעם פּאָעט, צווינגט זיך אויף אונדז אַרויף און וואָס גרעסער די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט איז, אַלץ נאָכגיביקער זענען מיר, אַלץ מער לאָזן מיר זיך פון איר באַצווינגען. לייוויק איז די דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אונדז באַצווינגען און מיר האָבן אַפילו אַ טיפע באַפרידיקונג דערפון, וואָס ער באַצווינגט אונדז.

האָב איך פריער גערעדט פון לייוויקס טראַגיזם, וואָס לייטערט

זיך אין ליד־דערהויבנקייט. דאָ איז ביי לייוויקן אַ ליד, וואָס הייסט „ביים צופוסנס פונעם כרמל״, לייענען זיך צוויי סטראָפעס פון דעם ליד אַזוי:

איך נידער און טונק מיין געשטאַלט אין דעם ים,
און אויף מיינע אַקסלען איך טראָג די לבנה:
אַ קרוג פון פאַרקילטן ווייס־זילבערנעם פלאַם —
דעם כרמל׳ס ברייטהאַרציקע, גוטע מתנה.
וואָס ליגט אין דעם קרוג? אַ פאַרחלומטער ווינט,
אויף אים טונק איך אָפּ אין ימיקן שפּיגל,
ווען ערגעץ אויפן באַרג אַ שויב זיך צעצינדט
און ערגעץ צעוויינט זיך אַ קינד אין אַ וויגל...

דער פּאָעט, וואָס טראָגט די לבנה אויף די אַקסלען און, וואָס שפּירט „אַ פאַרחלומטן ווינט״ אין קרוג, אַזאַ פּאָעט איז אין דער טראַגיק זיינער ליכטיק.

שפּירונגען פון אייביקן זענען דאָ אין לייוויקס אַ סך לידער. מיר דאַרפן אָבער פריער וויסן, וואָס דער „אייביקער״ מיינט ביי אַ פּאָעט בכלל און ביי לייוויקן בפרט. די ציטערדיקע שפּירונג פונעם „אייביקן״ איז דאָ ביי יעדן פּאָעט, וואָס דאָס ליד איז ביי אים אַן עבודה אינעם זין פון רעליגיאָזיטעט. לייוויקס שפּירונגען פון „אייביקן״ זענען פריער געווען „ליי־דערדיקע״ פּאָעטיש־פאַרוווּנדערטער פאַר אַ מין אייביקייט, וואָס איז מער רעליגיאָז, ווי רעליגיעז. דער „אייביקער״ איז גיכער געווען דאָס מענטש־רעטעניש, דער אומבאַשטימטער גייסטיקער כח אין אים. אוודאי איז אין לייוויקס לידער אויך געווען די שפּירונג פונעם מיסטישן אייביקן אָבער דער מיסטיציזם איז אַ שעפערישבאַשעפערישער, נישט קיין רעליגיעז־ממשותדיקער, — אַ שפּירעוודיקער אין די מינוטן פון קינסטלערישן עקס־טאַז.

מיט דער צייט איז די שפּירעוודיקייט פונעם אייביקן ביי לייוויקן געוואָרן אַ טיף־רעליגיעזער. לידער זענען דאָ ביי אים, וואָס זענען, אויפן לייוויקישן נוסח, תהילימדיק, וואָס אין פאָרעם אַפילו זענען זיי ווי קאַפּיט־לעך תהלים. דאָס ליד „אַ תפילה אויפן גרינעם גראָז״ הייבט זיך אָן, ווי אַ מזמור לדוד. דער אינערלעכער ריטם איז מזמורדיק.

אפרים אויערבאך

אויפן גרינעם גראָז, אויפן יונגן פעלד
אַ תפילה פון איינעם ביים אָפּגאַנג פון יאָרן.

דער קאָנטראַסט פון „גרינעם גראָז, יונגן פעלד" צום תפילה־זאָגער „ביים אָפּגאַנג פון יאָרן" עפנט באַלד פאַר אייך אויף דאָס געמיט פונעם פּאָעט, — דעם אָפּגייער, וואָס שטייט ביים אויפגיי. דער צונויפשטעל פון די צוויי היפּוכים איז אַ קינסטלערישער, אָבער ער פאַרמאָגט אויך אין זיך דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין, אָדער שפּירונג, פון מענטש־אָנמאַכטיקייט קעגן דעם „אייביקן". דאָס גרינע גראָז, דאָס יונגע פעלד, — ביידע זענען דער באַשאַף פונעם „אייביקן", דער „אָפּגאַנג פון יאָרן" איז דער גזר פונעם „אייביקן". און די תפילה אַליין, כאָטש זי איז אַ פּאָעטיש לייוויקישע, —

אַ, גאָט, קער אום דיין געשטאַלט
צו דעם, וואָס זיין געשטאַלט איז אים פאַרלוירן געוואָרן...

איז זי אָבער דורכגענומען מיט אַ רעליגיעז געפיל, וואָס איז שוין מער ווי שפּירעוודיקייט צום „אייביקן". אויף אַן אַנדער אופן, נאָר דער אייגענער תוך, איז דאָס ליד „וואַלדרוף", ווו לייוויק רופט אויס:

איך זאָג נישט, אַז איך האָב ערשט געפונען
מיין וועג צו דיר. איך האָב אים קיינמאָל נישט פאַרלאָרן.

אינעם ליד „תהילים׳דיק" איז דאָ אַן אָפנקייט, ווי דער פּאָעט וואָלט געשטאַנען פאַרן „אייביקן" און זיך מודה־געווען. גאָר וויכטיק איז אינעם דאָזיקן ליד, וואָס דער פּאָעט פון פייער און שייטער, איז זיך דאָ מודה, אַז „כ׳האָב מורא אויף קוילן צו ליגן". אין לידער סתם האָט לייוויק נישט געקענט דערגיין צו אַזאַ אָפנקייט, צו אַזאַ לויטער־קייט, ווי „אַז כ׳ברי־אָפּ אַמאָל נאָר אַ ברעג פון אַ פינגער, צינדט זיך אָן מיין מאַרך מיט אַ בראַנדיקן רעיון". אין דער שפּירונג פונעם „אייביקן", אין דער רעליגיעזער איבערלעבונג זיינער, ווערט דער פּאָעט פאַרכישופט פון דער גאָט־נאָענטקייט און דאָס ליד ווערט ביי אים אָפן־ווידווידיק..

אַז מיר נעמען באַזונדערע לידער לייוויקס פון דעם נוסח, געפינען מיר מייסטערדיק־געבויטע לידער, פול מיט לייוויקישער טראַגיק, ווי דאָס ליד „אַ דערמאָנונג", וואָס אין 24 שורות בויט ער אויף אַ טראַ־

גיש־פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער. אָדער דאָס ליד „אַ שפּילט פאַר מיר״, ווו ער זאָגט:

„כ׳האָב אַרויסגעפּירט אַמאָל אויף יונגע לאָנקעס,
אויף גרינע, פרילינגדיקע, פרישע לאָנקעס,
אַ סטאַדע ווייסע שאָף — אַ סטאַדע לידער
מיט געקרייזלטער יידישוואָל אויף די העלדזער —

און דערנאָך:

און כ׳וועל בלייבן דערנאָך אַ פאַרראַטענער פּאַסטעך,
וואָס האָט אַ צעריסענע סטאַדע שאָף, —
אַ סטאַדע צעפּליקטע, פאַרוואָגלטע לידער...

מיר דאַכט זיך, אַז לייוויק איז איינער פון די גאָר־ווייניקע אין דער ליטעראַטור אונדזערער, וואָס האָט זיך אַליין געבויט מיט באַוווסטזיין, מיט אחריות און מיט וויזיע. וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגן? גאָר פּשוט, ער האָט נישט נאָר געבויט די שאַפונגען זיינע, נאָר אויך די פערזענלעכקייט. ער האָט פון אָנהויב־אָן, ווי נאָר ער איז געקומען אין דער פּאָעזיע, געהאַט פאַר זיך אַ וויזיע פון גרויסקייט. האָט ער גענומען אויף זיך דעם יאָך פון גרויסקייט. באַוווסטזיניק זאָג איך יאָך פון גרויסקייט, וואָרעם טראָגן אויף זיך גרויסקייט איז נישט נאָר אַ גורל, נאָר אויך אַן אחריות: דאָס גרויסקייט נישט צו פאַרשעמען. לייוויק איז מיטן דאָזיקן באַוווסטזיין געווען דורכגעדרונגען פון די ערשטע יאָרן, וואָס ער איז געקומען אין דער פּאָעזיע אונדזערער און באַוווסטזיניק האָט ער דעם יאָך געטראָגן.

אַפילו אַז ער איז געלעגן אויפן ערש דווי, — אויפן בעט פון פּיין, — און אויבן־אויף איז ער געווען אַ דערשלאָגענער, האָט איר געשפּירט אַז טיף אין זיך איז ער באַוווסטזיניק אויפן טראַגיש־דראַמאַטישן סוף זיינעם, וואָס איז אַ מין פּירוש אויפן לעבן זיינעם.

איינער אין אַ דור איז לייוויק געווען. ער האָט געשאַפן אַן אייגענע קינסטלערישע לופט אַרום זיך. ער האָט אַ סך מאָל אויסגעשוויגן דאָס גרעסטע ליד זיינס און דערנאָך זענען די ווערטער, וואָס האָבן דאָס ליד אַרויסגערעדט, שוין געווען אַן אָפּשפּיגל פון דעם אויסגע־

אפרים אויערבאַך

שוויגענעם ליד. און וואָס ווייטער מיר זענען פון דעם ערדיקן לייוויק, אַלץ נענטער קומען מיר צו צום גייסטיקן, צום שעפערישן לייוויק. נאָך מער, וואָס ווייטער אין די יאָרן, אַלץ ליכטיקער ווערט ער אונדז און אַלץ אַריינגעוואַקסענער איז ער אין אונדזער איבערלעבונג, אין דעם באַוווסטזיין אונדזערן און אַפילו אין דער גייסטיקער נייגעריקייט אונדזערער.

יאַנואַר, 1969

י. י. שוואַרץ

ער איז געגאַנגען פון דער וועלט אין דער זאַטער עלטער פון 86 יאָר און מקוים איז געוואָרן דער סוף פון זיינעם אַ ליד, די לעצטע פיר שורות, וואָס מיט זיי וויל איך אָנהייבן מיין באַשיידענעם אָפּשאַץ פון דעם פּאָעט י. י. שוואַרץ. די פיר שורות זענען פון דעם ליד „לאַנג לעבן" און לייענען זיך:

מיין עלטער זאָל מיין יוגנט נישט פאַרשעמען,
איך זאָל די לאַסט פון פיין און יאָרן טראָגן
מיט ווערדע און מיט שטאָלץ, ווי יענער דעמב,
וואָס כ'האָב געזען אַ פלאַמיקן אין טיפן האַרבסט.

שוואַרץ איז געווען דער לעצטער פון דער גרופּע פּאָעטן, וואָס האָט זיך גערופן „יונגע". ער האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט און געטראָגן האָט ער „די לאַסט פון פיין און יאָרן", ווי ער האָט געבעטן אין זיין ליד, „מיט ווערדע און מיט שטאָלץ". איידער מיר זענען צוריק אַוועקגעפאָרן פון אַמעריקע זיך צו באַזעצן אין ישראל, זענען מיר געגאַנגען זיך געזעגענען מיט שוואַרצן. ער האָט אויסגעלעבט די לעצטע פּאָר יאָר, אין אַ מין אַריסטאָקראַטישער עלטער־היים אויף וועב עוועניו, מערב בראָנקס. ער האָט אונדז פאַרבעטן צו זיך אין צימער און מיר זענען ממש פאַרכישופט געוואָרן פון דער ריינקייט, בלאַנקעוודיקער ממש, און דער אָרדענונג אין צימערל זיינעם.

מיר זענען אַרויס מיט אים אין דעם זוניקן דרויסן און געגאַנגען איז ער „מיט ווערדע און מיט שטאָלץ", מיט אַ מין מאַיעסטעטישקייט, וואָס איז זעלטן צו טרעפן אפילו ביי אַ יונגן מענטשן. דער מילך־וויי־סער, קינסטלעריש געשניצטער קאָפּ זיינער, האָט ווי אַריינגעטרונקען די ווייכע שטראַלן פון דעם מיטזומערדיקן טאָג. אַז מיר האָבן זיך

געזעגנט, האָט ער שטיל אַ זאָג־געטאָן: אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען.... ניין, מיר וועלן זיך שוין נישט זען, אָבער דאָס גאַנצע ביסל יאָרן, וואָס מיר איז נאָך געבליבן אויף דער וועלט, וועל איך טראָגן אין זיך די דערמאָנונג פון די לעצטע פּאָר שעה מיט אים אין דער דאַמלט זוניקער, צעגרינטער בראָנקס.

ווער איז געווען י. י. שוואַרץ? אַ פּאָעט מיט אַן אויסגעשפּראָכן־קינסטלערישן פּאַרנעם. ער איז געווען דעם קאָוונער רבס אַ זון און אין דער יידישער פּאָעזיע האָט ער מיטגעבראַכט די פולע רייכקייט פון דער רבנישער וועלט, באַרייכערט מיט דער וועלטלעכער קולטור און באַשיינט מיט דער שיינער בילדלעכקייט פון דער אייגענער פּער־זענלעכקייט.

אָן ספק ווייסט יעדער איינער פון אונדז, וואָס סע מיינט, אַז מען זאָגט אויף אַ פּאָעט, אַז ער איז אַ ליריקער, — אַ פּאָעט, וואָס רעדט און זינגט מיט טיף־ווייכע, כמעט ברוסטיקע טענער. ער איז געווען דער ליריקער, וואָס נישט דאָס באַזונדערע וואָרט איז ביי אים געווען דאָס געזאַנג פון הארצן, נאָר דער צונויפגעזאַנג פון ווערטער, דער תוכן פון דעם ליד און די סביבה, וואָס ער מאָלט.

און דאָס איז וויכטיק צו געדענקען: י. י. שוואַרץ איז דער עיקר געווען אַ פּאָעט אַ דערציילער, אַ פּאָעט אַ מאָלער. ביי אים איז דאָ אַ גרעסער ליד, וואָס הייסט „אין ליכט פון סוף־זומער", הייבט זיך עס אָן אין אַן עלעגישן טאָן, נאָר וואָס ווייטער ווערט עס אַלץ לעבעדי־קער, אַלץ מונטערער. אין דער אמתן איז עס אַ פולע דערציילונג, וואָס מאָלט די באַזונדערע פּאָעטן פון די יונגע און די גאַנצע סביבה אין דער זומערדיקער גרינקייט פון די בראָנקסער פּאַרקן. און אויך איסט בראָדוועי פון די אָנהייב־יאָרן אין דער יידישער אימיגראַציע.

ער געדענקט אליקום צונזערן, „דעם אַלטן באַרד, ווי ער פלעגט זיצן ביי זיין דרוקעריי אויף איסט בראָדוועי און שלומערן, אין שטול". און ווייטער: „און איך געדענק יהואשן פון ניינצן זיבן, וואָס האָט געשטראַלט פון זיך מיט פיינער דינקייט, מיט אַלטער חכמה און מיט יונגן גלויבן. און ראָזענפעלדן פון דעם ניינטן יאָר אין בראָנקסער קלעירמאָנט פּאַרק, אונטער אַ בוים, אַן אָנגעברוגזטן, אַ צעבראָכענעם

פון לעבן״... און אַזוי מאָלט ער ווייטער די מער נאָענטע צו אים, די פּאָעטן פון זיין דור, און סע וואַקסט אויס אַ פולע דערציילונג, אַ פּאָעטישע, דורכגעדרונגען מיט ציטער און גרויס־פּאָעטישער ליבשאַפט.

ידישע פּאָעטן האָבן אַ סך געשריבן וועגן עלטער, נאָר שוואַרץ האָט נישט די עלטער באַזונגען, נאָר די עלטערע מענטשן. ער האָט זיי געזען אין זייער טראַגישער דערהויבנקייט און זייער טרויעריקע הילפ־לאָזיקייט האָט אין אים אַרויסגערופן דאָס רחמנות צו זיי, — און רחמנות איז געווען איינער פון די הויפּט־שטריכן אין זיין קינסטלערישן גאַנג. איך שטרייך בכיוון אונטער די רחמנות־איבערלעבונגען ביי אים, דער־פאַר וואָס דאָס איז געווען דער טיפער תוך פון זיין יידישקייט, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן ביז די לעצטע טעג פון זיין טראַגישן לעבן.

פאַר קיינעם האָט ער נישט אַרויסגעגעבן דעם טראַגיזם זיינעם. ער האָט אים געטראָגן אין זיך, אפילו אַז ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, געוויצלט. יונג איז ער געבליבן אַן אלמן און האָט אָפּגע־לעבט אין עלנט יאָרנלאַנג. דערנאָך איז אים געקומען דער שווערסטער קלאַפּ פון דעם גורל: די איינציקע טאָכטער, וואָס ער האָט געהאַט, איז אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־אומגליק. מאַיעסטעטיש האָט ער גע־טראָגן דעם צער און די שטאָלצע פיגור האָט זיך נישט געבויגן אונטער די קלעפּ פון דעם גורל. נאָר אַמאָל אין אַ ליד האָט זיך דער צער זיינער געלאָזט הערן, אי דאָס מיט איידעלע סטרונעס, קוים וואָס זיי ציטערן.

און ווידער וועגן די לידער זיינע פון עלטער. ער האָט אַ ליד „אַלטוואַרג״, איז עס פול מיט דרך־ארץ פאַר דער עלטער, בילדלעכקייט פון די זקנים און זקנות:

זיי האָבן היינט אַריינגעכאַפּט אַביסל זונשיין,
די זקנים און די זקנות פון דער שכונה,
נאָך לאַנגע טעג פון נעץ און רעגן.
זיי זענען היינט גאָר אויפגעלעבט געוואָרן, —
אויף לאַנגע יאָרן.

אין דאָזיקן ליד איז אויך דאָ אַ דינער הומאָר, ווי ער מאָלט זיי. מילא, די אַלטע פּאַרפאַלקן, וואָס זיצן ממש אידיליש איינע לעבן די אַנדערע. אָבער די אלמנס און די אלמנות ?

אפרים אויערבאך

די אלמנס אָבער בחורן זיך בנאמנות,
מיט רויטע און מיט בלויע בלימלעך אין די לאַצן.
די צרה אָבער איז: די גלאַטע פליכעס.
און אַנדערע פון זיי נאָך טענצלען אונטער...
... זיי ווארפן אַרייַן אַ פּעפּערדיקן וויץ.

וואָס איז שייך די ווייבער, —

קוויטשען זיי כלומרשט ווי דערשראָקן,
די פּאַטלעס האָר געפאַרבטע און קאַרבירטע,
זיי מיידלען זיך אין קליידלעך אין קאַלירטע...

דער הומאָר איז אַ גוטמוטיקער, ער לאַכט, חלילה, נישט אָפּ, נאָר מאָלט דאָס אַלטוואַרג מיט טיף־האַרבסטיקע פאַרבן. ווי בכלל, איז ביי אים דער מענטש דערהויבן, אַפילו אַז ער איז קאָמיש.

דאָ איז געקומען די צייט זיך אָפּצושטעלן אויף זיין לעבנסווערק „קענטאַקי", וואָס איז נישט נאָר זיין פּאָעטיש קרוינווערק, נאָר אין דער יידישער פּאָעזיע בכלל, אפילו נאָך ביז היינט.

שוואַרץ, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז געווען איינער פון די שענסטע פערזענלעכקייטן אין דער דאמלט יונגער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור בכלל איז דאַמלט — אין ערשטן יאָרצענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט — נאָך געווען יונג. די יידישע ליטעראַטור בכלל, אין אַמעריקע האָט שוין געהאַט דריי עפּאָכעס. די ערשטע עפּאָכע איז געווען די אָנהייב אימיגראַנטישע אין די זיבעציקער יאָרן. די ליטעראַטור איז דאַמלט געווען אַ פאַרדייטשמערישטע. יידיש האָט מען געשריבן „אינטעלעגענ־טיש", וואָס מיינט אַ „דיזן־דאַזן" יידיש און דער תוכן איז געווען אַ מין לומדישער, נאָר אַ פּוסטער, אָן דעם חותם פון דער שרייבערישער פערזענלעכקייט. די צווייטע עפּאָכע איז געווען די „פּראָלעטאַרישע", ווי עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבערישקייט. דער יידיש איז שוין געווען מער יידישדיק, נאָר פון אַ סך דייטשמעריזמען האָט מען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט. די דריטע עפּאָכע איז געווען: דער אויפקום פון די „יונגע". פאַרוואָס האָבן זיי זיך גערופן „יונגע"? בין איך זיך מודה, אַז ביז היינט האָב איך נישט געפונען דעם ענטפער אויף דעם. מיר דאַכט זיך, אַז נישט

זיי אַליין האָבן זיך געקרוינט מיטן דאָזיקן נאָמען, נאָך די יונג־לייענער־רישע יידישע גאַס האָט זיי אַזוי גערופן.

די „יונגע" האָבן געשריבן דער עיקר קורצע, לירישע לידער. זיי האָבן נישט באַקלאָגט זייער גורל, ווי די פּאָעטן פונעם סוף יאָרהונדערט. פאַרקערט, זיי האָבן באַזונגען די נאַטור, די גרויסע שטאָט און אַפילו די ברייטע אַמעריקע איז פאַר זיי געווען אַ פּאָעטישער קוואַל וואָס פון אים האָבן זיי געשעפּט זינגעוודיקע, טיף־לירישע לידער.

י. י. שוואַרץ איז צייטלעך געווען איינער פון די „יונגע", אָבער ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אינעווייניקסטער. ער האָט נישט מיטגעפלאַנעוועט מיט זיי די דינע העפטלעך, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. ער איז זעלטן אַרויסגעטראָטן אויף די ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט און האָט זיך נישט געסודעט מיט זיי ביי די טישלעך אין רעסטאָראַן ביי גוטמאַן און לעווינען, — אַ רעסטאָראַן, וואָס איז געווען אין אַ באַשקע, — עטלעכע טרעפּ אַרונטער, מיט אַ סך טוטפיקס און תמיד קאַלטער קאַווע... פון אַ העכערער מדרגה איז געווען שלומס קאַפע, אויף דיוויזשאַן גאַס, לעבן קאַנעל. אָבער אַהין זענען אַריינגעקומען שרייבער, וואָס זענען שוין געווען עטאַבלירט און האָבן פאַרמאָגט אַ פּאָר דאָלער אין קעשענע. אַהין איז שוואַרץ אוודאי נישט אַריינגעקומען.

אין צווייטן צענדליק פונעם יאָרהונדערט, נאָענט שוין צו די צוואַנציקער יאָרן, האָבן זיך עטלעכע פון די „יונגע" מתיר געווען אָנצוהייבן שרייבן אין פּראָזעס, אָדער טאַג. שוואַרץ, וואָס איז נישט געווען קיין רירעוודיקער שרייבער, האָט זיך געוואָרפן אויף אַנדערע קוואַלן פון פּרנסה. ער איז דאַמאָלסט אַריבערגעפאָרן אויפן דרום פונעם לאַנד, —טאַקע אין דעם סטעיט קענטאַקי, וווּ ער האָט געהאַלטן אַ קראָם פון אַלעם גוטן, בפירוש נישט פאַר דער ווייסער באַפעלקערונג, נאָר פאַר דער נעגערישער. פון יענער פּעריאָדע אין זיין לעבן איז אַרויסגעוואַקסן די פּאָעמע „קענטאַקי", וואָס האָט זיך צום אָנהייב געדרוקט קאַפּיטלעכווייז אין „צוקונפט".

געלייענט האָב איך דאַמאָלסט די קאַפּיטלעך מיט באַוווּנדערונג און איצטער, אַז איך כאַפּ ווידער אַ קוק אין דעם פאַרטיקן, וואָגיקן בוך,

איז מיין באַוווּנדערונג נישט אויסגעוועפּט, נאָר זי שטייגט נאָך העכער. י. י. שוואַרץ, וואָס איז בטבע אין זיין פּאָעזיע געווען אַן עפּיקער, האָט פאַר דער פּאָעמע „קענטאַקי״ געפונען דאָס אייגענע רויִקע געמיט צו דערציילן די מעשה פון דעם יידן, וואָס קומט אין דער פרעמדער וועלט, ווו אַ ייד איז ביי דער באַפעלקערונג אי אַ באַשעפעניש נאָך פון דעם חומש און די נביאים, אי איינער פון דעם פאָלק, וואָס האָט געקרייציקט יעזוסן. זיי האָבן יידן באַוווּנדערט און באַהאַלטענערהייט מורא געהאַט פאַר זיי.

דערציילט שוואַרץ אין דער פּאָעמע, ווי ביים ערשטן יידן אין קענ־טאַקי איז געשטאָרבן אַ מיידעלע זיינס, פּערעלע, — „זי האָט צום לעצטן מאָל אַ שלוכץ געטאָן, ווי סע שלוכצט אַ פויגל פאַרן שטילן שלאָף״. דער ייד, דזשאָש, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט ביטערער האָרע־פּאַשנער פּעדלעריי און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף עטלעכע דע־פּאַרטמענט סטאָרס אין גאַנצן סטעיט, האָט געדאַרפט מקבר־זיין דאָס קינד זיינס. די שכנים קומען, — נישט קיין ידישע, פאַרשטייט זיך, — און אַ שמועס פאַרבינדט זיך צווישן זיי, וואָס איז חומשדיק, ווי דער שמועס צווישן אברהם אָבינו און דעם מלך פון גראַר, בעת דער פאָטער פונעם ידישן פאָלק האָט געדאַרפט מקבר־זיין די מוטער שרה. די שכנים באַטן־אָן דעם יידן אַ קבר אויף זייער בית הקברות, וואָס אויס־געטיילט איז דאָס אָרט פאַר קינדער־קברים. נאָר דזשאָש גיט זיי צו פאַרשטיין, אַז יידן זענען מקבר זייערע מתים אָפּגעזונדערט פון אַנ־דערע, פאַר זיך אַליין.

ווי ביי אברהם אָבינו אין כנען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יידישע אָפּגעזונדערטקייט מיט דער מוטער שרהס קבר אין דער מערת המכפלה, אַזוי הייבט זיך אָן אַ מין באַזונדער יידיש לעבן אין קענטאַקי פון אַ קבר פאַר דער יונגער פּערעלען. דאָס איז וויכטיק צו געדענקען, ביים אָפּשאַצן די פּאָעמע „קענטאַקי״. י. י. שוואַרץ האָט אַריינגעבראַכט די חומשדיקע אַטמאָספערע אין דער פּאָעמע פון דער אַמעריקאַנער סאַוט. די נישט יידישע באַפעלקערונג אין דער אַמעריקאַנער סאַוט איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער „באַיבל״ און האָט יידן געזען, ווי אַן איבער־בלייב פון די חומש׳דיקע צייטן.

דער פולער קרוג האָט זיך אויסגעשעפּט

אין אַ זונטיק אויפדערנאַכט, אַז איך האָב אויפגעמאַכט די טיר און בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיך אין דער טיף פונעם האַלב־טונקעלן צימער אויפגעהויבן אַ מענטש און — אַוועקגעגאַנגען.

אַ פּאָר רגעס האָט עס געדויערט, נישט מער, אָבער איך האָב דעם מענטשן געזען, איך האָב אַפילו געוווּסט, אַז ער האָט געוואַרט אויף מיר, אַז ער האָט געוואָלט איך זאָל זען ווי ער גייט אַוועק.

ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען דורך דער טיר, ער האָט זיך אויפ־געלייזט. בעת ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם שטול, האָב איך קלאָר געזען ווי ער טוט זיך אויס פונעם גוף, ווי ער ווערט אַ שאָטן, נאָר באַלד איז ער צערונען. אין שטוב איז קיינער נישט געבליבן.

איך האָב נישט איבערגעלעבט קיין מורא, איך האָב נאָר געזאָגט דער פרוי מיינער, וואָס איז אינאיינעם מיט מיר אַריינגעקומען אין שטוב: ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען.

געוווּסט האָב איך ווער דער מענטש איז געווען, איך האָב אויך געוווּסט פאַרוואָס ער האָט אויף מיר געוואַרט. מיר זענען צוריקגעקו־מען פון דער שטוב, פון וואַנען מען האָט אים ערשט אַרויסגעטראָגן. איך האָב אים געזען ליגן אַן איבערגעדעקטן אויף דער סאָפע. ביים טישל לעבן אים זענען געווען די ברילן, — אויפגעשטעלטע, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אַז דער מענטש זאָל אויסשטרעקן די האַנט און זיי נעמען. דער מענטש האָט אָבער די האַנט נישט אויסגעשטרעקט.

אַז מען האָט אים אַרויסגעטראָגן, זענען זיי געבליבן אויפן טישל. איך האָב פאַרמאַכט די טיר, צו זיין עטלעכע מינוט אַליין מיט זיי. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע אין זיי דעם מענטשנס אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַזוי אומרויִק ביז דער לעצטער רגע פון אויסלעשן.

אפרים אויערבאַך

פאַרוואָס ער האָט געוואַרט אין דער שטוב מיינער דאַרף מען נאָך נישט אויסזאָגן. נאָר פריער, איידער איך בין צוריקגעקומען צו זיך אין שטוב, האָב איך נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז ער איז שוין פון אונדז אַוועקגעגאַנגען אויף אייביק. אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, זיך אויסגעטאָן פון גוף און אַוועקגעגאַנגען, האָב איך גע־גלויבט.

זונטיק איז דער חבר מיינער, בערל לאַפּין, אַוועקגעגאַנגען. אין די 35 יאָר חברשאַפט מיט אים איז ער אַלע מאָל געקומען און אַוועק־געגאַנגען. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ ברויזנדיקע רו צום לעבן און אַ מיסטישע רו צום טויט. ער האָט מיסטיש געגלויבט, אַז ער זעט „די גרענעץ פון זאַכן", לעבן איז ביי אים געווען דער אומרויִקער איבער־גאַנג צו דער אַנדערער זייט פון דער גרעניץ, — די גרעניץ וואָס ער האָט געזען פון די פריסטע יאָרן אין זיין לעבן.

נאָכן טויט פון זיין טאָכטער חיהלע — מיט יאָרן צוריק — האָט בערל לאַפּין אָנגעשריבן אַ ליד „דער פולער קרוג". ער האָט געזאָגט אין יענעם ליד:

און אפשר איז דער פולער יאָרן־קרוג
פאַר מיר אַליין געגעבן ?
פאַר מיר איז לאַנג שוין לאַנג גענוג, —
נאָר ס׳קוועלן אין זיין טיפן דנאָ די יאָרן
פון נאָך נישט־אויסגעלעבטע לעבנס,
פאַר דער צייט פאַרצוקט ? —
אַ געפעס בין איך געבוירן,
מיט לעבנס מענטשלעכע פאַרטרויט.
יונג בלוט פון אייגענעם, פאַרשניטענעם געזינד
דורך זיינע אָדערן רינט.
און וויפיל אַנדערע, — פאַרלאָשענע פון טויט, —
לעבן דאָ מיט מיר אונטער איין הויט ?

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט בערל לאַפּין דאָס ליד „דער פולער קרוג" ווידער איבערגעדרוקט. אפשר האָט ער פאַרגעפילט, אַז דער פולער קריג פון די יאָרן וואָס ער האָט געלעבט פאַר די פריי־פאַר־שניטענע פון זיין הויזגעזינט, שעפט זיך אויס ? ער האָט געלעבט מיט מיסטישע „צייכנס" — ווי ער האָט אָנגערופן זיינס אַ בוך לידער. ער

האָט אין ליד אַ סך מאָל נישט דערזאָגט, נישט דעררעדט. זיך אַליין האָט ער קיינמאָל נישט דערזאָגט.

עטיש לעבן איז געווען לאַפּינס גערעַנגל מיט זיך אַליין. נאָך אין 1915 האָט ער געשריבן:

נישט באַזיגט נאָך אינגאַנצן,
נישט באַזיגט,
נאָך נישט אַלע ווילדע פלאַנצן
אויסגעפליקט.

מיט יאָרן צוריק, אַז ער האָט אויפגעגעבן זיין פוטער־געשעפט, איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער ביי פוטערוואַרג. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער געאַרבעט ביים פאַך, ער האָט זיך נישט געקלאָגט, אַמאָל נאָר געזאָגט אַז ער איז מיד. דאָס לעבן פון אַרבעט איז ביי אים געווען דער גאַנג צו עטישער פולקייט. ער האָט געגלויבט, אַז דער מענטש האָט אַ שליחות אויף דער וועלט — צו טאָן גוטס. „דיין ביסל גוטס טו יעדן טאָג, נישט קוקנדיק ווי קליין, און וועג דיין טואונג נישט אויף וואָג, און טו דיין טואונג שיין. דיין ביסל גוטס צו טואונג יאָג, זאָל גוטס נישט ליידיק שטיין, זאָל יעדן ניי־צעשטראַלטן טאָג דיין גוטס אַנטקעגן גיין".

ער האָט נישט אויסגעלעבט קיין 64 יאָר. אַז דער פולער קרוג האָט זיך אויסגעשעפט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ פולן קרוג מיט לידער, וואָס מיר וועלן פון אים שעפן און קיינמאָל נישט אויסשעפן.

יעקב גלאַטשטיינס פּאָעטישער וועג

אַז צו זיבעציק יאָר איז יעקב גלאַטשטיין אַ פול־אָנגעשעפּטע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, איז כלל נישט קיין חידוש. אויב נישט צו זיבעציק, ווען דען? דער חידוש איז, וואָס נישט סתם שעפעריש איז ער, נאָר ער איז נאָך פול מיט ענערגיש־קינסטלערישער באַגייוונג. מיר קענען בפירוש נישט מאַכן קיין סך־הכל איבער זיין פּאָעטיש־שרייבערישן גאַנג, וואָרעם ער איז בכוח אונדז צו דערלאַנגען אַזעלכע איבערראַשונגען, אַז מיר זאָלן דאַרפן רעווידירן דעם סך־הכל און אים אַ ווענד־טאָן לגמרי אין אַן אַנדער זייט. דער דינאַמיזם פון זיין שאַפן איז אַ מעין המתגבר און דערצו נאָך איז ער פון אָנהויב־אָן געווען דער אומגעריכטער פּאָעטישער זאָגער. פון „צע־לאַ־צעלדי" ביז „מיין קאָפּ איז באַקרוינט מיט גריין־גרויער יידישקייט" איז אַ ווייטער מהלך. אָדער פון „מעלאַלאַי" ביז „אַ גוטע נאַכט וועלט" איז דער מהלך ווי פון איין פּלאַנעט צום אַנדערן. אָבער דער גרונטאָוונער עלעמענט איז אין זיי דער אייגענער: עפּעס אַ מין אויפרייסנדיקער פּאָעטישער זאָג, וואָס האַקט זיך אַריין דעם לייענער אין קאָפּ.

אַוודאי האָט זיך גלאַטשטיין געראַנגלט, און דאָס געראַנגל זיינס איז געווען פון אַן אַנדער מין, ווי געוויינלעך ביי פּאָעטן: נישט מיט פּאָעטישער אומבאַהאָלפנקייט האָט ער זיך געראַנגלט. נאָר מיט צו פריער פּאָעטישער רייפקייט, אָדער ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: מיט פּאָעטישער קענעוודיקייט. ביזן היינטיקן טאָג פרווון נאָך העברעישע ליטעראַטור קריטיקער זיך אַליין אויפצוקלערן, וואָס ביאַליק האָט געמיינט מיט דער פּאָעמע „מגילת האש". אַוודאי זענען דאָ כל׳ערליי פירושים אויף דער דאָזיקער אומקלאָרער פּאָעמע. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ביאַליק האָט געוואָלט אָפּקערן פונעם קלאָר־אַרויסגערעדטן גאַנג זיינעם. ער האָט געוואָלט נישט קענען און אַרויסגעקומען איז, אַ פּאָעטישע שאַפונג,

וואָס איז פול מיט טרויעריקן פּאַטאָס, וואָס אַפילו אַז מיר פאַרשטייען זי נישט, ווערן מיר דאָך באַווירקט פון איר.

אין זיינע קלוגע בלאַנדזשעניש, — סיי פּאָעטישע און סיי עסעיִס־טישע. — איז אַלע מאָל געווען אַ מין אַפּגעציטערטקייט. דאָס וואָרט, וואָס איך האָב אונטערגעשטראָכן, איז איינס פונעם אוצר־וואָרט־נייַיקייטן ביי גלאַטשטיינען. אָבער דער ציטער איז אי אַ באַוווסטזיניקער, אין אַן אַרויסגעקוואַלטער פונעם געמיט. די שקלא וטריא וועגן קאָפּ און האַרץ, אָדער עמאָציע און באַוווסטזיניקייט אין דער פּאָעזיע, איז נאָך ביז היינט נישט אויסגעגלייכט. בנוגע גלאַטשטיינס ליד איז דאַכט זיך מיר, דער וויכוח נישט גילטיק. מיר שפּירן אינעם ליד זיינעם דעם לירישן שכל און דעם שכלדיקן ליריזם. די דאָזיקע שרייבערישע אַטריבוטן זענען ביי אים אַזוי האַרמאָניש צונויפגעוואַקסן, אַז זיי שטראָמען אַרויס איינער פונעם אַנדערן.

אינעם בוך „די פריידּ פון יידישן וואָרט״, וואָס איז אַרויס אין 1961, האָט גלאַטשטיין אַ ליד, אַז ער „בוקט זיך אַהין און אַהער צו די אַלע געהיימען״ און —

כ׳וועל דאָך פאַלן פון די פיס
בוקנדיק זיך צום ניי־אַנטפּלעקטן נס
פון אויפגעציטערטן מעכטיקן סדר.

און צום סוף פירט ער אויס:

כ׳פאַל מיט מיין גאַנצער וואָג צו דר׳ערד
און שריי אויס דריי מאָל:
גאָט איז איינער.

וואָס איז שייך גאָט, איז גלאַטשטיין נישט אַלעמאָל שוה־בשוה מיט אים. אין איינעם אַ ליד זאָגט ער אויף זיך, אַז ער זוכט גאָט, אָבער אינעם רוב לידער, דער עיקר אין די יאָרן פון זיין באַיאַרנטקייט און פּאָעטישער רייפקייט, דערגייט ער צו גאָט סיי דורך די אויסגעטראָטענע יידישע וועגן און סיי דורך די שכלדיק־לירישע סטעזשקעס, וואָס זענען זיינע אייגענע. עס וואָלט אפשר נישט נייטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויפן דאָזיקן פּרט אין גלאַטשטיינס פּאָעזיע, אַז ער אַליין וואָלט זיך

נישט אָפּגעגעבן דער פּײַנלעכער צעריסנקייט אין זיך. אין איין ליד זאָגט ער:

איך דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור,
מײַן טרויעריקער גאָט.

דאָ האָבן מיר אַ מין שותּפות צווישן דעם פּאָעט און דעם בורא עולם. דער פּאָעט דאַוונט פון „אַ שטומען סידור" און דער גאָט זײַנער איז אַ טרויעריקער. סײַ דער שטומער סידור און סײַ גאָטס טרויער רינען אַרויס פון איין קוואַל: פון דער יידישער צייט. גלאַטשטיין איז נישט סתם אַרויסגעשפּרונגען און געוואָרן אַזוי דורכגעדרונגען מיט יידישן באַוווסטזײַן. ער האָט באַוווסטזײַן, דער עיקר דאָס געמיט, פאַרמאָגט פון סאַמע אָנהויב־אָן.

עס איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן באַוווסטזײַן און פולער אָנגעשעפּטקייט מיט יידישקייט. די איצטיקע מדרגה יידישקייט פון גלאַטשטיינען איז, ווי איך שפּיר זי, פול מיט טרויעריקער פרײַדיקייט. דער יידישער טרויער זײַנער איז אַזוי פול, אַז ער שטראַלט אַזש אַרויס פון זיך אַ מין מיס־טישע פרײַדיקייט. אוודאי, אויבן אויף קוקט עס אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אין דער פּאָעטישער איבערלעבונג איז דאָ אַזאַ געהיימער כּוח, וואָס שטראַלט אַרויס פרייד פון דעם טיפסטן צער. וואָס אינטענסיווער דער טרויער איז, אַלץ שטראַליקער איז ער, און ממילא אויך מיסטיש־פרײַדיק.

אַמאָל חידושט איר זיך, פאַרוואָס גלאַטשטיין, וואָס איז אַזאַ קלוגער דערציילער, האָט נישט אָנגעשריבן קיין גרעסערע עפּישע פּאָעמע. אים האָט נישט געפעלט דאָס געמיט, דער דערציילערישער נוסח און אוודאי האָט נישט געפעלט די פאַנטאַזיע. דאָ איז, דאַכט זיך, געשען אַ סתירה־דיק־קינסטלערישער פענאָמען, וואָס דער פולער זאָגער איז אין תוך דער קינסטלער פון דעם קליינעם ליד. צוויי גרעסערע פּאָעמעס, — גרעסער אין זײַן אייגענער פּאָעטישער שייכות, — האָט ער און דאָס זענען: „יאָסל לאָקש פון כעלעם" און „נתן, פאַרשרײַב". און ווידעראַמאָל, ביידע פּאָעמעס דערציילן נישט אויפן עפּישן שטייגער אַ מעשה, נאָר זיי זענען אַ צווייפשנור פון באַזונדערע לירישע לידער, וואָס האָבן צווישן זיך

אַן אינערלעכע שייכות.ביידע זענען, וואָלט איך זיך דערוועגט צו זאָגן, יידיש־פילאָזאָפיש און אין ביידע קומט דער מענטש אַרויס פון די ליי־רישע רייד. וואָס זשע דאַרפן מיר דערפון דרינגען? אַז גלאַטשטיין איז דער עיקר אַ לירישער פּאָעט, וואָס האָט געפונען זיין אייגענע פאָרם פון אויסדרוק. ער האָט דעם ליריזם זיינעם אַרויסגעזאָגט, אָבער נישט אויסגעשעפּט ביזן סאַמע גרונט. אַז ביים לייענער זאָל נישט בלייבן קיין שמץ פון אייגענעם ציטער, אַז ער זאָל אים וועלן דערשעפן, מיט זיין אייגענער פאַנטאַזיע, ווערן אַ שותף צום פּאָעט.

צו שרייבן וועגן גלאַטשטיינען, וואָלט מען געדאַרפט זיך אָוועקזעצן און קלייבן די פּערל פון בילדלעכקייט, וואָס זענען אָריגינעל און ממש פאַרכאַפּנדיק. בכלל מאַכט מען אַ טעות, וואָס מען רעדט פון גלאַט־שטיינס שפּראַך־אויפטוען. ביי מיר אָבער קומט אויס, אַז מיט באַקרוי־נען אים מיט שפּראַך־מייסטערשאַפט פאַרמינערט מען די פּאָעטישע דער־גרייכונג זיינע. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז נישט די שפּראַך־ווירטו־אָזקייט פינקלט אַזוי אין זיינע לידער, נאָר די בילדלעכקייט. נעמען מיר, למשל, אַזעלכע צוויי שורות:

> לאָמיר זיך אַרומוואַרענען
> מיט אַ שטיקל פּאַרקן.

אויבנאויפיק קען דאָ אַ בליץ־טאָן דער נייער וואָרט־בייג, — אַרומ־וואַרענען, — אָבער אַז איר לייגט נענטער צו דעם אויער צו דערהערן אַ פּאָעטישן קלאַנג, זעט איר, אַז נישט באַנייען, אָדער סתם שאַפן אַ ניי וואָרט, האָט גלאַטשטיין געוואָלט. דער עיקר איז ביי אים אויף אַ בילדלעכן אופן אַרויסצוברענגען זיין לירישן ציטער פאַרן גורל פון יידישקייט אין אַמעריקע. מיר וועלן געפינען אַן אַ שיעור אַזעלכע „נייאיקייטן”, וואָס אין תוך זענען זיי גאָר דעם פּאָעטס בילדלעכקייט. וואָס איז אַ תמציתדיקע, גאָר אָפּט אויסגעדריקט נישט מער ווי אין איין וואָרט.

האָבן מיר פריער דערמאָנט גלאַטשטיינס ציטער פאַר יידישקייט, אָדער איבער יידישקייט, אין אַמעריקע. אַז מיר נעמען די לידער־סעריע „ערדענע רייד” אינעם בוך „פון מיין גאַנצער מי”, זעען מיר, אַז ער

אפרים אויערבאך

איז נישט נאָר דער שאַרפסטער קריטיקער פון אונדזער היגן לעבן, נאָר אויך דער טראַגישסטער זאָרגער איבערן ייִדישן גורל דאָ אין לאַנד. אין די לידער איז דאָ אַ האַרמאָניע פון שנײַדנדיקער סאַטירע און גרויס־לירישן ווייטיק. אויף איין זייט שנײַדט ער מיט אַ שאַרף־סאַטירישן מעסער דעם ייִדן, וואָס פֿאָרט שבת אין טעמפּל אַרײַן און דער אויטאָ־מאָביל איז „עלעגאַנט מחלל שבת". אויף דער אַנדערער זייט, טאַקע אין דער נאָענטסטער שכנות, האָט ער אַ ליריש־זינגעוודיק זאָגעניש, וואָס הייסט „אייניקל־דורות" און ער זאָגט:

אייניקלעך מײַנע, וואַרט אַ ווײַלע,
וואָס איז ס'געאײַל
פון מיר אַזוי גיך צו אַנטלויפֿן ?

און ער דערזינגט זיך צום אייגענעם עלעגישן זאָג:

איך בין אַזוי ווייט נישט אַנטלאָפֿן
פונעם בעל־שם,
ווי איר אַנטלויפֿט פון אײַער זיידן.

אין דער סעריע „ערדענע רייד" איז דאָ אַ ליד, וואָס איז אפשר דאָס „זאָגעוודיקסטע" ביי אים, אָבער דערפֿאַר טאַקע אַזוי הויך־פּאָעטיש. דאָס ליד הייסט „זונטיק־שטעטל" און ער באַמאָלט דאָרטן, ווי שבת אינדערפרי שטייען די עלטערע שטעטלשע ייִדן און וואַשן די אויטאָ־מאָבילן זייערע, ווי „רבי לוי יצחקס באַלעגאָלע, וואָס שמירט די רעדער מיט סמאָלע". איז די אָנהייב צוועלף־שורהדיקע סטראָפע כמעט דורכ־אויס פּראָזאַיִש, אָבער אומגעריכט גיט זיך דער פּאָעט אַ לירישן קער־רעווע און די צווייטע סטראָפע איז שוין פּאָעטיש שטיל־ווינטלדיק:

אַ שטילע האַנט פּיטערט דעם טרויער
פון כראָנישער רו,
וואָס באַפּאַלט דאָס שטעטל
איין מאָל אַ וואָך.

די ייִדן אינעם גויאישן שטעטל, וואָס הערן ווי די קלויסטער־גלאָקן קלינגען, זענען נעבעך אומרויִק, וואָרעם זייער „עלנטע סינאַגאָגע... וואַרט נעבעך אויף יום־כיפור".

די זונטיק־ייִדן שמייכלען
צו די שכנים, ווי מאַראַנען.

אויף דער וואַגשאַל

דער קלויסטער־גלאָק גיט אַ טאָלעראַנטן היפּער,
פאַרבײַ ייִדישע טויערן.
זיי האָרכן צום קלויסטער
מיט אָנגעשפּיצטע, דערשראָקענע אויערן.

פאַרצייכנט האָב איך אַ גרויסע צאָל לידער, וואָס איך וואָלט געוואָלט ציטירן און רעדן פון זיי, אָבער נישט נאָר איז דאָס אָרט פאַרענגט, נאָר איך טראַכט, אַז דער לייענער מעג זיך מטריח זיין און אַליין לייענען, וועט ער ערשט האָבן די פולע הנאה פון די לידער גלאַטשטיינס

אוודאי האָט דער דריטער חורבן אונדזערער געהאַט אַ גוואַלדיקע השפּעה אויף גלאַטשטיינען. ער איז אָבער נישט געוואָרן דער מקונן, נאָר דער אַריינבלאָזער פון אַ רוח חיים אין דעם אַש פון חורבן. דער רוח חיים איז אַן אַנדערער, ווי מיר מאָלן זיך געוויינטלעך אויס, אָבער ער איז דאָ:

ס׳וועט געגעבן געזאַנג צו געזאַנג,
רויק צו רויק, בענקשאַפט צו בענקשאַפט,
הייליקייט צו הייליקייט,
און ס׳וועלן צוריק אויפשטיין
ייִדישע שטעט...

סעפּט., 1966

דאָס געזאַנג פון זאָגן

(יעקב גלאַטשטיינס „אַ ייד פון לובלין")

וויפיל לשונות איך קען, — אויף די פינגער פון איין האַנט קען מען זיי אויסציילן, — איז אין זיי נישטאָ דער באַזונדערער מיין פון זאָגן, ווי אין יידיש. אויף אַ חזן, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען, האָט מען געזאָגט: ער איז אַ גרויסער זאָגער... מרדכי טלית'ניק האָט אין שוחט'ישן בית־מדרש „געזאָגט דעם וואָלעך", — געזונגען אַ וואַלעכל. געזאַנג איז גאָר אָפט ביי יידן געוואָרן געזאָג. דער ויאמר האָט זיך אַזוי טיף אריינגעשניטן אין אונדזער געמיט, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן. בפרט נאָך, אַז אין חדר האָבן מיר אַ סך מאָל דעם ויאמר טאַקע אויסגעזונגען. דער נוסח זאָגן־זינגען איז אריין אין באַזעצן די כלה, אינעם מגידות, אין חסידישע תורה'ס אינעם האַלב־זאָגערישן ניגון ביים לערנען.

איז כאָטש דאָס ביסל פּאָעזיע, וואָס איך האָב געשריבן, איז מער אין נוסח פון געמאָסטענעם ריטם, בין איך אָבער אין די שפּעטע יאָרן מיינע געקומען צום אויספיר, אַז זאָגן אַ ליד איז מער אין גייסט פון יידישן נוסח. פאַרשטייט זיך, אַז ווו איז גערעדט געוואָרן, נאָר אַז דאָס זאָגן ווערט געזאַנג, — פריי און דאָך געצוימט געזאַנג.

יעקב גלאַטשטיין האָט אָנגעהויבן מיט פּאָעטיש זאָגן. נישט זיכער בין איך, אַז צום סאָמע אָנהייב איז די זאָגערישע פּאָעזיע געווען ביי אים באַוווסטזיניקער יידישער נוסח. נאָר ביסלעכווייז, מיטן פּאָעטישן וווקס זיינעם, איז אויך דער זאָגערישער נוסח זיינער געוואָרן יידישער און, דער עיקר, אַלץ מער האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן פונעם זאָגן דאָס נוסח'דיקע יידישע געזאַנג.

דאָס בוך זיינס, „אַ ייד פון לובלין", וואָס איז דערשינען צום

זיבעציקסטן יובל זיינעם. איז דער אפאגעי פון געזאַנג אין זאָגן. דאָ רעד איך נאָך דערוויל נישט פונעם תוכן, נאָר פון פאָרעם, וואָס איז ביי אים אַזוי מוטערלייביק צונויפגעוואַקסן מיטן תוכן. זאָגעריש געזאַנג, אָדער געזאַנגיק זאָגן, איז נישט שייך צו אילוסטרירן מיט ברענגען ציטאַטן, וואָרעם דער לייענער דאַרף זיין געבענטשט מיט אַ פּאָעטיש געהער, ווי דער פּאָעט אַליין, כדי צו דערהערן דאָס געזאַנג אין די זאָגערישע שורות. וואָס מיר גייט דאָ, איז אונטערצושטרייכן, אַז זאָגן אין געזאַנג איז אַן אַלטער יידישער נוסח, וואָס גלאַטשטיין האָט אים צום אָנהייב נאָר דערשפּירט און שפּעטער אים באַוווּסטזיניק דערהערט און אַנטוויקלט.

דאָס בוך „אַ ייד פון לובלין" איז פול מיט פּאָעטישן געמיט און דערפאַר טאַקע זענען דאָ אין דעם סתירות. אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז די סתירה איז דער סימן מובהק פון ריינער פּאָעזיע. פאַרשידן זענען די שטימונגען ביים פּאָעט און עס איז כלל נישט קיין מוז, אַז ער זאָל אידעיִש זיין אויסגעהאַלטן. אַמאָל פאַלט גלאַטשטיין אַריין אין יאוש, בעת ער זאָגט ביים סאַמע אָנהייב —

זינג צו מיר, קליין פאָלק,
עטלעכע מנינים צעוואָרפן
אין אַ צענדליק ישובים,
קינדערלאָז פאָלק,
לאָמיר זינגען אונדזער
פאַרברודערט, פאַריתומט געזאַנג.

אָבער ווייטער אין בוך איז דאָ אַ ליד וואָס הייסט „באַלד", זאָגט ער שוין אַז באַלד, ווי אונדזער דור וועט „אויסשפייען דאָס לעצטע ביסל טומאה", —

וועט ער קומען היילן און שטראָפן
— — — — — — — — — —
ער וועט צוריקברענגען די הייליקייט
צו די ביכער און רייד,
צו בעטן — דעם געשפיל פון פרייד.

גלאַטשטיין איז אינעם איצטיקן בוך מער ווי אין די פריערדיקע, — ליריש־סאַטיריש. בפרט דער אָנהייב פונעם בוך, וואָס איז אַפילו שטעכיק.

אָבער די סאַטירע איז אַ טיף־דורכגעלעבטע און נאָך מער דורכגע־טראַכטע. כאָטש ער זאָגט פּאָעטיש־פאַרשטעלטע שטימונגען, דאַכט זיך אײַך, אַז געוועגדט זענען די רייד צו אַ באַשטימטן מענטשן, אָדער גע־שעעניש. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז דאָס ליד זיינס פאַרמאָגט קאָנ־קרעטקייט, כאָטש פּאָעטיש וואַקסט עס אַריבער דעם מענטשן, וואָס איז געווען דער ערשטער אָנרעג צום ליד אָדער די געשעענישן.

אַמאָל, אַז איר לייענט אַזעלכע לידער, ווילט איר טרעפן ווענען דער פּאָעט האָט מיט זיי געמיינט. דאָס וועלן טרעפן נעמט־צו דעם טעם פונעם ליד. ביי גלאַטשטיינען איז דער פּראָצעס אַ קאַפּויערער: איר איר ווייסט, — לכל הפחות אַזאַ לייענער, ווי איך, ווייסט, — ווענען ער מיינט, אָבער דאָס ליד איז באַטעמט מיטן בילדלעכקייט, מיטן אומגעריכטן וואָרט און, דער עיקר, מיט אינעווייניקסטן פּאָעטישן ציטער, וואָס אַן אים איז אַ ליד נישט קיין ליד. למשל, אַז ער טענהט זיך אויס מיט עמעצן אינעם ליד „צוריקטראַכטנדיק אַ טרונק־שמועס", איז דער תוכן אַזאַ ממשותדיקער, אַז איר ווייסט כמעט מיט ווענען ער האָט דעם שמועס געפירט, אָבער איר שפּירט, אַז איר קענט דעם אייגענעם שמועס אָנ־ווענדן אויף זיך, און אַנדערע צו אייך. דער פּאָעטישער כח איז אינעם בילדלעכקייט, ווי —

די פלוטהאָלבן גוטע ווערטער,
מיט די גאָלדענע פליגעלעך,
מיט די הייליקע געפילן,
זענען סיי ווי נישט הויך געפלויגן, —

דער אומעט פון די „גאָלדענע פליגעלעך" אויף ווערטער, „וואָס זענען נישט הויך געפלויגן", באַהערשט אייך און אייך איז קיין חילוק נישט ווער דעם פּאָעטס מיטשמועסער איז געווען.

אַן אַנדער ליד אין אָט־דער סעריע הייסט „אַרויסגעשליידערטע ייִדן" און נאָך סאַטיריש־ביטערער איז עס, ווי דאָס פריערדיקע ליד. אַרום 55 שורות האָט דאָס ליד און אין תוך איז עס אַ סאָציאַל־נאַציאָנאַלער אויס־געשריי איבער די ייִדן, „מיט אָפּגעזויסענע מאַזאָלעס פון פרעמדער גע־שיכטע", וואָס

אויף דער וואַגשאַל

...באַרימען זיך מיט די טעג,
ווען זיי האָבן זיך קונציק פֿאַרשטעלט
אויף פֿרעמדע עסטראַדעס
פֿון אַ משוגענער וועלט.

און אינעם דאָזיקן ליד זעט איר דעם כּוח פֿון פּאָעזיע, וואָרעם אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק און דעם טרויער, וואָס אינעם ליד איז דאָ, וואָלט אין אַנדער אויסדרוק־פֿאָרעם, לאָמיר זאָגן פּראָזע, דער שרייבער געדאַרפֿט אָנשרייבן ווער ווייסט וויפֿל זייטלעך, כּדי דעם געדאַנק זיינעם צו קאָמוניקירן. אינעם עכטן ליד זענען געווען 55 קורצע שורות.

באַלד נאָכן ביטער־סאַטירישן ליד גייט שוין אַ געזאַנג צום ייִד, — „אויסדערוויילט”, — וואָס דער סאַמע אָנהייב איז אַ מין תּנכ׳ישע שירה: „אַזוי שיין איז דער ייִד, שענער פֿון בוים, שענער פֿון אים איז נישט קיינער”... אַזוי גייען די לידער: ביטערקייט און דער־הויבן געזאַנג פֿון טרייסט. אין די לידער ווערט ביי גלאַטשטיינען דער איך אַ מיר, אָדער אַן אונדז. אַזאַ ווענד־פֿאָרעם מאַכט דאָס ליד אי דערווייטערט, אי דערנענטערט. דער לייענער דערשפּירט ווי דער פּאָעט איז אים יוצא, ער נעמט אים אַריין, דעם לייענער, אין זיין איבערלעבערישער סביבה, ער מאַכט אים אַ שותּף צו זיך. צו דער אייגענער צייט קומט־אויס, ווי ער וואָלט זיך דערהויבן איבער זיך אַליין, דער פּאָעט, ווי דער יחיד וואָלט מיטן כּוח פֿון וואָרט געוואָרן אַ כּלל. בכלל דאַכט זיך מיר, אַז וואָס שאַרפֿער דער איך ווערט ביים פּאָעט, אַלץ מער געהיט איז ער זיך צופֿיל נישט צו וואַרפֿן מיט גאַל אינעם ליד. גלאַטשטיין איז צו דער־אַ מדרגה דערגאַנגען.

גלאַטשטיין האָט אין די ביידע לידער זיינע אַ מין גאָט־קאָמפּלעקס. ער ראַנגלט זיך נישט מיט גאָט, ער איז צעווייטיקט אויף אים (אויב מען קען זאָגן „צעווייטיקט אויף אים”). אינעם ליד „צום טאַטן אויף יום־טוב” זאָגט ער:

שאַ, אין הייליקן יידישן וועלדל
באַהאַלט זיך אונדזער יידישער גאָט.
ער האָט נאָך אַלץ מורא אַרויסצוקומען
אויף דער מענטשלעכער פּריי.

אינעם ליד „אַ ייד פֿון לובלין” זאָגט ער „איך בין אַ באַטייליקטער,

מיטן יידישן גאָט, אין אַ פרייער שטאָט". נאָך פריער אין בוך: „כ'זאָג איך, אונדזער גאָט איז אָרעם ווי דער אָרעמסטער ייד" און אינעם ליד באַלד דערנאָך, „דער רייטער", זאָגט ער:

גאָט, אַ פליט פון דער גוי'אישער וועלט,
רייט אויף מיר, ווי אויף אַ מיד פערד,
פאַר אומזיסט.
וואָס דער וועג ווערט ווייטער,
מוז איך פרום שרייען צו מיין רייטער:
דו ביסט, דו ביסט, דו ביסט —
אַלץ פאַר צוגעזאָגטן שכר.

צום סוף פונעם ליד:

איך אַנטלויף מיט מיין רייטער, אַז דער וועג אַזש ברענט,
איך ראַטעווע גאָט פון גוי'אישע הענט...

נישט קיין אפיקורסות איז דאָ אינעם דאָזיקן ליד, נאָר גאָר אַזאַ צונויפגעבונדנקייט מיט גאָט, אַז ער ראַטעוועט אים אַזש פון גויאישע הענט. און אַז ער מאָלט אַ גרויליק בילד פון „זעקס טויזנט יידן שרייען אחד אַרום אַ טיפן אויסגראַב", איז „לעסטערנדיק מיין אומגלויבן", אָבער אין לעצטן אויסרוף איז „ביטער־שטאַרק מיין גלויבן". מיר דאַכט זיך, אַז ביי קיין שום אַנדערן פּאָעט אין יידיש איז נישטאָ אַזוי פיל טענה'ס צו גאָט און מיט גאָט, ווי ביי גלאַטשטיינען. נישט פון סתם דער־מאָנען דעם נאָמען גאָט רעדט זיך דאָ, נאָר פון אַ מין אַקטיווער יידיש־פּאָעטישער סובסטאַנץ. און כאָטש ער זאָגט, אַז „וואָס אַ יאָר ווערט דער מרחק צווישן מיר און דיר, — געאַכפּערטער, געליבטער, — אַלץ ווייטער און פאַרגלויבטער", איז ער אָבער וואָס אַ יאָר געוואָרן פּאָעטיש מער אויסגעוואַקסן אין אים, אין זיינע לידער.

דאָס קרויגליד אינעם בוך איז די פּאָעמע „כ'טו דערמאָנען", וואָס פאַרנעמט צוועלף זייטן און אין תוכן איז עס אַ גאַנץ און פול פּאָעטיש ווערק. ער דערמאָנט „די שטילע אומגליקן, וואָס זענען אין מיר אויפ־געגאַנגען, ווי קליינע, שרעקעוודיקע זונען און ביסלעכווייז פאַרגאַנגען, אַרומגעוואַלקנט מיט אייגענע יאָרן". די פּאָעמע איז אַ מין סך־הכל פונעם פּאָעטס לעבן הויבט זיך אָן מיט דער „פאַרחלומטער באָרוועס־

סטעזשקע" ביז „אַ גאַנץ תנ"כ'ל ווערט פינצטער און שטום" און זיין טאַטע־מאַמע, דער ברודער בנימין און אַנדערע טויזנטער יידן גייען צום אומקום „דורך מיין חלום־סטעזשקע, גייען פאַרביי, גייען אונטער, און צערייסן מיין גאַנצן חלום, ווי שפּינוועב".

דער פּאָעט האָט שוין אין אַנדערע לידער גערעדט פון טאַטע־מאַמע, ער האָט אַפילו אַ גאַנץ בוך לידער, וואָס הייסט „אין שאָטן פון מיין טאַטן", אָבער אין קיין איינעם פון די אַנדערע לידער האָט ער נישט דערגרייכט אַזאַ הויכע פּאָעטישע מדרגה ליבשאַפט אָן צער, ווי אין „כ'טו דערמאָנען".

קיין פּוסק בין איך נישט, נאָר איבערגעבן דעם חשבון הנפש מיינעם מיטן בוך וויל איך יאָ:

„אַ ייד פון לובלין" האָט מיך אויפגערודערט, האָט מיך געטרייסט, האָט אין מיר דערוועקט אַ מין דראַנג צו פּאָעטישן פלי.

אפּריל, 1967

יעקב גלאַטשטיינס „די פרייד פון יידישן וואָרט"

אין יעקב גלאַטשטיינס שעפערישער שפּע איז די פּראָזע צונויפגעוואַקסן מיט דער פּאָעזיע, ווי עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז פון אַ באַרג שלאָגט־אַרויס אַ קוואַל, וואָס איז צעטיילט אויף צוויי שטראָמען. ביידע זענען פון איין קוואַל, אָבער דאָך קומט־אויס, אַז איין שטראָם רינט שנירלעך רויִקער און דער צווייטער איז שטורעמדיק. וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז דער פּאָעזיע־שטראָם פון גלאַטשטיינס שעפערישן קוואַל איז דער שטורעמדיקער און אַפילו נישט, אַז ער איז דער שנירלדיק־רויִקער. געזאָגט וואָלט איך נאָר, אַז ער איז אַנדערש; ער איז צימצומדיקער און אַרויסרייסן רייסט ער זיך אַרויס פון טיפערע טיפן אין אים.

אין זיין פּאָעטישן גאַנג האָט גלאַטשטיין געשטעלט דעם טראָפּ אויף זאָגן, נישט אויף זינגען. ער איז דער מאַנער פון זאָגעריי אין אונדזער פּאָעזיע. אין אַ ליד וויל ער זיך נישט לאָזן פּאַרפירן, נישט פונעם גראַם און נישט פונעם ריטם, וואָס זאָלן אים פאַרשטעלן דעם וועג צו דער פולער זאָגערישער שטימונג. אָבער גלאַטשטיינס וואָרט איז אַליין ריי־טעם, דער צונויפהעפט פון די ווערטער האָט אין זיך באַהאַלטן געזאַנג, וואָס אַ דינער אויער דערהערט עס. איך בין זיך מודה, אַז ביי מיר האָט זיך נאָך נישט אויפגעקלערט דער חילוק צווישן זינגען און זאָגן. גרויסע פּאָעטן זענען דאָ, וואָס זייער געזאַנג איז אָנגעפילט מיט געזאָגט, אַקוראַט ווי עס זענען דאָ גרויסע פּאָעטן, וואָס זייער געזאָג איז אָנגעפילט מיט געזאַנג. נאָר, אַז מיר נעמען גלאַטשטיינען אין די ראַמען פון זיין פּאָעטישן גאַנג און שעפערישן אַני־מאמין, איז דאָס איצטיקע בוך זיינס, „די פרייד פון יידישן וואָרט", די העכסטע מדרגה פון זיין געזאָג־געזאַנג. מיר דוכט זיך אויך, אַז אין דעם בוך איז ער צוגעקומען אַ סך נענטער צו געזאַנג און דערפאַר איז דאָס געזאָג פולער, ווירקעוודיקער, געדאַנקלעכער.

דער גרינגסטער פּאָעט אין אויסדרוק איז יעקב גלאַטשטיין. די ווער־טער סיליען זיך ביי אים, ווי שטערן אויפן פּאָדעם פון דער נאַכט. זיי לעבן זיך צונויף, פּאָרן זיך און געבערן איינע די אַנדערע. ער איז אָבער גאַרנישט אַזוי גרינג אינעם תוכן. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער אימאַזש ביי אים איז גאָר אָפט דער סאַמע תוכן פונעם ליד, דאָס אויג און דאָס האַרץ פונעם ליד.

קלאָר איז דאָס ליד זיינס, אַז עס איז סאָציאַל־יידיש. קאָמפּליצירט איז עס, אַז עס איז יחידיש־ליריש. דער פּאָעט, וואָס פאַר אים לויכט דאָס ליד־געזאַנג, איז אינעם יחידיש־לירישן ליד דער סאַמע נישט דערזאָגטער, — ער גיט אונדז די שפּירונג פון דער איבערלעבונג, לאָזט אונדז איבער דעם הויך פון פרייד, אָדער טרויער, אַז מיר אַליין זאָלן אים פאַר זיך אָנפילן, — אַ סך מאָל מיט אונדזער אייגענער פרייד, אייגענעם טרויער.

אויף גלאַטשטיינס בילדלעכקייט איז גאָר וויכטיק זיך אָפּצושטעלן. אַ סך מאָל איז דער אימאַזש זיינער אַבסטראַקט, אַ תולה־ארץ־בלימה־דיקער, אָבער דער פּאָעטישער כישוף זיינער שטעלט אַוועק דעם בלימה אויפן פעסטן פּאָעטישן באָדן. נעמען מיר אַזאַ בילד, אינעם ליד „אין געטאָ" —

מיר האַנדלען דורך די טעג
מיט לייען און באָרגן
און דרייען אַריין
די ביינאַכטיקע, דערשראָקענע לאָמפּן
פון אונדזערע באַזונדערע זאָרגן.

אַריינדרייען „די ביינאַכטיקע, דערשראָקענע לאָמפּן" איז דערהויבן רעאַל, אָבער אַבסטראַקט ווערט דאָס בילד, אַז די „דערשראָקענע לאָמפּן" זענען גאָר פון „אונדזערע באַזונדערע זאָרגן". ביי גלאַטשטיינען אָבער שטייט דאָס בילד אויף פעסטן פּאָעטישן באָדן. דאָס איז דערפאַר, וואָס די שורות זענען ביי אים פריער און דערנאָך אַרומגעטרויערט און אַרומגע־זאָרגט. אַז „דער גרויסער טרויער מיינער ווערט אַלע נאַכט מיין שאָטן", איז ווידער דאָס בילד אַן אַבסטראַקטס, וואָס דער פּאָעט האָט עס אַוועק־געשטעלט אויף פעסטער פּאָעטישער ערד. ער איז דער מייסטער פון באַ־נייען דאָס פּשוטע יידישע וואָרט. געציטערט, אַז ער מאַכט דערפון אַרומ־

געציטערט, ווערט דאָס וואָרט בילדלעכער, עס עפנט פאַר אונדז אַ וועלט מיט זעונגען. אַזוי איז אויך דאָס וואָרט אַרומגעוואָרנט. פשוט וואָרעגען איז אַמאָל בייזקייט, בעת אַרומוואָרענען איז גאָר פול מיט זאָרגעוודיקער ליבשאַפט. ביי אים איז דאָ אַזאַ שורה: „צעבאַרוועסט אין געמיט גייען מיר". באַרוועס אין געמיט וואָלט פאַר זיך אַליין געווען אַ נייער. בילדלעכער ווענד אין אונדזער לשון; צעבאַרוועסט שטעלט אַ סך מער דעם טראָפּ אויפן טראַגיזם פון אונדזער געמיט.

ברענג איך גלאַטשטיינס שפּראַך־דימענטלעך דערפאַר, וואָס זייער אָפט איז ביי אים דאָס וואָרט בלוט־און־פלייש פונעם בילד. ער דער־גרייכט דערמיט אַ פּאָעטישן צימצום, וואָס איז זיין אייגענער. ער שאַפט דערמיט אַן אייגענע פּאָעטישע אַטמאָספערע, וואָס אָטעמט דורכאויס מיט זיינע, גלאַטשטייניסטע, פּאָעטישע לונגען. אָבער ביי אים זענען דאָ בילדער, וואָס נישט דאָס וואָרט־באַני איז זייער שיינקייט און טיפקייט, נאָר דער אומגעריכטער צונויפשטעל פון די ווערטער. ער זאָגט אין איין ליד: „שטעל זיך נישט צווישן מיר און מיין קול". זענען די ווערטער פאַר זיך אַליין די פּשוטסטע, אָבער דער צונויפשטעל שאַפט אַ בילד פון הויכן טראַגיזם. איר ווערט דערשטוינט פון דער אַבסטראַקטקייט, וואָס איז דאָך אַזוי רעאַל.

דאָס בוך הייסט „די פרייד פון יידישן וואָרט". לייענט איר אַרויס פון די 208 זייטן, אַז די פרייד איז ביים פּאָעט, וואָס אין דעם יידישן וואָרט קען ער אַזויפיל אַריינטרויערן. ער איז אַזוי דערוואַקסן צום גרויסן טרויער, אַז ביי אים איז אַ פרייד, וואָס ער קען עס אין יידישן וואָרט אַזוי טיף־פאַרביק אַרויסזאָגן. פּאָעטיש דערוואַקסן צו טרויער איז אַ הויכע קינסטלערישע מדרגה, און דערפאַר טאַקע, וואָס ביי גלאַטשטיי־נען איז דאָ די פרייד פונעם אַרויסזאָג און אַרויסזונג אין יידישן וואָרט, איז דער טרויער זיינער אַ געלייטערטער. אידייאיש, אָדער געדאַנקלעך, דערגייט נישט גלאַטשטיין צו אויסלייז, אָבער דאָס ליד איז אויסלייזע־ריש, וואָרעם איר שפּירט אינעם ליד דעם פּאָעטס וואַרעמען ציטער, בעת פאַר אים אַנטפּלעקט זיך דאָס וואָרט, דאָס בילד, דער געדאַנק.

די ערשטע סעריע, „אַש פון גענאָד", הייבט גלאַטשטיין אָן מיט אַ

ליד פון משה׳ס טויט, — דאָס אָנהויב־ליד פון דער סעריע און סוף־ליד, — דעם טויט אונדזערן, די ״קברים פון חברים״ וואָס —

כ׳האָב אייך היינט געזען, קברים פון חברים,
דורכן אָפענעם פענצטער פון מיין נייעם פרימאָרגן,
מיט געבויגענעם עניוות האָב איך געמאַכט עטלעכע שפּאַן
צו אייערע גראָזיקע פּנימער —
זונזייגערס, וואָס ווייזן
איבערגעשראָקענע צייט.

גלאַטשטיין האָט נאָך קיינמאָל נישט אַזויפיל אַרומגעזאָגט דעם טויט, ווי אין איצטיקן בוך. גלאַטשטיין האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזונגען אַזויפיל ליבשאַפט צום יידישן פּאָעט, ווי אין דער סעריע „אַש פון געדאַנק״. און קיינמאָל האָט ער נישט געלידערט מיט אַזאַ פּאָעטישער ביטערקייט, ווי אינעם ליד „דער פּאָעט לעבט״, אָדער אינעם ליד „אַ פאַבל אָן אַ מאָראַל״. אין דער סעריע זענען דאָ צוויי לידער „צו אַ חבר, וואָס איז אַוועק״ און פינף לידער „פון אַ חבר, וואָס איז אַוועק״. אַלע זענען זיי געשריבן אין דער איבערלעבונג פון י. י. סיגאַלס טויט. די ליבשאַפט צום פריי־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט איז ווי דוד׳ס געזאַנג וועגן שאול און יונתן.

אַז דו ביסט אַוועק אַ לאַכנדיקער
מיט ווערטשפּיל אין מויל,
האָסטו פאַר מיר פאַרמענטשלעכט דעם טויט.
האָסט זיך אים אַזוי שטאַרק אָנפאַרטרויט,
זיך געגראַמט מיט אים פּשוט, בדחניש,
ווי אַ גראַם אַ צונזעריקער,
און אָפּגעווישט פון אים דעם גזלנישן גרויל.

זאָגט גלאַטשטיין אינעם ערשטן ליד. אין ליד דריי זאָגט ער:

לאָמיר קודם פאַרטרייבן די דינע שרעקן
צווישן לעבעדיקע און טויטע יאָרן.

צי ער האָט טאַקע פאַרטריבן די דאָזיקע שרעקן, איז אַ ספק, אָבער ער האָט דעם טויטן פּאָעט אַריינגעזונגען אין אונדזער אייביקייט. ער האָט „פאַרענטפערט און פאַרגלעט אַלע ספיקות, אַלע גלויבנס, אַלע לויבנס פון אַ טויטן יידישן פּאָעט״.

אַ קאַשמאַרע וויזיע, וואָס גלאַטשטיין לייטערט זי אויס מיט לירישער חכמה, איז דאָס ליד „גראַמען קראַנץ צום יאָרטאָג״. די וויזיע איז ווי

דער טויטער זיידע אברהם גייט אים נאָך, פאַרלויפט אים דעם וועג און, אַז זיי זעצן זיך ביידע אויפן גראָז און דער זיידע דערציילט אים פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט, פרעגט ער אים: „אָבער זאָג מיר דעם אמת, איז טאַקע דאָרטן עפּעס פאַראַנען?" און דער קלוגער זיידע ענטפערט אים: „נו, אַז נישט, וועסטו זיך נישט רירן פונדאַנען?" דער טרויער פון אומפאַרמיידלעכקייט, די קלוגע רעזיגנאַציע אין עט־לעכע ווערטער. אָבער אַ גרויסע טרייסט גיט אים דער זיידע:

פאַראַן דאָרט געגוג צו גלייבן
פאַר יעדן איינעם,
יעדער דערגלייבט זיך לויט זיינע כוחות...

דאָס ליד, וואָס פאַרנעמט פיר זייטן און איז דאָס גרעסטע אין דער סעריע, איז גלאַטשטיינס פּאָעטישער אָנשפּאַר אין אמונה — אויב נישט קיין אַבסאָלוטע אמונה, איז דער אינערלעכער דראַנג נאָך אַזאַ גלויבע־דיקן אָנשפּאַר, ווי דער זיידע זיינער, אברהם, האָט געהאַט.

אַ גרויס קאַפּיטל אין דער הייִנטצייטיקער יידישער פּאָעזיע איז דער ציקל „קינות אויף די נשמות פון יידישע שטעט", וואָס פאַרנעמט צען לידער. אין איינעם פון זיינע לידער זעט גלאַטשטיין אַ מין חלום, ווי זיינע צוויי שורות גייען אריין אין פיוט און יידן זאָגן זיי מיטן גאַנצקייט פון צעבראָכענע יידישע הערצער. פונעם ציקל „קינות אויף די נשמות פון יידישע שטעט" וואָלט איך אָפּגעשפּאָרט אַ סך מער ווי צוויי שורות פאַר די טראַדיציאָנעלע פיוטים אונדזערע. גלאַטשטיין איז אין די צען קינה־לידער דער שפּאָרעוודיקער באַוויינער פון די יידישע שטעט, אָבער אין דעם שפּאָרעוודיקייט רייסט זיך ביי אים אַרויס דאָס פּאָעטישע געשריי:

אין טאָג ווען כ'וועל בויען מיין הויז,
אויב פאַרגעסן וועל איך אין די יידישע שטעט,
זאָל פאַרשטומט ווערן מייַן צונג,
פאַרטרויערט זאָל ווערן די בויערישע האַנט.

און אין צווייטן ליד פונעם ציקל זאָגט ער פון די יידישע שטעט:

זענען זיי ווי הייליקע אותיות
אָפּגעשפּרונגען פון לעבן.

פון אַ ספר־תורה, אַז עס „שפּרינגען־אָפּ די אותיות", ווערט דאָס ספר

פסול, אַזוי זענען אויך פסול די נעמען פון די שטעטלשע גאַסן און „אַלע גרעניצן פון דיין וועלט זענען פסול". און צום רבונו דעלמא כולה רופט ער אויס:

הייליק די וועלט, איידער זי צעלעסטערט זיך
און צעשטויבט דיין קעניגרייך.
בלאָז צוריק אַרויף אויף איר
דאָס אַש פון יידישע שטעט־געדעכענישן.

פילפאַרביק זענען גלאַטשטיינס מאָטיוון, זיין פּאָעטישע סענסיטיוו־קייט שפּילט אויף אַלע סטרונעס פון מענטש־געדאַנק און מענטש־עמאָציע. נאָר איצטיקס מאָל וויל איך דאָס ברייטערע וואָרט מענטש פאַרשמעלערן אַביסל אויפן וואָרט ייד. נאָר גראָד פונעם וואָרט ייד וואַקסט ביי אים אויס אַ וועלט־ און מענטש־באַנעמערישע ברייטקייט. ער זעט ווי דערפון, וואָס דער מערדער האָט אומגעבראַכט דעם יידן, האָט ער „פאַרמינערט דאָס געזאַנג פון דער וועלט". און וואָס איז טאַקע דאָס געזאַנג פון דער וועלט, נאָכדעם ווי זעקס מיליאָן יידן האָט די וועלט פאַרטיליקט?

די סעריע „אַ זמר", וואָס איז אַ זמר צום יידישן לאַנד, איז אַ געוויין־געזאַנג, ווי ער זאָגט אינעם ליד „מיינע אָרעמגיטער". דער פּאָעט זעט טאַקע, ווי „דאָס לאַנד פאַרשמעקט דאָס ברויט מיטן אַראָ־מאָט פון יום־טובדיקן גלות", אָבער ער זעט אויך ווי —

דער טאַטע־פּאָטער,
גאָט פון יידישן דלות,
דריקט־צו דאָס גאַנצע לאַנד צום הארצן
און זאָגט קריאַת־שמע.

און אויף אַ קלאָר־בילדלעכן אופן ענטפערט ער די אַלע, וואָס ווילן אונדזער דור פאַר׳מדבר׳ן: „נישט דור המדבר, נאָר דור המוות". און די אַלע וואָגלערס, „וואָס בלייבן ליגן אויף דער שטילער זייט פון יונגן געלעכטער", נעמט ער אונטער זיינע פליגלען. און מיט עכטן טרויער זאָגט ער דער מדינה:

רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.

אינעם דאָזיקן פול־אויסגעזונגענעם ליד זאָגט ער, „אַז אַלע עברית־קינדער וועלן אויפהערן ידיש שוויגן". דער גלויבן זיינער איז דורכגעוועבט מיט טרויער, בפרט אַז אין אַן אַנדער ליד זאָגט ער, אַז „מען זאַלצט מיינע היסטאָרישע ווונדן, מיין גלות־פּאַספּאָרט איז פאַרשמירט". דאָס לעצטע ליד אָבער פון דעם ציקל, „קער זיך אָן", איז ווידער אַ געזאַנג צום ידישן לאַנד. דער איבערגאַנג פון טרויער צו פרייד איז אינעם ציקל אַ האַרמאָנישער, וואָרעם דער פּאָעט, אין זיין גאַנצקייט, אין זיין פולקייט, האָט זיי ביידע געשאַפן.

האָב איך פריער געזאָגט, אַז גלאַטשטיין ראַנגלט זיך פאַר אַן אָנשפּאַר אויף אמונה. אויף אַ הויך־פּאָעטישן אופן גייט ער איבער דאָס דאָזיקע געראַנגל אינעם ליד „די קרוין" און גראָד דאָס דאָזיקע קרוין־ליד זיינס איז דורכאויס געזאַנג און אַפילו אַלטמאָדיש געשריבן — מיט גראַמען אויסגעהאַמערטע —

דאָס געזאַנג אין מיין קול, וואָס איז מעביר מיטן טראָפּ,
דער ניגון פון זכרון, דאָס נאָגנדיקע ברומען,
די דורכגעזילבערטע קרוין וואָס דו זעסט אויף מיין קאָפּ,
פונוואַנען האָט זיך עס צו מיר גענומען?

זעט איר, אַז סיי פונעם ריטעם און סיי פון די גראַמען איז, חלילה, גאָרנישט געמינערט געוואָרן פון גלאַטשטיינס באַזונדערקייט אין אויסדרוק. דערציילט ער אינעם ליד, ווי „דורך אַ פענצטערל פון שיף האָב איך אויף די וואַסערן געשיקט מיינע תפילין" און נאָך פערציק יאָר גייסטיקע וואַנדערונגען, וואַגלענישן איז —

איצט זענען מיינע טאַטע־מאַמע באַלוינט.
מיין קאָפּ איז באַקרוינט.
מיין קאָפּ איז באַקרוינט
מיט אַ גרייזגרויער ידישקייט.

אָבער די גרייזגרויע ידישקייט איז פּאָעטיש פריש, ידיש שעפעריש פאַרשיינט מיט אַלע חנ׳ען פון וואָרעמען ידישן געמיט. גלאַטשטיין זאָגט־זינגט אַ סך פון זיין עלטערן זיך, אָבער אין דעם טרויער פונעם זאַק יאָרן איז דאָ דאָס אויסגעלייטערטע ליכט, וואָס „די קרוין" האָט אין אים אָנגעצונדן. אינעם ליד, „די פרייד פון ידישן וואָרט", וואָס איז דאָס פאַרלעצטע אינעם בוך, זאָגט ער, אַז „...דאָס געזאַנג שפּראַצט

ווי פּריש גראָז״. דער ציקל פון פינף לידער איז דער אַפּאָגעי פון גלאַטשטיינס געזאַנג. דאָס יידישע וואָרט איז ביי אים די פרייד פון יידישן גייסט, דער יום־טוב פון יידישן גלויבן.

נישט שייך צו מאַכן אַ סך־הכל פונעם בוך „די פרייד פון יידישן וואָרט״. קיין סך־הכל איז נישטאָ. ווי ער איז נישטאָ אינעם טרויער פון רייפע זאַנגען אויף אַ גילדיק־צעשויבערטן פעלד. דאָס ליד אַליין איז דער סך־הכל און, דער עיקר, די שפּירונג וואָס דו האָסט, אַז די שעפערישע ענערגיע גלאַטשטיינס לאָזט זיך נישט פאַר׳סך־הכל׳ען זי שלאָגט נאָך ווייטער מיט דער באַרג־טיפעניש, מיט בלענדיקער פאַר־ביקייט, מיט טרויעריקער זוניקייט —

דער טאָל זינגט, דער הימל ווערט קיל באַזוימט מיט זילבער.

א. לעיעלעס־גלאַנץ

אין זיין נייעם לידערבוך, „ביים פוס פון באַרג", האָט א. לעיעלעס אַ ליד, וואָס איז כולל אַלע ליד־עלעמענטן, וואָס מיט זיי אָפּערירט דער פּאָעט. דאָס ליד, „צו מיין שטעקן", האָט נישט מער ווי ניין סטראָפעס, אָבער לעיעלעס האָט אין דעם אַריינגעתמציתט אַלע די עלעמענטן פון פּאָעזיע און פון זיין אייגענער פּערז־מייסטערשאַפט. אַמאָל לוינט זיך צו אַנאַליזירן איין ליד, כדי דערפון אַרויסצודרינגען וועגן די אַנדערע שאַפונגען פון אַ פּאָעט.

איז לאָמיר זען: אַז מיר זאָלן טעכניש ווען איינטיילן דאָס ליד „צו מיין שטעקן", באַשטייט עס פון דריי טיילן. דער ערשטער טייל איז אַ מין דערציילערישער — ווי דער פּאָעט האָט דעם שטעקן אַליין אויסגעשניצט פון אַ צווייג. „מיט מעסערל, מיט זעגל, גלאָז און פייל, איך האָב דיר אַ קאָפּ געגעבן פון אַ ציג"... זאָגט דער פּאָעט אין זיין שמועס מיטן שטעקן. פאַרוואָס אַ ציג? פרעגט דער פּאָעט און ער ענטפערט, אַז אפשר וואָס אַ ציג איז „יידיש, היימיש נאָך פון העט אַמאָל". אָבער די פרוי זיינע זאָגט, אַז „די אויגן זענען פול מיט יידן־צער" — דאָס הייסט, אַז די אויגן ביי דער ציג, וואָס דער פּאָעט האָט זי אויסגעשניצט, זענען יידישע אויגן און מסתמא דערפאַר האָט ער זי „אַרויסגעדליבעט". איז, הייסט עס, דער שטעקן און די שניצעריי אויף אים נישט קיין צופאַל. מיטן פּאָעטס האַנט. — די אומגעניטע, שניצערישע האַנט — האָט געפירט אַ מין גורל, וואָס ערשט דערנאָך דערשפירט ער אים. איז אין דעם דאָ דעם פּאָעטס גלויבן אין גורלדיקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין טואונגען, וואָס דער מענטש, באַזונדערס דער שאַפערישער מענטש, ווייסט אַליין נישט פון זיי.

אַז מיר טראַכטן, ווי די דאָזיקע געדאַנק־שטימונג איז אויסגעדריקט

אין נישט מער ווי פיר סטראָפעס, זעכצן שורות, ביים אָנהויב פונעם ליד, הייבן מיר ערשט אָן צו פאַרשטיין דעם מיסטישן כח פון פּאָעזיע, אויסצודריקן די טיפסטע איבערלעבונגען, וואָס פון איר פורעמט זיך אויס אַ הויכער געדאַנק, אין געציילטע שורות.

דערנאָך, אַז מיר נעמען די צווייטע טייל פונעם ליד, דערשפירן מיר אינעם פּאָעט דעם ציטער פאַר דעם סוד פון באַשאַף. אַ פשוט שטיקל האָלץ האָט ער גענומען און — „האָסט אָנגעשלאָגן אין דער טיר פון סוד, וואָס עפנט זאַכן אויף און זיי באַפרייט, וואָס איז פון אַלץ דער פּרצוף און יסוד, דער איינס אין אָרט און צייט". דאָ, ווידער, האָט דער פּאָעט אין עטלעכע שורות אויסגעפורעמט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר טראָגן אַלע אין אונדזערע הערצער, נאָר נישט אַלע געפינען מיר אַן אויסדרוק פאַר דעם. דאָס איז דער אייביקער סוד, וואָס דער מענטש שלאָגט־אָן אין זיך און בלייבט דאָך קיינמאָל נישט אויפגעקלערט פאַרן מענטשן. דער סוד פון באַשאַף איז עס, אָדער ווי לעיעלעס דריקט זיך אויס — „צו פורעמען די שטומקייט, וואָס אין האָלץ"... מיר פורעמען שטומקייט, מיר פורעמען ריידעוודיקייט, לעבן פורעמען מיר, אָבער אַלעמאָל בלייבן מיר נאָר די אָנשלאָגער „אין דער טיר פון סוד".

פרעגן מיר זיך ווידער: וואָס איז דער כישוף פון די פשוטע ווער־טער, וואָס האָבן אונדז אָוועקגעפירט אויף אַזעלכע ווייטע שליאַכן פון געדאַנק און איבערלעבונג? עס איז דער אייגענער כישוף, וואָס פון דעם פּראָסטן שטיקל האָלץ ווערט דורך אים אויסגעפורעמט אַ גע־שטאַלט. עס איז דער אייגענער סוד, וואָס אַלעמאָל שלאָגן מיר זיך אָן אין זיין טיר. אָבער קיינמאָל קענען מיר אין אים נישט אַריינקומען. א. לעיעלעס האָלט שטאַרק פון באַוווסטזיניקייט אין פּאָעזיע, אָבער ער אַליין ווערט אַ סך מאָל צעטרייסלט פון דעם סוד, וואָס דער באַשאַף שטעלט מיט זיך פאַר און וואָס פּאָעזיע איז איינער פון זיינע גרונט־יסודות. אין וועלט־באַשאַף איז דאָ באַוווסטזיין, אָבער אַ פּאָעטיש באַ־וווסטזיין וואָס וואַקסט־אַריבער דעם פּראַקטיש־אַרכיטעקטישן באַוווסט־זיין.

נאָר לאָמיר צוגיין צו דער דריטער טייל פון דעם ליד — די לעצטע צוויי סטראָפעס. דאָ מעדיטירט דער פּאָעט, עס איז דער לירישער אויס־

לאַז פון אַ טראַכטערישן ליד. לעיעלעס דערציילט, ווי ער שפּאַרט זיך אָן אויפן שטעקן און — „עס וויגט זיך ריטמיש אויכעט מיין געדאַנק". און זעט, וואָס פּאַר אַ ווייטקייט און טיפקייט עס וואַקסט־אַרויס פון אַ שטיקל האָלץ. די לעצטע סטראָפע, וואָס איך ציטיר דאָ, אין דער פינאַל — אַ פלי אין דער הייך איז ער, און לאָזט אייך איבער אין געדאַנקלעך־שפּירעוודיקע הייכן. לייענט זיך די סטראָפע אַזוי: „אַמאָל פליט דער געדאַנק אַרויפצו אומגעריכט, און ס'דאַכט מיר, איך זע דעם רעיון, איך זע די האַנט, וואָס פורעמט פון דעם דיקן חושך — ליכט און ערד, און גייסט, און זיך מיט מיר ביינאַנד"...

האָבן מיר דערפון געלערנט, ווי איין ליד, אַז מיר לייענען עס מיט פולן געמיט און מיט דער פּאַרטיפונג, וואָס פּאָעזיע פאָדערט, פירט אונדז אַרויף אויף גרונטיקע געדאַנקען און ווייעט־אָן אויף אונדז אַ שטימונג, וואָס מיר זענען אָפט נישט בכח זי צו פאַרשטיין; אָבער אַז מיר זאָלן אַזאַ שטימונג נישט האָבן אַמאָל, וואָלט דאָס לעבן אונ־דזערס געווען אַ סך אָרעמער און בלייכער.

א. לעיעלעס איז אין זיין ליד דער דורכטראַכטער און דורכפילער פון אַ געדאַנק. ער איז געבענטשט מיטן זעלטענעם חוש צוצופּאַסן צו יעדן ליד באַזונדער די פּאַסיקע פאָרעם — און אין פאָרעם איז ער אַן עושר.

דאָ איז כדאי אַ טראַכט צו טאָן וואָס פאָרעם איז אַזוינס. אין דער פּאָעזיע אונדזערער איז געווען אַ צייט, וואָס פאָרעם־מייסטערשאַפט האָט מען אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. קונצן, האָט מען געזאָגט, נישט מער ווי פעיקייט. אויסגעקומען איז, אַז פאָרעם איז נישט מער ווי דאָס אויסערלעכע לבוש פון דעם ליד, נאָר די שאָלעכץ, ווייסט איר דאָך, שיילט מען אָפּ און קומען קומט מען צו דער יאָדער. דער אמת אָבער איז, אַז פאָרעם וואַקסט אַרויס פונעם ליד און וואַקסט אַריין אינעם ליד. פאָרעם איז דער ריטם פונעם מענטש־אויסדרוק בכלל און דעם ליד בפרט. אויב איר דערמאָנט זיך „אז ישיר" — דאָס געזאַנג, וואָס משה האָט געזונגען נאָכדעם, ווי פּרעה און זיינע רייטוואָגנס זענען אַריינגעזונקען אין ים — וועט איר דערהערן אַ שטורמישן ריטם, אַ זינגערישן, וואָס די פיס הייבן זיך צוצוקלאַפּן צום טאַקט. מרים, משה'ס

שוועסטער, דערציילט דאָס חומש, האָט גענומען דעם צימבל און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ. און נאָר אין עטלעכע ווערטער האָט זי זיך צעזונגען: „סוס ורוכבו רמה בים, סוס ורוכבו רמה בים...” אַז מיר זינגען־נאָך דעם סטאַקאַטאָ־ריטם, דערשפּירן מיר אין אים עקסטאַטישן טאַנץ. דאָס מיין איך מיט צופּאַסן פאָרעם צו אינהאַלט.

לעיעלעס האָט אויסגעמייסטערעוועט אַלע ליד־פאָרמען, אָבער גע־טאָן האָט ער עס נישט סתם, כדי צו באַווייזן די קונץ פון פאָרמען, נאָר דערפאַר, וואָס פּאָעטיש האָט ער געפילט אַ דראַנג אויסצודריקן באַזונדערע שטימונגען אין פאָרמען, וואָס זאָלן בולטער אויסדריקן וואָס ער וויל זאָגן. און אַ סוד וועל איך אויסזאָגן, אַז זייער אָפט טרעפט זיך אַז דעם פּאָעט גייט פריער נאָך דער ניגון פונעם וואָרט, ווי דאָס וואָרט אַליין. דאָס הייסט, אַז דער ניגון, דער ריטם, די פאָרעם זענען גאָר די סיבה ראשונה פונעם ליד און דערנאָך וואַקסט פון זיי אַרויס דאָס ליד. נאָר אַזוי ווי איך האַלט, אַז עס איז בכלל שווער צו געפינען די ערשטע סיבה פאַר אַ ליד, וועל איך זיך דערמיט נישט מטפל־זיין. קלאָר דאַרף אָבער זיין, אַז דער שידוך צווישן פאָרעם און אינהאַלט, אויב ער איז עולה־יפה, קומט פון אים אַרויס דאָס פּערפעקטע ליד, וואָס צו דעם רייסט זיך די פּאָעזיע בכלל און דער פּאָעט בפרט.

דאָס אייגענע איז מיטן גראַם. לעיעלעס, וואָס האָט געשריבן אַ סך ווייס־פּערזיקע און פריי־פּערזיקע לידער, איז אויך דער מייסטער אויפן גראַם. און זאָל מען דאָ נישט מיינען, אַז גראַם איז אַ טפל אין ליד — אַז עס איז גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ ליעטניק. דאָס איז דער פריי־מיטיוועער צוגאַנג צום ליד. דער גראַם איז אַן אַנטפּלעקטער. זייער אָפט טרעפט זיך, אַז דער פּאָעט, בעת צו אים אַנטפּלעקט זיך אַ נייע וואָרט־און גראַם־קאָמבינאַציע, עפנט זיך אויך ביי אים דער קוואַל צום ליד. ער ווערט דורכן גראַם־אַנטפּלעק אין דער בחינה פון יענעם פרינץ, וואָס איז געשטאַנען ביי דער פאַרשלאָסענער טיר פון אַ פּאַלאַץ. און פּלוצ־לינג דערזעט ער אַ כישוף־שליסעלע, וואָס עפנט פאַר אים דעם אַריינ־קום אין די ליכטיקע זאַלן, ווו אַ טייערע געליבטע זיינע וואַרט אויף אים. און וואָס נייער און אַנטפּלעקערישער דער גראַם איז, אַלץ ספּאָנ־

טאַנער און פרישער זענען די בילדער און אַפילו דער געדאַנק אינעם ליד.

אינעם גראַם, איז ווידער א. לעיעלעס איינער פון די מייסטער־פיאָנערן אין דער ידישער פּאָעזיע.

ביי לעיעלעסן אינעם איצטיקן בוך איז דאָ אַ ליד, וואָס אָפן רעדט עס נישט פון דעם דור אונדזערן, פון די גרויסע גלויבנס זיינע און דעם ביטערן יאוש, אָבער אַז מיר לייענען דאָס ליד מיט פולקייט און טראַכטערישקייט, דערשפּירן מיר אין דעם, אי דעם פּאָעטס יחידישן טראַגיזם, אי דעם טראַגיזם פון דעם גאַנצן דור אונדזערן. דאָס ליד הייסט „ווי אַן אומגעריכטער לופט־צוג" — אַן אומגעריכטער נאָמען און נאָך ווייניקער אַנזאָגנדיק אויף עפּעס, וואָס ווערט אונדז אַזוי טיף צעטרייסלען. זאָגט דער פּאָעט, אַז עס ווערט פאַרביי אַ יאָר־צענדליק און אפשר פופציק יאָר, ווען — „אַ האַנט ווערט אויפוועקן אַ טיף־פאַרשטעקטע סטרונע, און אויפשפּילן אַ בענקשאַפט נאָך מיין גראָדן בליק, נאָך מיין פאַראַכטער און אומנוציקער אמונה, קיין קליינקייט ווערט נישט וואַגן אָפּשטעלן צוריק אָט־די מוזיק"... דער פּאָעט גלויבט, אַז קומען ווערט איינער מיט „דרייסטער קראַפט" און „אַל־מיין ביטערניש ווערט פליסן פון זיין צונג מיט האַניק פון אַנטפּלעקונג, זעעריש און פלייסיק ווערט ער מיין חלום אָנקליידן אין וואָר און שוווּנג און — מאַכן יונג".

איז די דאָזיקע וויזיע אַ יחידישע, זי איז אָבער צו דער אייגענער צייט אַ כללישע, וואָרעם דער גאַנצער דור — אויף וויפל ער פאַרמאָגט נאָך אין זיך וויזיע — חלומט דערפון, וואָס אַ דור, אָדער צוויי שפּעטער ווערט אויפשטיין און „זיין חלום אָנקליידן אין וואָר און שוווּנג". דאָס איז דער כח פונעם עכטן ליד: פון יחידישקייט ווערט עס דער אויסדרוק פון אַ גאַנצן דור.

אינעם ליד „איוב" האָט א. לעיעלעס דריי שורות, וואָס זענען פאַרן לייענער אַנטפּלעקעריש און די שורות לייענען זיך אַזוי: „צי די הימלען זענען פוסט, אָדער זינגענדיקע לאַנען, צי דו ביסט יאָ פאַראַן אָדער נישט פאַראַנען — מיינע יסורים זענען דאָ, ווי דיין ווינט". נעמט די לעצטע שורה — „מיינע יסורים זענען דאָ, ווי דיין ווינט" —

און לייענט זיי מיט זיך אַליין, אין זיך אַליין און איר וועט דערהערן דאָס אייגענע האַרץ. די יסורים, וואָס זענען דאָ ביים פּילנדיקן מענטשן, וואָס זענען ווירקלעכסטע ווירקלעכקייט זיינע.

אַ ליד איז דאָ ביי לעיעלעסן אינעם איצטיקן בוך — „אחד״ — האַלט איך עס פאַרן טיפּסטן, מיסטישסטן און רעליגיעזסטן ליד. איך שטעל זיך אָפּ אויפן דאָזיקן ליד, דערפאַר וואָס איך וויל ברענגען לע־יעלעס פּיל־קאָליריקייט, פּיל־מאָטיוויקייט און פּיל־איבערלעבערישקייט. דאָס ליד גיט־איבער דעם מיסטיציזם פונעם אחד, פון דער גאָט־אייני־קייט. דער ריטם — אינערלעך אויסגעצויגן — גיט אַליין איבער די אחד־איבערלעבונגען און, אַז מיר קומען צו די ווערטער, שפּירן מיר אין זיי אחדדיקייט. ציטיר איך: „דער הימל האָט געטוליעט די ערד, די ערד האָט געענטפערט מיט גלוסטיקן עכאָ: אח—ד״. זעען מיר, ווי דער פּאָעט האָט געוואָלט שאַפן דעם אחד אין דער אַטמאָספערע פון מענטש־צו־מענטש באַהעפטונג. דער גראַם איז נישט קיין פולער. ער איז נאָר אין קלאַנג: עכאָ און אחד. אין דעם אַליין איז דאָ עכטער פּאָעטישער טאַקט — און גלויבט מיר, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פּאָעטישער טאַקט — און די ווערטער, דער געדאַנק איז ווי אַ שטייגנ־דיקע דראַמע, ביז זי דערגרייכט דעם קלימאַקס, וואָס איך ציטיר אים דאָ: דאָס פאָלק האָט געאומקומט אין פּיין. די פּיין האָט געאומערט, געיאָמערט: „פאַרוואָס?״ שטילער פון אַ זיפץ האָט געאָכט אַן עכאָ: אח—ד. אין עטלעכע קורצע ווערטער איז דאָ דער גאַנצער יידישער וועלט־געדאַנק: אח—ד. דער איינער גאָט איז דער ענטפער אויפן פאַר־וואָס. די אחדות הבורא איז דער גורל פון אונדזער פאָלק.

מאַי 1960

דער פּאָעט לעיעלעס

אהרן גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען אַ ווערסאַטילער שעפער. און רעדן רעד איך דאָ נאָר פון זיינע פּאָעטישע שאַפונגען (דערפאַר טאַקע וועלן מיר אים ווייטער רופן נאָר מיטן נאָמען לעיעלעס, ווי ער האָט זיך אונטערגעשריבן אונטער זיינע לידער), וואָס זענען דער טיפסטער תוך פון זיין לעבן. און אין דער פּאָעזיע איז ער אויך געווען אַזוי פילזייטיק און פילקאָלירק, אַז אים אויסצושעפּן אין דער פולקייט פון זיין שעפערישן ברונעם, איז אויך נייטיק אַ סך ברייטערער אָפּשאַצערישער פאַרנעם, ווי אַ פּרוּוו צו די שלושים זיינע.

אינעם נומער 56 פון „די גאָלדענע קייט״, וואָס איז אַרויס דעם לעצטן זומער, זענען געדרוקט פינף לידער לעיעלעסעס, — לידער וועגן עין־גדי. געווען איז לעיעלעס און זיין פרוי סאָפי אין ארץ־ישראל זומער 1965, — דאָס ערשטע מאָל זענען זיי געווען נישט נאָר אין דער יידישער מדינה, נאָר בכלל אין ארץ־ישראל. אין דער פולער עלטער פון 75 יאָר, הייסט עס, האָט א. לעיעלעס צום ערשטן מאָל געזען די ארץ־ישראל־דיקע לאַנדשאַפט, אַריינגעאָטעמט די לופט נישט נאָר פון דער היסטאָרישער יידישער מדינה, נאָר אויך פון דער נייער. אין אַזעלכע רייפע יאָר איז דער מענטש בטבע נישט בכח זיך אויפצוהייבן צו דער הייך פון התלהבות, וואָס אַ יינגערער מענטש דערגרייכט זי. דער פּאָעט אַפילו איז מער מיושבדיק, אַפילו קריטיש צו די ערשט־מאָל געזעענע זאַכן, בפרט אַז זיי זענען פאַרבונדן מיט אַן אידייע.

נעם איך דערפאַר די לידער וועגן עין־גדי אין „די גאָלדענע קייט״ פאַר אַן אויסגאַנג, וואָרים מיין איינדרוק איז, אַז די דאָזיקע לידער זענען אַזוי וואָרהאַפטיק דורכגעלעבט, אַזוי טיף־געמיטיק אַרויסגעזונגען, אַז איר, דער לייענער, טרינקט זיך אָן מיט זייער פרישקייט. נעמען נעם איך דאָס סאַמע לעצטע ליד פון דער סעריע, וואָס פאַרמאָגט

אפשר נישט די טיפקייט פון די פריערדיקע פיר לידער, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט עס פאַרכאַפּנדיק געזאַנג. —

מיר זענען דאָ. מיר זענען דאָ. מיר זענען דאָ.
קלאַפּט אויס אַ לויב אויף צימבאַלן.
לאָזט הערן אויף פּויקן אַ דערהויב, פון שופרות אַ שאַלן.
הילכט אויס אַ שבח אויף קלאַוויש און סטרונע.
שלאָגט אויס אויף טאַמבורינען די העלדן־אמונה
און צעטרייסלט די ווינטן פון שטח איז אַלע נאָנטן און ווייטן
און מאַכט טאַנצן די אַרעאַלן פון אַלע צייטן —
מיט נייעם לידער־געשאַנק,
מיט דעם ייִנגסטן געזאַנג:
מיר זענען דאָ!

לעיעלעס האָט מיט זיין פּאַטעטישן חוש דערשפּירט, אַז די פאַרעם פונעם ליד דאַרף זיין אַ מין אַלט־תנכישע. מיר שפּירן טאַקע דעם הויך פון די תנכישע נצחון־געזאַנגען. ער האָט אָבער צו אייגענער צייט דאָס אַלט־תנכישע געגעבן נאָר ווי אַ ווידערקלאַנג און דאָס ליד אַליין געשריבן אין דער סאַמע מאָדערנסטער פאַרמע אין דער פּאָעזיע פון אונדזער צייט. נאָר איבער די אַלע פאָרעם־ניואַנסן איז וויכטיק דער אינערלעכער ריטם פון שעפערישער פרייד, וואָס איר לייענט־אַרויס פונעם ליד. אַ מין נאַציאָנאַלער ייִדישער פרייד־ריטם זינגט אַרום פונעם ליד. דערצו איז דאָ אינעם ליד אַזאַ הויך־פּאַטעטישע בילדלעכקייט, ווי „צעטרייסלט פון שטח אין אַלע נאָנטן און ווייטן", אָדער מאַכן „טאַנצן די אַרעאַלן פון אַלע צייטן".

דער לייענער, האָף איך, וועט שוין באַגרייפן, פאַרוואָס איך האָב זיך קודם אָפּגעשטעלט אויף דעם לעצטן ליד אין דער סעריע. סע איז אַ געזאַנג, וואָס אַ פּאָעט רייסט זיך דערצו אַלע זיינע שעפערישע יאָרן און זעלטן דערגייט ער דערצו.

די אַנדערע לידער פון דער סעריע זינגען אַרויס די תנכישע מאָטיוון, וואָס עין־גדי איז מיט זיי פאַרבונדן. דעם מאָטיוו פון שיר השירים, פון שאָול און דוד'ן און דער זאַלץ־מדבר ביים ים־המלח. דאָס ליד ענדיקט לעיעלעס מיט אַן אויסגעזאַנג. —

אפרים אויערבאַך

דאָ ווערט אויף אַ פּיצל שטח
מיין שטאַם אויפגעריכט און באַנייט.
מיין שטאַם האָט געוואונען די שלאַכט
מיש די געניטע נושאי המיטה
פון נאַכט און די מחבלים פון פאַרלענד.

און אין פערטן ליד, וואָס ער רופט „נייע גבורים", באַזינגט ער דעם וואָסערפאַל אין עין־גדי און קומט צום זינגעוודיקן פּאַטאָסדיקן אויספיר, אַז „דאָ הויערן פרישע זינגערס, נייע גבורים, וואָס שטרעקן די הענט צו מצדה"... אָבער די לעצטע שורה פונעם ליד גיט פּלוצלינג זיך אַ ווענד צום אידייאישן איינשטעל פונעם פּאָעט, וואָס ברענגט אַרויס, אַז די „נייע גבורים" שטרעקן די הענט נישט נאָר צו מצדה, נאָר „אויך צו הירש גליקס: מיר זענען דאָ. אין אַ פּאָעטיש־צימצומדיקן אופן זאָגט ער אַרויס די אידייע פון איין פאָלק אין דער מדינה און אין די לענדער פון צעשפּרייטקייט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זענען די לעצטע לידער לעיעלעס, לכל הדעות געדרוקטע לידער, און אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אויף זיי דערפאַר, וואָס פון זיי לערנען מיר, אַז נישט נאָר איז דער פּאָעט געווען שעפעריש פריש ביז די לעצטע טעג, נאָר אַז ער האָט אויך געהאַט דעם כח זיך צו באַנייען, שאַפן לידער אויף נייע מאָטיוון.

גערעדט האָב איך פריער פון דער ווערסאַטילקייט לעיעלעסעס, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין די לידער איז דער צענטראַלער מאָטיוו די נאַטור. דער מענטש אין זיין אור־כאַראַקטער און דער סאָציאַלער געבוי פון דער וועלט. עטלעכע גרעסערע פּאָעמעס זענען דאָ ביי אים, איז יעדער איינע פון זיי געבונדן מיט דער נאַטור. אַפילו אַז ער שאַפט די אַטמאָ־ספערע פון פּאָליטישע געשעענישן, איז אויך דאָ אַ צונויפגעוואַקסנקייט מיט דער נאַטור. שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ פּאָעמע, ווי „פון דיר צו מיר", וואָס איז ממש צונויפגעפעדימט מיט דער נאַטור. דערביי האָט לעיעלעס אויך אַריינגעקוקט אין די וועגן פון די בעלי־חי און, מיר דאַכט זיך, אַז ער איז דער איינציקער, אָדער איינער פון די געציילטע, וואָס האָט אַזויפיל געשאַפן וועגן די לעבעדיקע באַשעפענישן. אַ ליד, וואָס שניידט זיך אין דער זעאונג פונעם ליד, איז „סדר העולם", וואָס איז אויף אַ פּאָעטיש־ניכטערן אופן פּעסימיסטיש וועגן דעם וועג פון דער וועלט. דאָס בילד, ווי אַ שלאַנג שלינגט־איין אַ קראָליק, און ווי —

געבליבן דרויסן איז נאָר דעם קראַליקס קאָפּ
מיט די אויגן.
באַלד בלויז אויגן.
און די אויגן האָבן געקוקט אַרויף
צו די שטערנדיקע הייכן, —

דאָס בילד פאַרפאָלגט איך ממש. און דער קאַרשון, וואָס האָט אַרויפּ־געשלעפּט אַ העזעלע צו אַ הויכן פעלדז, אַנידערגעשלידערט און באַלד אויסגעפּיקט ביי אים די אויגן, — דאָס־אַ בילד איז אויך איינס פון שאַרפסטע אין אונדזער פּאָעזיע. איר קענט זיך דערפון נישט באַ־פרייען. זעענדיק אַזעלכע לידער ליריש־צוקוקערישע. ביי אים זעען דאָ לידער ריין־לירישע, ווי למשל „שמעיה קען נישט גיין", וואָס איר טראָגט זיי אין זיך לאַנג נאָכן לייענען זיי.

לעיעלעס איז אָן ספק איינער פון די אַנטדעקערס אין אונדזער פּאָעזיע. נישט קיין דערפינדער, זאָג איך, נאָר אַנטדעקער, וואָרים ווי מיר דאַכט זיך האָט ער אַנטדעקט די גוואַלדיקע פּאָעטישע מעגלעכ־קייטן פונעם יידישן לשון פון די פאַרשידנסטע פאָרמען. אַז מע דער־מאָנט זיך ווי דער פּאָעט און פאָרמען־זוכער, י. ל. פּרץ, האָט ערשט מיט אַ דרייסיק יאָר פאַר לעיעלעסן זיך געקלאָגט, אַז „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען, אַז איך וואָלט פאַר גוים גויאיש זינגען", און מיינען האָט ער עס געמיינט וואָס דאָס יידישע לשון איז אָרעם, — אַז מע דערמאָנט זיך ווי די צייט איז געשפּרונגען מיט אַזאַ אימפּעט אינעם וווקס פון דער יידיש־אַנטוויקלונג, איז די באַוווּנדערונג פאַר לעיע־לעסעס פאָרם־עקספּערימענטן נאָך אַ סך גרעסער.

געווען אַ פאַרלויפער פאַר לעיעלעסן אין פאָרם־עקספּערימענטאַ־לישקייט: לייבניידוס. ער איז אָבער געבליבן דער עיקר ביי די עקס־פּערימענטן, ער האָט נישט צייט געהאַט די פאַרשידענע פאָרמען אָנ־פילן מיט טיפן פּאָעטישן תוכן. געשטאָרבן איז לייב ניידוס צו 28 יאָר און אַפילו אין קורצן לעבנסשפּאַן פון זיין פּאָעטישער פיבערדיקייט האָט ער געעפנט אַ קליין טירל צו דער פּאָעטישער וועלט פון די גרויס־אייראָפּעישע ליטעראַטורן.

אויסרעכענען די פאַרשידענע פאָרמען, וואָס אין זיי האָט לעיעלעס געשריבן, איז כלל נישט נייטיק. אין דעם איז ער געווען, ווי איך האָב

געזאָגט, אַן אַנטדעקער. אַ דערפינדער איז ער געווען אינעם גראַם. ער האָט באַרייכערט די יידישע פּאָעזיע מיט גראַמען, וואָס פאַר אים האָט זיך קיינער נישט אָנגעשלאָגן אויף זיי. און גראָד די גראַם־מייס־טערשאַפט איז אַ ריין־יידישע און איז אויך טיף אַריינגעוואַקסן אין אונדזער פאָלקס־שעפערישקייט. נאָר דער רייץ סיי פון נייע פאָרמען און סיי פון נייע גראַמען האָט אים אַמאָל פאַרפירט אויף קרומע וועגן. מיר דאַכט זיך אַז סיי דער טריאָלעט און סיי דער ווילאַנעל, וואָס לע־יעלעס האָט מיט זיי אַ סך עקספּערימענטירט, זענען פרעמד דעם אי־נערלעכן כאַראַקטער און דעם ריטם פון יידיש. דאָס לשון אונדזערס איז אַ ברייט־באַריידעוודיקס און איינפּענטען עס אין דעם יאָקל פון געציילטע שורות, בפרט נאָך אַז באַשטימטע שורות חזרן זיך איבער אין יעדער סטראָפע, נעמט־צו ביים לשון דעם כח פון אויסרעדן זיך, אַ טענה־טאָן כמעט אויפן מענה־לשונדיקן שטייגער.

לעיעלעס האָט אָבער באַוויזן גרויס מייסטערשאַפט אין דער געצאַמט־קייט, אַפילו אַז ער האָט געמוזט צאַמען דעם נאַטירלעכן פלייץ פון אונדזער לשון. דאָס אייגענע איז מיט גראַמען־נאַוואַטאַרישקייט: אַמאָל האָט ער געמוזט בייגן די שורה אַזוי אַז דער גראַם זאָל זיך אָנזען. אַז איר נעמט, למשל, אַזאַ שורה, ווי „די לופט איז נאָכן רעגן מיט געבליעכץ שטאַרק״, איז דערפאַר, וואָס „שטאַרק״ שטייט ביים סוף פון דער שורה, כדי צו גראַמען מיט קאַרק, ווייסט איר נישט דעם באַטייט פון „שטאַרק״: צי איז די לופט נאָכן רעגן סתם שטאַרק מיט געבליעכץ, צי דאָס מיינט אַז סע איז אַ שפע אין געבליעכץ, צי איז זי שטאַרק צוליבן געבליעכץ. נאָר אין רוב לידער זיינע איז דער נאָוואַטאָרישער גראַם אַ צושפּיל אויף אַ פיינעם, דינעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וואָס דער פּאָעט לעיעלעס איז געווען זיין סטראַדע־וואַריוס.

שרייבן אויטאָביאָגראַפיש, אָבער אויף אַזאַ הויך־פּאָעטישן אופן, וואָס זאָל דעם פּאָעטס ביאָגראַפישקייט דערהייבן צום אַל־מענטש, איז גאָר אַ הויכע פּאָעטישע מדרגה. לעיעלעס האָט אין די שפּעטערע יאָרן געשריבן אַ סך אויטאָביאָגראַפישע לידער. כאַפּ איך אַרויס עט־

אויף דער וואָגשאָל

לעכע שורות פון אַזאַ ליד, וואָס דאָס אויג מיינס איז געפאַלן אויף זיי:

שטייט אַ הויז אינמיטן פעלד, איך ווין אין דעם אַצינד.
אין די פענצטער מיט די דראָטן
קלאַפּן אומרויקע מאָטן,
ס׳מאַניעט זיי דאָס העלע ליכט, וואָס מענטשן־פאַרטל צינדט.

דער פּאָעט דערציילט, ווי די פליגעלעך רייסן זיך דורך די דראָט־נעצן און קומען אום אויפן באַשריבענעם פּאַפּיר זיינעם. די שורות־מצבות „קאָנקורירן מיט אימפּעטיקן קוועקזילבער פון מיין געדאַנק”. האָט איר אינעם דאָזיקן ליד די פּערזענלעכע איבערלעבונג פונעם פּאָעט, וואָס איז קאָנקרעט אָנגעצייכנט און איר האָט דאָ אויך דעם ווייטן אָנוווּנק, אַז דער „אימפּעטיקער קוועקזילבער” פון זיין געדאַנק, — דעם מענטשנס געדאַנק בכלל, — איז אפשר נישט מער, ווי „פּיצלעך פליגעלעך, — אַ וויש און זיי ווי נישט געווען”. דאָס ליד האָב איך בפירוש נישט אויסגעקליבן, — סע איז מיר געקומען אונטער דער האַנט. לעיעלעס האָט אַ סך אַזעלכע אויטאָביאָגראַפישע לידער, וואָס זיי זענען קאָנקרעט און דאָך וואַקסט פון זיי אַרויס אַ טיף־טראַגישער געדאַנק, אַ סך מאָל אַ דיכטעריש־געדאַנקלעכער פלי.

נישט אויף אַלע לידער־פאָרמען און שטימונגען האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. לעיעלעס איז צו ווערסאַטיל. און אוודאי איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן באַזונדער אויף זיינע לענגערע פּאָעמעס און די דראַמעס. וועט מען זיך מוזן אַמאָל ווידער אומקערן צו אים, אַז דער אייבערשטער וועט נאָר שענקען יאָרן און אַ קאַפּעטשקע געזונט. צו סוף וויל איך נאָר זאָגן: אַ פולער יידישער פּאָעט איז לעיעלעס געווען. ער האָט זיך ביזן סוף פון זיינע טעג באַנייט און, נאָכמער, ער איז אַוועק פון דער וועלט אַ נישט אויסגעשעפּטער אין דער שעפערישער דאָרשט, אינעם דראַנג צו קלעטערן אַלץ העכער אויפן פאַרפלאָנטערטן בוים פון דער פּאָעזיע.

לעיעלעס אין עברית

אין זיין אויסשעפנדיקן אַריינפיר צום בוך „שירים וחזיונות" פון אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, וואָס איז אין אָנהייב 1960 דערשינען אינעם מוסד ביאליק, שטעלט זיך דב סדן אָפּ אויף דעם דיכטערס עדות־זאָגן וועגן זיך אַליין, אַז ער איז אַ גרויסשטאָטישער און די פּאָעזיע זיינע איז אַן אַרויסוואוקס פון דער גרויסשטאָטישקייט. די גרויסשטאָטישקייט האָט געשאַפן דעם נייעם גאַנג אין דער פּאָעזיע, האָט געבראַכט נייעם אויסדרוק און אַ קער־געטאָן די פּאָעזיע פון דער וועלט בכלל און דער ידישער בפרט, נישט נאָר צו נייע מאָטיוון, נאָר אויך צו נייע אויסדרוקס־מיטלען. סדן איז נישט אינגאַנצן מסכים מיט דעם דאָזיקן איינשטעל פונעם פּאָעט און פּרוּווט באַווייזן, אַז כאָטש ער, גלאַנץ־לעיעלעס, איז געוואַקסן אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש און פון די יונגע יאָרן־אָן האָט ער געלעבט אין לאָנדאָן און דערנאָך אין ניו־יאָרק, איז אָבער די קליינשטאָטישקייט, וולאָצלאַוועק, וווּ ער איז געבוירן, גע־קומען זייער אַ סך צום אויסדרוק אין זיינע לידער.

אַז מיר נעמען אָבער די אויסגעקליבענע לידער, וואָס זענען אַריין אין העברעישן בוך, זענען דאָ זייער וויניק קליינשטאָט־לידער, אָדער כמעט ווי גאָרנישט. דער איבערזעצער, בנימין הראָשאָווסקי, און די רע־דאַקציע, האָבן גראָד אויסגעקליבן די גרויסשטאָטישע לידער פון די אַלע לידערביכער זיינע, וואָס זענען דערשינען. א. גלאַנץ־לעיעלעס, ווי דער רוב פּאָעטן, איז זיך אָפּט טועה וואָס נוגע אים אַליין, זיין אייגענעם שאַפן. די גרויסשטאָטישע לידער זיינע זענען טאַקע דער אויסדרוק פונעם ראַשיק־רוישיקן שטאָטישן ריטעם, אָבער אין תוך האָט ער די גרויסשטאָט נישט ליב און דער גרונט־מאָטיוו פון זיינע לידער איז די פאַרלוירנקייט זיינס אינעם ווירוואַר פון דער שטאָט. בעת די דאָרף־לידער זיינע זענען בפירוש דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו דער נאַטור, צו די בעלי־חי, די שטומע באַשעפענישן.

איז אַ שאָד, וואָס אין די 58 זייטן לידער, וואָס אינעם בוך „שירים וחזיונות" זענען נישט אַריין דעם פּאָעטס נאַטור־און דאָרף־לידער, וואָס וואָלטן געגעבן דעם העברעיִשן לייענער אַ פולערן באַגריף וועגן דעם פּאָעט. אמת, דאָס דאָרף און די נאַטור איז ביי גלאַנץ־לעיעלעסן אַן אַמעריקאַנישע, — פון דער קליינשטאָט אין פוילן האָט ער כמעט נישט קיין לידער, — איז אָבער דער אַראָמאַט פון זיינע נאַטור־לידער דער אייגענער, ווי ער וואָלט געשריבן וועגן דער יידיש־פּוילישער נאַטור. ד צוויי גרעסערע פּאָעמס זיינע, — „פון דיר צו מיר" און „וואודפערן פאַרם", — זענען סיי אין פאָרעם, סיי אין דער אינערלעכער איבערלעבונג פונעם פּאָעט דורכגעוועבט מיט דער נאַטור. די לאַנדשאַפט אין „פון דיר צו מיר" איז דער בראָנקס־פּאַרק. אָבער אינעם דאָזיקן ווינקל פון דער גרויסשטאָט געפינט דער פּאָעט דער עיקר די נאַטור. די ליריש־פּובליציסטישע מחשבות פון דער פּאָעמע זענען אַריינגעוואַקסן און אַרויסגעוואַקסן פון דער נאַטור. וואָס איז שייך „וואודפערן פאַרם", איז זי שוין אינגאַנצן צונויפגעוואַקסן מיט דער נאַטור און דער פּאַטאָס אירער איז דעם פּאָעטס ליבשאַפט צו דער נאַטור. אַ חוץ די צוויי דערמאָנטע גרעסערע פּאָעמעס זענען נאָך ביי גלאַנץ־לעיעלעסן דאָ אַ סך נאַטור־און דאָרף־לידער, וואָס זענען נישט סתם אורחים אין זיין פּאָעזיע, נאָר אַ פּאָעטיש־דראַנגערישער כח אין זיין שאַפונג. דער העברעיִשער לייענער וועט דערפאַר האָבן אַ קאַפּויערן איינדרוק פון זיין פּאָעזיע, — קאַפּויער, ווי דער רעדאַקטאָר פונעם בוך און דער אַריינפירער, טראַכט פון אים.

דאָס בוך „שירים וחזיונות" איז פון דער סעריע איבערזעצונגען פון יידיש, וואָס דער מוסד ביאַליק גיט אַרויס. מיר ווייסן, אַז די איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור זענען אין ביאַליק גייסט, וואָס האָט עטלעכע יאָר פאַר זיין פּטירה אַרויסגעלאָזט דעם לאָזונג פון כינוס, — פון צונויפזאַמלען אין העברעיִש אַלע גייסטיק־שעפערישע ווערטן אונדזערע. דער מוסד ביאַליק האָט שוין אַרויסגעגעבן הונדערטער ביכער, איבערגעזעצטע און אָפּגעפרישטע, אָבער פון יידיש זענען אַרויס דערווייל נאָר עטלעכע ביכער. איז דאָ נישט דאָס אָרט צו רעדן פון די סיבות, פאַרוואָס דער יידיש־שעפערישער אוצר איז אַזאַ מאָגע־רער אינעם דאָזיקן פאַרלאַג. דאָס דערשיינען פון אהרן גלאַנץ־לעיע־

לעסעס „שירים וחזיונות״ איז אפשר דער אָנהייב פונעם פאַרלאַגס נייעם צוגאַנג צו דער יידיש־ליטעראַטור און מיר דאַרפן דערפאַר דאָס בוך באַגריסן, — סיי פאַר דער שיינקייט פון דער אויסגאַבע און סיי פאַר דב סדנס אַריינפיר, וואָס איז אַן אַרומנעמעװדיקער און אין אַ סך פרטים אַן אויסשעפנדיקער.

אַז מיר קומען צום בוך אַליין, איז איידער מיר רעדן פון די איבער־זעצונגען, וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס דער לידער־טייל איז אַ זייער בצמצומדיקער. דאָס בוך פאַרנעמט 282 זייטן און מיט סדנס אַריינפיר — 312 זייטן. דערפון זענען נישט מער ווי 58 זייטן לידער, די איבע־ריקע זענען גלאַנץ־לעיעלעסעס צוויי דראַמעס, „שלמה מולכו״ און „אשר לעמליין״. סדן אַליין זאָגט אין זיין אַריינפיר, אַז דער עיקר אין לעיעלעסעס שאַפונגען — וואָס זענען כולל אי עסייען, אי ליטעראַטור־קריטיק, אי דראַמע און אי פובליציסטיק, — זענען די לידער. אָבער גראָד די לידער זענען די ווייניקסטע אין בוך. דערפאַר אָבער דערקענט זיך, אַז דער איבערזעצער פון די לידער, בנימין הראַשאָווסקי, האָט גע־וואָלט ברענגען פון די פאַרשידענע לידער־פאָרמען, וואָס לעיעלעס האָט גענוצט אין זיין פאָעטישן גאַנג. דער העברעיש־לייענער, מעגן מיר גלייבן, וועט האָבן פאַר זיך די פאַרשידנסטע פאָעטישע פאָרמען, וואָס זענען נישט שכיח אין דער העברעישער פאָעזיע. מיטן סאָנעט האָבן זיך באַנוצט אַ צאָל העברעישע פאָעטן, אָבער די אַנדערע פאָרמען האָבן זיי, אַ חוץ טשערניכאָווסקין, נישט גענוצט. אויסגעקומען איז, ווי דעם איבערזעצער איז גיכער געגאַנגען אין רעפּרעזענטירן לעיעלעסן מיט דער פאָרם־רייכקייט, ווי מיט די תוכיקע פאָעטישע שטימונגען. איז דאָס אַליין אַ דערגרייכונג, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז מיט אַ גרעסערער צאָל לידער, ווי סע איז דאָ אין בוך, וואָלט דער פאָעט אַ סך מער געוווּנען.

דער צוגאַנג צו איבערזעצונגען דאַרף זיין ערשטנס, צי די איבער־געזעצטע לידער לייענען זיך, ווירקן ווי לידער, אָן שום פאַרגלייכונגען מיטן אָריגינאַל. צווייטנס, פאַרגלייכן מיטן אָריגינאַל און זען, צי דער איבערדיכטער האָט איבערגעזונגען דעם פאָעט מיטן טאָן און דער שטי־מונג, וואָס איז ביים פאָעט. איבערזעצונגען פון לידער מינערן אַלעמאָל דעם אָריגינאַל, די פראַגע איז נאָר ווי גרויס די מינערונג איז. אַז איך

בין צוגעגאַנגען צו הרושאָווסקיס איבערזעצונגען פון לעיעלעסעס לידער, איז די ערשטע מאָס, — די לידער פאַר זיך אַליין, ווי זיי וואָלטן געווען לידער געשריבן אין העברעיש, — אַ געמישטע. הרושאָווסקי, וואָס האָט אַליין געשריבן לידער אין יידיש אונטערן נאָמען ה. בנימין, האָט אַרויס־געוויזן מייסטערשאַפט אין אַריבערגיסן די שווערע ליד־פאָרמען לעיע־לעסעס פון דער יידיש־כלי אין דער העברעיש־כלי. ער האָט אַ סך מאָל אַפילו אָפּגעהיט די אינעווייניקסטע גראַמען, וואָס לעיעלעס האָט אַ שטאַרקן גוסט צו זיי. ער איז אַפילו געווען געטריי דעם אַסאָנאַנס. וואָס איז שייך אָבער דעם תוך פון די לידער, איז דער איינדרוק ביי מיר, אַז סע פילט זיך אַ שטייפקייט, אינעם אופן, ווי זיי זענען איבערגעגעבן אין העברעיש.

הרושאָווסקי באַנוצט דעם מאָדערנסטן העברעיש, און מיר דאַכט זיך, אַז אַפילו אַ העברעיש־קענער, וואָס איז גאָר שטאַרק באַהאַוונט אינעם היינטיקן לשון, וועט אויך דאַרפן אָנקומען צו אַ ווערטערבוך, אָדער לכל הפחות זיך אָפּשטעלן און איבערטראַכטן, כדי צו דערגיין די טייטש פון אַ וואָרט. איז דאָס נישט קיין חסרון, יעדער פּאָעט האָט אַפילו אין דער אָריגינעלער שפּראַך זיינער, אַן אייגן לשון, וואָס אַ סך מאָל דאַרף זיך דער לייענער אָפּשטעלן צו כאַפּן אַ וואָרט. האָט הרו־שאָווסקי געוואָלט איבערגעבן לעיעלעסעס אייגן יידיש־לשון אין העב־רעיש? אפשר יאָ, נאָר דערפון איז אַרויסגעקומען אַ מין שווערקייט, אַ באַלאָדנקייט פון שפּראַך, וואָס ווערט נאָך שווערער, אַז דערצו קומט־צו דאָס באַלאָדנקייט פון פאָרעם.

לעיעלעס האָט אַ גרויסע צאָל נאַציאָנאַלע לידער, סאָציאַלע, ליריש־פערזענלעכע, אָבער אָט די פאַרשידנקייט פון מאָטיוון זענען אין די 58 זייטן אין העברעיש נישטאָ. גראָד אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַלע לידער, איז לעיעלעס דאָ מיטן טעמפעראַמענט זיינעם, מער ווי אין די גרויס־שטאָטישע לידער, וואָס פאַרנעמען דעם רוב פון די איבערזעצונגען.

וואָס איז שייך דעם צווייטן צוגאַנג, — די אַדעקוואַטקייט פון די איבערזעצונגען, זענען דאָ פעלערן, אָבער נישט אַזעלכע, וואָס זאָלן, חלילה, שעדיקן דעם פּאָעטס מיין. ביי מיר איז אין איבערגעזעצטן ליד דער עיקר, צי סע לייענט זיך ווי אַ ליד. לייענען זיך לעיעלעסעס לידער

ווי לידער, נאָר דאָס „קאַלטע פייער", וואָס לעיעלעס האָט דערפון אין זיינס אַ ליד, איז אין דער איבערזעצונג אַ סך קעלטער געוואָרן.

די דראַמעס, „אָשר לעמליין" און „שלמה מולכו", האָט איבערגע־זעצט שמשון מעלצער. „אָשר לעמליין" איז געשריבן אין פּראָזע און „שלומה מולכו" אין פערזן. האָט מיך באַלד פאַרכאַפּט די שווערע אויפ־גאַבע, וואָס מעלצער האָט געהאַט פאַר זיך, — די פערזן אין „שלמה מולכו". שמשון מעלצער, וואָס איז אַ מייסטער אין זיינע אָריגינעל־העברעיש לידער, האָט אין דער איבערזעצונג פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע אריינגעטראָגן זיין מייסטערשאַפט און איר לייענט זי אין דער העברעיש־כּלי מיט דער אייגענער הנאה, וואָס אין יידיש. מעלצערס לשון איז אַ תנכיש־משנהדיקס, אַפילו אַז ער שאַפט נייע ווערטער, דער־שפּירט איר באַלד דעם מיין זייערן און נאָכמער, זייער פּאָעטישן אַראָ־מאַט.

„שלמה מולכו" איז מער פּאָעטישער פּאַטאָס, ווי דראַמע און דעם דאָזיקן פּאַטאָס האָט מעלצער נישט נאָר איבערגעגעבן, נאָר ער האָט אים נאָך דערהויבן, ווארעם העברעיש איז רייכער אין פּאַטאָס, ווי יידיש. „שלמה מולכו", וואָס איז אַ גאַנץ ווערק, וועט געבן דעם העברעיש־לייענער מער פולקייט פונעם פּאָעט לעיעלעס, ווי די פּאָר צענדליק לי־דער. טאָקע דערפאַר, וואָס ער קריגט אַ גאַנצע שאַפונג און אויך דער־פאַר, וואָס די העברעיש־כּלי איז דאָ אַ לייכט־עלעגאַנטע און דער פּאַ־טאָס איז עכטער, ווי ער איז אין אָריגינאַל.

„אָשר לעמליין", וואָס לעיעלעס האָט געשריבן שפּעטער ווי „שלמה מולכו", איז אין פּראָזע און נאָך וויניקער דראַמאַטיש, ווי פּאָעטישע דראַמע. שמשון מעלצערן איז געלונגען די דראַמע איבערצוגיסן אויף אַזאַ אופן, אַז איר זאָלט בשום אופן נישט פילן די איבערזעצונג.

אין סך־הכּל: „שירים וחזיונות" פון א. לעיעלעס איז אַ ווערטפול בוך, אַפילו מיטן צמצום פון די לידער. דב סדנס אַריינפיר, וואָס רעדט אויף אַ ברייטן אופן פון דעם פּאָעטס גוראַנגל מיט זיך אַליין און מיט דער אָפיציעלער קריטיק, האָט אויך די גרויסע מעלה, וואָס ער מאָלט דעם הינטערגרונט פון דער יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע.

יולי, 1962

נפתלי גראָס, דער פּאָעט פון יידישע געשטאַלטן

אינעם ליכטיקן טאָג פונעם פאַרשפעטיקטן פרילינג, האָבן מיר באַ־גלייט צו זיין אייביקער רו אַ פּאָעט, וואָס זיינע לידער ברענגען אונדז רו פון אייביקייט. אַז מיר זענען געשטאַנען ביי זיין צוגעמאַכטן ארון און מיט טיפן צער געטראַכט, ווי יונג ער איז פון אונדז אַוועקגעגאַנגען, — קיין זעכציק יאָר נאָך נישט אַלט געווען, — איז פאַר אונדז אויפגעגאַנגען אַ שורה פון זיין ליד „די לויה":

אַזוי גייט יעדער איינער זיך אַליין באַלייטן...

ער האָט זיך אַליין באַגלייט מיטן ליכטיקן טרויער פון זיין ליד, מיט די געשטאַלטן פון די שטעטלשע יידן, וואָס ער האָט געשאַפן מיטן תהילים, וואָס ער האָט אים אַזוי קינסטלעריש איבערגעזונגען אין יידיש, מיט די פאָלקס־מעשהלעך, וואָס ער האָט זיי געקליבן מיט אַזויפיל טעם. נפתלי גראָס איז געווען פון די געציילטע אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס אין די שטורעמדיקסטע צייטן פון אונדזער גרויס־ און טרויעריק־געשיכט־לעכן לעבן, האָט ער זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט נייע טענדענצן, — נישט אין פאָרעם און נישט אין אינהאַלט. בעת דער ברויז פון דער צייט האָט געמאָנט ביי שרייבער צייט־מאָטיוון, איז ער אַוועק פון דער צייט, האָט זיך מתייחד־געווען מיט די זעונגען פונעם ווייטן, פאַרוואָרפענעם שטעטל און געשאַפן אין קלאַסיש־געצוימטע פערזן יידישע געשטאַלטן, וואָס געזען האָט ער זיי אין זיין היימשטעטל ביז צום אַכצנטן יאָר פון זיין לעבן, — נישט מער ווי אַכצן יאָר איז ער געווען ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אָבער אין זיין פּאָעטישער איבערלעבונג זענען די געשטאַלטן געווען אַזוי פרייש, ווי ערשט נעכטן וואָלט ער פון זיי אַוועקגעגאַנגען.

נפתלי גראָס איז געווען אַן עקשן קעגן די צייט, אַ סך מאָל האָבן מיר געהאַט צו איִם טענות, וואָס ער אַנטלויפט פון דער איצטיקייט צום שטעטל, אָבער דערנאָך האָבן מיר דערזען אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ ווייט־זעעוודיקייט און ווייט־שפּירעוודיקייט, ווי ער וואָלט פאַרויס־געפילט, אַז די מערדערישע גויאישע האַנט וועט די געשטאַלטן פאַר־שניידן און ער דאַרף זיי פּאָעטיש פאַרייביקן, דערהייבן זיי אין זייער טראַגיזם, אין זייער יידישער פולקייט.

דאָס ערשטע בוך לידער נפתלי גראָסעס איז דערשינען אין יאַנואַר 1920. מיט אַ שמייכל האָב איך איצט געלייענט דעם אויפשריפט צו מיר אויפן בוך: „דער קאַראַוואַן־זינגער". מיין בוך „קאַראַוואַנען" איז אַרויס אין 1918, אָבער דער שטח פון די צוויי יאָר איז אין יענער צייט געווען אַזאַ ווייטער, אַז איך בין שוין געווען כמעט אַ קלאַסיקער לגבי נפתלי גראָסן, איך האָב שוין געטראָגן אויף זיך דעם פּאָעטישן חותם „קאַראַ־וואַנען־זינגער" און ער האָט זיך ערשט געדאַרפט אַריינזינגען אין דער פּאָעזיע. אין יענעם ערשטן ביכל, פון 36 יאָר צוריק, איז נפתלי גראָס פאַרזונגען מיט ניו־יאָרק, פאַרזונגען מיט נאָכזינגען, נאָכנוסח'ן, מיט פּרוּוון זיך באַפרייען פון די „שלייערן" און די „ווייסע רייטערס". צום סוף פון דעם ביכל האָט ער אַ סעריע לידער „וואָס וועט זיין פון מיר?" און דאָרטן זאָגט ער: „אַך, וואָס וועט זיין פון מיר? איך, וואָס קום אַרויס פון יידן יום־טובדיקע, וואָס האָבן דור־נאָך־דור אין בטחון נאָר אין גרויסן גאָט געלעבט; וואָס האָבן טאָג־און־נאַכט אין תורה לערנען נאָר, און מיט ווייב־און־קינד טאָג־און־נאַכט פאַרבראַכט, — וואָס וועט זיין פון מיר?" און דערנאָך האָט ער דאָרטן אַ ליד, וואָס איז שוין אַ פולער אָנזאָג אויף זיין ווייטערדיקן אייגענעם אופן שרייבן, — אַן אופן פון דערציילערישקייט, וואָס פון איר וואַקסט־אַרויס אַ פּאָעטיש בילד, אַ סימבאָלישקייט. דאָס ליד דערציילט, ווי ער, דער אַכצניאָריקער בחור, דאַרף אַוועקפאָרן פון דער היים, זיך לאָזן אין דער ווייטער וועלט־אַריין. ער איילט זיך אָבער נישט אויפצושטיין, די מאַמע גייט צו צו זיין געלעגער און זאָגט אים: „טולינקע, שטיי שוין אויף". נאָר „טולינקע" טראַכט, אַז אפשר וואָלט ער גאָר אינגאַנצן נישט אַוועקגעפאָרן פון דער היים, וואָרים אין דער ווייטער וועלט „וואָס וועט זיין פון מיר?" דער

קלוגער זיידע, וואָס איז שוין אָפּגעפּאָרן אַ וועלט מיט יאָרן, זאָגט: „ער וועט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן". דאָס ליד ענדיקט נפתלי גראָס אַזוי: „מיין אַלטער, גוטער זיידע, ער פאַרשטייט שוין: איך וועל גאָרנישט נישט פאַרשפּעטיקן". אינעם לויף פון די יאָרן טראַכטן מיר, צי האָבן מיר זיך געדאַרפט אַזוי איילן? וואָלטן מיר עפּעס פאַרשפּעטיקט? נאָר נפתלי גראָס, דאַכט זיך מיר, וואָלט יאָ פאַרשפּעטיקט, וואָרים דער גאַנג זיינער, ווי ביי די מערסטע פּאָעטן ביי אונדז האָט געדאַרפט גיין דורך דערוויייטערטקייט פון דער היים, כדי דערנאָך צוריקצוקומען צו איר און זי ווידער באַשאַפן אינעם וואָרט, אַז זי זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן פון דער אייביקייט.

אָבער שוין אינעם ערשטן ביכל, וואָס דער גרעסטער רוב לידער אין דעם איז אי פאַרזונגענקייט מיט ניו־יאָרק, אי יוגנטלעך־פאַר־הויכט מיט אַ שלייער פון אַבסטראַקטן בילד, הייבט שוין דער פּאָעט אַביסל אויף דעם פאָרהאַנג איבער זיך, ער זוכט שוין די אייגענע פאַרלוירנקייט, ער רעדט שוין מיט צער: „מיר, וואָס פעלט בטחון אויס, מיר, וואָס פעלט אַ תורה אויס".

אינעם צווייטן בוך זיינעם, „דער ווייסער רייטער", וואָס איז אַרויס אין 1925, קומט שוין נפתלי גראָס צו אַביסל נענטער צו זיך, צום תמצית זיינעם, וואָס האָט שפּעטער אויסגעפורעמט דאָס פּאָעטישע געשטאַלט זיינס. אין יענעם בוך זענען שוין דאָ זוכעריש־פּאַרטיפטע לידער, אָבער די מערסטע זענען נאָך לופטיקע. אַמאָל ווערט ער גאָר כוואַטסקע משה־לייביש, ווי דאָס ליד „אַ חלום פון אַ פרילינג פאַרנאַכט", אָבער אַפילו אין דער צעכראַסטעטקייט איז ער אַנדערש, דו פילסט, אַז ס'איז אַ פּאָעטישער אַנשטעל, אין דער אמתן איז ער גאָר אַ זיידן קינד פון קאַלאָמעי. ער וויל זיין בונטאַריש, אָבער ס'איז אַ פרומע בונטאַ־רישקייט.

אינעם בוך „ווייסער רייטער" זענען שוין דאָ „פּערזן", — פּיר־שורה'דיקע לידער, וואָס אין די ווייטערדיקע לידערביכער האָט זיי דער פּאָעט דערהויבן צו אַ הויכער מייסטערשאַפט פון געמיט און געדאַנק. דאָ זאָגט ער שוין: „מיר בעטן: פיר שוין, פיר אונדז צו דיין שוועל, דעם וועג פאַר אונדז מאַך גלייך, מאַך לייכט און העל, מיר

קומען קניען פאַר דיין אַנגעזיכט, דאָרט אויפצוגיין דערלייטערט אין דיין ליכט". דאָרט זינגט ער שוין: „דער נביא זאָגט: ער וועט ס'געווייַן פון זיי דערהערן, און פון זייער צער און ווי וועט ער פאַרגעסן. זייט גרייט, זייט גרייט, ער האָט פאַר זיי פיל פרייד נאָך אָנגעגרייט". דאָרט זינגט ער שוין: נפתלי, זינט ווען פאַרנעמסטו זיך מיט תפילה טאָן? זינט ווען ביסטו אַ גלויביקער געוואָרן? צי האָט דיין פוסטקייט דיך געבראַכט צו דעם, צי גאָר די אומרו פון דער ליבע?"

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם בוך „די עלעגיע אויפן לעבן פונעם קלוגן חוני". נפתלי גראָס האָט אָנגעשריבן די עלעגיע און זי איבערגעלייגט דעם פּאָעט ל. מילער. יענער האָט אָנגעשריבן אַ מין המשך, אָדער וואַריאַנט פונעם ליד. נפתלי האָט אין בוך אָפּגעדרוקט זיין ליד און מילערס. געטאָן האָט ער עס פון חברשאַפט, און דעם מינדסטן הינטערגעדאַנק, אַז דער לייענער זאָל זען דעם חילוק צווישן די צוויי לידער. אַרויסגעקומען איז אָבער, אַז מיר מאַכן אַ פאַרגלייך און מיר זעען, ווי נפתלי'ס „חוני" איז געשריבן אין עלעגישן טאָן, איז פול מיט שטילקייט און אַ פאָלקישע סטרונע וויינט אין דעם ליד, דאָס אַלטע יידישע פידעלע פאַרגייט זיך אין דעם, ווען דער פּאָעט זאָגט: „און חוני האָט ליב דיביימער, די בערג, דאָס רוישן פון זיי און דאָס רעדן, די ווינטן, די טייכן — גאָטס וווּנדערווערק, — און ווי שווער איז מיט זיי זיך צו שיידן". דאָס צווייטע ליד, ל. מילערס, איז שוין שטורמיש, ער ברענגט חוני'ן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וווּ „דאָס שטאָטישע געוויש קלינגט־אָפּ אין חוני'ס אויערן, ווי די שפּראַך פון דור הפלגה".

אין דריטן בוך, „יידן", וואָס איז אַרויס אין 1929, איז שוין געקומען די פולע אויסגערייפטקייט, דער פולער אויסדרוק. ביכער זעענען דאָ וואָס די צייט וואַקסט אויף זיי אַרויף ווערטיקייט, פולקייט, אַפילו לויטערקייט. דאָס איז געשען מיט נפתלי גראָסעס בוך „יידן". ווען ס'איז דערשינען, מיט 27 יאָר צוריק, איז ער כמעט געווען אַ פרעמד געוויקס אין דעם דאַמאָלסדיקן יידיש־פּאָעטישן גאָרטן. פון איין זייט האָבן נאָך די „יונגע" געטראָגן די פאָן פונעם „בלויען ריטער", וואָס איז געווען פאַרהילט אין „זיבן שלייערן". פון דער אַנדערער זייט האָבן די

אינזיכיסטן נאָך אַבסטראַקטירט זייערע פּאָליטישע איבערלעבונגען. דאָ איז געקומען נפתלי גראָס מיט אַ גאַנץ בוך לידער, וואָס האָט געסיר־ליעוועט ווי טייערע פּערל די שטעטלדיקע יידישע מענטשן ער האָט געצייכנט מיט קלאָרע פאַרבן, ער האָט דעם שטעטלדיק־יידישן מענטשן דערהויבן, אין דער וואָך זיינער האָט ער אַריינגעבראַכט פּאַעטישן יום־טוב, און אויסגעוואַקסן איז אַ גאַלעריע יידן, וואָס מיט די יאָרן זענען זיי געוואָרן אַריינגעוואַקסענער אין אונדז, אין אונדזער געמיט. אפילו אין געדאַנק.

אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע האָט דאַמאָלס דער פּאָעט עדגאַר ל. מאַסטערס, אין זיין „ספּונריווער אַנטאָלאָגיע" אויסגעגראָבן די מצבות פון אַ גאַנץ שטעטל מענטשן און האָט זיי אַרויסגעשטעלט מיט זייערע זינד, מיט זייער קליינקייט. נפתלי גראָס האָט גענומען אַ שטעטל מענטשן און זיי אָנגעטאָן זיידענע יידישע בגדים, זיי געגעבן טרזיע־ריקע יידישע אויגן און אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ הייליק פייער פון איי־ביקער יידישער גייסטיקייט. אַז נפתלי גראָס באַמאָלט דאָס בית מדרש, דערגייט ער צו אַזאַ וווּנדערלעכער בילדלעכקייט, ווי: „דאָס גאַנצע בית־מדרש ליגט ווי דעמבענער אָרון איבער אַ קבר, וואָס ליגט אין דער ערד שוין יאָרן, און ציט זיך אין דער ערד אַראָפּ מיט אַלע ווענט, ווי יאָסל קלעזמערס ריפּע אויפן באַס ציט, ס'וואָלט זיך זיי ווען אין די טיפן איינגאָרען, ווי עס וואָלט זיך זיי ווען דערבאָרען צום לעצטן שטיין פון אייגענעם פונדאַמענט, ווי עס וואָלט זיך ווען אַליין דער־גרייכן טיף אין די אָפּגרונט־הייכן". אָבער פון אינעווייניק איז דאָס בית מדרש פול מיט ליכט, אַזוי „אַז דאָס גאַנצע בית מדרש דערהייבט זיך נאָך העכער אַריבער אַלע הייזער, דעכער אין דער גאַס". וואָס איז דער כוח פונעם אינעווייניק אין בית מדרש? דער יידישער מענטש, דער רב, דער מגיד, דער בעל־עגלה, דער בעל־מקובל, — זיי זענען דער גייסטיקער כח וואָס דערהייבט דאָס איינגעפאַלענע בית־מדרש, אַז אויסוואַקסן זאָל עס איבער אַלע הייזער אין שטעטל.

האָב איך פריער געזאָגט, אַז ביכער זענען דאָ, וואָס די צייט וואַקסט אויף זיי אַרויף ווערטיקייט. די ווערטיקייט פונעם שטעטל איז פאַר אונדז אַ טראַגישע, אָבער דער פּאָעט נפתלי גראָס האָט מיט זיין

חוש געשפּירט, נאָך מיט קרוב צו דרייסיק יאָר צוריק, אַז מיר וועלן אַמאָל שעפּן פון זיין בוך דעם שטעטלדיקן ייִדישן מענטשן — ער אַליין, דער שטעטלדיקער ייִד, וועט שוין נישט זיין.

ער איז געווען דער פּאָעט פון פרומען ייִדישן געמיט. ער האָט מייסטעריש געפורעמט ייִדישע געשטאַלטן און דורך זיי האָט ער זיך אַליין אויסגעפורעמט. פרום־ייִדיש איז ער געווען אין זיין אויסזען: שעמעוודיק, צוריקגעהאַלטן, מיט גרויסע, שוואַרצע, אייביק־פאַרוווּנדערטע אויגן. אָבער אין דער שעמעוודיקייט איז אַ גייסטיקע פעסטקייט, וואָס האָט זיך נישט געבויגן און נישט געבייגט, נאָר מיט אַן אינעווייניק־סטער שיין זיך אַליין באַלויכטן.

אין אָרון איז ער געלעגן, דער חבר מיינער פון די יונגע יאָרן, אַנגעטאָן אין תכריכים, איינגעהילט אין אַ טלית, באַקרוינט מיט אַ יאַרמולקע, — אַזוי איז געווען זיין באַגער צו קומען אויף יענער וועלט. מיר האָבן אים נישט געזען, דער אָרון איז געווען פאַרמאַכט, אָבער געוווּסט האָבן מיר, אַז דאָרטן רוט אַ ייִדישער פּאָעט, וואָס האָט זיך אַליין דערהויבן אין זיינע „אידען” און מיט זיין אָרנטלעכן פּאָעטישן געמיט האָט ער זיי דערהויבן.

וועגן יעקב פרידמאַן

יעקב פרידמאַן, וואָס רעדט מיט אַזאַ פּשטות פון דעם עלטערזיידן זיינעם, דעם ריזשינער און וואָס דער פּאָעטער זיינער האָט ממשיך געווען די רביייאישע גזע, איז דער מאָדערנער פּאָעט, וואָס רביייאישקייט, אָדער חסידות, איז ביי אים נישט קיין לבוש, נאָר אַ טיפע איבערלעבונג. אַז איך האָב געלייענט דאָס בוך זיינס, „ליבשאַפט", האָב איך אַ סך מאָל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דער צעפּיבערטער פאַנטאַזיע זיינער און געטראַכט: אין אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער סביבה, וואָלט ער אפשר געווען אַ רבי נחמן בראַסלאַווער און, ווי יענער, וואָלט ער דערציילט מעשה'לעך, וואָס זענען ליכט־צעצונדענע וויזיעס. דאָס בוך פרידמאַנס איז פול מיט פיבערדיקע וויזיעס, וואָס דער תוך זייערער איז חקירה און דאָך זענען זיי פּאָעטישער ליריזם.

> די בלאָע סאַמעט־שאָטנס פון ערב זאַכן,
> דעם סוד פון רויען שטיין און ליים,
> בעת גאָט געגענט צו זיי, וויל באַשאַפן...
> און איך... איך האָב דעם זכות געהאָט צו זען.

שטיין און ליים איז ביי אים אַ גרונט־מאָטיוו. שטיין און ליים רעגן אים, ווייזט אויס, דערפאַר וואָס זיי זענען דער שטומער היפוך פונעם מענטש־באַשאַף. אין איין ליד ווענדט ער זיך צו אַ שטיין, וואָס ליגט ביי זיין שטוב און באָט אים אַן זיך צו בייטן מיט אים, נאָר דער שטיין וועט דאַרפן נעמען אויף זיך דעם מענטש־יאָך, ווי ער טראָגט אים. אין אַ סך אַנדערע לידער גייען ביי אים דורך אָט־די גרויע, שטומע זאַכן פונעם באַשאַף און איר שפּירט, ווי די רויקייט רופט ביי אים אַרויס אַ פּאָעטישן ציטער, דערפאַר וואָס ער טראַכט, אַז זי, די רויקייט, איז אפשר געווען צום סאַמע אָנהייב פונעם באַשאַף, — און דער באַשאַף איז דער סוד, וואָס ער וויל אים דערגיין.

די רבייאישע טראַדיציע איז אפשר דער היפוך: דעם סוד פונעם באַשאַף וויל זי נישט דערגיין, ווארים די אמונה הייבט זיך דאַך אָן מיטן באַשאַף. דער פּאָעט פון דער גרויסער חסידישער גזע, יעקב פרידמאַן איז פול מיט וואַקלעניש צווישן אמונה און כפירה. אַז ער וואַקסט פּאָעטיש אַריבער די כפירהדיקע חקירה, איז ער דורכגעהויכט פון דער לויטערסטער אמונה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך פון פּאָעטישקייט, וואָס נישט אַלעמאָל דאַרפן מיר עס נעמען פאַר אַ פולן מוסטער פונעם מענטשן בכלל, נאָר פון זיין פּאָעטישער פּערזענלעכקייט.

די פּאָעזיע פרידמאַנס איז, לכל הפחות אינעם איצטיקן בוך, כמעט דורכאויס וויזיע. אַמאָל זענען די וויזיעס ביי אים אָן אַ לאָגישן צונויפבונד, דורכאויס פיבער זענען זיי, ער רעדט, דאַכט זיך אייך, פון היץ. דאָך איז עס פּאָעזיע, די באַזונדערע פרידמאַנישע פּאָעזיע. איר טראַכט: אַ פּאָעט, וואָס איז אַזוי טיף יידיש, ווו איז זיין צער? טראַכט איר, אַז ער פאַר׳חקירה׳ט דעם צער. אין „ווינטער־לידער" רעדט ער פונעם „כאַמסיניקן בראַנד" (אין מדינת ישראל, אָן ספק, ווו ער לעבט) און בעט דעם קונצנמאַכער:

> ברענג דעם ווינטער־צוויט פון מיין קינדערלאַנד,
> גאָט׳ס קלוגן, שמעקנדיקן שניי.

ער דערגייט צום פּאָעטישן אויסטראַכט, אַז „קינדער שטאַרבן נישט, כביכול טוט זיי באַהאַלטן" און טאַטע־מאַמע שטאַרבן אויך נישט, זיי „וואַרטן ביז גאָט־ברוך־הוא וועט זיי געבן דעם צייכן". און זיין געבעט איז דערהערט, „אַלע שניי־שוואַלבן פליען אַהער פון מיין קינדערלאַנד". האָט איר אַלץ וויזיע פון גאָט און זיינע מעשים, נאָר אַז די מאַמע רופט אים: „יאַנקעלע, פאַרקנעפּל פון טיליפּל די קנעפּ", האָט ער קיין צייט נישט זי צו פאָלגן, וואָרעם, —

> ...איך דערזע דעם פאַסטעכס מויד,
> דימענטענע אייז־ליכט שטראַלן אויף אירע גילדענע צעפּ...

איז ער אַ להכעיסניק? ניין, ער איז דער פרימסטער יידישער, נאָר וואָס ביי אַן אַנדערן פּאָעט וואָלט געווען אַ פגם, איז ביי

אים גאַנצקייט. אַ סתירה׳דיקע גאַנצקייט איז עס, וואָס ער לעבט זי טיף איבער, אָבער ער גיט אונדז נישט איבער דעם צער פון סתירות, ער ווייזט נאָר ווי אין זיין פּאָעטישער צעפּיבערקייט ווערן זיי וויזיעס. און וואָס איז שייך פּאָעטישן צער, איז יעקב פרידמאַן איבער־געפילט מיט אים, נאָר ער טראָגט אים איבער אויף די וויזיעס פון פיבערדיק־אויסגעחלומטע וועלטן, וואָס ער זעט זיי אַזוי קלאָר, וואָס ער „האָט געהאַט דעם זכות זיי צו זען״. דאָס איז אַ צער פון אַ פאַר־גאַנגענעם לעבן,— סיי יחידיש און סיי ייִדיש־קהלדיק. עס איז דער צער פון —

אַמאָל פלעג איך אין פּאָדאָליע אין מיין היים,
צווישן ווינטערדיקע טאָלן,
אויף פאַרפרוירענע שויבן מעשיות פון חומש מיט די פינגער מאָלן,
הייַנט זיץ איך אין די בערג פון יהודה אין כאַמסיניקן בראַנד
און מאָל מיט אַ מאַנדלשטעקן אין זאַמד מיין פּאָדאָליער קינדערלאַנד.

דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן שניי אויף שויבן און הייסן זאַמד אויף די בערג פון יהודה איז דאָ נישט אינעם זין, וואָס דעם פּאָעט איז דערווידער די נייע סביבה. דער צער איז פונעם אַוועקגע־גאַנגענעם לעבן. אינעם צווייטן ליד ווערט נאָך מער קלאָר דער צער זיינער אין שייכות דערמיט, בעת ער זאָגט:

איצט זיץ איך מיטן שניי אויף מיין קאָפּ אין כאַמסיניקן בראַנד
און מאָל קברים אין הייסן, רויטן זאַמד.
און גאָט? אַהאָ, איך באַנעם אים נישט מער —
ווי אַזוי האָט ער מיין זיידן דעם קדוש און ניקיטאָס שקצים
געקנאַטן פון זעלביקן ליים?

האָב איך פריער גערעדט פון פיבערדיקע וויזיעס ביי פרידמאַנען. אָבער אין דעם ליד פון דער סעריע „ווינטער לידער״, וואָס איך האָב פריער דערפון גערעדט, דערוואַכט ער זיך, קריכט אַרויס פונעם פיבער און ווערט פונקט אַזוי קאָנקרעט־בילדעריש, ווי ער איז בילדעריש אין די וויזיעס. דאָ דערציילט ער, ווי ניקיטאַ האָט אים געטראָגן אויף די הענט אין חדר אַריין, דערווייל הייבן־אָן די קלויסטער־גלאָקן צו קלינ־גען, ניקיטאַ פאַרקוקט זיך אויפן „יויזל, וואָס הענגט אויף אַ דראָנג, פאַרשעמט, נאַקעט, אָפּגעשליסן״ —

אפרים אויערבאך

און אַ פּנים האָט דאָס יויזל, ווי אַ חדר־ייִנגל, וואָס דער רבי
האָט אָקאָרשט אָפּגעשמיסן.
פון דעמאָלט־אָן האָב איך דערפילט אַ קאַפּל רחמנות
צום גוי'אישן גאָט.
ווייל ער האָט אַזוינע טרויעריקע ייִדישע אויגן געהאַט.

וווּנדערט איר זיך אויף דעם, וואָס דעם גוטן־יידנס זון, — אַפילו אַז ער איז נאָך אַ קינד, וואָס ניקיטאַ טראָגט אין חדר אַריין, — זאָל טראַכטן פון רחמנות אויפן גויִישן גאָט. דער שרייבער פון אָט־די שורות איז נישט געווען קיין רבייאישער זון, האָט אַלעמאָל אַוועקגע־דרייט דעם קאָפּ פונעם גויִשן גאָט. נאָר איר פאַרענטפערט אים, דעם פּאָעט, אַז סע האָט שוין איינמאָל געטראָפן, אַז אַ פּאָעט זאָל אויס־טראַכטן אַ בלבול אויף זיך אַליין. אַזוי ווערט איר אַ היפּשע ביסל צע־טומלט, אַז איר געפינט ביי אים אַזאַ זאַג, ווי „לבנה פידלען". הייַנטיקע פּאָעטן וואָלטן זיך געשעמט פאַר „לבנה־פידלען". ווי קומען זיי צו פרידמאַנען? דערנאָך אין דעם אייגענעם ליד דעם מילנערס זיבן טעכ־טער, וואָס ווערן ביי אים זיבן כלות מיט אַלע כלהדיקע חנען. אָבער דאָ פילט איר, אַז די פאַנטאַסטישע וועלט דעם פּאָעטס איז קאַפּאַבל אים צו פאַרשלעפן אין אַזעלכע וועלטן, וואָס ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלטן זיי געווען נישט מער ווי אויסגעטראַכט. ביי אים אָבער, ביי פרידמאַנען, ווערן זיי אַריינגעוואַקסן אינעם ליד און, ווי איך האָב פריער געזאָגט: ער רעדט פון היץ, אָבער ער רעדט פּאָעזיע.

אינעם גרעסערן ליד, וואָס הייסט „אַ רחמנות אויף תרחן", מאָלט דער פּאָעט זיין טאָכטערס קינדער־צימער, ווו זי קנעט־אויס פון האָניק־ברוינעם פּלאַסטעלין כלערליי באַשעפענישן. זי האָט געמאַכט אַ טויב און הייסט איר פליען, אָבער די טויב פליט נישט, זאָגט אים דאָס טעכטערל: לאָך נישט פון דער טויב, מע דאַרף קיין שפּיל נישט קאַליע מאַכן. און פון אָט דער שפּיל צעשפּילט זיך ביים פּאָעט די פאַנטאַזיע און ער הערט תרחס קול צו אברהמען: טשעפּע נישט דיין טאַטנס געטער. ער באַמאָלט תרחן מיט כל'ערליי פּרטים, פאַרוואַנדלט אים אין אַזאַ קינד, ווי זיין טעכטערל איז. דער אויספיר: עס איז אַ רחמנות אויף תרחן, וואָרעם —

וואָס וויל דער מענטש? אַ קריגל וואַסער וויל ער און ברויט,
און אַ גאַט אַ גוטן לעבן זיין אַלקערל אין שכנות...

דער פּאָעט, טראַכט איר, איז געפּאַנגען פון זיינע אייגענע וויזיעס. און אפשר גאָר פון די לירישע חקירות?

אַ מאָדנער ליריזם איז דאָ אין אַ טייל פרידמאַנס לידער: בייסי־קער, סאַטירישער און אַמאָל אויך הומאָריסטישער. אַז מיר נעמען אַזאַ ליד, ווי „אַ פּראָסטער מיטוואָך אין כעלעם", ווערן מיר נשתומם, ווי דער פּאָעט, וואָס פּרווט גראָבן טיף סיי אין דעם וואָרט און סיי אינעם תוכן, גיט זיך אומגעריכט אַ שפּיל מיט אַ לייכט־הומאָריסטיש מעשהלע, ווי כעלעם, אָבער מער נשתומם זענט איר, וואָס דער הומאָר זיינער איז אַ שפּילעוודיקער און צו דער אייגענער צייט זענט איר חושד, אַז דער פּאָעט וויל גאָר אָפּהוזקן גאָר פון זיך אַליין, פון דער אייגענער אמונה.

וואָס איז געשען אין כעלעם אין יענעם „פּראָסטן מיטוואָכל"? דער שטאָט־נאַר האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן באָק, רייט אויף אים און לאָזט וויסן דער וועלט, אַז ער איז משיח. לאַכן אַלע, נאָר דער כעלע־מער רב נעמט דעם ענין ערנסט: אפשר פאַרט? משיח האָט קיין איי־זעלע נישט געהאַט, האָט ער געמוזט כאַפּן אַ ציגנבאָק. און פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם דאָס הייליקע שליחות איבערגעגעבן־פּערט דעם שטאָט־נאַר? איז ווידער פאַראַן אַ תירוץ: פונוואַנען איז געדרונ־גען, אַז דער וואָס אויפן באָק זיצט ער, איז דער שטאָט־נאַר ר' הער־צעלע און „נישט קיין הייליקער נסתר"? דער פּלאָנטער צעוויקלט זיך דערנאָך און דער שטאָט־נאַר מאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער: גאַנץ כעלעם האָט ער געטאָן אָפּנאַרן. פרידמאַן לאָזט אויס די מעשה:

איבערן כעלעמער רב׳ס ספּאָדעק לעשט זיך אויס דער רעגנבויגן,
און אויך די זון אויפן באַרג ווערט פּלוצלינג נעלם.
ברוך דיין אמת, נפטר געוואָרן אַ מיטוואָכל אין כעלעם.

דאָס הומאָריסטישע מעשהלע האָב איך געבראַכט באריכות דער־פאַר, וואָס דערפון לערנען מיר, אַז דער פּאָעט יעקב פרידמאַן, וואָס אין לידער גרייסט ער זיך מיטן יחוס זיינעם פאַרמאָגט אויך אַ מין טייוועלע אין זיך, וואָס מאַכט חוזק טאַקע פון אים אַליין, — וואָרעם אין דער אמתן איז ער, פרידמאַן, אַ מאמין אין ביאת המשיח. אפילו

אין דער איינער שורה: „ברוך דיין אמת, נפטר געוואָרן אַ מיטוואָכל אין כעלעם" איז דאָ פּאָעטישע פּשטות, וואָס דערגייט צו אַ מדרגה פון אייגן־באַזונדערער פּאָעטישקייט.

באַלד נאָכן כעלעמער מעשהלע גייט דאָס ליד „אַ קליינע דראַמע". דאָ איז שוין פרידמאַן ערנסט, ווי בכלל, אַז ער שרייבט פון זיין טאָכטער חנה. זי זעצט זיך טאָקע אויפן אייזל, וואָס שטייט לעבן באָקסערבוים און רופט דעם טאַטן:

אבא, לאָמיר זיך שפּילן אין יענעם שיינעם שפּיל
פון משיח'ן, וואָס ברענגט מתנות צו דער וועלט.

אַז דער טאַטע האַלט שוין מיט איר אויף אַ לאַד מכוח די מתנות דער וועלט, דערשרעקט זיך דאָס קינד און שרייט אין פחד: אבא, נעם מיך אַראָפּ פון אייזל...

איך פאַלג און דער פאַרהאַנג מאַכט זיך צו
איבער אָט דער קליינער דראַמע פון דערלייזן.

„די קליינע דראַמע פון דערלייזן" איז אין תוך אַ גרויסע דראַמע, וואָרעם מיר, דערוואַקסענע, דערשרעקן זיך אויך און אַנטלויפן אַ סך מאָל פון דער גאולה.

אין אַן אַנדער לידערבוך האָט יעקב פרידמאַן פּאָעטיש געוואָלט אויסלייזן דעם ריזשינער, וואָס האָט געפירט ברייטן שטאָט, געלעבט מלכות'דיק און איז געפאָרן אין אַ גילדענער קאַרעטע. אין יענעם ליד דערציילט פרידמאַן, אַז דער ריזשינער האָט געטראָגן גילדענע שיך, נאָר אַן זוילן און געשפּאַנט האָט ער אַזוי איבער דערנער און טשוועקעס. פון אונטער די גילדענע שיך האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט זיינס. אין איצטיקן בוך וויל ער געבן אַ תיקון דעם ליאָוווער רבין, ר' בער, וואָס איז געווען איינער פון ריזשינערס זין. דער ליאָווער איז נתפקר געוואָרן און די ברידער — דער סאַדוגערער, דער טשאָרטקעווער און דער שטיפּעניִשטער — נעמען־איין גרויסע בושות פון אים. איידער ער קומט צו צום עיקר פון דער מעשה, דערציילט דער פּאָעט פון זיינע קינדער־יאָרן, בעת ער האָט אָנגעהויבן לערנען זוהר און געזען האָט ער גאָר אין חלום

דעם פּאַכטערס טעכטער מיט פלאַקסענע צעפּ
לויפן נאַקעטע פון צווישן טייך־געפלאַנץ...

אינעם קאַשמאַר „אַלט אויף אים אָן אַ פחד, נאָר זיין עלטער־פעטער, דער ליאָוועך, זאָגט אים אין חלום, אַז ער זאָל נישט פאַרכטן, וואָרעם „דעם פּאַכטערס טעכטער און מקובלים זענען טאַקע פון איין הויז־געזינט". פרידמאַן וויל דערמיט פּאָעטיש אַרויסזאָגן דעם מיסטיציזם פון דער קבלה וואָס איז דורכגעפעדעמט מיט אַ היפּשער מאָס עראָטיק. נאָר, אַז ער קומט צום ליאָוועך, זעצט ער אים אַריין אין אַ שליטן אינ־איינעם מיטן בעש"ט און שפּינאָזען — אַלע זענען גאָטס קינדער און אַלע זוכן מתקן זיין די וועלט. אַלע ווילן „מזווג־זיין די הייליקע ספי־רות". דער בעש"ט האָט אים אַפילו אַ שעפּטשע־געטאָן אין אויער: „דערלאַנג, יאַנקעניו, דעם חסד שבתפארת"...

אַ מין פּאָעטישער דראַמאַטיזם איז דאָ אין דער קליינער פּאָעמע „רבי אברהם מלאכ׳ס חתונה". „דער מלאך" איז געווען דעם מעזרי־טשערס בכור. ער איז געווען אַן אָפּגעציטערטער, אין זיך אַליין אַן אָפּגעציטערטער. פרידמאַן באַמאָלט די חתונה, ווי חסידים האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר טשערקעסן, קאָזאַקן און זעלנערישע רייטערס.

דאָס אַלץ איז שוין אָבער נישט ניי. דער עיקר איז דאָ אין דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין רבי אברהם מלאך, בעת ער דאַרף נאָך דער חופּה־וועטשערע אַריינגיין אינעם חדר־מיוחד, ווו די כלה וואַרט, אַז ער זאָל זי קומען באַמאַנען. רבי אברהם זעט די וויזיע ווי די נפילים זענען אַרונטערגעפאַלן פונעם הימל און זענען געווען פאַר־משפט זיך צו באַהעפטן מיטן מענטשן־טעכטער פון פלייט און בלוט".

אַ דערציטערטער שטייט ער און זאָגט דעם טאַטן, דעם מגיד פון מעזריטש:

הערסט, טאַטעשע, הערסט דאָס געכליפּ פון פלייש און געוויין?
פחדים!
טאַטעשע, עס איז מיר ענג אין פינצטערן גוף פון בן־אדם.

נאָר דער מעזריטשער פירט אים אַריין אין די סודותדיקע קעמער־לעך פון חסידות: גוף האָט אויך זיין שליחות. וואָס מיינסטו, דו ביסט העכער פון די אבות אונדזערע, פון משהן?

אפרים אויערבאך

דער פּאָעט דערהויבט דאָס צונויפפּאָרן פון מאָן מיט פרוי צו דער מדרגה פון וועלט־באַשאַף און צו דער אייגענער צייט ברענגען די שורות מיט זיין אייגענער, דעם פּאָעטס עראָטיק. רבי אברהם פּאָלגט דעם רוף —

און ער האָט דערפילט: זי איז אַ גאָרטן מיט הייליקע פּירות,
האָט ער טועם געווען פון זיי
און געמאַכט אַ ברכה מיט ליבונג צום באַשעפער פון פּראַכט.

פּאַרטאָג, אַז ער טרעפט זיך מיטן פאָטער, דעם מגיד, פרעגט ער אים, דעם זון: וווּ ווינט גאָט? האָט זיך דער זון, וואָס גערופן האָבן אים די חסידים „דער מלאך", צעווײנט פאַר שמחה: מלא כל הארץ כבודו...

ביי אַ געוויינלעכן מענטשן וואָלט פון דער דראַמע אַרויסגעוואַקסן אַ וווּלגאַרע מעשה, ביי דעם פּאָעט פון דער ריזשינער גזע, יעקב פרידמאַן, איז די דראַמע אַ פרומע און אויך אַ פילאָזאָפיש־חסידישע.

יוני 1967

ל י י ב   פ י י נ ב ע ר ג

צו זיינע זעכציק יאָר האָט זיך פיינבערג דערלאַנגט אַ מתנה, — די פּאָעמע „דער גאָט פון צאָרן". איך זאָג „ער האָט זיך דערלאַנגט די מתנה", דערפאַר וואָס נאָכן איבערלייענען די פּאָעמע האָב איך געזען, אַז גערעדט האָט ער צו זיך אַליין, אַרויסגערעדט האָט ער זיך. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז די מתנה איז אויך נישט פאַר אונדז, — פאַרקערט, אַ ווערק, וואָס מער סע איז פאַרן שרייבער אַליין, אַלץ מער איז עס פאַרן לייענער. און דאָ וויל איך זיך מודה־זיין, אַז אָנגעהויבן האָב איך לייענען דאָס נייע ווערק פיינבערגס מיט אַ סך ספקות, וואָרעם איך האָב נישט געקענט געפינען קיין שייכות צווישן פיינבערגן און דעם בונטאַרישן תנא, איך מיין די פּאָעטישע טרייב־קראַפט האָב איך נישט געקענט געפינען ביי פיינבערגן, וואָס האָט אים קינסטלעריש געצווונגען צו נעמען דעם מתייוון אלישע בן אבויה, כדי אים איבערצולעבן אין זיך און אים געבן טראַכטענישן און איבערלעבונגען, וואָס זאָלן אַרויסוואַקסן פון אים אַליין, — דעם פּאָעט. מיט די ספקות האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען „גאָט פון צאָרן" און, וואָס ווייטער איך האָב זיך אַריינגעלייענט, אַלץ מער האָב איך געפונען פיינבערגן, דעם מענטש־ און פּאָעט־פלאָנטער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. איך האָב אַפילו געפונען דעם פּאָעטישן טראַגיזם, וואָס אינעם איצטיקן ווערק פיינבערגס קומט ער בולטער צום אויסדרוק, ווי אין אַנדערע פּאָעטישע ווערק זיינע. דאָ וויל איך מאַכן אַ שטיקל מאמר המוסגר: פיינבערגס ליד האָט אַזאַ געדיכט־אייגענעם קלימאַט, אַז נישט אַלעמאָל אָטעם איך אין אים פריי. סיי דאָס וואָרט, סיי דער אימאַזש און סיי דער ריטם זענען צו פיבערדיק, אָדער ווי ער האָט ליב צו זאָגן, — צו דעליריש פאַר מיר. און לאָמיך טאַקע באַלד ביים אָנהייב אָפּפטרן מיינע

אַ טענה צו אים: אַ סך מאָל פעלט מיר וואַרעמקייט אין זיין ליד, סע איז דאָ אַזויפיל היץ אין זיין ליד, אַז דאָס וואַרעמקייט ווערט ממש צעגאַנ־גען. איצט, אַז איך האָב שוין אויסגעלאָדן די טענה מיינע, וועט מיר זיין אַ סך גרינגער צוצוקומען צום ווערק, וואָס מיר בעמען דאָ אויף. פון אלישע בן אבויהן ווייסן מיר זייער ווייניק, אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ מתיוון, אָדער אַ העלעניסט און אין דער גמרא רופט מען אים „אחר". געלעבט האָט ער אין אַ שווערער צייט פאַר יידן: ערב דעם בר כוכבא־אויפשטאַנד און אין דער צייט פונעם אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד איז געווען קעגן רוים, — און נישט קעגן רוים אַליין, נאָר אויך קעגן די העלעניסטן צווישן יידן, וואָס האָבן איבערגענומען די רוימיש־גריכישע קולטור. איז וואָס האָט פיינבערג געטאָן מיט אלישע בן אבויהן, וואָס היסטאָריש ווייסן מיר זייער ווייניק פון אים, פון זיינע אידייען און פון זיין אחרדיקייט? פיינבערג האָט אים געגעבן צווי עיקרדיקע שטריכן, וואָס זענען דאָ אין אים אַליין, — אין דער פּאָעזיע זיינער און אינעם לעבנס־קנויל זיינעם. קודם האָט ער אים געצייכנט פול מיט עראָטיק, ממש מיט געזאַנג צו מאַן־און־פרוי צונויפקום. צווייטנס, האָט ער דעם ספק אין איין־גאָט, די וואַקלעניש, וואָס פיינבערג אַליין איז דורכגעגאַנ־גען, אַריינגעגעבן אין אלישען. וויל איך דאָ זאָגן, אַז דאָס ערשטע בוך פונעם ווערק, וואָס דאַרף איבערגעבן אלישעס וואַקלענישן אין דער אמונה, איז נישט איבערצייגנדיק. פאַר אונדז איז נישט קלאָר פאַרוואָס אלישע איז מורד אין דעם איין־גאָט און ער וויל אויפבויען אַ נייע דריי־איינהייט, וואָס פיינבערג רופט זי אי"ש, — אלף פאַר אַפּאָלאָ, יוד פאַר יופּיטער און שין פאַר שדי. דער פּאָעט, וואָס איז אַ גוואַלדיקער בריה אויף נוטריקון, האָט אַריינגעשלעפּט קבלה־באַגריפן וואָס שטאַמען פון זהר און זענען נאָך אין אלישעס צייטן נישט געווען. איז דאָס זענען מיר אים מוחל, מיר זאָגן: ס'איז אין מוקדם ומאוחר פאַר אַ פּאָעט אַ וכער. מיר ווילן אָבער זיך דערגראָבן צום תוך פון אלישעס אומרו מיט גאָט און אונדז דאַכט זיך, אַז דעם פּאָעט איז נישט געלונגען אָט־די אומרו אויסצושעפּן. אלישע, למשל, זאָגט: „יידן דאַרפן גיין אין גלות, דער וועלט צו ברענגען זייער גאָט, באַהעפטן שדין מיט אַפּאָלאָן, מיט זיי יופּיטער — אין אחד". איז ממה נפשך: אויב יידן דאַרפן אַזש גיין

אין גלות, כדי צו ברענגען דער וועלט זייער גאָט, איז אָדער זיי טראָגן זייער גאָט, ווי זיי האָבן אים דערקענט אין דער מדבר, אָן אַ צונויפמיש מיט די פרעמדע געטער, אָדער זיי מישן זייער גאָט צונויף מיט אַפּאָלאָ און יופּיטער, הערט ער שוין אויף צו זיין דער אחד, וואָס איז דער ריינער, דער סולתדיקער, ער ווערט פאַרפּסולתט פונעם צונויפ־מיש. אַזאַ ייד ווי אלישע, מאָלן מיר זיך אויס, האָט געוווּסט וואָס פון אַזאַ צונויפמיש קען ווערן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז יידן האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן דעם צונויפמיש פונעם אחד מיט עבודה־זרה, — דער אויפשטאַנד פון די מכבים איז געווען קעגן אַזאַ צונויפמיש. זאָג איך, אַז אין ערשטן בוך ברענגט פיינבערג נישט אַרויס קלאָר וואָס אלישע בן אבויה וויל, זיינע אידייען זענען צופיל פאַרוואָרטיקט, צופיל פאַרבילדלעכט אַפילו. דערפאַר איז דער צווייטער מאָטיוו אין פיינבערגס פּאָעזיע, — די עראָטיק, — אַרויסגעבראַכט פול. דער פּאָעט שעפּט אים אויס ביזן סאַמע גרונט. און איך מוז זאָגן, אַז כאָטש ביים לייענען האָט זיך מיר געפּלאָנטערט דער געדאַנק, אַז אפשר איז אַביסל גוזמאדיק אלישען צו מאָלן מיט אַזעלכע ברענענדיק־עראָטישע פאַרבן, האָבן אָבער די לידער אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. אין דעם באַראַטיוו זענען די סצע־נעס צווישן אלישען און רחלען אַ סך מאָל פאַרכאַפּנדיק און דער איינ־דרוק איז, אַז כאָטש אלישע האָט זיין אומרו געשעפּט פון געדאַנק, איז אָבער דער גרונטמיקסטער קוואַל פון זיינע זוכענישן די טראַגישע ליבע צו רחלען. דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויפן אופן, ווי פיינבערג מאָלט מענטשן און פּאַסירונגען. יעדער געשעעניש הייבט ער אָן מיט אַ נאַטור־באַשרייבונג, ווי די נאַטור וואָלט געווען אַ טייל פונעם געשעעניש. ער נעמט אָבער נישט דעם מענטשן אינטים, ער מאָלט אים מיט אַלגעמיינע פאַרבן און דערביי שפּילט די וויכטיקסטע ראָל דעם מענטשנס אויסער־לעכקייט, זיין הלבשה. איז נישט שייך צו זאָגן, אַז אַזאַ קינסטלערישער מעטאָד איז אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער, — ער איז פיינבערגס און אין די ראַמען פונעם דאָזיקן מעטאָד האָט ער גאָר אַ סך דערגרייכט. האָב איך פריער געזאָגט, אַז אין ערשטן בוך פון דער פּאָעמע האָט פיינבערג נישט אַרויסגעבראַכט קלאָר, וואָס אלישע וויל, וואָס טרייבט אים צו ווערן אַן אחר. אונדז פעלט אויך אינעם ערשטן בוך אלישעס אינערלעך

גערֿאַנגל, כאַטש פיינבערג רעדט דערפון. דאָס גערֿאַנגל, דאַכט זיך אונדז, איז ביי אים מער נוטריקון, ווי מיט דער אייגענער נשמה. אָבער, ווי שוין געזאָגט, ווערן מיר קאָמפּענסירט פון די אַנדערע מאָטיוון, — דער עיקר פון דער עראָטיק, וואָס ביי פיינבערגן איז זי פּאָעטיש עכט.

דאָס צווייטע בוך דאַרף שוין ברענגען אלישעס פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישן טראַקטאַט. דאָ וויל אונדז דער פּאָעט אויפקלערן, וואָס זיין גלויבן אין אי״ש מיינט. ווייס איך נישט, צי אים איז געלונגען אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, וואָס האָט אלישען געצווּנגען צו פעלשן אין ידישקייט, אָבער אים איז יאָ געלונגען צו שאַפן אַ מין נייע מיטאָלאָגיע פונעם וועלט־באַשאַף. ביי אים קומט־אויס, אַז דער תוהו ובוהו פאַרן וועלט־באַשאַף, איז געווען אַ חומרדיקע קראַפט און זי האָט באַשאַפן דעם איינעם גאָט. דער חומר האָט אָבער אויך באַשאַפן אַן אַנדער גאָט, — די גרויסע אף, וואָס איר האָט ער איבערגעגעבן די ממשלה איבער דער ערד. און דאָ קומט ווידער צום בולטסטן דעם פּאָעטס עראָטישער מאָטיוו, וואָס ווערט ביי אים כמעט אַ פילאָזאָפישער קוק אויף דער וועלט. דער אף־גאָט איז דער באַשאַפער פון אָדמען און חוהן און ער אַליין, — דער גרויסער אף, — באַשלאָפט חוהן און די ערשטע פרוי אין דער וועלט געבערט אַ זון, — קינען, — וואָס איז דער זון פונעם אף־גאָט. הבל איז שוין אָדמס זון און דערפון וואַקסט אַרויס, אַז קין איז די רויע קראַפט אין דער וועלט און הבל איז דער מענטש־חלום. דער פּאָעט וויל דערמיט אויפקלערן דעם ערשטן ברודער־מאָרד, — די רוי־קראַפט, דער מגושם, דערהרגעט דעם איידעלן הבל, דערפאַר וואָס ער, הבל, איז דער זון פונעם נישט־געזעענעם גאָט. און דאָ, ביי דער באַגעגעניש צווישן קינען הבלען, גיט פיינבערג אַ באַשרייבונג פון פיר שורות, וואָס זענען פּאָעטיש פּערפעקט. די פיר שורות זענען: און הבל זעט: די שטערן פּאַשען זיך אין הימל, ווי זיינע שעפּעלעך, אויף אייגענעם באַראָט, און ס׳קליינע פּאַסטעכל, — דער מולד, — דרימלט, דרימלט... און ס׳טריפט פון הבלס האַרץ זיין שטיל געבעט צו גאָט. אין זיין מיטאָס פונעם וועלט־באַשאַף, וואָס דאַרף זיין אָלישעס, גיט פיינבערג אַן אייגענע ווערסיע פון די עשרת הדיברות. אָדם, זאָגט ער, איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אינעם אהאספער, אינעם אייביקן וואַנדערער. ער איז געווען ביים באַרג סיני, איז געשטאַנען מיט משהן, ווען יענער איז דאָס

ערשטע מאָל אַרונטער פונעם הימל מיט די לוחות און געזען ווי ייִדן האָבן געמאַכט דעם עגל. משה האָט די לוחות צעבראָכן, אָדם האָט די ברוכשטיינער צונויפגעקליבן און איבערגעלייענט די צען געבאָט, וואָס געווען זענען זיי נאָר עשה׳ס, נישט קיין לאווין. די צווייטע לוחות האָט שוין משה איבערגעמאַכט און אין זיי געגעבן זיבן לאוו׳ס און נאָר דריי עשה׳ס. די עשרת הדיברות, נאָכן פיינבערג־נוסח, זענען אַ סך שוואַכער, ווי די, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען. דער לא תגנוב, לא תרצח, לא תחמוד, איז קורץ און שלאָגעדיק, ער איז אַ קאַטעגאָרישער פאַרזאָג, וואָס קיין תירוצים פאַר אים דאַרפן מיר נישט. ביי פיינבערגן קומט אַרויס דער פאַרזאָג מיט אַן אויסטייטש און דערפאַר ווערט ער אָן דעםווירקעוודיקן כח זיינעם. אָבער די פאַנטאַסטישע דערוועגטקייט פיינבערגס, — צו שאַפן אַן אייגענעם נוסח פון די עשרת הדיברות, — איז אַ פּאָעטישער פרווו פון גרויסן פאַרנעם. איינע פון די שענסטע סצענעס אינעם בוך איז דאָס קאַפּיטל „די אישה השלימה״. שטאַרק איז זי דערפאַר, וואָס אין איר קומט צום שאַרפסטן אויסדרוק דעם פּאָעטס עראָטיזם. אין איר איז אויך דאָ פיינבערגס ביטערקייט צו דער פרוי. די אישה השלימה דאַרף זיין דעם פּאָעטס חלום פון דער פרוי, אָבער אַז דער סקולפּטאָר שאַפט די פולקומע פרויען־פיגור, וואָס דאַרף זיין שלימותדיקער פון דער ווענוס, ווערט דער שטיין באַלעבט, די פרוי זינקט און דער חלומער פון דער אישה השלימה מוז זי צעברעכן. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן קאַפּיטל, דער־פאַר וואָס אין דעם איז עכטער פּאָעטישער טראַגיזם; דערפאַר וואָס אָנ־געשריבן איז עס מיט פּאָעטישן כח און אויך דערפאַר וואָס סע איז דאָס כאַראַקטערישע פאַר פיינבערגס פּאָעזיע און אין „דער גאָט פון צאָרן״ איז ער פול.

דער באָבע חנהלעס נוסח

די באָבע חנהלע איז געווען דעם פּאָעטס בעריש וויינשטיינס באָבע, אָבער אין תוך איז זי די קלאַסישע באָבע אונדזערע, זי איז די כלליקע יידישע באָבע און מיר מעגן זאָגן, אַז מיר אַלע האָבן אַ חלק אין איר און זי האָט אַ חלק אין אונדז אַלע. אוודאי, באָבעס זענען געווען, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן זיי אויסגע־טיילט באַזונדער. בעריש וויינשטיין האָט אָבער בפירוש געמאָלט די כלליקע באָבע, וואָס „די פאַרחלומטע בענקשאַפט האָט פון קינדווייז־אָן אין מיר איינגעפּלאַנצט די באָבע חנהלע וועמענס געשטאַלט סע גייט מיר נאָך עד היום און וועמעס תהילים־טרערן האָבן אויף מיר געלאָזט אַ טיפע השפעה”. דאָס נעם איך פון די עטלעכע אַריינפיר־שורות צו דער פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער”.

די פּאָעמע האָט זיבעצן קאַפּיטלעך און דאָס ערשטע קאַפּיטל, אין זכות פון טרערן, הייבט זיך אָן:

וי גאָט וואָלט אים אָנגענומען ביי דער האַנט,
איז ס׳ייִנגל אריין אין דער באָבע חנהלעס לאַנד.

און ענדיקט זיך מיטן קאַפּיטל פון טרויער צו טויער, ווו סע זענען דאָ אַזעלכע שורות:

זע, באָבעשי, כ׳האָב געטאָן וואָס דו האָסט באַגערט,
כ׳שטיי אין דיין זכות אויף ירושלימער ערד.

אונדזער אַלעמענס באָבע חנהלע, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אונטער אַנדערע נעמען, איז געווען אַ באַריידעוודיקע, מיט אַ פאַלקסטימלעך־קערנדיקן לשון. יידיש־געשיכטלעכע פאַקטן זענען פאַר איר געווען אומוויכטיק זי האָט די געשיכטע געטראָגן ווי אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ, אויסגעוועבט האָט זי אַ גאַנץ חומשדיק געוועב און סע האָט זי נישט

געאַרט, צי יחזקאל איז געווען אין יהודה, צי אין בבל. די באָבע חנהלע און איר נוסח זענען פאָלקיש־פרימיטיוו און בעריש וויינשטיינס פאָעמע איז געבענטשט מיט פאָעטישער פרימיטיווקייט.

די פאָעמע „אין דוד המלכס גיטער" איז אַ פּרווו צו שאַפן אַ קאָ־לעקטיוו בילד פון אונדזער היינטיקן שיבת ציון. אַלע פעדים, וואָס ציען זיך פון ריישע, — וויינשטיינס געבוירנשטעטל אין גאַליציע, — קיין ארץ־ישראל, האָט אויסגעוועבט די באָבע חנהלע, דערפאַר איז איר נוסח דער בולטסטער אין דער פאָעמע. זענען געווען באָבע חנהלעך, וואָס האָבן דערציילט אַ מעשה סקלאַדנע, בעריש וויינשטיינס באָבע חנהלע האָט זיך, ווייזט אויס, נישט אָפּגעגעבן צופיל מיט דערציילע־רישן סדר, — זי איז געווען דורכויס יידיש־פאָלקישע עמאָציע. דער נוסח אירער אין דער פאָעמע איז דערפאַר נישט קיין געסדרטער, גרויסאַדיק באַריידעוודיק, טעותדיק אין אַ סך פּרטים, אָבער גאַנץ אין דער שטימונג, פון די צעריסענע פעדים וועבט זיך פאַרט אויס אַ פאָ־עטיש געוועב, וואָס לאָזט אייך איבער דעם טעם פון אַ מעשה־ביכל.

צוויי זייטן זענען דאָ די פאָעטישע און די פאָעמאַטישע איז פאָ־עטיש דאָס בוך פול מיט אַזאַ בילדלעכקייט, וואָס מיר ווערן ממש גע־פלעפט פון איר. פאָעמאַטיש איז די קאָנסטרוקציע אַ כאַאָטישע, ווי איר וואָלט געזען אַ בנין, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון וווּנדערלעכע, קאָ־לירטע, געטעסעטע שטיינער, נאָר יעדער שטיין איז אַרויסגעבולט באַ־זונדער, אָן אַ האַרמאָניע פון אַלע שטיינער אינאיינעם. אַ פאָעמע פון אַזאַ פאַרנעם דאַרף האָבן כאָטש דעם מינימום נאַראַטיוו, בעריש וויינ־שטיינס פאָעמע האָט עס נישט. ווער איז אין איר דער הויפּט־העלד? אפשר דאָס קאָלעקטיווע יידישע יינגל, וואָס האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל צו ווערן אַ חלוץ? גוט. דרייט זיך פאַרט אַרום סאַנע, דאָס ריישער יינגל, ער שווימט מיטאַמאָל אַרויף און ווערט מיטאַמאָל פאַרפאַלן.

און ווידער, סאַנע דאַרף דאָך זיין אַ געשטאַלט, ער איז דאָך דער פאָרלויפער פאַר אַלע יינגלעך פון ריישע, וואָס גייען אים נאָך אויף דער חלוצישער סטעזשקע. איז אָבער דאָ און נישטאָ און נאָר אין אַ צוויי בריוו אַהיים גיט ער זיך אַביסל אַרויס, צייכנט זיך אַליין. מוזן

מיר אים נעמען פאַרן קאַלעקטיוון געשטאַלט, אַט דעם סאַנען. וואָס זשע טוען מיר מיטן בריוו זיינעם צו זיין חבר לייבושן אין ריישע? אַ יחידישער סאַנע, וואָס איז געצייכנט מיט באַזונדערע שטריכן, האָט געקענט שרייבן אַ בריוו, וואָס איז פול מיט טרויער פון די איבערלעבונגען אין ארץ־ישראל. דער קאַלעקטיווער סאַנע, — דער חלוץ בכלל, — האָט אַזעלכע בריוו נישט געשריבן. ער שרייבט דעם חבר לייבושן אין ריישע:

כ׳בין נישט מער דער ווי (וואָס?) אין ריישע.
נישטאָ מער דאָס פייער, וואָס האָט געוועקט.
ס׳פאַלן אויף מיר שווערע די היגע נעכט.
געדענקסט דעם לעצטן טאָג ביי דער באַן?
דעם פאַרריסענעם שטאַלץ אין זוניקן פעלד?
אַנדערש איז ווען מ׳גייט פון חלום צו וואָר.

דער יחידישער סאַנע האָט געקענט אַזוי שרייבן. ער האָט זיך אַפילו געקענט באַקלאָגן, אַז

רוי זענען די וועגן אין זאַמדיקן ארץ־ישראל,
אין די אויגן שטעכט דער הייסער ווינט, די זון,
ווער ווייסט, צי ס׳וועט עפּעס ווערן דערפון.

דער קאַלעקטיווער סאַנע, דער חלוץ פון דער צווייטער עליה, צי דער דריטער עליה, האָט דערפון נישט געטראַכט. וואָרעם דער עיקר האָט ער געטראַכט פונעם אייגענעם איבערבוי, פון אַרויסרייסן די שטיינער נישט נאָר פונעם באָדן, נאָר אויך פון זיך אַליין. וואָלט בעריש וויינשטיין די פּאָעמע געבויט אַרום דעם באַזונדערן טיפּ חלוץ, זיי אייגענער סאַנע, וואָלט זיך געלייגט אויפן שכל אַזאַ בריוו זיינער. דער קאַלעקטיווער סאַנע האָט אָבער אַזעלכע בריוו נישט געשריבן, בפרט נאָך ענדיקן מיטן בכי טוב:

מעגסט פונדעסטוועגן זיך גרייטן.
דאָך אייגענע ערד, אייגענע וואָר.
להתראות בארץ ישראל.

בעריש וויינשטיין, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז געקומען צו דער פּאָעמע מיט דער באָבע חנהלעס נוסח, וואָס מיינט מיט אַביסל טייטש־חומש און דעם פאָלקס־מעשהלע, אָבער ער דערציילט דאָך פאָרט

פון חלוצים, ווערט אייך אַביסל פריקרע אַז ער דערציילט זאַכן, וואָס זענען נישט געווען בנמצא. די שומרים, זאָגט ער עטלעכע מאָל, האָבן געטראָגן מעסערס אין די העמדער, אָבער די שומרים האָבן דאָס מעסער געהאַלטן פאַר אַ דערנידעריקונג, זיי האָבן געטראָגן רעוואָלווערן, מויזערס. ווייטער, די חלוצים פון די ערשטע עליות זענען נישט צוגעשטאַנען צום חיפהר האַפן, נאָר צום יפור. און, אַז ער רעדט פון „יונהס באַרטן", יפו, זאָגט ער: „שיין ביסטו, ווי דאָס חומש" און די שטאָט יפו איז נישט נאָר אין חומש, נאָר אויך אין די נביאים נישטאָ, אַ חוץ נאָר אין יונה. דעם נביא יחזקאל נעמט ער אַריין אין דעם ארץ־ישראלדיקן קלימאַט, בעת ער איז גאָר געווען דער נביא פונעם גלות בבל. ער שאַפט אַ בילד, ווי מען האָט געבראַכן די מויערן פון יבנה, בעת יבנה האָט קיין מויערן נישט געהאַט, זי איז געווען אַ קליין דערפל, אָדער שטעטל, וואָס ערשט ביים צווייטן חורבן איז זי אַריין אין דער גייסטיקער געאָגראַפיע אונדזערער, דורך ר' יוחנן בן זכאי און זיין ישיבה.

וואָס איז שייך דער צייט, וואָס איז נענטער צו אונדז, זאָגט ער אויף איין אָרט, טאָקע וועגן סאַנען, אַז

בײנערדיק — דער ווקס, קנאָכיק — די באַק,
סאַנע איז אַ שומר אין בני־ברק.

די שורות זענען שיינע, דער גראַם איז אַ געלונגענער, אָבער בני־ברק האָט שוין קיין שומרים נישט געהאַט, ווארעם אַנגעהויבן האָט זי זיך שוין אונטערן מאַנדאַט. פון די בעדואינער דערציילט ער אַז

די היילן זייערע פון שטרוי און ליים
דערמאָנען אין פרעה במצרים.

די בעדואינער וווינען נישט אין קיין היילן, נאָר אין לייוונטענע בידלעך, וואָס מען קען זיי גיך צענעמען און איבערוואַנדערן אין אַנדערע ערטער, ווו סע איז דאָ פאַשע, ווידער, פאַרוואָס דערמאָנען זיי „אין פרעה במצרים"? אין דער באַבע חנהלעס נוסח איז אפשר יעדער הייל פון שטרוי און ליים אַ שטיק פאָלקלאָריסטיש מצרים, אָבער מע דאַרף זיך אויסהיטן פון נעמען דעם נוסח אָן אָפּקלייב. ער מעג אַפילו אַ טראַכט־טאָן, אַז אַ הייל איז נישט פון שטרוי און ליים, נאָר אַ לאָך אין אַ באַרג. דער עיקר, ביי ווײַנשטיינען איז נישטאָ קיין אָפּקלייב און

די תנכישע בילדער און די פסוקים, וואָס ער ברענגט, זענען אויך גאָר אָפט תולים על בלימה.

גוט איז דער נוסח, אַז ער דערציילט, ווי

> דער געלער משה, מיטן בגילופנדיקן פלאַם
> פירט היינט דעם חסידישן אַטלאַס איבערן ים.

די דאָזיקע שורות האָבן אַ באַזונדערן פּאָעטישן טעם, דערפאַר וואָס דער „חסידישער אַטלאַס" ווערט אַ לעבעדיק געשטאַלט. אָבער, אַז ער זאָגט „זענען זיי חלוצימדיק אַרויס אין שרון ווערן אַ ליליע אין די בערג", בלייבט איר שטיין און פרעגט: ווו זענען אין שרון דאָ בערג?

האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּאָעטישע גרייזן דערפאַר, וואָס אַזאַ פּאָעט ווי בעריש ווײַנשטיין, מיט זיין בילדלעכקייט, וואָס האָט אַ סך מאָל דם אַראָמאַט פון מיטאָלאָגיע, האָט געדאַרפט קומען צוגעגרייט, אַ חוץ דער באַבע חנהלעס נוסח, מיט מער עלעמענטאַר וויסן. און, אַז איך האָב זיך שוין באַפרייט פון די גרייזיקע מעטאַפאָרן, לאָד איך אָן מיין געמיט מיט דער געזונטער בילדלעכקייט, וואָס איז דאָ אין דער פּאָעמע. פריער האָב איך געזאָגט, אַז ווײַנשטיינס בילדלעכקייט האָט אָפט דעם אַראָמאַט פון מיטאָלאָגיע, קומען מיר אַנטקעגן אַזעלכע סטראָפעס, ווי —

> דאָ טאַקע, אויפן וועג קיין אפרת,
> איז די מוטער רחל געשטאָרבן
> פונקט ווי אין משה אריהס חדר...

אָדער:

> מ׳גייט צוריק איינגעמען דעם סידור — ירושלים...

צי:

> האָב איך אַלע טאָג איינגענומען אַ פרשה לאַנד.

דאָס בוך איז מיטאָלאָגיש דערמיט, וואָס די מחיצה צווישן דערווירקלעכקייט און דער לעגענדאַרישקייט איז אָפּגעווישט. דו גייסט אַרום אין דער פּאָעמע אויף דער גרענעץ צווישן דער חומשדיקער ארץ־ישראל און דער היינטיקער און מיטן פּאָעטישן כח, מיטן כח פונעם מיף ביסטו אי דאָ, אין דאָרטן און אין דמיון וואַקסט־אויס אַ גאַנצקייט. אַפילו נישט קיין היסטאָרישער המשך איז עס, נאָר אַן אַריינגעוואַקסנקייט.

איין גייסטיקע וועלט ווערט עס, כאָטש די וועלט, וואָס דער פּאָעט מאָלט, איז מער אַ שטייגערישע.

פּאָעטיש דערהויבן איז דאָס קאַפּיטל „אַ הויפן זאַלץ״, ווו בעריש ווײַנשטיין באַמאָלט דעם וועג קיין סדום און טאַקע סדום אַליין, מיטן ים המלח. אינעם נוסח פון דער פּאָעמע זאָגט ער, אַז „אַלע זאַכן אויף די פעלדער קיין סדום זעען־אויס, ווי פאַרבליבענע פון חומש״. וואָלט דאָס אַליין אָבער נישט אַזוי געקלונגען, ווי די ווייטערדיקע בילדער, ווי: „אַ פאַרבליבן שטיק מענטש פון גאָטס יאָרן שטייט פאַרשטיינערט אין וועג, ווי לוטס ווייב״ און דער ווייטערדיקער שפּאַציר איבערן חומש און שופטים, ווו שטיקער געשיכטע וועבן זיך אַריין אינעם פּאָעטס מיטאָ־לאָגישע איבערלעבונגען. אָפט יאָגט זיך דער פּאָעט זיך אַליין אַריבער און די מיטאָלאָגישע בילדער ווערן מיטאָלאָגישער רעקוויזיט, אָבער, אַז ער כאַפּט זיך צוריק צו דער קלאָר־פאַרשלייערטער בילדלעכקייט, ווערט איר דערפון ממש פאַרכאַפּט.

שווייג אין זיי אַריין דיינע אויגן, דיינע אויערן,
וועסטו הערן דעם שנירלדיקן שראַם פון ירדן.
— — — — — — — — —
איבעריקנס, וואָס ווייסן שטיקלעך וואָלקנס אויבן,
אַז צפורהס אויגן פלאָטערן אַרויף, ווי טויבן?

די געבראַכטע שורות זענען ריינע פּאָעטישע בילדלעכקייט, אָבער אַז ער זאָגט:

חלב ודבש וועט קומען נאָך די רעגנס,
ווען אין די פּרדסים וועט וואַקסן שקיעהס, —

קלינגט עס ביי אים ווי פּאָעטישער רעקוויזיט. כדי צו שאַפן די אַטמאָס־פערע פון חומשדיקייט, איז כלל נישט נייטיק דער חלב ודבש, וואָרעם דערפון ווערט נישט קיין בילד, נאָר אַ מין ביבליש שוי־פענצטער. און ווידער, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט „וואַקסן שקיעהס״ אין די פּרדסים? אָבער, אַז ווײַנשטיין זאָגט ווייטער, אַז די חלוצים „וועלן די ציטרוסן רייסן, ווי געלע לבנות״, זענט איר שוין מוחל די מעטאַפאָרישע אויסשטעלעכץ.

אין עטלעכע סטראָפעס וואָס יעדערע הייבט זיך אָן מיט „וואָס איז ארץ־ישראל?״, איז דאָ דער גאַנצער שליסל צו דער פּאָעמע:

אפרים אויערבאך

וואָס איז ארץ־ישׂראל ?
דאָס, וואָס באָבע חנהלע האָט מיר אנגעזאָגט צו פאַרבלייבן.
מיט איר שפּרוך וועל איך תּמיד מיינע לידער שרייבן,
שטענדיק וועלן אירע רייד מיך אין וועג באַגלייטן,
ווי דעמאָלט, אידער איך בין קיין אַמעריקע אַוועק,
מיט איר געוויין, מיט איר תּהילים, מיט איר גאָט.
פון אירע טרערן זענען געוואָרן שטיקלעך פראָסט.
אין זכות פון אירע טרערן
וועל איך צו יענער ערד געהערן.

ווייס איך נישט, צי אונדזער פּאָעזיע וואָלט ווייט אַוועק מיט דער באָבע חנהלעס נוסח, אָבער איך ווייס, אַז אינעם קלימאַט פון בעריש ווײַנשטיינס פּאָעמע איז אין די עטלעכע שורות אויסגעדריקט דער טראַדיציע־גאַנג אונדזערער קיין ארץ־ישׂראל.

דאָס קאַפּיטל „בערגלעך טרויער" איז פול מיט פּאַטאָס. די בערגלעך טרויער זענען דער וועג קיין ירושלים. סאַנע גייט דאָ אויף דער וואַך און „סאַנע ווייסט: ווען ס׳בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן, וועלן די ירושלימער שטיינער לייכטן, ווי שטערן". איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איינס פון די שענסטע אין בוך, נאָר אַפילו דאָ פאַלט ער אַריין אין פּאַטעטישן רעקוויזיט, ווי —

מיט די שטערן איז סאַנע אַריין אין חצות
פון כמה מעלות טובות...

וואָס פאַר אַ מין חצות איז עס ? ווו האָט דער פּאָעט גענומען אַ „חצות פון כמה מעלות טובות"? אמת, ער פירט אונדז דערנאָך אַריין אין דער הגדה, אָבער פאָרט קענט איר זיך נישט אויסמאָלן אַזאַ מין אויסטערלישן חצות. זעט איר, אַז ער קומט צום ציגעלע פון דער חד גדיא, ווערט דאָס בילד זיינס מער ממשותדיק, טרויעריק און נאָענט־ווייט.

דאָס קאַפּיטל „שטעכיקע פלאַנצן" הייבט ער אָן מיט די שורות: „לאָז מיך נישט טרויעריק זיין אויף מיין ערד, ארץ־ישׂראל" און האָט אַזאַ גאַנץ, ציטערדיק ליד, ווי —

ניין, וואָס כ׳שרייב איצט איז נישט קיין ליד,
ס׳איז דאָס אויסגעטרערטע גאָלד פון אַ ייד,
וואָס האָט פון אלף־בית אָן אויסגעבריט.
לאָז, סאַברע,
אַ ליכטיקע הענגען די טרער אויף מיר,
זאָלסט זען דאָס זילבער פון גלות אין איר...

בעריש ווײַנשטיין איז אַ מאריך, אָבער די סאַמע טיפּסטע איבער־לעבונג איז בײַ אים פּאָרט אינעם קיצור. ווו ער דערהייבט זיך צו דער אמתער פּאָעזיע, זאָגט ער אין עטלעכע שורות אַ סך מער, ווי אין גאַנצע קאַפּיטלעך. און אַזעלכע „עטלעכע שורות" זענען דאָ גאָר אַ סך אין דער פּאָעמע. זיי רעדן מיט ייִדישן האַרץ, מיט ייִדישער בילדלעכקייט, — זיי זענען ריינע פּאָעזיע.

זעליק אַקסלראָד

(טראַגישער טויט פון אַ סאָוועטישן יידישן שרייבער)

סוף יוני 1971, איז געוואָרן דרייסיק יאָר זינט דער סטאַלין־רעזשים האָט אומגעבראַכט דעם פּאָעט זעליק אַקסלראָד. בעת די קוילן האָבן אים געטראָפן אין דער מינסקער טורמע, איז אַקסלראָד אַלט געווען 36 יאָר און געווען איז דער טויט זיינער דער אָנזאָג פון דער שחיטה אויף די יידישע שרייבער און קינסטלער אין 1952.

וואָס איז געווען אַקסלראָדס „שולד" און, וויאַזוי איז ער געקומען אין דער מינסקער טורמע? אין יענע שטורמיש־טראַגישע יאָרן, איז דער יונגער סאָוועטישער פּאָעט געווען איינער פון די, וואָס איז גע־קומען קיין ביאַליסטאָק אין 1939, בעת די שרייבער פון פוילן האָבן זיך געפּרוּווט ראַטעווען פון די היטלעריסטישע הארדעס קיין סאָוועט־רוס־לאַנד.

מיר האָבן דעמאָלט געלייענט, ווי די יידישע שרייבער זענען אָרונ־טערגעקומען פון מאָסקווע קיין ביאַליסטאָק, כדי צו פּרוּוון העלפן די פּליטים־שרייבער פון פוילן. געווען איז דאַמאָלסט דער „האָניק־חודש" פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד. סטאַלין האָט נאָך גע־זוכט זיך איינצוקויפן אין יחוס איבער דער וועלט און ער האָט דערפאַר געגעבן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער אַ סך פּריווילעגיעס.

אַקסלראָד איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין ליטע, געלעבט אַ צייט אין ווילנע און דערנאָך איז ער מגולגל געוואָרן אין זיין היימשטאָט מינסק. אין ווילנע האָט ער זיך שטאַרק פאַרזינדיקט: אינאיינעם מיטן שרייבער עליע קאַהאַן, האָט ער גערופן די יידישע שרייבער שאַרף צו פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט געשלאָסן די איינציקע יידישע צייטונג דאָרטן, „ווילנער עמעס". דערפאַר האָט מען

אים אַרעסטירט, עליע קאַהאַנען האָט מען אויך אַרעסטירט און איבער־געפירט האָט מען זיי קיין מינסק אין טורמע.

אַז די נאַציישע מיליטערישע כוחות האָבן זיך דערנענטערט צו מינסק, האָבן סאָוויעטישע באַהערדן אָנגעהויבן אויסצורייניקן די טור־מעס אין דער גאַנצער געגנט, אויך אין דער ווייסרוסישער הויפּט־שטאָט, מינסק. אַז עס איז געקומען אַרויסצולאָזן די אַרעסטירטע, האָט מען אָן שום איבערטראַכט באַפרייט די קרימינעלע פאַרברעכערס. וואָס איז שייך די פּאָליטישע, זענען זיי אפשר נישט געווען אין דער מינס־קער טורמע.

עליע קאַהאַן, אַז די באַאַמטע האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער זיצט, האָט געזאָגט, אַז ער זיצט פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס. קיין רעקאָרדס זענען נישט געווען, אין דער בהלה זענען זיי פאַרפאַלן געוואָרן. זעליק אַקסלראָד האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער זיצט פאַר אַ פּאָליטי־שער שולד און די סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן אים אויפן אָרט דער־שאָסן. ווו זיין קבר איז ווייסט, פאַרשטייט זיך, קיינער נישט. עליע קאַהאַן, ווידער, איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און איז דערנאָך געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד.

געוועזן איז זעליק אַקסלראָד אַ לירישער פּאָעט און האָט אַרויסגע־וויזן אַ סך ליבשאַפט און פאַטאָס צו טראַדיציאָנעלער יידישקייט, וואָס באַזונגען האָט ער זי אין צאַרטע פערזן. געוועזן איז ער פון דער מינס־קער גרופּע, וואָס איז בכלל געווען די געשטראָפסטע אין דער סאָוויע־טישער יידישער ליטעראַטור. דער ערשטער קרבן איז געווען איזי כאַ־ריק, — דער זייער טאַלאַנטירטער פּאָעט אין מינסק, — דער אומגע־ריכטער טויט זיינער איז נאָך ביז היינט נישט אויפגעקלערט. דערנאָך איז געקומען משה קולבאַק, וואָס איז פון פוילן אַליין צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט האָט אים געטראָפן דער סטאַליניסטישער צאָרן.

מינסק האָט געהאַט אַן אייגענע יידישע צייטונג, „מינסקער שטערן", אפילו אָן אייגענעם יידישן פאַרלאַג האָט מינסק געהאַט. אָבער דער סאָוויעטישער רעזשים האָט זיי אומגעבראַכט אַ סך פריער איידער ער האָט אומגעבראַכט די יידישע ליטעראַטור אין מאָסקווע, כאַרקאָוו און קיעוו. פאַרוואָס אויף מינסק האָט זיך דער צאָרן אויסגעגאָסן אַזוי פרי,

איז נאָך דערוויַיל נישט אויפגעקלערט מסתמא איז די סיבה פּשוט, וואָס די וויַיסרוסישע סאָוויעטן האָבן זיך די ערשטע צוגעכאַפּט צום געשמאַקן אַנטיסעמיטישן ביסן.

זעליק אַקסלראָדן האָב איך באַגעגנט אין אָדעס אין 1927. אַ יונג יינגל איז ער דעמאָלט געווען — 22 יאָר, אָדער נאָך ווייניקער, איז ער אַלט געווען. מיר זענען אַרומגעגאַנגען איבער די פרילינגדיקע אָדעסער גאַסן, וואָס אַפילו אונטערן באַלשעוויסטישן רעזשים האָבן זיי פּאַרמאַגט דעם דרומדיקן כּישוף אין זיך.

אַקעגן אַקסלראָדן בין איך געווען אַן עלטערער מענטשן: 36 יאָר בין איך אַלט געווען. האָט ער זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ, — דאָס ייִדישע האַרץ. ער שרייבט לידער, וואָס זענען אפשר נישט אין ריטעם פון דער צייט. אים איז טייער דאָס שטייגעריש־ייִדישע לעבן. ער באַזינגט דעם שבת אונדזערן, ער האָט ליב דעם ליטווישן למדן.

אַז מיר זענען אַרויס אויף דער דעריבאַסאָווסקע, וואָס איז אַמאָל געווען די פינפטע עוועניו פון אָדעס, האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט צום פּאַסאַזש: זעט, וואָס עס איז געוואָרן פון ייִדישן האַב־און־גוטס. דער פּאַסאַזש איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען די קרוין פון ייִדישן מסחר אין דרום־רוסלאַנד. איצט האָבן זיך דאָרטן געוואַל־גערט שמאַטעס און פלעשער. פונוואַנעו האָבן זיך גענומען אַזויפיל פלעשער? אַקסלראָד האָט אויף אַ יונג־פּאָעטישן שטייגער געוואָלט אַ שטיף־טאָן מיט גראַמען צו פלעשער, נאָר אַ טרויער איז אים באַפאַלן: אַ תכלית געוואָרן פון ייִדישן האַב־און־גוטס...

עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרטן האָב איך אים אויך געטראָפן. ער איז געווען פול מיט געזאַנג, אָבער גראָד אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען ממש אַ שונא ייִדישקייט, האָט אין אים געפלאַמט דאָס טיפע ייִדישקייט.

ער איז דורך די יאָרן פּאָעטיש געוואַקסן, געוואָרן רייפער אין אויס־דרוק, אָבער יוגנטלעך איז ער געבליבן אין זיין התלהבות. ווער ווייסט, צי אַז זיין לעבן וואָלט נישט פאַרשניטן געוואָרן אַזוי יונג, צי מיר וואָלטן נישט געהאַט אַ גרויסן פּאָעט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אונדזערער?

יולי, 1971

יעקב שטערנבערג

ער איז אַ בעסאַראַבער, — דאַכט זיך אַ סעקוריאַנער, אָבער אין די יאָרן, וואָס איך האָב נאָך געלעבט אין בעסאַראַביע, האָב איך פון אים נישט געהערט. דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן שפּעטער און איך בין אַוועק פון בעסאַראַביע פרי. יאָרן שפּע־טער, שוין אין אַמעריקע, איז צו מיר דערגאַנגען דער נאָמען זיינער, — אָבער אַלץ נאָר דער נאָמען און נישט די ווערק זיינע. פון יעקב באָטאָשאַנסקין ז״ל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער, יעקב שטערנבערג, איז געווען אי אַ פּאָעט, אי אַ דראַמאַטורג און דערצו נאָך אַ רעזשיסער.

דאָס איז שוין געווען אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען באָטאָשאַנסקי אַליין האָט זיך שוין גערודערט אין דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, איז אַפילו אַרומגעפאָרן איבער די רומעניש שטעט און שטעטלעך און געזונגען יידישע פאָלקסלידער. יעקב שטערנבערג האָט דאַמלסט געשאַפן אַ קליינקונסט טעאַטער, האָט אַליין געשריבן די שפּיל־טעקסטן, אַליין רעזשיסירט און אַמאָל אַליין אויך געשפּילט.

נאָר דערנאָך איז ער מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָבן נישט געהערט פון אים, נישט געוווּסט, צי ער שרייבט, צי נישט. אַפילו צי ער לעבט האָבן מיר נישט אָנגעהויבן צו וויסן. ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן, דער בעסאַראַבער ענערגישער שעפערישער יידישער מענטש? יאָ, מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַריבער דעם דניעסטער און גע־פינט זיך ערגעץ אין רוסלאַנד. נאָר פאַרוואָס הערט מען נישט פון אים? פאַרוואָס דרוקט ער נישט קיין לידער, שפּילט נישט קיין טעאַטער, רע־זשיסירט נישט? ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער זיך ווידער באַ־וויזן, — שוין אין בוקאַרעשט. שטערנבערג, וואָס זיין ערשטער נאָמען

איז יעקב און גערופן האָט מען אים, זאָל זיין פאַרצויגן, יוקל, האָט ווידער אָנגעהויבן צו לאָזן הערן פון זיך.

איצטער ליגט פאַר מיר אַ בוך זיינס. וואָס פאַרנעמט איבער 500 געדיכט געדרוקטע זייטן, איז מלא וגדש מיט לידער, פּאָעמעס, דראַ־מאַטישע פּאָעמעס און בכלל אַ שפע פון שעפערישקייט. הייסן הייסט הייסט דאָס בוך „אין קרייז פון יאָרן" און נעמט בפירוש אַרום אַ פולן קרייז פון יאָרן. פון דעם אַריינפיר דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז געווען נע־ונד אַלע יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין רוסלאַנד. נישט דער פער־זענלעכער נע־ונד איז דאָ דער עיקר, נאָר די שאַפונגען זיינע, וואָס זענען געווען אין דער בחינה פון נע־ונדיקעס. וואָס האָט ער געטאָן אין סיביר? ער זאָגט נישט, אַז מען האָט אים פאַרשיקט אין די קאַלטע מרחקים, נאָר מיר קענען זיך אויסמאָלן, אַז ער אַליין, מיטן אייגענעם פרייען ווילן, וואָלט זיך נישט געלאָזט וואַנדערן אַזש קיין סיביר. וויי־טער איז ער געווען אין מיטל־אַזיע — דאָס דערוויסן מיר זיך פון די לידער זיינע. נאָר על־פי נס האָט אים סטאַלינס צאָרן נישט געטראָפן און ער איז געבליבן לעבן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען אָפּגעריכט זיין אַכציקסטן געבוירנ־טאָג, אָבער כאָטש איזן איז ער אַן אויסגעמידטער פונעם גרויסן וואַנ־דער, איז ער דאָך גייסטיק פריש און דאָס גרויסע בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעשט, איז אַ באַווייז אויף זיין גייסטיקער פריש־קייט.

פאַר אַ מאָטאָ פאַרן בוך זיינעם נעמט ער פיר שורות פון זיינעם אַ ליד:

איך זיץ אין קרייז פון יאָרן,
ווי צווישן שפּיגלען.
אין זיי — אי מיינע טאָלן,
אי מיינע היגלען.

די לידער זענען איינגעטיילט אויף די ביכער, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן און זיי זענען אים פאַרפאַלן געוואָרן. דער איינטייל איז אָבער אויך נאָך באַזונדערן קאָלאָריט פון די לידער. איז די ערשטע טייל „לאַנדשאַפט־כראָניק". די לאַנדשאַפט זיינע איז אייגנטלעך נישט קיין

נאַטור־לאַנדשאַפט, נאָר אַ יידישע לאַנדשאַפט, אָדער ריכטיקער — יידישקייט.

מיינט אָבער נישט, אַז שטערנבערג איז נישט קיין פּאָעט פון דער נאַטור, — ער איז פול מיט התלהבות פאַר דער נאַטור, אין כאַראַקטער פון אַ פּאָעט, וואָס איז געבוירן און געוואַקסן אין בעסאַראַביע. נאָר מער קענטיק איז ביי אים דאָס בענקשאַפט נאָך יידישקייט. מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס צענדליקער יאָרן איז ער געווען אין גלות ביי די רוסישע קאָמוניסטן, ווו לידער אויף יידישקייט־מאָטיוון זענען געווען ממש סם המות. אַז ער שרייבט פון זיין טאַטן, איז עס אַ געזאַנג צו דער אַלט־יידישער וועלט, וואָס ער האָט צענדליקער יאָרן נישט גע־טאָרט פון איר טראַכטן. דער טאַטע זיצט ווינטער און קוקט אויף דער הרובע, און —

> פון זודיקן, וואַסעריקן האַלץ איז געוואָרן
> אַ רוחניות עפּעס, אַ זוניקע כוואַליע,
> אַ צאַרטע מאַטעריע, וואָס ווערט אַנגעוואָרפן
> גרויס.

די סאַמע רעאַליסטישע באַשרייבונגען, — סיי פון דער נאַטור און סיי פון מענטש, — ווערן ביי אים איינגעהילט אין אַ שלייער פון לע־גענדאַרישקייט. דאָ ביי אים אַ קליינע פּאָעמע „מאירל פּרעמישליאַנער״, איז דער רבי ביי אים צונויפגעבונדן מיט דער נאַטור און דער לעצטער אויספיר: „אַט אַזוי זיך בעסאַראַביש שפּינען אונדזערע פאַרטאָגן בלאָע״.

אודאי איז נישט שייך זיך אָפּצושטעלן אויף אַ גרויסער צאָל לידער אין אַ בוך פון אַזאַ ריזיקן פאַרנעם. ער איז פילפאַכיק, נאָר דער איינ־דרוק מיינער איז, אַז אים פעלט דער סאַמע עיקרדיקער תוכן: דער ריינער פּאָעטישער טרויער, וואָס גייט אַ סך מאָל איבער אין פרייד. סע איז אָבער מעגלעך, אַז געלייענט האָב איך דאָס בוך מיט צופיל פאַר־כאַפּטן אָטעם און דערפאַר האָב איך נישט דערשפּירט דעם טיפן טרויער הינטער זיי. געכאַפּט האָב איך אָבער יאָ, אַז כאָטש שטערנבערג איז אַזויפיל יאָרן געווען דערווייטערט פון בעסאַראַביע, איז אין אים גע־בליבן אַ גאָר נאָענטער צונויפבונד מיט דער געגנט, וואָס אין איר איז ער געבוירן געוואָרן.

אַ ליד איז ביי אים דאָ, „אויף קלאָרע הערנער", איז עס אַ געזאַנג צו בעסאַראַביע, כאָטש ער „גיסט נישט אויס דאָס האַרץ זיינס", נאָר מאָלט אַביסל דערווייטערט, ווי אַ „טשאַבאַן" (אַ פּאַסטעך) טרייבט אָקסן און ער שפּילט אויף אַ פייפל, —

דאָס געזעגנט זיך אַ טשאַבאַן מיט די אָקסן
ערב זייער אָפּגיין צו די באַנען,
און נישטאָ איצטער, נישט קיין ייִדן, נישט קיין גוים, —
געצנדינער בלויז פּאַראַנען.

איז דער אמת, אַז מיר איז נישט אינגאַנצן קלאָר, פאַר וואָס געצנדינער, אָבער דער עיקר איז דאָ נישט צי אַזאַ וואָרט, צי אַן אַנדערס, נאָר די גאַנצע לאַנדשאַפט פון דעם ליד.

דער אמת, אַז מיר זענען קיינמאָל נישט צו האַרצן לידער פון ייִדישע פּאָעטן, וואָס נעמען ישון פאַר זייער געזאַנג. נאָר ביי שטערנבערגן איז פאַרט דאָ טיפע ייִדישקייט אין די לידער, ווי ער פלאָנטערט אַריין דעם „אותו האיש". דער בעל שם טוב און, להבדיל, דער געקרייציקטער, טרעפן זיך צונויף אויף די חורבות פון קאַרפּאַטע־רוס, ווו די נאַציס האָבן געבושעוועט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער בעל־שם קומט צוריק אין זיינע קאַרפּאַטן צו ראַטעווען ייִדישע קינדער. אין אַ טאַטשקע האָט דער בעש"ט געבראַכט „אַ קינד אונטערן דאַך פון אַ קלויסטער". אַ ייִדיש קינד, פאַרשטייט זיך, אָבער קיינער ווייסט עס, אַ חוץ „דער אַנטבלויזטער". איז ער, דער אַנטבלויזטער, אַראָפּ פון זיין אָרט מיט אַ שווערד אין דער האַנט, און דער בעש"ט זאָגט:

איך זע, אונטערטעניקט סע האָט דיך דער נאַצישער אָף,
איך זע אין דיין האַנט אַ שווערד, נישט קיין פלאַנץ,
דאַך הייסטו גאָטס זון און אויך פּרינץ, און אויך גראַף, —
ווי רופן, זאָג, דאַרף מען דאָס קינד, וואָס זיין שרייען
איז שאָטן אין דיינעם, אָט דאָ ביי דיין רחמים־אַלטאַר
וווהין איך האָב געבראַכט עס זאָל זיך באַהאַלטן?

ישו זאָגט דעם בעש"ט: דו ביסט דער ניגון פון רחמים, און דער בעש"ט שלאָגט אים מלקות.

וואָלט איך מוחל געווען שטערנבערגן אַפילו אַזאַ פּאָעטישן אויס־

טייטש פון דעם געקרייציקטן, אָבער פּאָרט איז מיר מער ניחא דער פּאַ־עטישער אַוועקשטעל פון דעם יויזל, ווי די אַנדערע האָבן אים אַוועקגע־שטעלט: פול מיט ליידן און יסורים.

דער פּערז ביי שטערנבערגן איז אַ געזונטער, אַ מייסטערדיק געבוי־טער און דאָס לשון איז רייך מיט חנעוודיקע ניואַנסן און אין דער ערד־פּאַרוואָרצלטע אימאַזשן.

דעצעמבער, 1971

ישראל ראַבאָן

אַ קליין, אָרעם אַרויסגעגעבן, לידער־ביכעלע פון ישראל ראַבאָן. דאָס ביכעלע הייסט „הינטערן פּלויט פון דער וועלט". עטלעכע בלעט־לעך אין דעם זענען געדרוקט מיט שוואַרצער טינט און עטלעכע מיט בלויער. אין דער נומעראַציע פון די זייטלעך אין דעם, זענען געמאַכט געוואָרן טעותן און גרייזן זענען אין דעם דאָ לרוב. דאָס באַווייזט, אַז אַפילו אין די פּוילישע דרוקערייען באַציט מען זיך צו יידישע לידער כלאחר יד: אַרויסגעוואָרפן אַן אומנוציק ביכל און זאָל זיך עס וואַל־גערן.

דער אמת איז, אַז ווען איך האָב געגומען דאָס ביכל אין האַנט, האָב איך געמיינט בלויז צו זען ווי מען שרייבט שלעכטע לידער. איך לייען דאָך נאָך אַלעמען די יידישע זשורנאַלן וואָס קומען אָן פון פּוילן און און אַזוי ווי איך האָב נישט געזען, אַז עמיצער זאָל זיך געווען אָפּרופן וועגן דעם ביכל, איז עס דאָך אַ סימן, אַז קיין צופיל האָפענונג דאַרף איך אויף דעם נישט לייגן.

הייב איך אָן צו לייענען דאָס ערשטע ליד און געפין דאָרט אַזאַ פערז:

און איך בין געוואַקסן אַ ווילדער, אַ לאָבוז,
געטראָגן אויף האַרצן אַ טאָרבע געשרייען
צו וואַרפן פאַר גאָט און דעם הימל פאַרטויבן,
מיין איינציק פאַרמעגן אין לופטן צעזייען.

אַז אַ יונגער דיכטער קען „טראָגן אויפן האַרצן אַ טאָרבע גע־שרייען", טאָר מען אים נישט פאַרשווייגן. דאָס גאַנצע ליד איז געשריבן מיט דיכטערישער אויפריכטיקייט. ראַבאָן דערציילט, אַז ער האָט געגעסן „אַ שטיק ווינט פאַר מיטיק און הימל געגעסן אויף מאַלצייט אין אָוונט".

פֿאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ דיכטער און אַ פֿריידן איז מיר געווען צו לייענען:

אוּן האָב אויך געזען דורך דער שויב אינעם פֿענצטער
ווי ס׳ווערט די לבֿנה פֿון צאָרן אַלץ גרעסער,
אַז נאַכט זאָל שוין ווערן איינגאַנצן שטאָק־פֿינצטער,
ווען ווינט באַלד דערלאַנגען לבֿנה אין האַרצן אַ מעסער.

אין זיין „אויפֿגעוואַכטן לייב שלוכצן די גלידער ווי טויבן, און די שיך קושן ווי הינטלאַך די ערד מיט די טראָטן״.

דאָס צווייטע ליד וויל איך ברענגען אינגאַנצן, ווייל עס איז אַ גאַנץ ליד מיט דעם געבוי און פּאָעטישן אָטעם. (עטלעכע שורות האָט מען אין פּוילן פֿאַרוואָרפֿן ווײַגן ראַבאָנס לידער. ציטירט האָט מען טאָקע דאָס ליד און אָנגעוויזן אַז דער דיכטער מאַכט נאָך מ. ל. האַלפּערינען. דאָס איז אָבער גרונט־פֿאַלש: האַלפּערן האָט אַ שטורמישן אָטעם און זיינע שמייסיקע לידער זענען ביי אים אַ פֿאַרעם אויסצודריקן לירישע, אָפּט אַפֿילו סענטימענטאַלע שטימונגען. ראַבאָן איז אין תּוך דער דיכ־טער פֿון שטורעם. פֿאַרעם און שטימונג זענען ביי אים איינס און ער מאַכט בכלל קיינעם נישט נאָך).

מיין פֿאָטער, אין דרערד רוסטו אַצינד,
דיין דאַרער גוף איז שויס פֿון זאַמד באַהאַלטן,
ווי דיר איז אומעטיק דיין קינד
און ווי דו בין איך שטענדיק גרייט צו שעלטן.
דו ביסט געווען אַ פּראָסטער ייד, אַ פֿורמאַן,
און פֿיינט געהאַט די לייט וואָס זיצן אויבנאָן:
זיי האָבן דיר פֿאַרביטערט דיינע יאָרן
דורך (צוליב) מיר, דיין הפֿקרדיקן זון.
אַ, כאָטש איך האָב געגעסן קעלבאַס שבת,
געחברט זיך מיט שקצים, גראָבע רייד גערעדט
און האָב פֿאַרמאָגט אַ שלאָק מיט ווייסע טויבן,
בין איך דאָ ווי יהודה הלוי אַ פּאָעט.
הלוי איז אין גאָלד געוואַקסן,
געפֿאָרן איז ער שטאַרבן אונטער פּאַלעסטינעס זון,
און איך וועל לאָזן זיך צופֿוס קיין ווילנע
צו קושן אויף הירש לעקערטס גרוב די רויטע פֿאָן.

ראַבאָן איז אַן אָנפֿאַנגער און דערצו איז ער דורכאויס פּויליש. דערפֿאַר גראַמט ער זון מיט פֿאָן, אָדער יאַרידן מיט סעודות. אָבער ווער

קאָן צווייפלען אויף אַ מענטשן צי ער איז אַ דיכטער ווען ער זאָגט „ווי אַ פייגעלע אַ קראַנקס האָב איך מיין האַרץ געטראָגן״? אָדער: פון אומרו‏ִיקן און מידן בלוט בין איך געבוירן״.

אַז איר לייענט די ערשטע לידער, דערוואַרט איר דער דיכטער זאָל צו עפּעס קומען, ער זאָל זיך צו עפּעס דערזינגען, ווייל די ערשטע לידער זענען דאָך בלויז דער פּרוזדור צום מענטשן. ער גיט אונדז דעם שליסל צו דער טיר, ער דערציילט אונדז ווי ער איז געוואָקסן אין אָרעמקייט, אין אייביקע קללות, געוואַלגערט זיך אין דער פרעמד, מיט גנבים געלאָפן. פילן מיר אַז פון אַזאַ איינעם קען אַרויסוואַקסן אַן אייגנ־אַרטיקער דיכטער און אַז זיין ליד קען זיין א דערפרישונג אין אונדזער פּאָעזיע. דערענדיקן מיר אָבער דאָס ביכל, געפינען מיר אַז דערווייל האָט ער אונדז געבראַכט בלויז דעם צוזאָג, ער האָט נאָך מיטן שליסל די טיר נישט געעפנט. איבערן גאַנצן ביכל זענען צעזייט לידער און נאָך מער שורות, וואָס צינדן אייך אָן, אָבער דער גאַנצער מענטש ראַבאָן איז נאָך פאַר אונדז מטושטש.

דער קדוש שמואל זאַראָמב

די גאַנצע שעפערישע ירושה שמואל זאַראָמבס, וואָס זיינע נאָענטע חברים האָבן געקענט צונויפזאַמלען, איז נישט מער ווי 220 געוויינלעכע בוך־זייטלעך. אין דעם גייען שוין אַריין עטלעכע לידער, אַ פּאָר קורצע דערציילונגען, עטלעכע עסייען איבער ליטעראַטור, און — פּראָפּאָרציע מער ווי די אָריגינעלע שאַפונגען, — איבערזעצונגען פון דער העברעישער פּאָעזיע. די ירושה איז זייער אַ קליינע, אָבער פון איר וואַקסט אַרויס אַ יידיש־שעפערישע פּערזענלעכקייט, אַ לײַדנדיקע יידישע נשמה, אַ טיף־טראַכטערישער יידישער קאָפּ.

כדי דער לייענער זאָל פאַרשטיין פאַרוואָס איך זאָג ביים סאַמע אָנהייב, אַז „זיינע נאָענטע חברים האָבן געקענט צונויפזאַמלען", איז נייטיק צו דערציילן אַ פּאָר פּרטים פון שמואלס טראַגישער ביאָגראַפיע. געבוירן איז ער אינעם קליינעם פּוילישן שטעטל בראַק, אינעם יאָר 1896, און זיין אמתער נאָמען איז געווען משה צבי פיינציג. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע בילדונג זיינע איז געווען אין חדר, דערנאָך האָט ער ביז 18 יאָר געלערנט אין דער אָסטראָווער ישיבה. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז פוילן איז געוואָרן אַ מלוכה פאַר זיך, האָט מען אים גע־דאַרפט נעמען אין דער אַרמיי. ער האָט געביטן זיין נאָמען, — שמואל זאַראָמב האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן, — און האָט זיך באַזעצט אין לאָמזשע.

דאָרט האָט ער זיך מפרנס געווען פון שווערער פיזישער אַרבעט, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו וועלטלעכע לימודים, דער עיקר ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. אַז ער האָט אַ סך דערגרייכט, זעען מיר פון די ווייניקע ליטעראַטור־עסייען, וואָס זענען דאָ אין בוך. דער עיקר האָט ער אָבער דערגרייכט אין אויספורעמען

דאָס אייגענע גייסטיקע לעבן זיינס. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דער־גראָבן צו זיך אַליין, צום אייגענעם געמיט און אייגענעם געדאַנק. אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע, אין די צוואַנציקער יאָרן, איז ער שוין געווען אָנגעלאָדן מיט אייגענער טראַכטערישקייט און אייגענער גע־מיטיקייט.

געלעבט האָט זאַראָמב אין וואַרשע, ווו ער האָט פון צייט־צו־צייט געדרוקט לידער, דערציילונגען און עסייען. אַז די מלחמה האָט אויס־געבראָכן, איז ער אַוועק קיין ביאַליסטאָק און דערנאָך קיין ניעסוויזש, ווו די דייטשן האָבן אים, אין אָקטאָבער 1941, — דערשאָסן אינאיינעם מיט פיר טויזנט אַנדערע ניעסוויזשער יידן. זיין פרוי, הוה, און דער זון מענדל, האָבן זיך געראַטעוועט און לעבן איצטער אין תל אביב. זיינע חברים — משה באַסאָק, ב. העלער, א. סוצקעווער, מ. ראַוויטש און א. ריוועס — האָבן געזוכט זיינע ווערק, אויסגעגישטערט אומעטום, ביז זיי האָבן צונויפגעזאַמלט דאָס קליינע ביכל, וואָס איז אַ גייסטיקע מצבה אויפן קבר פונעם שעפער, וואָס אומגעבראַכט האָבן אים די דייטשן אין דער עלטער פון 45 יאָר.

אַלע כתבים זיינע, וואָס ער האָט נישט געדרוקט, זענען פאַרברענט געוואָרן בעתן חורבן וואַרשע אין יאָר 1939. דער פּאָעט ישראל עמיאָט דערציילט, אַז אין די פּאָר יאָר, וואָס זאַראָמב האָט געלעבט אונטער די דייטשן, האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסע פּאָעמע „מפּילים". אברהם סוצ־קעווער דערציילט, אַז אין די מלחמה־יאָרן האָט ער געפונען אין מאָס־קווע זאַראָמבס אַ פּאָעמע „איוב". ער האָט זי צוגעשיקט אין דער רע־דאַקציע פונעם פאַרלאַג „עמעס".ביידע פּאָעמעס זענען פאַרלוירן גע־וואָרן. דער פּאַרטיזאַן שלום כאָליאַווסקי דערציילט אויף צוויי זייטלעך פון צונויפטרעף מיט זאַראָמבן אין ניעסוויזש און יענער האָט אים גע־זאָגט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ סאָנעטן־קראַנץ — אויך פאַרלוירן גע־גאַנגען.

דאָס בוך, וואָס דער י. ל. פּרץ ־ פאַרלאַג אין תל אביב האָט אַרויסגעגעבן, האָט אַן אַריינפיר פון מרדכי חלמיש און אַ ביבליאָגראַ־פיע, וואָס א. ריוועס האָט צונויפגעשטעלט. זיין ביאָגראַפיש־אָפּשאַצע־רישן אַריינפיר הייבט חלמיש אָן מיט אַן אויסצוג פון זאַראָמבס אַ בריוו.

אַזוי ווי די עטלעכע שורות פונעם בריוו זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר זאַראָמבס שרייבערישער פערזענלעכקייט, וועל איך זיי דאָ ברענגען:

„אַרום און אַרום בין איך עפּעס אַ מאָדנער מענטש, זייער פעיק צו זיין גליקלעך, אָבער דווקא די זענען די פעיקסטע דאָס גליק צו צע־ברעכן ווי גלאָז. בכלל בין איך מסתמא די שטעכעניש אין פאָרטונאַס רוקן. דער פיבער, וואָס וואַרפט מיך אַרום פון איין וועלט־וואַנט צו דער צווייטער, איז אַ מאָדנער, אומדערטרעגלעכער, גוטער, הייליקער פיבער... מיר גליווערט דאָס באַוווסטזיין פון סוף דאָס בלוט אין די אָדערן".

אַזוי ווי דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט זאַראָמבס לידער, וואָס פאַרנעמען נישט מער ווי 33 זייטן, וועלן מיר אַ קוק־טאָן ווי אַזוי ער האָט קינסטלע־ריש אויסגעדריקט דעם געדאַנק זיינעם, וואָס ער זאָגט אים אַרויס אינעם בריוו.

אין איין ליד זאָגט ער:

> די הימלישע טויערן זענען פאַרשלאָסן פאַר אונדז אַזוי בלינד,
> מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן, אָ, ברודערל ווינט.

האָט זאַראָמב געוואָלט דערגרייכן צו גאָט? אָן ספק, אַז אין אים איז געווען אַ באַהאַלטענע גאָטבענקשאַפט. אָבער צו דער אייגענער צייט איז אין אים געווען אַ גאָט־פאַרלייקענונג. אין דעם דאָזיקן ליד זענען דאָ אַזעלכע וווּנדערלעכע שורות, ווי „מיר ווינען אין אַלע צעבראָכענע שויבן, מיר קרייזן אין אַלע פאַראייניזאַמטע הייכן", אָבער דאָס ליד, ווי דער רוב לידער זיינע, איז בילדעריש אַבסטראַקט. ער דערגרייכט דורכן געמיט צום געדאַנק. ער זעט די אַבסטראַקטע מחשבה קאָנקרעט. דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס מיר שפּירן אין די עטלעכע לידער, וואָס זענען געדרוקט אינעם בוך.

ער האָט קאָשמאַרע זעונגען, וואָס ער וויל זיי אויסלייטערן אינעם ליד, אָבער נישט אַלעמאָל לייטערן זיי זיך אויס. און כאָטש ער זאָגט אין זיין עסיי „פּאָעזיע און פּראָזע", אַז עס איז אין פּאָעזיע נישטאָ קיין דורכ־אויסיקע פינצטערניש, וואָרעם דער סאַמע ציל פון פּאָעזיע איז — פרייד, האָט ער אָבער נאָך נישט באַוויזן אין אייגענעם ליד צו דערגרייכן צו אָט דער מדרגה.

אַז מיר לייענען די לידער, איז ביי אונדז קיין מינדסטער ספק

נישטאָ, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ וויכטיקן פּאָעט. ער איז אָבער פול געווען מיט סתירות, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט פּאָעטיש באַהערשן. אפשר אין די שפּעטערע לידער, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען, איז ער יאָ דערגאַנגען צו דער פּאָעזיע, וואָס ער האָט אויף אַזאַ שיינעם אופן גערעדט פון איר אין זיין עסיי „פּאָעזיע און פּראָזע".

כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז די סעריע לידער „נאַנעס". דאָ איז נישט וויכטיק, צי די לידער זענען גוטע, אָדער נישט. דאָס פּסיכאָלאָגישע רעטעניש איז וויכטיק: פאַרוואָס האָט גראָד ער, דער טיף־יידישער מענטש, דער געדאַנקלעך דורכגעפייניקטער, געשריבן וועגן נאַנעס? קיין אָריגינעלע געדאַנקען זינגט ער נישט אַרויס — עס איז די אַלטע געשיכטע פון נאַנעס, וואָס דערשטיקן אין זיך די ליידנשאַפט. די לידער זענען אָבער געשריבן בילדלעך, און אַז איר ווילט זיך דערגרונטעווען וואָס דער פּאָעט האָט איבערגעלעבט ביים שרייבן די לידער, דאַכט זיך אייך, אַז ער האָט געוואָלט אַרויסזינגען זיין אייגענע ליידנשאַפט און אַ מין דורכרייס — דעם ווידערווילן צום צלם.

יעדער וועג האָקט זיך אָפּ פאַר אונדז אינמיטן

פון צלם.

זאַראָמבּ איז אידעיש געווען אַן אַרבעטער־ציוניסט, אָבער אין זיינע אייגענע לידער איז נישטאָ קיין אָנווונק אויף זיין אידעישקייט. ער האָט, ווייזט אויס, אויסגעלעבט פּאָעטיש די אידייע זיינע אין די איבערזעצונגען פון דער העברעישער פּאָעזיע. ווי איך האָב פריער געזאָגט, פאַרנעמען די איבערזעצונגען אַ סך מער ווי די אָריגינעלע לידער זיינע. אינעם אויסדרוק, אין דער שטימונג און אין דער פאָרעם זענען די איבערגעזעצטע לידער לחלוטין אַנדערע, ווי די אָריגינעלע לידער זאַראָמבּס. זיי זענען קאָנקרעטע, זייער בילדלעכקייט הענגט נישט אין דער לופטן, נאָר וואָרצלען אין דער ארץ־ישראלדיקער ערד. דאַרפן מיר אויסטייטשן דעם פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער אין אים, אַז ער האָט איבערגעזעצט די געזונטע נאַטור־לידער, כדי צוצוקומען צו דער לויטערער פרייד, וואָס ער רעדט פון איר אינעם בריוו, וואָס איך האָב געבראַכט צום אָנהייב. לערנען מיר דערפון אויך, אַז ער איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. אַז ער האָט זיך געריסן צו פרייד, און אַז ער האָט זי נישט געקענט

דערגרייכן אין אייגענע לידער, האָט ער זי געוואָלט איבערלעבן אין איבערזעצן פרעמדע לידער.

פון די עטלעכע קורצע דערציילונגען האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק די דערציילונגען „אַ שטילע איבערלעבעניש". אין דער איך־פאָרעם איז זי. ער פאָרט אין דער באַן זיך צו טרעפן מיט אַ פרוי, וואָס ער האָט ליב. אויפן וועג, אין וואַגאָן, זעט ער אַ פרוי, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו זיין געליבטער. ער רעדט מיט איר נישט, נאָר די גאַנצע צייט דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז זי, די געליבטע זיינע. זי גייט אָבער אַרונטער אַ צוויי סטאַנציעס פריער, און כאָטש ער איז זיכער, אַז זי איז אַ פרעמדע, קאָן ער זיך אָבער נישט באַפרייען פון דער אילוזיע, אַז זי איז געווען אין וואַגאָן און איז פון אים אַוועקגעגאַנגען. אינמיטן דער נאַכט, אַז דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַנציע פון זיין געליבטערס שטעטל, וואַרט זי אויף אים — די, וואָס צו איר איז ער געפאָרן. נאָר דאָ געשעט, אַז ער פילט זיך דערוויטערט פון איר. די אילוזיע שטעלט זיך אַוועק קעגן דערווירקלעכקייט. אין דער אילוזיע איז דער חלום זיינער אויסגערונען.

נישט שייך צוצוגיין מיט דער אַבסאָלוטער מאָס פון קריטיק צו אַ שרייבער, וואָס איז אַזוי יונג אומגעקומען, און וואָס זיינע שאַפונגען האָט מען געדאַרפט צונויפנעמען, — שטיקלעך און ברעקלעך, — כדי צונויפּ־צושטעלן אַ צוויי הונדערט זייטלעך פון אַ בוך. מיר מעסטן אים מיט די פונקען וואָס בליצן־אויף אין שורות און זאַצן. מיר שפירן אין אים אַ שרייבערישע פערזענלעכקייט, אַ טיף־דורכלעבנדיקע און דין־פילנדיקע.

פון די עטלעכע ליטעראַטור־עסייען, וואָס זענען דאָ אין בוך, האָט מיך פאַרטשעפעט דער עסיי „פּאָעזיע און פּראָזע", וואָס פון אים האָב איך שוין גערעדט פריער. שמואל זאַראַמבע, וואָס האָט פּאָעטיש אַזוי אויפריכ־טיק און חנעוודיק געבלאָנדזשעט, האָלט אינעם דאָזיקן עסיי — צוועלף זייטלעך פאַרנעמט ער — פּאָעזיע פאַרן שעפערישסטן עסענץ. ער האַלט, אַז „פּראָזע (איז) דער ברייטער שטראָם, וווהין דער שמאָלער שטראָם פון דער פּאָעזיע טאָר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן". דאַרפן מיר טראַכטן, אַז ער איז קעגן פּראָזאַאיזמען אין דער פּאָעזיע, וואָס גראָד די נייערע פּאָעזיע זינדיקט מיט זיי אונטער.

אפרים אויערבאך

איז ווידער נישט שייך מסכים צו זיין מיט אים, אָדער נישט. דער עיקר איז, וואָס דער עסיי איז אָנגעשריבן מיט מחשבה און מיט פאַנטאַזיע. אַפאָריזמען זענען דאָ אין אים, וואָס פאַרגעדענקען זיך, ווי „דער ציל פון דער פאָעזיע איז די פאָעזיע אַליין. די גאַנצע דערציילונג פון בראשית ברא דערפירט צו אָז ישיר, און נאָר אַ דאַנק אָט דעם עקסטאַטישן געזאַנג האָט דער דיכטער פאַרמאָגט אָט די עפּישע, מיט אַן אינערלעכן ליכט אויסגעפילטע שטימונג".

אַז מיר לייענען אַזאַ בוך, ווי שמואל זאַראָמבס, וואָס חברים־שרייבער האָבן מיט אַזויפיל ליבשאַפט צונויפגעשטעלט און אַרויסגעגעבן, וואַקסט ווידער אויס אין אונדז די אימה פונעם חורבן. ווער ווייסט וויפל גייסטיקער, שעפערישער כח עס איז פאַרשניטן געוואָרן?

סעפּט. 1962

ארץ ישראל אין דעם יידישן ליד

אין זיין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע „ארץ־ישראל" אין דער יידישער ליטעראַטור", באַנד איינס, פּאָעזיע, זאָגט מרדכי יפה, ע"ה:

„פאַרוואָס ארץ־ישראל אַנטאָלאָגיע, און נישט ישראל־אַנטאָלאָגיע? גאָר אַ פשוטער ענטפער: ארץ ישראל איז אַ סך מער, ווי ישראל, מחמת דאָס נעמט שוין אַריין סיי פאָלק און סיי לאַנד, ווייל ארץ־ישראל איז די גאַנצע געשיכטע, ירושה, טראַדיציע, צוזאַמענגעקנופּט מיט אַלע דורות פון יידיש לעבן, עבר, הווה און המשך; שטענדיקע דערמאָנונג אין די כתבי הקודש און אין שריפטן, וואָס שטיצן זיך אויף זיי. ארץ־ישראל איז אַ באַגריף, וואָס דערהייבט זיך צו אַ סימבאָל, נישט נאָר אַ טעריטאָריאַלער פונקט אין גאַנצן יידישן לעבן פון אַלע צייטן; נישט נאָר דאָס צוגעזאָגטע, פאַרלוירענע און ווידער־געפונענע לאַנד, נאָר אויך דאָס יידישע לאַנד אין אַלע פאַזעס פון אונדזער געשיכטע".

זעען מיר, אַז דער צונויפגעשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע, וואָס האָט געדאַרפט באַשטיין פון דריי בענד, — פּאָעזיע און פּראָזע, — האָט געוואָלט געבן די אידעישע ארץ־ישראל, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער יידיש־ליטעראַטור. אין דעם באַנד, וואָס ער האָט באַוויזן צונויפצושטעלן — די פּאָעזיע — האָט ער זיין שליחות אויסגעפילט ביז גאָר אַ הויכער מדרגה. כאָטש ער באַטאָנט אין זיין אַריינפיר, אַז זיין ציל איז נישט קיין אַפּאָלאָגעטישער — צו באַווייזן, אַז די יידיש־ליטעראַטור האָט דעם ארץ־ישראל־מאָטיוו אַריינגענומען טיף אין זיך — קומט דאָך אַרויס דער פאַקט, אַז אין יידישן קינסטלערישן וואָרט איז אַלעמאָל געווען דער פאָלקישער ציטער פאַר דער היסטאָרישער ארץ־ישראל, פאַר ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה.

אינעם צונויפשטעל פון דער אַנטאָלאָגיע האָט דער יונג־פאַרשטאָרבע־

נער מרדכי יפה אריינגעלייגט אַ סך מי, זאַמלערישן טאַלאַנט און קינסט־לערישן געשמאַק. אין דעם אריינפיר, וואָס איז אַ טיף־פּאַרטראַכטער, אַרומנעמערישער עסיי, זאָגט יפה, אַז ער האָט דער עיקר געזוכט דעם ריין־קינסטלערישן ווערט פון די לידער. לרוב איז אים געראָטן אָנצו־האַלטן דעם ליד־סטאַנדאַרט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. ביי די איבער נײַנציק פּאָעטן, וואָס זייערע לידער זענען געדרוקט אין דער אַנטאָלאָ־גיע, האָט ער אויסגעקליבן דאָס ווערטיקע, דאָס ליד־דויערנדיקע. פאַר־שטייט זיך, אַז די אַבסאָלוט פּאָעטישע מאָס האָט ער נישט געקאָנט אָנ־ווענדן, וואָרעם ער האָט דאָך געהאַט אויך אַן אַנדער מאָס: ארץ־ישראל. אָבער בדרך כלל באַקומט זיך אַ גרויס בילד פון יידישן געזאַנג פאַר ארץ ישראל. דאָס יידיש־פּאָעטישע וואָרט איז אָנגעזאַפּט מיט דער איי־ביק־יידישער בענקשאַפט נאָך גאולה און דעם לאַנד פון די אָבות. דער תמצית פון אַ פאָלק דורך דורות זינגט אַרויס פון די לידער. מיט דער יפה־אַנטאָלאָגיע קאָן דאָס יידישע לשון קומען צו דער מדינה ישראל און מאָגען פולע אָנערקענונג פאַר זיך. אוודאי, מיטן תנ״ך, די כתבי הקודש און די פּיוטים איז עברית אַ סך רייכער אין ארץ־ישראל מאָטיוון. אַז סע קומט אָבער צו דער פּאָעזיע פון די לעצטע הונדערט יאָר, איז נאָך אַ ספק צי עברית האָט אַן עודף איבער יידיש.

מודה מוז איך זיין, אַז מיר אַליין איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט פאַר די אויגן, ווען איך האָב געזען, אין יפהס אַנטאָלאָגיע, ווי רייך אונדזער פּאָעזיע איז אין ארץ־ישראל מאָטיוון. אין זיך אַליין האָב איך געהאַט טענות צו דער יידיש־ליטעראַטור, בפרט דער פּאָעזיע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די יידיש־ליטעראַטור האָט פאַרזען דעם שטאַרקסטן, דעם טיפסטן יידישן מאָטיוו, — ארץ־ישראל. די יפה־אַנטאָלאָגיע, וואָס האָט אַריינגענומען, ווי ער אַליין זאָגט, נאָר אַ ברוכטייל פון ארץ־ישראל לידער אין יידיש, האָט מיר געוויזן, אַז איך האָבן געלעבט אין טעות.

אויף איין דערשיינונג איז כדאי אָנצווייזן: די „יונגע״ זענען אין דער אַנטאָלאָגיע נישט פאַרטראָטן. נישט אַ מאַני לייב, נישט אַ זישאָ לאַנדוי, נישט אַ ראובן אייזלאַנד, נישט אַ יוסף ראָלניק, אַפילו נישט דער נאַציאָנאַלסטער צווישן זיי, י. י. שוואַרץ, שוין אָפּגערעדט פון אַ משה לייב האַלפּערין, — האָבן „געזינדיקט״ מיט לידער, וואָס זאָלן האָבן אין

זיך אַפילו נאָר דעם טראַדיציאָנעל־פּאָלקישן ציטער צו ארץ־ישראל. פון דער גאַנצער סאָוויעטישער יידיש־פּאָעטישער פלעיאַדע איז דאָ איין פּרץ מאַרקיש מיט אַן אויסצוג פון אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט געשריבן אין 1924. וואָס איז שייך דער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז דאָ פון די קאַריפּייען נאָר איין אהרן צייטלין, אי דאָס זענען דער רוב ארץ - ישראל לידער שוין געשריבן אין אַמעריקע. זענען די פּאָעטן, וואָס האָבן נישט אויפגענומען מאָטיוון פון ארץ־ישראל, נישט געווען טיף־נאַציאָנאַל? אַ באַזונדער שטודיע איז נייטיק, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו דער סיבה פון דער דאָזיקער דער־שיינונג.

פון די איבער נײַנציק פּאָעטן, וואָס זייערע לידער זענען געדרוקט אין דער אַנטאָלאָגיע, זענען: 42 אַמעריקאַנער, 28 ישראלדיקע און די איבעריקע — פון אַנדערע לענדער. לערנען מיר דערפון, אַז די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן, — דער עיקר אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, — זענען דורכגעדרונגען מיט ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך דערהויבן צום גרויס־היסטאָרישן מאָטיוו אין אונדזער לעבן. ווייטער לערנען מיר, אַז מדינת ישראל האָט אַ וויכטיקן יידיש־פּאָעטישן באַגאַזש, וואָס מיר קאָנען אים שוין איצטער אַריינגעמען אינעם שעפערישן אוצר פון יידיש.

לידער צו דער אייביקער שטאָט, צו ירושלים, האָבן צוואַנציק פּאָעטן. דאָס מיינט, אַז מרדכי יפה האָט אויסגעקליבן נאָר צוואַנציק פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן לידער צו ירושלים. ער האָט אָבער עטלעכע ירושלים־לידער נישט אַריינגענומען דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז אַנדערע לידער זענען בעסערע, שלימותדיקערע. זענען אודאי די ירושלים־לידער קינסטלעריש נישט אויף איין מדרגה, אָבער איין שנור ציט זיך דורך זיי אַלע, — די אייביקייט פון דער שטאָט, איר מיסטיציזם, איר אַלט־יונגע מאַיעסטעטישקייט. זינגט דער העברעיש־יידישער פּאָעט, יעקב פיכמאַן:

שטאַרבט אָפּ דעם טאָגס געזאַנג, און אין דעם ליכט דעם לינדן
בליען חורבות נײַ־פאַריונגט, ווי אויפגעלעבטע ביינער.
און רויטלען זיך די מויערן, ווי רויזן און וווּנדן, —
איז אייביקער פון דיר און מער געבענטשט נישט קיינער.

אפרים אויערבאך

און לייוויק, אַז ער שטייט ביים כותל מערבי, שרייבט:

צי איז נאָך ווער אַזוי ווידו געווען באַרירט פון אַזויפיל ליפּן?
די ליפּן האָבן אויסגעברענט אין דיר צעקאַרבטע לעכער,
און דורך זיי דעם שטויב געטרונקען,
ווי מען טרינקט ווײַן פון הייליקע בעכערס...

ברענג איך דאָ צוויי סטראָפעס פון צוויי פאַרשידענע פּאָעטן, כדי צו ווייזן, ווי אַנדערש עס קען זיין דער קינסטלערישער אויפנעם פון איינער און דער אייגענער זאַך. פיכמאַן זעט ווי „רויטלען זיך די מויערן, ווי רויזן און ווי ווונדן" און ער שפּירט, אין ירושלים, ווי ער אַליין איז געבענטשט מיט אייביקייט. לייוויק איז דראַמאַטיש־ציטערדי־קער, ער זעט שוין ווי די ליפּן, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געקושט דעם כותל מערבי, האָבן אויסגעברענט אין איר „צעקאַרבטע לעכער", אָבער איןביידע איז דאָ די אייביק־יידישע צוגעבונדנקייט צו דער שטאָט און צו דער וואַנט.

פול מיט לירישן מיסטיציזם איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס ליד „ירו־שלים". דער גאַנצער חן פון יידיש־פאָלקישן ציטער איז דאָ אין דעם ליד. „פאָרט מען אַהין טויזנט יאָר", זאָגט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, „און מען קומט כהרף עין". אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט איז די שטאָט, ווי ווייט און ווי נאָענט עס איז די גרויסע ליבשאַפט ביים מענטשן, דער מענטש אַליין צו זיך. און ווער פון אונדז האָט נישט איבערגעלעבט, ווי די דיכטערין, דאָס בענקשאַפט

שטייט מען שוין אינמיטן שטאָט
און מען בענקט קיין ירושלים.

כאָטש ל. פיינבערגס „ירושלים" איז מער פּאָעטיש־אימאַזשיניסטיש, איז אָבער ביי אים אויך דאָ דער יידיש־טראַדיציאָנעלער ציטער צו דער שטאָט:

די נאַכט שפּאַצירט איבער שפּיצן חומות —
אַ ווייסע מלכה אין דימענטקרוין —
און זעט איבער שטיינערנע געסלעך חלומות.
אַ נשאר פון ישעיהס חזון.

אין „געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש" זינגט אהרן צייטלין לי־ריש־מייסטערדיק:

כ׳וויל אין דיין כותל, נישט צום איינלייגן,
מיט טרערן אויסברענען אַ שפּאַלט
און מיין נשמה דאָרט אַריינלייגן —
ביז טעג פון אחרית — אויף באַהאַלט.

האָב איך פריער דערמאָנט אַז פון די סאָוויעטישע פּאָעטן איז נאָר איין פּרץ מאַרקיש דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע מיט אַן אויסצוג פון אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט געשריבן אין 1924. ווי שרייבט דער פּאָעט, וואָס סטאַלין האָט אומגעבראַכט, וועגן ירושלים?

פון הויכע שטיינערדיקע שטערנס ווישן ווינטן אָפּ דעם טרויער
און בערגקעפּ צעקראַצטע קייען אויף מיט קללות בלינדע.
ירושלים, עס שלאָפט ביי דיינע אַלטע, אויסגעבענקטע טויערן
אַ מאַן אין גאַליפע, און אין פראַק און אין צילינדער.

ציטיר איך די סטראָפע דערפאַר, וואָס אפילו דער סאָוויעטישער פּרץ מאַרקיש רעדט אויך פון ירושלימס „אַלטע אויסגעבענקטע טויערן". מאַרקיש איז אין זיין פּאָעזיע אַ סך מאָל גראָטעסק, דערפאַר קומט ביי אים „אַ מאַן אין גאַליפע, און אין אַ פראַק און אין צילינדער", אָבער אין די שורות איז פאַרט דאָ דער הייסער ידישער אָטעם צו ירושלים, וואָס איז דורכגעברענט פון דורות.

און אברהם סוצקעווער, אַז ער שטייט אין ירושלים, דערשפּירט ער אין זיך דורות:

אַ פויגל ברענגט דעם כישוף־רינג פון שלמהן,
דערלאַנגט מיר אים צוזאַמען מיט אַ מזמור...
אַ וווּנדערלעכע מעשה קען איך טרוימען
ווי ס׳נעמען אַנטייל אַלע דורות ביז מיר.

האָב איך דאָ געבראַכט נאָר מוסטערן פון עטלעכע ירושלים־לידער, און נאָר עטלעכע פּאָעטן אויסגעקליבן, כדי צו באַווייזן ווי טיף עס לעבט אין דער פאַנטאַזיע פונעם ידיש־פּאָעט די אייביקע שטאָט אונדזערע. אין די ירושלים־לידער איז דאָ פאָלקישער פּאַטאָס, אפילו ביי די יינגערע פּאָעטן, וואָס לעבן און שאַפן אין ישראל און זינגען פון ירושלים מער קאָנקרעט, מער צונויפגעלעבט און צונויפגעוואַקסן.

לידער וועגן צפת זענען דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע פון פיר פּאָעטן: ל. פיינבערג, איציק מאַנגער, מאיר שטיקער און חיים גראַדע. די לידער פון צפת טייל איך אויס דערפאַר, וואָס די שטאָט איז פאַרבונדן מיט

די בעלי קבלה, דאָס אינערלעך־מיסטישע געזאַנג איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן און ר׳ שלמה אלקאבעץ האָט דאָרטן געזונגען דאָס גרויסע געזאַנג זיינס צו שבת, לכה דודי. איז ל. פיינבערגס ליד אַ געמיש פון ריינער פאַנטאַזיע און מאָלעריי פון צפתער לאַנדשאַפט. נאָר אַפילו אין פּאָעטישן אימאַזש איז, דאַכט זיך, נישט אויפן אָרט אַזאַ שורה, ווי „איבער געסלעך פון צפת גליט די מעשה מרכבה״, וואָס איז געווען יחזקאלס אַ וויזיע אין בבל. „מיר איז אויך שווער אויסצומאָלן, ווי אפילו אַ פּאָעט זאָל פרעגן אַ מקובל אין אר״יס שול „ווי לאַנג ווי איר גלעט דאָ די גרויע באָרד?״ דער מקובל גלעט נישט די גרויע באָרד גאַנצע פיר הונדערט יאָר, ער טוט עפּעס אַנדערש — ער איז מתפלל, ער לערנט קבלה. אינעם ליד זענען אָבער דאָ גוטע אימאַזשן, וואָס ווייען־אָן די צפתער שטימונג.

איציק מאַנגער פאַרוואַנדלט זיך אַליין אינעם „עלטסטן ייד פון צפת״ און מיט זיין לאַמטערן צינדט ער אָן „אין יעדער שויב אַ גאָלדן ליד״. איז עס זייער אַ שיינער פּאָעטישער זאַג, אָבער מיט צפת האָט עס קיין שייכות נישט. דער אימאַזש פון אָנצינדן „אין יעדער שויב אַ גאָלדן ליד״ קען אָנגעווענדט ווערן אַפילו אויף ניו יאָרק, נישט דווקא אויף צפת. און אַז איציק מאַנגער רעדט צו יונגע לייט „אויף אַלטע טרעפּ״, זאָגט ער זיי:

איר מיינט, אַז דער אר״י איז טויט,
אָט זע איך אים דאָך צווישן אייך,
און זיינע אויגן לייכטן קלאָר,
ווי שטערן אין אַ שטילן טייך.

ווייס איך נישט, צי די פרומע יונגע מקובלים אין צפת דאַרפן מאַנ־גערס בשורה, אַז דער אר״י איז נישט טויט, — ביי זיי לעבט ער אַ סך מער ווי ביי אַ יידישן פּאָעט.

מאיר שטיקער האָט געזען צפת נאָר פּאָעטיש־מאָלעריש. ער גייט „אַרום אויף טויזנט טרעפּ״ און זעט ווי:

דאָ איז נישטאָ קיין נידער —
אַלץ ווי עס שטייט אין סידור.

דער פּאָעט דאַרף אָבער נישט דווקא אַריינדרינגען אין די היילן פון

די בעלי־קבלה, צפת איז מיט איר מיסטישן געבוי אַליין אַ שטיק קבלה. ער שפּירט דיכטעריש ווי

קערנער, אַנטלויפן פון דער טרויב,
פאַלן אין נעפּלדיקן שטויב
אויף קברים, וואָס עפענען זיך אויף,
ווי ברונעמער, אין יעדן הויף.

חיים גראַדע איז אין צפת נישט געווען, אָבער יידיש־פּאָעטיש איז ער אַ צפתער. דער מוסרניק־פּאָעט האָט אין זיך אויך אַריינגעזונגען די צפתער קבלה, וואָס איז די לאַנדשאַפט און דער קלימאַקס פון דער אר״י הקודשס שטאָט.

מען זאָגט, אַז צו שקיעת החמה אין צפת
דערזעט מען ווי ס'לויכט אַ יענוועלטיקער חלום.
דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ אויך די יידישע גאַס
פון ווילנע, מיין היימשטאָט, עליה השלום.

דער פּאָעטישער צונויפבונד פון צפת מיט ווילנע ווירקט, אַז גראַ־דעם ליד פון צפת זאָל זיין אינטימער און יידיש־אייגענער.

אין איין מאמר איז מיר נישט מעגלעך אויסצושעפּן דעם רייכן פּאָעטישן מאַטעריאַל פון מרדכי יפהס אַנטאָלאָגיע. דער עיקר איז נאָך וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די געזאַנגען צו ארץ ישראל פון די וואָס האָבן אין לאַנד נישט געלעבט, נאָר געגעבן די הייליקע אידייע פונעם לאַנד, אין פאַרגלייך מיט די לידער פון פּאָעטן, וואָס האָבן אין לאַנד יאָ געלעבט. וועל איך עס טאָן אין אַ צווייטן מאמר.

וועגן מרדכי יפה׳ס אַנטאָלאָגיע

צו געבן דעם תמצית פונעם יידישן ליד, דעם יידישן געזאַנג צו ארץ־ישראל, איז שווער. אין מרדכי יפה׳ס אַנטאָלאָגיע „ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור״ זענען געדרוקט לידער פון איבער נײַנציק פּאָעטן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אייגענע פּנימער, אייגענעם אויסדרוק און פאַרשידענע אופן פון אויפנעמען און איבערלעבן. סע איז דערפאַר שווער צו זאָגן, וואָס סע איז דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער יידישער פּאָעזיע בנוגע ארץ־ישראל.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דאָס ליד פון גרויסער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, צו די טראַדיציאָנעלע ציון וירושלים, איז אין דער יידישער פּאָעזיע נישטאָ. סע איז נישטאָ דער פרומער פּאַטאָס פון אונדזערע תפילות, דאָס פײַן־געשריי פון די פּיוטים און אוודאי נישט דער פייערלעכער רוף פון „ציון הלא תשאלי״. נאָר מיר דאַרפן געדענקען, אַז אויך אין דער העברעישער פּאָעזיע, וואָס וואָלט אָרגאַניש געדאַרפט זײַן מער פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, איז כמעט נישטאָ דאָס ליד פון דער גרויסער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. מיינען מיין איך, פאַרשטייט זיך, די העברעישע פּאָעזיע פון די לעצטע הונדערט יאָר, אַז מיר ווילן זיך דערמאָנען העברעישע לידער פון בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, קומט אונדז אויפן געדאַנק דאָס ברייט־געזונגענע ליד „על אם הדרך שם מתגוללת שושנה הכליל ית עינים״, אָדער „שם במקום ארזים״. אין אַזעלכע געזאַנגס־לידער געפינען מיר בײַ גאָלדפאַדענען, ווי זיין ליד „דאָרט אין ווינקל זיצט די מוטער ציון אַליין״. דאָס זענען אייגנטלעך פאָלקסלידער, אַפילו אַז געשריבן האָט זיי אַ יחיד און וואָס שייך יידישע פאָלקסלידער פון בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל, האָבן מיר זיי אַ סך.

דער דור נאָך דער השכלה, אַפילו אַז ער איז צוריקגעקומען צו יידי־

שער טראַדיציאָנעלקייט, איז ער אויך געווען ווייט פון בענקשאַפט־מאָטיוון בכלל. אין דער יחידישער פּאָעזיע אַפילו, פון יענעם דור, זענען דאָ ווייניק בענקשאַפט־לידער, וואָרעם דער מענטש האָט געהאַלטן, אַז סתם בענקען איז נישט מאָדערן, איז צעקראָכן־סענטימענטאַל. די פּאָעזיע בכלל איז אַוועק אויף אַן אַנדער דרך און אַפילו אין דער ראָמאַנטיק איז נישט געווען דער גרויסער, דערהויבענער פּאַטאָס.

ביאַליק האָט אָנגעהויבן מיט אַ ליד „אל הצפור", — אַ ליד פון בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל. איז דאָס ליד, קודם, אַ יוגנטלעכס, מער האָט ער זיך צו אַזעלכע מאָטיוון נישט צוריקגעקערט. און ווידער, דאָס ליד איז דורכאויס אונטערן איינפלוס פון יהודה הלוי׳ס „ליבי במזרח ואנוכי במערב". ביאַליקס רייפע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע לידער האָבן שוין אַן אַנדער פּאַטאָס, — דער פּאַטאָס פון ציוניסטיש־פּאָליטישן גאַנג אין אונדזער לעבן, נישט דער טראַדיציאָנעלער ציון־מאָטיוו. איך ווייס נישט ווען אליקום צונזער האָט געשריבן זיין „אַ בריוו צו דער מוטער ציון", אָבער מיר מעגן זיך משער זיין, אַז געשריבן האָט ער דאָס ליד איידער ביאַליק האָט געשריבן זיין „אל הצפור" רעדט זיך דאָ נישט פון מאָס טאַלאַנט, פּאָעטישער פאַנטאַזיע פון דיביידע לידער, נאָר פונעם תוכן, וואָס האָט אַ גרויסע שייכות צווישן זיך. שמעון פרוג׳ס „ציון־לידער" זענען פול מיט בענקשאַפט נאָך ציון, אָבער זיי זענען נאַיִוו, פּאָעטיש אומבאַהאָלפן. ער זינגט אויך אין פּאָלקסטימלעכן טאָן, ווי „ליגט עלנט און קראַנק די אַלטע אלמנה פון ציון". און, אַז ער רעדט פונעם כותל מערבי, קומט ביי אים אויס, אַז לעבן דער וואַנט שטייען „אַלטע, הויכע, גרויסע דעמבעס"...

מאָריס ראָזענפעלד, דער שטורמישער פּאָעט, דערזינגט זיך שוין צו אַזעלכע שורות:

> דאָרטן נאָך ציון די הייליקע שטאָט,
> וווּ איך האָב רויִק געוווינט מיט מיין גאָט...

נאָר דאָס אמת־גרויסע בענקשאַפט־ליד איז נישטאָ. דאָס בענקשאַפט נאָך ציון איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער אמונה אונדזערער, און די יאָרן, וואָס יידישע פּאָעטן האָבן געשריבן ציון לידער, האָט שוין די אמונה אין זיי נישט געברענט מיטן אייגענעם פייער ווי ביי ר׳ יהודה הלוי. נאָך עפּעס: זיי זינגען־אויס זייער בענקשאַפט כלומרשט יחידיש, אָבער דאָס

קול זייערס איז נישט קיין אייגנס, נאָר אַ געבאָרגטס. איז דער חסרון נישט אין דעם, וואָס די פּאָעטן דריקן אויס די טראַדיציאָנעלע פאָלקס־בענקשאַפט נאָך ציון, נאָר וואָס זיי קענען נישט די בענקשאַפט פּאַראיי־גענען, אַז זיי זאָלן ווערן אַ פּאָעטיש־יחידישע, נישט דאָס קאָלעקטיווע, נאָכגעזונגענע קול פונעם פאָלק.

יהואש קומט שוין צו נענטער צו ארץ־ישראל דער ממשותדיקער און אין איין ליד זאָגט ער, אַז ער האָט געזוכט צו באַפרייען „און אַלץ ענגער זיך פאַרקלאַמערט". אָבער די ממשותדיקע ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ ביי אים אַ ראָמאַנטיש־טראַכטערישע. ער זאָגט:

וועל איך אויף די פעלדער ליגן
און וועל בעטן ערד און שטערן:
לאָזט מיר אייער אמת הערן,
מיינער איז געווען אַ ליגן...

ביאַליק, דער העברעישער פּאָעט, האָט זיינע ציון־בענקשאַפט לידער גראָד אויסגעזונגען אין ידיש. דאָס זענען די איבערזעצונגען פון ר' יהודה הלוי'ס לידער, וואָס זענען ביי אים געוואָרן פערזענלעכע שאַפונגען. מיר מעגן די ביאַליק־איבערזעצונגען צורעכענען צו אָריגינעלע שאַפונגען ביאַ־ליקס, דערפאַר וואָס אין דעם איז דאָ דעם פּאָעטס אָטעם, דערפאַר אויך, וואָס ער האָט איבערגעגאָסן דעם פּאָעטישן ווייַן פון דער העברעישער כלי אין דער ייִדישער, איז דער ווייַן אַליין געוואָרן אַן אַנדערער, נישט נאָר די כלי.

אויף ר' יהודה הלוי האָט אויך אָנגעהאָנגען זיין ציון־בענקשאַפט א. לעיעל'עס און אין ציקל פון אַכט לידער, וואָס אָנגעשריבן האָט ער זיי נאָך אין 1913, זאָגט דער פּאָעט:

עס מוז דער מערב־וואָגלער, מזרח־טרוימער,
זען דאָס לאַנד, וואָס איז דער וועלטס אי הארץ, אי שומר.

דערציילן דערציילט לעיעלעס, ווי ר' יהודה הלוי פאָרט קיין ארץ־ישראל, נאָר אין דער פּאָעטישער ענערגיע פונעם ליד איז דאָ גאָר אַ סך דעם דיכטערס פּערזענלעכע איבערלעבונג. לעיעלעס האַלט אָבער, פּאָ־עטיש־טראַכטעריש, אַז דער חלום קען נישט ווערן קיין וואָר, —

זעסטו נישט די האַנט פון תקופות,
ווי זי שרייבט פאַר יעדן דור:

קיינער זאָל נישט וואַגן מאַכן
פון אַ חלום קאַלטע וואָר?

רעדט דאָ דער פּאָעט פון ר׳ יהודה הלוי, אָבער אפילו אַז מיר גלייבן דער לעגענדע, אַז ר׳ יהודה הלוי איז צוגעפאַלן צו די שטיינער פון ארץ־ישראל, זיי געקושט און געזונגען דאָס ליד „ציון הלא תשאלי״, איז ביים פּאָעט פון דער גאָלדענער עפּאָכע בשום אופן נישט געווען קיין „קאַלטע וואָר״. און לעיעלעס אַליין האָט אַרום פערציק יאָר שפּעטער שוין געזונגען:

ביז די ערד, די דולע כלב׳טע, וועט זייז קלאָר, —
קוש איך, פאַלק פון עלטסטן טרוים, דיין נייע וואָר.

די וואָר, הייסט עס, איז גאָרנישט אַזאַ קאַלטע, ווי לעיעלעס האָט פּאָעטיש געטראַכט פריער מיט פערציק יאָר. און אינטערעסאַנט איז, וואָס אין ביידע לידער רעדט זיך פון וואָר, נאָר איצטער זעט שוין לעיעלעס, אַז מע קען שוין יאָ „וואַגן מאַכן״ פון אַ חלום וואָר...

און ווער האָט פונעם חלום געמאַכט נישט „קאַלטע״, נאָר וואַרעמע וואָר? דער פּאָעט שמואל יעקב אימבער איז געווען דער ערשטער יידישער פּאָעט, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל און האָט געזונגען פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה. אין זיינע לידער איז שוין דאָ דער ייד, וואָס פאַרמעסט זיך „צו מאַכן פון אַ חלום וואָר״. פון זיך אַליין וועל איך, פאַרשטייט זיך, נישט רעדן, אַ חוץ וואָס מיינע לידער זענען אויך פּיאָנעריש, — דאָס ערשטע בוך ארץ־ישראל מיינס איז דערשינען אין 1918 און געדרוקט האָב איך זיי אין פאַרשידענע זשורנאַלן זינט 1915.

דער גרויסער לידער־שטראָם אין יידיש האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. אמת, פריער זענען שוין געווען פּאָעטן, וואָס האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל און האָבן געשריבן א״י־לידער דווקא אויף יידיש. אַזעלכע זענען אברהם לעוו, י. צ. שאַרגעל, י. פּאַפּיערניקאָוו, אריה שמרי און אַנדערע. אָבער דער עיקר האָב איך דאָ אינזינען די יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע. ה. לייוויק איז געווען אין ארץ־ישראל פאַר דער מדינה, אָבער די לידער זיינע פון ארץ־ישראל זענען ווייניק. פון ישראל איז ביי אים דאָ, דאַכט זיך, אַ גאַנצער באַנד לידער.

איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן דער פּאָעזיע פון יידישע פּאָעטן,

וואָס זינגען וועגן דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, — מדינת ישראל, — און די פּאָעטן, וואָס זענען געווען אין לאַנד, אָדער לעבן דאָרטן און ברענגען אין זייערע לידער דעם אַראָמאַט פון לאַנד און אפילו דיווירקלעכקייט. די פּאָעטן, וואָס זענען אין ארץ־ישראל נישט געווען, זינגען מיט מער התלהבות פון דעם מדינה־אויפקום, ווי די, וואָס לעבן אין דער מדינה. סע איז פּסיכאָלאָגיש־קינסטלעריש פאַר־שטענדלעך, וואָרעם די גלות־פּאָעטן דאַרפן די ווירקלעכקייט פאַרזינגען, בעת די אין לאַנד שאַפן זי. נאָך עפּעס: די פּאָעטן פונוויטנס בינדן צונויף די מדינה מיט זייערע גלות־איבערלעבונגען און, דער עיקר, זיי לעבן איבער פּאָעטיש־טיף דעם טראַגיזם פון יידישן אומקום, וואָס איז אַריינגעוועבט אין יידישן אויפקום.

אַ פול בילד פון דער ישראל־פּאָעזיע אויף דער אַנדערער זייט פון לאַנד שאַפט זיך פון יעקב גלאַטשטיינס לידער. גלאַטשטיין, וואָס איז נישט דער פּאָעט פון התלהבות, דערוואַקסט צו אַ גרויסן זינגער פון גאולה. ווי אַ סך פון גלאַטשטיינס לידער, זענען זיינע ישראל־לידער פול מיט אומגעריכטע זאַגערייען, מיט פּאָעטישע אימאַזשן, וואָס גיבן דיך אַ צערודער, —

ארץ־ישראל, ביסט אַ מקוים געוואָרן חומשל
פון אַ קליין חדר־ייִנגל,
וואָס אויף זיין קאָפּ
איז אַלץ מקוים־געוואָרן.
זינגט, יידישע טעכטער, אין די וויינגערטנער,
אַלץ איז מקוים־געוואָרן.

נאָר גלאַטשטיינס לידער האָבן אויך אַ סך טראַגיזם, — דער טראַ־גיזם פון חורבן. אין דער סעריע „געזאַנגען" זאָגט ער:

נישט קיין טרוקענע ביינער,
נאָר צעבראָכענע שערבלעך,
עפן־אויף די טויערן
און מאַך אונדז אומשטערבלעך.

דער פּאָעט האָט אַלעמאָל אין זיין קינסטלערישן באַוווסטזיין די „צע־בראָכענע שערבלעך". ער טראָגט אזיך אין זיין ליד דעם טרויער פון יידישן לשון אין דער יידישער מדינה און ער זאָגט:

רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא,
אברהם און שרה קומען מיר אַנטקעגן
פון דער מערת המכפלה.

מלך ראַוויטש איז פון די פּאָעטן, וואָס האָבן געלעבט אין ישראל און אויף אַ קינסטלערישן אופן באַשרייבט ער תל־אביב אין אַ „נאַכט פון תחנון און בטחון". דאָ מישט זיך צונויף פאַנטאַזיע מיט באַשרייבערישקייט, וויזיע מיט שרעק פון ווירקלעכקייט. דאָס ליד איז פון גרויסן פאַרנעם און לאָזט־איבער אַ טיפן איינדרוק אויפן לייענער מיט געמיט.

גאָר אַנדערש זענען די פּאָעטן, וואָס לעבן אין לאַנד, זענען פון די בויער און שאַפער. נעם איך דעם פּאָעט אברהם לעוו, געפין איך ביי אים אַזאַ צוגעבונדנקייט צום לאַנד, אַז די שורות זיינע זינגען אַליין לאַנדיש. מיט פּאָעטישן באַוווסטזיין זאָגט אברהם לעוו:

פון דיינע שוואַרצע טבת׳דיקע נעכט, מיין לאַנד,
אָ, לאָמיך זיין אין יידיש דער באַזינגער...

און ער איז „דער באַזינגער" נישט נאָר פון די טבת׳דיקע נעכט, נאָר פון בוי און אַרבעט, פון „לייבל חלוץ" און פונעם יידן, וואָס גייט אַרויס צו זיין פעלד נאָך איידער סע טאָגט.

אברהם סוצקעווער איז אַ צוגעקומענער אין לאַנד, אָבער מיט זיין פּאָעטישן חוש האָט ער אויפגעכאַפּט מאָטיוון, בילדער און געדאַנקען, וואָס דרינגען אַריין גאָר טיף אין ארץ־ישראל. היסטאָריש וועט בלייבן זיין פּאָעמע „סיני", וואָס געשריבן האָט ער זי בעת דער סיני־אַקציע. ער איז געוועזן דער, וואָס —

מיט יונגן צהל קלעטער איך צוזאַמען.
קאַראַלענע די בערד. אין שטויב דער לאָגל.
— אַז דו וועסט אומעטום אַ שעה זיך זאַמען,
געדויערן וועט פערציק יאָר דער וואָגל.

אריה שמרי, דער קיבוצניק פון איבער דרייסיק יאָר, זינגט אינטים פון דער ערד:

צו דיין וואַרעמען לייב, מיין ליימיקע ערד,
וועט קומען מיט דאַנק דיין ליבלינג און זויגלינג.
נעם מיך צו, זאָל זיין ווי באַשערט
זאָל אַרויסזונען גראָז פון מיינע אויגן.

אפרים אויערבאַך

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג,
ייִנגליש־כוואַליק נאָך זילבערט דער ברונעם:
נאָך קלינגען לאַפּאַטעס אויף דנאָען: געפּונען —
אַ בשורה פון קוואַלן אויף גרינס און אויף היים.

נאָר אינעם יונגן דאָרף „מערן זיך קברים", זינגט ווייטער דער פּאָעט:

זעט אויס, אַז די פרייד קען נישט אַליין זיין,
לאָמיר אויך נישט לאָזן דעם טרויער אַליין.
חברים, שוויגט אַריין אַ געזאַנג אין מויל פונעם קבר,
און לאָמיר זיך געבן די הענט פאַרן צעגיין.

ג

מ ר ד כ י אַ ל ע י

אַ בוך רעליגיעזע לידער

חדשים צוריק האָב איך געשריבן איבער אַ נאָוועלע פון אליעזר אַלעי, וואָס הייסט „די גאַרבער־גאַס". דערמאָנט האָב איך זיך, אַז יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך געלייענט לידער פון אַ פּאָעט מרדכי אַלעי און געפרעגט האָב איך אין מיין אַרטיקל ערשטנס, צי אליעזר אַלעי האָט עפּעס אַ שייכות צו מרדכין, און צווייטנס, ווו מרדכי אַלעי איז אַהינגעקומען. אין תל־אביב, איצטער, איז איינעם אַ טאָג אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב אַ ייד און האָט זיך פאָרגעשטעלט: אליעזר אַלעי. דער גאַנצער שמועס איז דאָ נישט וויכטיק, נאָר, אַז דער שרייבער אליעזר אַלעי וווינט איצטער אין פּתח תקוה, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט שווערער האַרעוואַניע און דערציילט האָט ער מיר, אַז מרדכי איז זיין עלטערער ברודער אָדן לעבן לעבט ער איצטער אין בני ברק.

דערמיט אָבער האָט זיך נאָך נישט געענדיקט די מערקווירדיקע געשיכטע פונעם פּאָעט מרדכי אַלעי. אין פּוילן איז ער געווען אַ פירנדי־קער קאָמוניסט. ער איז געזעסן אין די פּוילישע טורמעס און זיך געענוג אַנגעליטן ביז ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין רוסלאַנד, ווו ער האָט געמיינט, אַז אים דערוואַרט כאָטש אַביסל רו, וואָס אים קומט פאַר די יסורים, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. אָבער אין רוסלאַנד האָט מען אים אויך אַריינגעזעצט אין תפיסה און דערנאָך פאַרשיקט קיין סיביר. פאַר־וואָס? דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דער גורל פון יעדן פּוילישן קאָ־מוניסט, וואָס האָט זיך געוואָלט „ראַטעווען" קיין רוסלאַנד.

דערווייל איז ביי אים אומגעקומען די פרוי און געבליבן איז ער אַן עלנטער מענטש, אַ פאַרשיקטער, ביזן פּוילישן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, וואָס האָט באַפרייט די אַרעסטירטע, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אינעם לעגיאָן קעגן די היטלער־חיילות. אין סיביר איז מרדכי אַלעי דערווייל דורכגעגאַנגען אַ גייסטיקן קריזיס: פון קאָמוניסטישער אפּיקורסות איז

ער דערגאַנגען צו טיף־יידישער פרומקייט און צוריקגעקומען איז ער קיין פוילן מיט אַ גרויסער באָרד, שוין היבש גרוילעך, און אין לאַנגע מלבושים. דער עיקר אָבער: מיט אַ תשוקה צו לערנען תורה, תפילה־צו־טאָן און צובינדן די אמונהדיקע נשמה זיינע צו אַ רבין.

אַז געקומען איז מרדכי אֶלעי קיין ישראל, האָט ער זיך באַזעצט אין בני־ברק, אין שכנות צום אַלעקסאַנדער רבין, און האָט זיך אַוועקגע־זעצט על התורה ועל העבודה. ער איז חס על ביטול תורה, ער רייסט זיך נאָר אָפּ פון לערנען צו שרייבן די פרומע לידער זיינע און טאָקע נאָר אין עברית. לערנען האָט ער געקענט פון די יונגע יאָרן און, פאַר־שטייט זיך, אַז לשון קודש האָט ער אויך גוט געקענט. דערפאַר איז אים נישט אָנגעקומען צו שווער אַריינצולעבן זיך אין דעם נייעם שפּראַך־אינסטרומענט פאַר זיינע שאַפונגען.

דאָס בוך, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, הייסט „דורות" און איז אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג „נצח" אין בני ברק. דער נוסח פון דער ווידמונג איז „למשורר הנכבד, מר אפרים אויערבאַך, בידידות. נעם איך אָן די פריינדשאַפט מיטן פולן האַרצן און הייב־אָן צו מישן דאָס שיין־אַרויסגעגעבענע בוך, וואָס פאַרנעמט 295 עמודים און די צאָל לידער אין דעם דערגייט ביז אַרום 190. — כ'האָב זיי פּינקטלעך נישט געציילט מיט אַ כיוון וואָרעם עפּעס איז עס נישט אין גייסט פון אַזאַ פרומען משורר צו ציילן די שירים זיינע. דער עיקר דאַרף דאָ זיין די איכות, נישט די כמות, — איז לאָמיר זען.

אין אַ שיר זאָגט מרדכי אֶלעי: די קינדער ליגן רויִק אין זייערע וויגן, דערפאַר וואָס די מאַמע גייט אַרום אין שטוב, כאָטש אויף די ווענט לויערן כלערליי סכנות. אַזוי איז פאַר אים, דעם פּאָעט, די ריינע אמונה, — אין די ראַנגלענישן פון זיין לעבן איז זי פאַר אים אַ באַשיצונג און אַ ליכט. האָבן מיר, הייסט עס, אַ שטיקל פּאָעטישן ווידוי, וואָס עפנט אַ שפּאַרונקעלע צו זיינע איבערלעבונגען. נאָר מיר טראַכטן: איז די ריינע אמונה נאָר צו זיין אַ באַשיצונג און אַ שיין פאַרן מענטשן? און וואָס איז מכוח אַזאַ דערהויבענער אמונה, וואָס איז אַן איינשטעלעניש פאַרן מענטש? זוכן מיר אין אַנדערע שירים זיינע דעם באַשייד פאַר דער סאַמע ריינסטער ידישער אמונה, וואָס איז נישט אָנגעהאָנגען אין דעם

מענטשס באַקוועמלעכקייטן. געפינען מיר אַן אַנדערן שיר, וואָס איז אַ טיפערע פּאָעטישע ווידוי:

דער יצר־הרע שטאַרקט זיך איבער מיר,
פֿאַרפֿירט מיך, צעמישט מיר דעם געדאַנק,
ער רעדט מיך איבער, זאָגט מיר, אַז איך פֿיר
פֿון מקום־קדוש צו אים מיין גאַנג.
נאָר דער באַשאַפֿער איז העכער אַ סך,
ער איז העכער פֿון יעדער יצירֿ,
די טריט מיינע היט ער, באַוואַכט מיין שליאַך
און גיט מיר אַ שיין ביי דער פֿינצטערער טיר.
אויף וועגן מיינע, — פֿאַרקרימט און פֿאַרדרייט, —
נעמט ער אַרונטער פֿון מיר מיינע שטריק
און גיט מיר געפֿילן פֿון דערהויבענער פֿרייד,
צום הויז פֿון זיין הייליקייט פֿירט ער מיך צוריק.

אין כאָטש אינעם דאָזיקן ליד, וואָס מסתמא איז דער תרגום מיינער נישט קיין גוואַלדיק גרעסטענער, אָבער זייער נאָענט צום אָריגינאַל, — איז שוין דאָ אַ מער פֿאַרטיפֿט־רעליגיעזע איבערלעבונג, פֿעלט אונדז נאָך אַלץ דער התרוממות פֿונעם הויך־גלייביקן יידן. מיר זעגען זיך אָבער פֿאַרט משער, אַז דאָס געראַנגל אינעם פּאָעט מרדכי אַלעי איז אים אָנגעקומען זייער שווער; און ביז היינט נאָך דאַרף ער זיך ראַנגלען, ווי ער זאָגט אין אַן אַנדער שיר: דאָס געראַנגל פֿאַרן קיום און דאָס געראַנגל קעגן יצר־הרע, — זיי לייגן זיך שווער אויף מיין אָרעמען האַרץ... ער רופֿט אַפֿילו טאָג־ווי־נאַכט צום באַשעפֿער, אַז ער זאָל אים קומען צו־הילף.

מיר פֿרעגן זיך אָבער: זענען די דאָזיקע שירים די אמתע שירה? זענען זיי די ריינע, די דערהויבענע פּאָעזיע, וואָס מיר ווילן זיך אויסמאָלן, אַז אַזאַ פּאָעט זאָל שרייבן? אַז מיר זאָלן אָנווענדן די מאָס פֿון דער רעליגיעזער שירה ביי יידן, ווי, למשל, שלמה אבן גבירולס „שיר היחוד", אָדער אַפֿילו דער הנני ממעש, פֿאָלט דאָס צינגל פֿון דער פּאָעטישער וואָגשאָל נישט אויף דער זייט פֿון מרדכי אַלעיס שירים. מיר טאָרן אָבער נישט נעמען אַזאַ הויכע מאָס, וואָרעם מיר ווייסן וויפֿיל לייטערונג דער נעמלעכער פּאָעט האָט געדאַרפֿט דורכגיין, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער ריינער אמונה זיינער.

דער פּאָעט אַליין בעט אין אַ שיר: שטאַרק מיך, קרעפֿטיק מיך אין

דער גאַנצקייט פון אמונה. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז בכלל אַ פּאָעט רייסט זיך אויך צו אמונה, און אפשר איז פּאָרט דער גאַנג אַן אַנדערער, וואָרעם מרדכי אָלעי זוכט אַ ממשותדיקן אָנשפּאַר — אין גאָט, — בעת סתם אַ פּאָעט זוכט די אמונה אומעטום און טרייסט זיך מיט איר.

אין איינעם אַ שיר רעדט ער פון דעם עבר זיינעם און ער זאָגט: דער נעכטן פון דער יוגנט מיינער, וואָס אין אים האָב איך געבלאָנ־דזשעט, וואָרפט־אָן אַ פּחד אויף מיר. אָט־די צוויי שורות זענען פון די גאָר ווייניקע אינעם בוך, וואָס גיבן אַן אָנווונק אויף דעם קאָמוניזם זיינעם. איינס פון די אָפּנסטע ווידוי־שירים איז דער שיר: „דער נסיון״. ער דערציילט, ווי „געגומען האָט מען מיך ביינאַכט און געבראַכט אין אַ זאַל פול ליכט״, און האָט מען אים געוואָלט איינרעדן, אַז ער זאָל שפּיאָנירן אויף אַנדערע און איבערגעבן דער עך־קאַ־ווע־דע זייערע זינד קעגן דער מלוכה. קיינער וועט ניט וויסן, קיינער וועט זיך נישט אָנ־שטויסן. ער האָט מסכים געווען אויפן פּאַרראַט, נאָר אַז ער איז אַרויס־געגאַנגען אין דרויסן, האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן דער געדאַנק: קיינער וועט נישט וויסן? און „דער וואָס איז אויבן, וועט אויך נישט וויסן?״ אין יענער נאַכט, דערציילט ער, האָט ער גענומען דעם וואַנ־דערשטעקן, „און מיט אַ תפילה צום אייבערשטן, און אַ פריידיקן האַרץ״, איז ער אַנטלאָפן, כדי צו „קומען אַ ייד צו יידן״...

וואָס־זשע אָבער זעען מיר אינעם דאָזיקן שיר? אַז וואָס ביי אַן אַנדערן איז געוויסן, איז ביי אים — גאָט. הונדערטער, אפשר טויזנטער, זענען געשטאַנען פאַרן דאָזיקן נסיון און האָבן אויסגעהאַלטן. נישט דער־פאַר, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט, אַז גאָט אין הימל וועט וויסן פון זייער פּאַרראַט, נאָר פאַר זייער אָפּגענוצטן באַגריף — געוויסן. אָבער דאָס ליד מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און גיט אונדז אַ שליסל צום יידיש־פּאָ־עטישן גאַנג זיינעם.

מרדכי אָלעי איז אָן ספק אַ פּאָעט, וואָס וועט אונדז נאָך אפשר איבערראַשן מיט גרויס־רעליגיעזע לידער. אינעם איצטיקן בוך איז שוין דאָ דער אָנווונק, כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז די בעסטע שירים אינעם בוך זענען די פשוטע נאַטור־לידער.

מאַי, 1968

חיים גראַדעס פּאָעמעס

חיים גראַדעס פּאָעמעס זענען אָנגעגליטע פאַנטאַזיע. ער איז בכלל דער פּאָעט פונעם העכערן טאָן, דער פּאָעט פון אויסרעדן זיך, אויסטענהן. דער מעטאָד פון זיין ליריזם, לכל הפחות אין זיין נייעם בוך, איז דאָס פולקייט פון אַרויסרייד. אין דער פּאָעמע איז דער טאָן נאָך אַ העכערער, — צי ער גיט־איבער זיינע נאַטור־איבערלעבונגען, צי ער באַזינגט דעם חזון־איש, צי ער דערציילט פון זיין וויזיע אין „די טויב אויפן לייטער". אין זיין לירישן אויסטענהן זיך איז דאָ אַ מין פּאָעטישע יום־טובדיקייט, אַפילו אַז ער רעדט פון אייגענער לעבנס־גראָקייט, פון דער קוזניע, וואָס הינטער איר איז געוועזן זיין היים. ער האָט דעם פּאָעטישן כח צו דערהייבן גראָע וואָכעדיקייט צו יום־טוב.

קודם, גראַדעס נאַטור־פּאָעמעס. דער פּאָעט איז אין זיי אַ באַוווּנדערער, ער לעבט־איבער דעם ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַל, אָבער די איבער־לעבונג איז נישט קיין אינטימע, נישט קיין אינערלעך־ציטערדיקע. די פאַנטאַזיע איז אַן אָנגעצונדענע, אָבער נישט קיין וואַרעמע. ער זעט פאַנטאַסטישע בילדער, —

און אָפּטמאָל זע איך דיך — פרוי, אַ שטיינערנער גיגאַנט,
אַז אויפגעטורעמטע און אויסגעפורעמטע פון פעלדזן־בלאָקן,
מיט קני, מיט בריסט און פּנים צוגעמויערט צו דער אָפּגרונטיקער וואַנט,
און אויך דיין פּנים איז פאַרשטעלט מיט דיינע כוואַליעדיקע לאָקן.

נאָר איר בלייבט קאַלט פונעם גראַנדיעזן בילד, וואָס דער פּאָעט מאָלט. באַוווּנדערונג איז אַ הויכע פּאָעטישע מדרגה, נאָר דאָס וואָרט אין באַוווּנדערונג דאַרף ציטערן. חיים גראַדע פיבערט, דאַכט זיך אייך, מיט אַ פרעמדן פיבער. ער ווערט פאַרכאַפּט פונעם בילדלעכקייט, די אייגענע פאַנטאַזיע האַלט אים געפאַנגען, ער איז איבערגעלאָדן מיטן פלי.

אין דער פּאָעמע „דער חלום פון שטיין" זענען דאָ וווּנדערלעכע שורות, ווי —

איר בערג פון גרענד־קעניאָן, איר בערג פון די תהומען,
פאַרקריצט איז אַ חלום אין אייערע קאַרבן, —

אָבער אינעם פליייץ פון בילדער רינט־אויס דער חלום. דער פּאָעט זאָגט אויף זיך, אינעם ליד „די שיינקייט וואָס איך האָב אין לעבן פאַר־טראַכט", אַז ער איז געבענטשט און פאַרשאָלטן ליב צו האָבן די שיינ־קייט און מיינט אַפילו, אַז —

ווי שיין קאָלאָראַדאָ אַליין זאָל נישט זיין,
זי שפּיגלט נאָך שענער זיך אָפּ אין מיין טיף, —

אָבער אָפּשפּיגל איז דרויסנדיק, דער אָביעקט פונעם אָפּשפּיגל בלייבט אַלץ די שיינקייט אַליין.

אינעם זעקס־סטראָפיקן ליד „דער קעמל", וואָס איז דורכויס פּאָ־עטישע וויזיע דערגייט דער פּאָעט צו גאָר הויכן סימבאָליזם. איך האָב בכיוון אַנגעגעבן די צאָל סטראָפעס פונעם ליד, וואָרעם געוואָלט האָב איך אונטערשטרייכן, אַז אינעם קאָנדענסירטן בילדערישן ליד, וואָס צעטרענצלט נישט די פּאָעטישע נאַטור־איבערלעבונג אויף הויפנס ביל־דער, איז גראַדע הויך־פּאָעטיש. דאָ ענדיקט ער מיט אַזעלכע סימבאָליש־בילדלעכע שורות:

די זון פאַרגייט, און אין דעם גאָרטן פון די געטער
פאַרטונקלען די געשטאַלטן פון דעם רויטן שטיין.
די רייטער אָבער רייטן ביז דער שעה דער שפּעטער,
כאָטש אַלע ווייסן זיי דער קעמל קען נישט גיין.

די פאַנטאַזיע פונעם קעמל, וואָס איז אַ מין מיראַזש ביים „פעלדז פון רויטן שטיין", וואָס אַליין שטייט ער און אַלע רייטן נאָך אים נאָך, רופט אַרויס ביי אייך די טראַגישע איבערלעבונג פון נאָכגיין נאָך עפּעס, וואָס איז פאַרפרוירן, פאַרגליווערט. איר מוזט זיך אָפּשטעלן ביים דאָזיקן ליד, אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך פאַרטיפן אין אייגענע גע־דאַנקען.

דאָס ליד „די הייל", וואָס איז „אַ וועלט, אַ פאַרהוילענע וועלט פון פאַרגלעזערטע ווינטן", ענדיקט גראַדע מיט די ווייטערדיקע צוויי שורות:

איך הער נאָך ביז איצט ווי די אייז־קאַלטע הייל־טראָפּנס קלינגען,
און אָנגעשטימט ווערט מיין געמיט צו אַ טרויעריק זינגען, —

איר בלייבט עפּעס ווי אַרונטערגעפאַלן. פריער זאָגט ער, אַז „איך האָב פאַרגליכן די הייל צו מיין שטענדיקן וועבן חלומות, וואָס זענען אַ קרענקלעכער אָפּשיין פון לעבן" און פונעם גראַנדיעז־טראַגישן בילד לאָזט זיך אויס נישט מער ווי אָנגעשטימטקייט צו טרויעריק זינגען. אַ קליינער אויסלאָז פון אַ טראַגישן, פּאָעטיש־גרויסן פאַרשפּיל.

אינעם ליד „די פרוי פון רויטן שטיין" אַנטפּלעקט זיך דער פּאָעט, אַז ער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז „דער שטיין־העקער פון שטורעמדיקע בילדער". די בילדער אין די נאַטור־לידער זענען שטורעמדיקע, דאָס געמיט איז אַ שטורעמדיקס, און אפשר איז עס מיין שולד, וואָס איך קען נישט נאָכשטורעמען, אָדער אַריינשטורעמען אין זיך, די בילדער גראַדעס.

פאַרכאַפּט האָט מיך דאָס ליד „די אינדזלען אויפן שטילן אָקעאַן". דער פּאָעט האָט דאָ אינטים צונויפגעבונדן זיך מיט די זיבן אינדזלען, איר לעבט מיט אים איבער —

אויפן ערשטן אינדזל רוען מיינע מידע טעג,
און זיי ווערן וואָלקנס פאַר דעם ווייטערדיקן וועג.

און צום סוף, אַז ער קומט צום זיבעטן אינדזל, זאָגט ער:

אויפן זיבעטן און לעצטן אינדזל שטייט אַ הויז,
וואָס איך האָב אַמאָל געבויט אין דמיון מיינעם בלויז.
איך האָב עס געבויט אין צפון, אין אַ שטאָט פול מיט שניי,
און געפונען עס אין מערב, צווישן ימען צוויי, —

האָט איר די פולע צונויפגעבונדנקייט דעם פּאָעטס מיט די בילדער, וואָס ער זעט.

אין דער העברעישער פּאָעזיע האָבן ז. שניאור און יעקב כהן באַזונגען די בערג אין דער שווייץ, — מיט באַוווּנדער, מיט גראַנדיעזע בילדער, — אָבער עס איז פאַרט געבליבן פּאָעטישע אַקראָבאַטיק. ביאַליק, וואָס האָט אויך אַ צייט געלעבט אין דער שווייץ, האָט געהאַט דעם געזונטן פּאָעטישן חוש נישט צו קלעטערן, — אין פערזן, — אויף די בערג. ער האָט נאָר געשריבן פון דער שטילער סאַזשעלקע, וואָס אין איר שפּיגלט זיך אָפּ „אַ וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ"...

די לעצטע טייל פונעם בוך איז די רייכסטע, סיי אין דער איבער־לעבונג און סיי אין דער פּאָעטישער רייפקייט. די טייל, וואָס דער פּאָעט רופט „פּאָעמעס״, איז אין אמתן ריינע ליריק, וואָס פון איר זינגט אַרויס די שעפערישע פּערזענלעכקייט גראַדעס. גראַדע באַזינגט דעם חזון איש, וואָס איז זיבן יאָר געווען זיין רבי און אין דעם געזאַנג איז דאָ דער פערזענלעכער צער פון דעם פּאָעט, וואָס איז אויך אין בריייטערן זין, דער צער פון אַ דור. אין די צוויי עלעגיעס אויף דער פּטירה פונעם גרויסן רבין וואַקסט אַרויס די פערזענלעכקייט פונעם חזון־איש, אָבער אין זיי וואַקסט אויך אויס דעם פּאָעטס גאַנג אין דער וועלט. דער חזון־איש, וואָס —

זייַן נאַקעט בעטל — אַ מזבח, אַן עקידה,
ווו ער איז מיט אַ גמרא אויפן האַרץ געשלאָפן, —

האָט צו זיך גערופן חיימס מאַמע און איר געזאָגט, אַז

דער וואַלד האָט אים פאַרכישופט און פאַרפירט פון דער גמרא,
די וועלט איז אים אַ שטרויכלונג, און די ביכער — אַ נסיון...

אָבער מיטן גאַנצן „נסיון״, זאָגט דער פּאָעט פון זיך:

כאָטש איך האָב נישט דער תורה אָפּגעגעבן מיינע כוחות,
האָב איך פאַרריכט מיט גינגאָלד איר צעריסענעם פּרוכת...

פון די צוויי חזון־איש עלעגיעס ווילט זיך ציטירן נאָך אַ סך שורות און סטראָפעס, וואָרעם אין זיי טענהט זיך דער פּאָעט אויס מיט הויכן ליריזם, ער אַנטפּלעקט זיך אינעם געזאַנג־דורכשמועס מיטן רבין זיינעם און סענטענצן זענען דאָ, וואָס שניידן זיך איין אינעם לייע־נערס געמיט מיט זייער שאַרפקייט, —

ווי איך האָב יינגלווייז געבראַכט אין שטוב אַ טויב אין בוזים,
בין איך אַרויס אין לעבן מיט באַפליגלטע חרוזים.
איך האָב געמיינט, אַז דיכטער גליען ווי פרימאָרגן־פאַרבן,
איצט ווייס איך: דיכטער זינגען, ווייל זיי שרעקן זיך פאַר שטאַרבן.

דער עלעגישער טאָן אין דער פּאָעמע „איך ווײַן אויף אייך מיט אַלע אותיות פון אלף בית״ דערגרייכט די הויכע מדרגה פון דער קלאַ־סישער עלעגיע. דאָס קלאָגליד פון אַ יידישן דור איז די עלעגיע. מיט בלוט און געוויין איז יעדער שורה דורכגעווייקט, — די קלאָג אויף די

אומגעבראַכטע סאָוויעטישע שרייבער. נאָר גישט נאָר אויפן אומקום זייערע, נאָר אויך אויף זייער לעבן פון אנוסים. וואָרעם, —

איך האָב געזען ווי איר האָט שטום געשווידערט און געשטוינט,
פּאָעטן יידישע פון מאָסקווע און פון קיעוו,
ווען די געראַטעוועטע, וואָס דער גורל האָט געשוינט,
אייך האָבן אָנגעזאָגט די בייזע אומגליקן פון איוב.

אין דער פּאָעמע קומען אַריין שאַרפע צייכענונגען פון די יידישע שרייבער, וואָס מיט זיי האָט זיך גראַדע באַגעגנט, בעת זיין אומוואַנ־דער איבער רוסלאַנד אין די מלחמה־יאָרן. אַ שורה־צווייַ גיבן אונדז דאָס בילד, אַפילו די טיף־אינערלעכע איבער־לעבונג פון אַ שרייבער. מיר ווערן דורכגעדרונגען מיטן פולן טראַגיזם זייערן, — „די קרבנות פון מיין יידיש־לשון".

פון אַן אַנדער מין איז די פּאָעמע „דער מגיד". דאָ קומט גראַדע צוריק צו דער לעבנס-שטייגערישער פּאָעזיע, וואָס אין איר האָט ער אין די גאָר־ ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן אַנטפּלעקט די אייגענע פאַר־וואָרצלטקייט זיינע אין יידיש־תורהדיקן לעבן. די פּאָעמע איז דורכויס אַ דערציילערישע, אָבער איר שפּירט אַ טיפערן, לירישַ־פּערזענלעכן מיין אין איר. דער פּאָעט, דאַכט זיך אייך, האָט זיך אָנגעטאָן די מאַסקע פון מגיד, אָבער דער טראַגיזם איז אַ פּערזענלעכער. פאַרוואָס איך טראַכט אַזוי, ווייס איך נישט, נאָר די פּאָעמע „דער מגיד" האָב איך איבערגעלעבט, ווי אַ יחידישן, לירישן אויסגוס פונעם פּאָעט.

די פּאָעמע „די קראַנקע פון דאַוואָס" הייבט גראַדע אָן מיט די אויפטרייסלענדיקע שורות:

דאָס אַש פון מיין היים האָט מיין פּנים פאַרשאָטן
איז זוך איך אַרום אויף די וועגן פון שווייץ
אַן אָפּגרונט, דאַרט איבערצולאָזן מיין שאָטן...

דער פּאָעט האָט דעם שאָטן זיינעם אין דער שווייץ נישט איבער־געלאָזט ער האָט גאָר געפונען אַן אַנדער שאָטן, — דעם שאָטן פון זיין יוגנט, וואָס איז די קראַנקע פעליע. די פּאָעמע איז מייסטעריש גע־שריבן, זי איז טיף־מענטשלעך, זי איז בילדעריש רייך און די נאַטור־בילדער פון די שנייבערג אין דער שווייץ זענען דאָ צונויפגעוואַקסן מיטן פּאָעטס טראַגישער איבערלעבונג. פעליע איז די קראַנקע פון דאַוואָס, זי איז געקומען פון דער געטאָ אַ שווינדזוכטיקע און דאָ, „הויך

אין די בערג" אין „אַ שלאָס פון קרישטאָל" ליגט זי און וואַרט אויף אים.

נאָר איידער ער באַגעגנט זיך מיט איר, טרעפט ער ביי זיך אין צימער אַ משוגענע, וואָס אין איר פיבער רעדט זי קלוגע רייד און זי, די צעטומלטע, וואָס אין סאַנאַטאָריע, לאָזט אים הערן ווערטער וואָס ציטערן מיט מענטשלעכן צער. „איך בין צו דיין יוגנט געקומען דיך נעמען" — זאָגט דער פּאָעט, נאָר די יוגנט איז אַריינגעברענט מיט אַ נומער פון לאַגער אין איר האַנט. מיטן נומער, זאָגט גראַדע, —

נעמט זי אויסזען ווי אַ פויגל אין סוף־זומער,
ווען סע איז אַוועקגעפלויגן שוין די סטייע.

אין טראַגיזם ווערט ליבשאַפט דערהויבן, און אין גראַדעס פּאָעמע איז דאָ געלייטערטע, געאיידלטע ליבשאַפט, וואָס זייער ווייניק האָבן מיר פון איר אין דער יידישער פּאָעזיע. די פּאָעמע ענדיקט זיך מיט די צוויי שורות:

און איך בין אַוועק מיט אַ האַרץ ווי סע רעגנט
אין האַרבסטיקע טעג אויף אַ נאַקעטער געגנט.

לאַנג בלייבט איר מיטן דאָזיקן אַוועקגאַנג, מיטן נאָכקלאַנג זיינעם, מיט דער שפּירונג, אַז דער פּאָעט איז קיינמאָל נישט אַוועקגעגאַנגען.

„יאָסעמיטי טאָל" איז ווידער אַ פּאָעמע פון באַוווּנדער און, אַז איר שטעלט צונויף די צוויי פּאָעמעס, זעט איר ווי נעענטער דעם פּאָעט איז די נאַטור אין דער שווייץ. און דאָס שוין דערפאַר, וואָס ער וועבט זי אַריין אין יחידישע איבערלעבונגען.

דאָס בוך ענדיקט גראַדע מיט דער וויזיאָנערישער פּאָעמע „די טויב אויפן לייטער". דער לייטער איז ביי אים דער סימבאָל פון זיין גאַנצן גאַנג אין לעבן, — דורך דער טויב, וואָס שטייגט אויף דעם לייטער אַלץ העכער און העכער און ער קען זי נישט דערגרייכן. דער ריינסטער ליריזם איז דאָ אין דער פּאָעמע, כאָטש דער חלום איז אַ פיבערדיקער, איז ער דאָך אַ געלייטערטער.

אין דעם וואַקסן פון דעם לייטער, אינעם נישט דערגרייכן די טויב פון זיין חלום איז אפשר דאָ די ברכה פון חיים גראַדעס פּאָעזיע.

חיים גראַדעס ניי לידער־בוך

חיים גראַדע, אין זיין נייעם לידער־בוך „דער מענטש פון פייער״,
איז פול מיט די ריסן פון דער צייט און דאָך איז ער נישט איר מקונן.
די יחידיש־פּאָעטישע פּערזענלעכקייט זיינע וואַקסט אַריבער דעם כלל.
נאָר גראָד דערפאַר, וואָס די לידער זענען אַזוי יחידיש, וואָס דער כוח
זייערער איז דער אייגענער, פּערזענלעכער טראַגיזם, ווערן די לידער
די קלאָג פון דעם כלל. צי ער איז געווען פּאָעטיש באַוווּסטזיניק צו
קומען צום געדאַנק, אַז דעם כלל, — די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע,
— וועט קיין שום פּאָעט נישט זיין בכוח אַרויסצוווייַנען און, אַז נאָר
דער יחידישער טראַגיזם האָט דעם כוח פּאָעטיש צו ווירקן. צי ווידער,
דאָס יחידישקייט אין אים האָט אים איבערגעוועלטיקט, איז נישט דער
עיקר. וויכטיק איז וואָס דאָס גאַנצע בוך איז פון אַ בולטער פּאָעטישער
פּערזענלעכקייט, נאָכמער זענען עס די לידער, וווּ ער איז דער לירישער
אויסטענהר, פון זיך אַליין. באַוווּסטזיניק זאָג איך „לירישער אויס־
טענהר״, דערפאַר וואָס נאָך מיר קומט־אויס, אַז דער ליריזם זיינער
וואָרצלט אין דער טענה, אין דעם פולן אַרויסרעדן זיך. ער דעקט זיך
אויף דורכן וואָרט, אָבער דאָס וואָרט זיינס איז אַ מאָנערישס. ביי אים
זענען דאָ לידער, וווּ אַן אַנדערער מאָנט ביי אים, אָבער דער אַנדערער
איז גאָר ער אַליין.

איז דאָ ווידער אַ פּאָעטישע סתירה, געוויינטלעך איז דער אַרויס־
טענהר אין ליד, דער פולער אַרויסרעדער פון זיין איבערלעבונג, פול
מיט רייד. אייך דאַכט זיך, אַז די ווערטער פליִצן ווי אַ שטראָם פון
אים. חיים גראַדע איז פול מיט רייד, אָבער איר שפּירט, ווי ער רייסט
ממש דאָס וואָרט אַרויס פון זיך. ביי אים קומען זיך ווערטער צונויף
צעוווּנדיקטע און פּרווון זיך היילן איינע די אַנדערע. אַמאָל זענען זיי
צעקריגט צווישן זיך, ווי איין ווונד וואָלט געקריגט אויף דער אַנדערער.

אין דער פּאָעטישער וועלט פון אַן אַנדערן וואָלט עס געווען אַ דיסאָ־נאַנס, ביי גראַדען איז עס אַ גאַנצקייט — די גאַנצקייט פון דעם צע־ווונדיקטן וואָרט.

נעמען מיר דאָס ערשטע ליד אין בוך, „דער מענטש פון פייער", וואָס דאַרף אַנשטעלן דעם קאַמערטאָן פון גראַדעס לידער־געזאַנג אין דעם בוך. ווער איז „דער מענטש פון פייער"? פון זיך אַליין נעמט אים דער פּאָעט אַרויס און שטעלט אים אַוועק —

א מענטש פון פייער אין פירהויז שטייט באַקעט
און דורך דער טיר דער גלעזערנער ער קוקט אויף מיר.
מיין האַרץ, דער זייגער דער גזלנישער, טיק־טאַקעט:
אַ, ווער איז דער, וואָס שטייט אויף יענער זייט טיר?

דאָס צעטיילן זיך אויף צוויי איז נישט קיין נייער פּאָעטישער אופן פון אויסדריקן אַ שטימונג. אָבער ביי גראַדען איז דער פּאָעטישער דואַליזם מער ווי אַן אינערלעכער דיאַלאָג, — ער איז אַ מין משפט איבער זיך, דער מענטש פון פייערן —

...איז באַקעט פון געפענגעניש אַנטלאָפן
דערמאָרדן מיך, ווייל איך פאַרשווייג דעם מאָרד אויף אים.

און, אַז דער מענטש פון פייער ווערט, אויפן אַנגעשריי פון דעם פּאָעט, אַ שוואַרצער שטיין, איז שטייט ער אין פירהויז פון זיין שטוב, —

און בלויז מיין נאָמען דאַרף מען אויפן שטיין דערקריצן,
אַז ער זאָל ווערן די מצבה אויף מיין גרוב.

וואָס איז דער משפט, וואָס דער פּאָעט האָט אויף זיך אַרויסגע־טראָגן? אין דעם רוב פון די לידער איז דאָ דער משפט. ס'איז דער אייביקער ריס אין אים. דער משפט איז — צו לעבן מיט די שאָטנס פון די אומגעקומענע און זיי שפּירן ווי לעבעדיקע. דער משפט איז —

זייט וויסן, מיינע געסט, איך לעב דאָ אַ פאַרשטעלטער,
איך האָב געמיינט, איך בין אַנטלאָפן פונעם טויט,
אַנטלאָפן איז אַ גוף, וואָס ברעכט זיך און ווערט עלטער,
און אַ געשאָנקען העמד איז מיר מיין לייב, מיין הויט.

ס'איז נישט שייך זיך אַריינצולעבן אין חיים גראַדעס לידער. נישט איר לעבט זיך אַריין אין זיי, נאָר ער לעבט זיך אַריין אין אייך. אַמאָל, אַז ס'קומט מיר אָן צו שרייבן אַ ליד, נעם איך פריער לייענען

לידער, כּדי צו אָטעמען פּאַטעטישע לופט. זענען דאָ פּאָעטן, וואָס זייערע לידער פּאַכען איבער מיר מיט זייערע פליגל און לאָזן מיך פריי פאַר מיינע אייגענע איבערלעבונגען. גראַדע צווינגט אַרויף זיך, ער צעפליגלט זיך נישט, נאָר שניידט זיך אַריין אין מיר און נישט אַזאַ פּאַטעטישע לופט אָטעם איך, וואָס זאָל מיך אַריינגעמיטעווען אין מיין אייגענעם ליד, נאָר אַזאַ געדיכטע לופט, וואָס קיין שפּאַרונקעלע איז אין איר נישטאָ פאַרן אייגענעם געמיט.

גראַדע איז אינטענסיוו אין זיין ליד, אַמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער מאַכט אַ פּאַטעטישע אַטאַקע, ער פירט אַ שלאַכט מיטן אייגנע־שפּאַרטן וואָרט, מיטן אימאַזש, אַפילו מיט דער איבערלעבונג. זיינע לידער זענען דערפאַר אי פּשוט, אי קאָמפּליצירט. ער האָט דעם כּוח צו רעדן קלאָר און דאָך זאָלט איר שפּירן אַ מין פאַרנעפּלטקייט.

דער רוב לידער אין דער ערשטער אָפּטיילונג זענען וויזיעס. ער איז דער פּאָעט, וואָס אים גייט אַלעמאָל עפּעס נאָך. ס׳גייען אים נאָך שאָטנס. ס׳גייען אים נאָך קלאַנגען. ס׳גייען נאָך אַפילו שטיקער מעבל, ווי אין דעם אויסערגעוויינטלעכן ליד „מעבל״. די וויזיעס גראַדעס זענען אומהיימלעכע, אָבער איר שפּירט ווי ער אַליין, דער פּאָעט, איז מיט זיי היימיש. אין דעם ליד „געהיימע געסט״ זענען די אורחים זיינע „אָן לייב, אָן אויגן, אָן געשטאַלטן״ און —

> בלויז דעמאָלט ווען איר קומט צו מיר, איר שפּעטע אורחים,
> דערפיל איך זיך נישט מער פאַרפרעמדט פון אייגן לייב.

אין דער מוראדיקער וויזיע „מעבל״ דערגרייכט גראַדע דעם אַפּאָגעי פון זיין אויסטערנהרישן ליריזם, די מעבל־שטיקער ביי אים אין שטוב, „ווי ס׳וואָלט אין דעם געהילץ געבושעוועט אַ וואַלד״. נישט נאָר ווערט ער פאַרוואַנדלונג, נאָר אויך די שטיקער מעבל ווערן פאַרוואַנדלט, „מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין שטיקער מעבל״ אין דער וויזיע זעט ער, ווי דאָס מעבל האָט אים „אין אַ היים אַריינגעג־נאַרט״. איר ווערט דורכגעדרונגען מיט גרויל —

> דער שטורעם גוואַלדעוועט אין אַלע טויטע זאַכן,
> דאָס הילצערנע געלעכטער דונערט, קנאַלט און בליצט,
> ביז ס׳זינקט אַריין צוריק דאָס אויפגעברויזטע לאַכן
> אין מעבל, וואָס בלייבט שטיין פאַלירט און פיין געשניצט.

הויך־פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע איז דאָ אין די וויזיעס, — פֿאַנטאַזיע, וואָס גראַדע זאָגט אַליין אין אַ ליד „די לייכטער זענען שוין געוואָרן מיין שגעון״, און, אַז דער פּאָעט זאָגט אויף זיך, אַז ער איז „אַ מת, וואָס ס׳וואַקסט אים נאָך די נעגל און די האָר״, הייבט איר אָן צו שפּירן די אייגענע נעגל און האָר, נאָר מיט אַ מין אימהדיקער שטעכעדיקייט.

דאָס שולד־געפיל איז דער מאָטיוו פון כמעט אַלע זיינע לידער. וואָס איז די שולד זיינע? וואָס ער איז אַוועק פון דער געטאָ און געבליבן לעבן. אינעם טיפערן טראַכטערישן באַנעם פון וועלט און לעבן איז אַזאַ שולד־געפיל אפשר שווער איבערצוטראָגן, אָבער פּאָעטיש ווערט עס דערהויבן צו אַ סימבאָל און ווירקט גאָר די שולד צו לייטערן אין זיך. בפרט אַזעלכע שולד־לידער, ווי חיים גראַדעס, וואָס די פּאָעטיש־שעפע־רישע פֿאַנטאַזיע אין זיי דערגייט צו לויטערקייט. פּאָעטישע וויזיע, אַפילו אַז זי איז פול מיט גרוילן, פֿאַרמאָגט אין זיך ליכטיקייט.

די וויזיע אינעם ליד „דער מאַנטל״ איז פול מיט טראַגיזם. דער מאַר־מעס מאַנטל טראָגט אין זיך טויט און לעבן. אַ וווּנדערלעכע וויזיע איז דאָס גרעסערע ליד „מוזיקאַנטן״. אין זיין אַרומוואַגל, זאָגט דער פּאָעט, — „איז מיר אומעטיק אָן אומעטיקע יידן״, — האָט ער אָפּגעזוכט אַ קלעזמערישע קאָמפּאַניע און —

זיי באַגלייטן מיך אין איטלעכער אכסניה,
און פֿאַרשפּיל מיך אין שלאָף כאור הבוקר.

דאָס ליד, וואָס איז געשריבן מיט גרויס מייסטערשאַפֿט, ווו אַפילו די גראַמען זענען געראָטענע זיווגים צום בילדלעכקייט, איז דער אויס־לייז־מאָטיוו אַרויסגעזונגען פון דער טראַגיק. איר שפּירט, ווי דער פּאָעט האָט זיך געראַנגלט צו געפינען דעם אויסלייז און דאָס געראַנגל אַליין איז אַ ליכט־דורכברוך אין אים. אַפילו אינעם ליד „די לייכטער״, וואָס איז אַ וויזיע פון חורבן, איז אויך דאָ אַן אויסלייזערישער מאָמענט, — אין די צוויי לעצטע שורות:

די לייכטער וועלן מיך באַגלייטן, שוואַרץ־פֿאַרשלייערט —
צוויי מאַרמאָר־בלאַסע פרויען, הייליקע געשטאַלטן.

דער אויסלייז איז אויך דאָ אין אַן אַנדער ליד, וואָס טראָגט אויך

אין זיך דעם סימבאָל פון די יידישע לייכטער. דער פּאָעט זעט דעם טרויעריקן מצב —

און פון ירושלים לאָז איך זיך קיין פּוילן,
דאָרטן טרעפט מען יידישקייט אין קלויסטער שוין דערצויגן.
און צלמים טראָגן, דעם אָפּשטאַם צו פאַרהוילן,
נאָר פּרייטיק קריגן זיי צווייִ בענטשליכט אין די אויגן.

איז אַפילו, אַז ער זעט, אַז „די וועלט איז די זעלבע און גאָט ברוך הוא איז דער זעלבער, די תורה איז אָבער געבליבן אַ תורה אָן יידן", איז אָבער דער יאוש אַ דערלייזטער, אַז אין יידישע אויגן לויכטן נאָך פרייטיק צווייִ בענטשליכט. אינעם ליד „אַ תורה אָן יידן" זענען דאָ שורות, וואָס פאַרכאַפּן אייך מיט זייער טרויעריקער בילדלעכקייט, ווי —

און ווען סע גייט־אונטער די זון אויף גאָלדענע רוקנס,
גייט־אויף די פאַרגליווערטע רו פון אַ תורה אָן יידן.

אין דער חורבן־פּאָעזיע איז אַ סך מאָל דאָ קריגערישקייט קעגן גאָט. חיים גראַדע קריגט קעגן זיך אַליין און אויף זיין אייגענעם פּאָעטישן אופן טראָגט ער אין זיך דעם ניצוץ־אלהים.

אינעם ליד „אַ מנין אַלטע יידן" איז זיך גראַדע מצרף צום מנין, וואָרעם —

בין איך געבוירן מיט אַזאַ געעלטערטער נשמה,
אַ טויזנטיאָריקע, פאַרגילגולטע און מידע, —

אָבער אין דער טויזנטיאָריקער נשמה זיינער איז דאָ פּאָעטישע פרישקייט און, מיר דאַכט, אַז סע איז נאָך זייער אָפּגעפרעגט, צי אַ יידישע נשמה, וואָס טראָגט נישט אין זיך די טויזנטיאָריקייט, פאַרמאָגט שורשדיקייט. אינעם דאָזיקן מערקווירדיקן ליד זאָגט דער פּאָעט:

דער דורכגעווייקטער טלית, וואָס סע האָט אַ זקן מיר געגעבן,
בעת מע האָט מיך צו דער תורה אויפגערופן, —
דער טלית איז געבליבן הענגען אויף מיין לעבן
אויך נאָכדעם ווי די ערד האָט צוגעדעקט דעם מנין גופן.

מיטן גאַנצן טרויער, מיט דער גאַנצער טראַגיק, איז דאָך ווויל דעם יידישן פּאָעט, וואָס דער „דורכגעווייקטער טלית" הענגט אויף זיין לעבן. אין שפּעטערישן געמיט האָט ער איבערגעלעבט, אַז עס איז געבליבן אַ תורה אָן יידן. ער האָט אויך איבערגעלעבט, אַז די „ערד האָט צוגעדעקט

דעם מנין גופן״, אָבער צו דער תורה קלעפּן זיך צו יידן און ווידער זענען דאָ מנינים אַלטע יידן, וואָס דערלאַנגען אַ יינגל אַ דורכגעווייקטן טלית.

די ערשטע סעריע פּאַרענדיקט גראַדע מיטן ליד „דער אויסגעבערענ־טער דאָרן״, וואָס דאַרף זיין דאָס שליסל־ליד צו אים, צו זיין געמיט, צו זיין שעפערישקייט. נאָר אַ פּאָעט, וואָס קען אָנשרייבן אַזאַ ליד, ווי „דער אויסגעברענטער דאָרן״, איז נישט קיין אויסגעברענטער, ער איז פול מיטן פּאָעטישן פייער, וואָס צינדט־אָן דעם דאָרן און מאַכט אים ברענען מיט וויזיאָנערישן פייער.

נאָך שטאַרקער ווערט דאָס געפיל פון גראַדעס קוואַליקן כוח אין די ווייטערדיקע לידער. אויך אין זיי קומט צו אים צוריק די דערמאָנונג, אָבער אין יעדע לידער זאָגט ער שוין:

> דאָרט האָב איך נאָך אַ קול, ווו ס׳איז נאָך נישט דערוואָרגן
> די פרייד פון יוגנט און דאָס לאַכן פון אַ קינד.

אין יעדע לידער, דער עיקר די פון ליבשאַפט, איז גראַדע פול מיט זודיק־מעגלעכן בלוט, ער איז אַפילו סענסועל, מער ווי פּאָעטן, וואָס האָבן נישט געהאַט די איבערלעבונג פון „אויסגעברענטן דאָרן״. אַפילו אינעם ליד „זי לעבט״, ווו די פרוי פון זיין ליבשאַפט איז נאָר אַ שאָטן, איז אויך דאָ געזונטע גלוסטעניש. די דערמאָנונג פון איר, דער בילד־לעכער אופן פון באַשרייבן די פרוי, שפּילן מיט לעבן, זודיקן מיט הייסן בלוט.

קען מען נאָכגיין גראַדען ליד נאָך ליד, טרינקען דאָס צעוווּנדיקטע וואָרט זיינס און שפּירן, ווי ער היילט זיך דערמיט. נאָר בעת ער זאָגט אויף זיך, אינעם ליד „דער נס״, אַז „וואָס איך בין געבליבן, באַפאַלן מיך שרעקן״, לעבן מיר אָבער איבער דעם נס אַנדערש. עס איז דער נס, וואָס אונדז איז געבליבן אַזאַ גרויסער פּאָעטישער כוח, ווי חיים גראַדע, וואָס דורך זיין יחידישקייט ברענגט ער צום אויסדרוק דעם גרויל פון דער צייט.

אַ צווייטער חיים גראַדע איז דאָ, — דער פּאָעט, וואָס באַזינגט די שטורמישע נאַטור־דערשיינונגען. באַוווּסטזיניק זאָג איך „שטורמישע נאַטור־דערשיינונגען״, דערפאַר וואָס זיי זענען מער נאָך זיין געמיט. ער איז אַ מאָלער פון דער נאַטור, מיט אָריגינעלע בילדער, נאָר באַשרייבן

באַשרייבט ער נאַטור־דערשיינונגען, וואָס זענען מחוץ פונעם דרך הטבע. צום אייגענעם אַרום אין דער נאַטור, — צום קליינעם בערגל, צום גרינעם לאָנקעלע, צום פּאַסטאַראַלן, — איז ער פול מיט שווייגעניש. די שטור־מישע נשמה זיינע לעבט ער אויס אין נאַטור־דערשיינונגען, וואָס זענען אין זייער טיפעניש פול מיט אויפברויז. אַזוי איז „דער וואַסערפאַל פון ניאַגאַראַ", די זייער שיינע פּאָעמע „יאָסעמיטי טאָל", אַפילו „מדבר אַרי־זאָנע".

זיינע נאַטור־לידער זענען איבערגעלאָדן מיט בילדערישקייט, מיט אינערלעכן אויפרייס, מיט פּאַטאָס און צו דער אייגענער צייט מיט שטור־מישער געדאַנקלעכקייט.

אין בוך זענען נאָך דאָ גרעסערע פּאָעמעס, ווי „עלעגיע אויפן חזון איש", „די קראַנקע פון דאַוואָס", דאָס גרויס־פּאָעטישע ליד „איך וויין אויף אייך מיט אַלע אותיות פון דעם אלף בית", וואָס וועגן זיי האָבן מיר שוין פריער גערעדט.

מאַרט, 1962

אַ שפע פון לידער

(וועגן בונעם העלערס דריי לידערביכער)

נאָר דריי לידערביכער בונעם העלערס האָב איך, אָבער ביים סוף פון יעדער בוך ווערן אָנגעגעבן די ביכער פונעם מחבר, וואָס זענען דערשי־נען. צייל איך זיי איבער און ווער געוווירע, אַז אַרויס זענען זיינע אַכצן ביכער לידער. זאָלן מיר אַפילו זאָגן, אַז דער פּאָעט האָט אַריינגענומען עטלעכע לידער אין איין בוך, וואָס זענען געווען אין אַן אַנדערן, קומט אַלץ אויס אַ גוואַלדיקע שפע פון לידער. מיר ווערן ממש דערשטוינט פון דער לידער־שפע זיינער.

האָב איך זיך אונטערגעגאַרטלט דורכצושווימען דעם פליץ פון לידער און, — ווידער צו מיין שטוינען, — האָב איך געפונען אַז דער פליץ איז אַ קלאָר־ריינער, אַפילו אַ פרישער, אַ סך מאָל אַ פּאַטעטישער. איז קודם, איידער מיר טראַכטן זיך אַריין אין די לידער זיינע, באַוווּנדערן מיר די פּאַעטישע ענערגיע וואָס ברויזט אין אים און דעם כח די ענערגיע אויס־צולאָזן אין וואָרט, אין ריטעם, אין מוזיקאַלישער קלינגעוודיקייט.

זוכן מיר דעם תוך פון זיינע לידער: וואָס טוט אים ווי? וואָס אַרט אים אין דער זינדיקער וועלט אונדזערער? איז ווידער באַוווּנדערן מיר זיין אָפנקייט, דעם פרייען אַרויסזאָג זיינעם. נאָר דערנאָך כאַפּן מיר זיך, אַז ווי אָפן דאָס ליד זיינס איז, בלייבט דער פּאָעט נאָך אַלץ פאַרהוילן פאַר אונדז. ער איז אַ ליריקער און די טבע פון ליריזם איז אין דער אָפנקייט איבערלאָזן אַ מין דינעם, מיסטישן שלייער. דער לירישער פּאָעט פאַרשלייערט נישט באַוווּסטזיניק זיין ליד, נאָר במילא בלייבט עס, דאָס ליד זיינס, פול מיטן סוד וואָס דער מענטש קען נישט דערגיין נישט ביי זיך אַליין און נישט ביי אַן אַנדערן.

די לידער העלערס זענען פול מיט חרטה, — אויף וואָס? אויף אידיישע בלאָנדזשעניש. דאָס זינגט איר אַרויס פון די לידער. נאָר

וואָסערע אידייִשע בלאַנדזשעניש? דאָס בלייבט שוין פאַר אייך פאַר־הוילן. אוודאי זענט איר נייגעריק צו דערגיין אין וואָס דער פּאָעט האָט געבלאָנדזשעט. אָבער גראָד אין דער פאַרהוילנקייט איז דאָס אינערלעכע געראַנגל זיינס אַ מין שיינענדיקע פּאָעטישע ליכטיקייט.

דער צווייטער צענטראַלער מאָטיוו פון זיין לירישער פּאָעזיע איז דער טיף־נשמהדיקער דראַנג אין אים זיך צוריק אויפצובויען. אָבער דאָ דאָ דערגרייכט ער צו אַ הויכער טראַגיק, וואָרעם וויפל אַ מענטש זאָל זיך, נאָך אַן אידייִשער צעבראָכנקייט, צוריק אויפצובויען, בלייבט ער אַלעמאָל פול מיט שאָטנס, מיט טיפנאַכטיקע ציטערנישן אויף דער צע־פייניקטער נשמה זיינער.

דאָס בוך „ביים ראַנד", וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג קרית ספר, אין 1957, הייבט ער אָן מיט אַ ליד „ביים בוג", וואָס איז אין תוך דער אָנהייב פון זיין אידייִשן געראַנגל. אַלע יידיש־פּוילישע שרייבערס זענען ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען ביים בוג. זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון פוילן, בעת די נאַציס זענען זיי באַפאַלן, אין דער סאָוויעטישער ווייסרוסלאַנד. נאָר די אַנדערע שרייבערס האָבן נישט גע־האַט קיין באַזונדערע האָפענונגען אויף דער „יענער זייט", — דער סאָ־וויעטישער. בונעם העלער רעדט שוין פון „פרייהייט פאַר יענער זייט בוג". ער איז אָבער פּאָעטיש געטריי דעם אייגענעם גורל און דעם יידישן בכלל. אַ פאַרוואָגלטער אין אַלמאָ אַטאָ, —

טויזנטער מיילן פון היים און פון שלום,
טויזנטער מיילן און — זומער.
ס'לויכט דאָס גרינע געבלעטער, מיין חלום
אָפן בלייבט גאָפּן אַ שטומער.

נאָך שאַרפער ווערט דאָס געראַנגל זיינס ווען ער קומט צוריק קיין פוילן. ער קומט צוריק אידייִש רייף פאַרן נייעם קאָמוניסטישן רעזשים אין פוילן און ער פאַרנעמט די סאַמע וויכטיקסטע אַמטן אין יידישן סעקטאָר. ער איז פּאַקטיש דער באַהערשער פון אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מלוכה.

נאָר פּאָעטיש ברויזט אין אים אַן אומרו. נאָך אין רוסלאַנד שרייבט

ער אַ ליד, וואָס איז געווידמעט דוד האָפשטיינען, וואָס צוויי שורות חזרן זיך איבער אין יעדער אַכט־שורהדיקער סטראָפע:

איז ווינטער פאַרנאַכט, אויף רוסישע פעלדער,
ווו קען מען זײַן עלנטער, ווו קען מען זײַן עלנטער?

און דער פּאָעט, אין ליד, איז כלל נישט דערשלאָגן פון דעם עלנט. אין דעם קלאַנג פון די שורות, אין די אימאַזשן און בכלל אין די האַלב־פאַרשטעלטע ווערטער, איז דער עלנט זײַנער אַ וואַרעמער, אַ דערהויבענער אַפילו. וואָלט איך עס נישט צוגעשריבן צו אידיייִשקייט, נאָר צו אמתער, ריינער פּאָעזיע. געזאָגט וואָלט איך, אַז אַן אמת־פּאָעטישע שורה דערגייט קיינמאָל נישט צו אַבסאָלוטער טרויער־פינצטערקייט, וואָרעם די פּאָעזיע איז דער ליכטיק־אויסלייזערישער מאָמענט אין ליד און גאָר באַזונדער אין דער שורה.

נאָר פּאָרט איז אין העלערס לידער דאָ שפּורן פון דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. אין איין ליד זאָגט ער, אַז —

נישט אַזוי כ'וועל ענדיקן מײַן ליד,
ווי איר דערוואַרט עס, ווי דאָס וויל דער שונא,
אַ טראָט פון ראַנד וועט בלייבן אײַנגעהיט
די קראַפט, וואָס וועט אייך נאָך אַמאָל דערשטוינען.

דאָס דאָזיקע ליד איז געשריבן אין 1955, ווייסט איר נישט וועמען דער פּאָעט מיינט, ווער סע איז דאָ „דער שונא". ער איז דאָך שוין דורכגעגאַנגען סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ער איז שוין געווען אין דער קאָמוניסטישער פּוילן דער רעדאַקטאָר פון די „יידישע שריפטן". ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלטן מיר אַזעלכע שאלות נישט געפרעגט, וואָרעם ביי פּאָעטן זוכן מיר נישט קיין „דאָקומענטאַציע", נאָר די קוואַליטעט פונעם ליד. ביי בונעם העלער, וואָס דאָס ליד זײַנס איז אַ מין דאָקומענט אויף איינעם אַ פּעריאָד אין זײַן לעבן, שטעלן מיר זיך יאָ די דאָזיקע קשיא.

אַן אַנטפּלעקעריש ליד איז דאָ ביי אים, וואָס ער האָט עס נישט באַנאָמענט. דריי פינטעלעך זענען גענוג פאַר אַזאַ ליד. זאָגט ער אינעם דאָזיקן ליד:

דעם טויט האָב איך באַוויזן צו באַזיגן,
נאָר נישט מײַן טאַטנס ווייטיקדיקן ניגון.

גערגרייכט האָב איך צו אַלע מיינע פריידן,
נאָר מיט דעם טרויער קען איך זיך נישט שיידן.

ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלט איר פאַר אַזאַ שטימונג געמאָנט אַביסל פאַרהוילנקייט. ביי בונעם העלערן מאָנט איר עס נישט, וואָרעם דער כח זיינער איז גראָד אין דער אָפנקייט, אין דער אויפגעפּלעקטקייט. וואָס העכער דער שלייער איז אויפגעהויבן איבערן ליד, אַלץ פולער איז דאָס ליד זיינס. דערפון טאַקע נעמט זיך אפשר די גרויסע לידער־שפע ביי אים. יעדער ניואַנס אין זיין לעבן ווערט ביי אים אַ ליד. יעדן אידיייִשן קער באַזינגט ער און מיר שפּירן אַלעמאָל, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין פּאָעטישן צוים פאַר אויסזינגען זיינע איבערלעבונ־גען.

נאָך די פיינלעכע וואַנדער־וואַקלענישן דערגרייט העלער צו ארץ־ישראל און אין די דאָזיקע לידער דערהייבט ער צו טיף־ברוסטיק, מע־נעריש געזאַנג, וואָס מיר, די לייענער זיינע, ווילן אים פּראָסט־און־פּשוט נאָכזינגען. דאָס באַווייזט, אַז ער פאַרמאָגט פּאָעטישן כח דעם לייענער מיטצורייסן מיט זיינע געזאַנגיקע שטימונגען.

די ערד אין הרצליה איז רויט
און קרישלט זיך לייכט אין דער האַנט,

מיטן דאָזיקן וויסן איז בונעם העלער אַרויפגעשטיגן אויף אַ הויי־כער פּאָעטישער מדרגה און נאָך אַלע פיינלעכע וואַקלענישן זיינע איז ער פול מיט פרייד פון דעם „וויסן אַז דאָס איז מיין לאַנד".

משה וואַלדמאַן אין ניו יאָרק

(רעדע געהאַלטן אויפן קבלת־פּנים אין ניו יאָרק)

דער גאַסט אונדזערער, משה וואַלדמאַן, איז אַליין אַ גאַנצער קבלת־פּנים־קאָמיטעט פאַר יידישע שרייבער, וואָס כאַפּן זיך אַראָפּ קיין פּאַריז. ער שטרעקט זיי אויס אַ וואַרעמע האַנט און טראָגט זיי אַקעגן אַן אָפּן שמייכלענדיק פּנים, אַז זיי זאָלן זיך דערפילן היימיש אין דער פרעמד, וווּ זיי פילן זיך אַ סך מאָל פאַרלוירן. הכנסת־אורחים איז אין אונדזער טראַדיציע גאָר אַ גרויסע מצווה און נאָך העכער איז די מדרגה, אַז דאָס הכנסת־אורחים איז אַזוי פּשוט מענטשלעך, אַז אַפילו דער אורח אַליין איז נישט נתפּעל דערפון. צי אָט דער מדרגה האָט דערגרייכט משה וואַלדמאַן, וואָס מיר זענען אים דאָ מקבל־פּנים. נישט שייך צו זאָגן אויף וואַלדמאַנען, אַז ער איז אַן עניו. אַ ייד וואָס וויל מאַכן דעם איינדרוק פון אַן עניו, פאַרמאָגט שוין אויך גדלות. וואַלדמאַן טראַכט אַפילו נישט דערפון, אַז ער איז אַ באַשיידענער מענטש. נאָך וויניקער טראַכט ער אַז אַנדערע זאָלן אים האַלטן פאַר אַ באַשיידענעם. איז ער אונדז דערפאַר נאָענט און מיר איבערלעבן די הנאה פון זיין אין דער סביבה זיינער.

וואַלדמאַן איז דער פרומער פּאָעט, וואָס רעדט כמעט קיינמאָל נישט פון די לידער זיינע. מודה בין איך זיך, אַז בעת איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אויף מיר איז געפאַלן דער כבוד אים צו באַגריסן היינט אָוונט, האָב איך זיך אַ היפּש ביסל דערשראָקן: ווי וועל איך גיין רעדן, אַז קיין בוך זיינס האָב איך נישט און די עטלעכע לידער וואָס זענען צעוואָרפן אין זשורנאַלן, האָב איך נישט אויפגעהיט. געמוזט האָב איך אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים און בפירוש געבעטן, אַז ער זאָל מיר ברענגען עטלעכע לידער זיינע, כדי איך זאָל כאָטש אַביסל האָבן אַ באַגריף וועגן זיין פּאָעטישן גאַנג.

פון די דרייסיק-פערציק לידער, וואָס וואַלדמאַן האָט מיך מיט זיי מזכה געווען, האָב איך געלערנט, אַז ער איז אַ פּאָעט. אַוודאי קען איינער אַ זאָג-טאָן: ער שרייבט דאָך לידער, וואָסזשע איז די אַנטפּלעקונג, אַז ער איז אַ פּאָעט? איז קודם, קום איך דאָ נישט אַנטפּלעקן עפּעס אַ וווּנדער, שנית, שרייבן לידער איז כלל נישט קיין סימן מובהק, אַז דער מענטש, וואָס שרייבט די לידער, איז טאַקע באמת אַ פּאָעט. מיט פרייד האָב איך אויסגעפונען, אַז משה וואַלדמאַן איז אַ פּאָעט, וואָס שרייבט לידער דערפאַר וואָס ער איז געבענטשט מיטן דראַנג זיך אַרויסצוזאָגן, אַרויסצוזינגען און אַפילו זיך אַרויסצוּוויינען. אוודאי איז דאָך נאָך נישט גענוג, מיר דאַרפן נאָך אַ נישטער-טאָן: וואָס פאַר אַ פּאָעט איז ער? אין די עטלעכע מינוט וועל איך נישט זיין בכוח אַנצוצייכענען די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט זיינע, נאָר אין צמצומדיקע עטלעכע ווערטער וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז דער פּאָעט פונעם שטילן, צערפולן, מיט שיין באַשטראַלטן ליד.

מסתמא האָט ער יוגנטלעכע לידער, וואָס זענען זוניק-ליכטיקע, נאָר איך האָב זיי נישט געזען. פון די לידער, וואָס איך האָב געלייענט, טראָג איך אַרויס, אַז דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף זיין ליד האָט געהאַט סיביר, ווו ער האָט אַ פאַרשיקטער געלעבט מיט די „פאַרפרוירענע שטערן". כאַראַקטעריסטיש אָבער איז, וואָס אַפילו אַז ער זאָגט קדיש ביים קבר פון אַ חבר אין סיביר, רייסט ער נישט אויף קיין וועלטן, נאָר שטיל זינגט ער:

> יתגדל ויתקדש, —
> די אייזיקע דעק איז פאַרמאַכט.
> בלוי האָט געבליט
> דער צער אין דער נאַכט.

דאָס איז די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, וואָס אַפילו דער צער בליט ביי אים בלוי. אין די לידער זיינע איז דאָ דער שטורמישער טרויער פון אונדזער צייט, נאָר ביי אים ווערט דער טרויער דערוואַרעמט פון די וואַרעמע פּאָעטישע שורות. דאָ אַ ליד ביי אים, וואָס די ערשטע פיר שורות האָבן מיך ממש פאַרכאַפּט, און אָט זענען די שורות:

אפרים אויערבאך

דער חלום פונעם ליד
וואַנדערט אום אין דיין אויג,
דער חלום פונעם אויג
וואַנדערט אום אין דיין ליד.

וואָס איז ווייטער אינעם דאָזיקן ליד? ווייטער איז שוין אַ פּירוש און ביי מיר קומט אויס, אַז גוטע פיר שורות דאַרפן קיין פּירוש נישט האָבן.

פריער האָב איך גערעדט דערפון, וואָס די קענטיקסטע ווירקונג אויף וואַלדמאַנס לידער האָט געהאַט סיביר, וווהין ער איז אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פאַרשיקט. דאָס ליד „אַ לבנה אויפן דאַך" איז איינס פון די לידער, וואָס דער גרונט מאָטיוו זיינס איז סיביר. ער זינגט צום קינד, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ לבנה אויפן דאַך. ביים קינד, וואָס איז אַלט געווען דריטהאַלבן יאָר, האָט די לבנה אַרויס־גערופן פרייד, ביי אים, דעם פּאָעט, איז אָבער דער טרויער געווען גרויס, וואָרעם געאַרבעט האָט ער מיט דער האַק און דער זעג אין די סיבירער וועלדער. ער איז אָבער באַוועלטיקט געוואָרן פונעם קינדס פרייד און, —

בין איך פאַרנאַכט יעדן טאָג שטיל אַרויס, —
רו אויף מיין אַקסל, — דער טרוים וואַר און וואַך,
זען ווי לבנה ווערט ליכטיק און גרויס,
צו זוכן די טרייסט, וואָס העלט אויפן דאַך.

וואָלט איך געקענט ברענגען נאָך מוסטערן פון וואַלדמאַנס פּאָעזיע, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איך האָב שוין אַזוי אויך אַריבערגעכאַפּט די מאָס פון צייט, וואָס איז מיר צוגעמאָסטן, וועל איך נאָר ענדיקן מיט פיר שורות פון זיינס אַ ליד:

הייליקע פון אַלע צייטן, ווו זאָל איך שטאַרבן,
ווו זאָל איך שטאַרבן,
אַז מיין געביין
זאָל קיינער נישט שענדן?

מיין טייערער וואַלדמאַן, לאָמיר דערפון נישט טראַכטן, ליבערשט טראַכטן: ווו זאָלן מיר לעבן, אַז מיר זאָלן קענען ווייטער שאַפן די טרויעריק־זוניקע לידער? לגבי מיר זענט איר נאָך זייער יונג און איך ווינטש אייך צו געפינען דאָס אָרט, ווו איר זאָלט זיך אי שעפעריש, אי מענטש־כּלליק און מענטש־יחידיש פול אויסלעבן.

אברהם זאַק

ס'איז אַ נחת צו רעדן פון אַ פריינט, וואָס אינאיינעם האָבן מיר גע־שטעלט די ערשטע וואַקלדיקע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע. נאָר אָנהייבן וויל איך פונעם לעצטן, — פונעם אָנהייב אונדזערן אין וואַרשע, און אין דעם איז שוין דאָ אַ קימא־לן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. זאַק איז געקומען פון דער ליטע מיטן בינטל יוגנטלעכע לידער זיינע. איך בין געקומען פון בעסאַראַביע מיט מיין בינטל לידער. אַנדערש איינער פון אַנדערן זענען מיר געווען, — אַנדערש אין געמיט, אַנדערש אין ליד, — אָבער פאַרבונדן האָט אונדז די יוגנטלעכע פרייד פון דערשפּירן דאָס וואָרט, פון הערן דעם אייגענעם וואָרט־קלאַנג און בכלל דער חלום פון ווערן, ווערן, ווערן.

מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער חלום ביים מענטשן איז דער חלום פון ווערן. עפּעס לעבט ער דאמלסט איבער, אַז ער ווערט איינצונעמען די וועלט, און וואָסער יונגער מענטש קומט נישט איינצונעמען די וועלט? אברהם זאַק, ווי איך געדענק אים פון יענער צייט, איז געווען אַ פאַר־חלומט בחורל, אַ שעמעוודיקס. נאָר עפּעס איז שוין געווען אין אים אַ מין שרייבעריש באַוווסטזיין, וואָס מיר איז עס נאָך געווען פרעמד. ווי יונג ער איז געווען, האָט ער שוין געטראָגן אויף זיך שרייבערישע ווערדע, וואָס איך האָב זי אים מקנא געווען, נאָר איך האָב זיך צו איר נישט געקענט אַרויפאַרבעטן.

מילא, דערציילן פון די יוגנטלעכע עסקאַפּאַדעס איז דאָ נישט דאָס אָרט און נישט איצטער איז די צייט. איין זאַך, אברהם זאַק איז געווען דער ראָמאַנטיקער צווישן אונדז, כאָטש ער האָט געהאַט אַ ניכטערנעם קאָפּ, — איך וואָלט געזאָגט אַ ליטווישן. דער ראָמאַנטיזם האָט זיך אָפּ־געשפּיגלט אין זיינע לידער, אין דער גאַנצער פירעכץ זיינער. נאָך דאַכט זיך מיר, אַז אָנגעשפּאַרט האָט ער זיך אויף די עלטערע אין דער ליטע־

ראַטור אונדזערער, האָט זיך געפילט ווי ער איז דער יורש זייערער. אינעם גאַנצן פּאָעטישן גאַנג זיינעם איז דער דאָזיקער שטריך געבליבן: אַ ראָמאַנטישער קלאַסיציזם, וואָס גייט אַלעמאָל מיט אַ גלייכער פּאָעטי־שער ליניע, וואָס האָט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער האָט באַלד געפונען דעם וועג זיינעם און אויף אים גייט ער מיט דער פולער פּאָעטישער זיכער־קייט.

אברהם זאַק איז זינט יענע יאָרן דורכגעגאַנגען דעם וועג פון אונדזער פּאָלקס־פּיין, פון יחידישן און נאַציאָנאַלן צער. ער איז אָבער געבליבן דער פּאַרעקשנטער ראָמאַנטיקער, אַפילו אַז אַ סך לידער זענען ביי אים דאָ, וואָס אויבנאויף זענען זיי אַנדערש. עפּעס איז דאָ אַ מין גאַלאַנטקייט אין זיינעם אַ ליד. אין אַ ליד פון די דרייסיקער יאָרן זאָגט ער: „איך וויל אַנטלויפן פון אַלץ, וואָס דערמאָנט מיך אין טויט" און גראָד אים איז דער טויט נאָכגעלאָפן. ער איז געגאַנגען מיטן טויט, אָבער אין די לידער שפּירט זיך אַלץ, אַז ער וויל פון אים אַנטלויפן, — נישט פיזיש, נאָר פּסיכיש. אין איינעם פון זיינע לידער פון די יאָרן פּיין, זאָגט ער:

טאָמער וועל איך פּאַלן
אונטער האַק און זעג, —
זון, דורך דיינע שטראַלן
כ׳גריס מייַן היימישן ברעג.

אַנדערע פּאָעטן האָבן, „אונטער האַק און זעג", אויפגעהערט צו גלייבן אין דער זון, אָבער זאַק גלייבט נאָך אַלץ, אַז די זון, „דורך אירע שטראַלן", וועט גריסן דעם היימישן ברעג זיינעם. און אין צענדליקער לידער רעדט ער און זינגט פון דעם היימישן ברעג, פון דער היים און דעם שטעטל און זינגט קלאָגעריש, וואָס קיינמאָל וועט ער זיי שוין נישט זען. איז אין דעם דאָ נישט קיין סענטימענטאַלקייט, נישט קיין פּאָעטישע באַגרענעצטקייט, נאָר דער ראָמאַנטישער פּאַטאָס פון אַ פּאָעט, וואָס וויל נאָך אַלץ צוריקקומען צום ברעג, וואָס פון אים האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט שווימען איבער די צעשטורעמטע מאָרד־וואַסערן פון אונדזער צייט.

אברהם זאַק איז פול מיט טרויער אין זיינע לידער, אַפילו אין די לידער פון פּאַרן חורבן וואָס ער איז אים יחידיש דורכגעגאַנגען. אָבער

דער טרויער זיינער איז אַן אָפּטימיסטישער, אין תוך איז ער אַ גלייך ביקער פּאָעט. ער, וואָס זאָגט אויף זיך, אַז

איך האָב געירשנט פון די פעלדער דיינע שטילע
דאָס שווייגן, וואָס סע ליגט צעשפּרייט אויף זיי, —

די ליטווישע פעלדער, וואָס ער באַמאָלט זיי אויף אַזאַ ראָמאַנטיש־קלאַסישן אופן, — ער האָט אין שווייגן זיינעם אַריינגעשוויגן אַ טיפן אָפּטימיזם. אַזוי לייענען מיר ביי אים לידער, וואָס געשריבן האָט ער זיי שוין נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד, וואָס דער טרויער ווייגט אין זיי, נאָר פּאָרט שפּירט איר אין זיי אַ מין באַהאַלטענעם אָפּטימיזם. אַזוי איז דאָס ליד „דער דופט פון עבר", ווו ער זאָגט:

דער דופט פון עבר איז צו מיר דערגאַנגען
אויף אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן, גרינעם פעלד.
עס האָט אַ קאָרנבלימל צווישן העלע זאַנגען
אַ ווייז־געטאַן פאַר מיר מיין טויטע, ליבע וועלט.

דאַכט זיך, אַז דאָס פרעמדע, אומבאַקאַנטע פעלד האָט אים צוריק־געבראַכט די טויטע וועלט זיינע, אָבער דער אופן, ווי ער באַמאָלט דאָס פעלד, ווי „בונטער שמעטערלינג איז העל פאַרבייגעפלויגן", די גאַנצע גאַמע פון קאָלירן און קלאַנגען זענען בשום אופן נישט פון קיין טויט, נאָר פון לעבן און טיפן גלויבן אין לעבן. אפילו אינעם וווּנדערלעכן ליד „קדושים", ווו ער זינגט פון די אומגעקומענע, איז אויך דאָ אַ באַזונדער ליכטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זאַקן. וואָרעם מיר קענען נישט דערגיין ביזן סאַמע דנאָ פון פינצטערניש, ווען

אַלע פייגל זינגען־אויס אַ טרויעריקן קדיש,
אַלע וועלדער רוישן אין אַ יאָמערדיקן געוויין...

אמת, אין איין צוויי־סטראָפיקן ליד זאָגט ער, אַז ער גלייבט נישט מער דער זון, אָבער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, געטרויט ער איר דאָס שליחות צו גריסן פון אים דער היים זיינער. אַן אויסערגעווייגנט־לעך ליד איז דאָ ביי אים, „עלעגיע", ווו ער זאָגט, אַז סע איז שוין „אַ סוף צום וווּנדערשיינעם, אויסטערלישן שפּיל" און, וואָס קען זיין טרויעריקער פון אַזאַ איבערלעבונג? אָבער אין דער צווייטער סטראָפע זאָגט ער:

גיי טענה צום רעזשיסער און רעזשיסירן,
פאר אַט־דעם קורצן שפּיל אַזויפיל רעקוויזיט:
אַ הימל און אַן ערד, מיט ימים און יבשה,
מיט באַרג און טאָל, מיט בוים און בלום, מיט פויגל־ליד.

אין דאָס נישט גענוג, זאָגט ער נאָך ווייטער:

מיט שיינקייטן צעוואָרפן איבער שטעט און לענדער,
מיט רייץ פון זון און שטערן, ליבע און געזאַנג...

גלייבט איר מער דער אינערלעכער פריידיקייט, וואָס איר שפּירט אין די שורות, ווי דעם טרויער פונעם סוף צו דעם לעבנס־שפּיל. בפרט נאָך, אַז אין אַן אַנדער ליד זאָגט ער שוין מיט פולן פּאָעטישן אויס־דרוק, אַז

ס'איז אייביק דאָ אַן עפּעס, וואָס פאַרבלענדט, באַרוישט;
וואָס גיט אַ העלע, ראָזע פאַרב דייַן טריבן זיין,
אפילו ווען דו טרינקסט זיך אינעם תהום פון לייד,
אַפילו ווען דו ברענסט אין גיהנומדיקן פּיין...

דער „אייביק דאָ אַן עפּעס" איז אברהם זאַקס פּאָעטישער תוך, כאָטש אַרויסגעקומען איז ער איינער פון די טרויעריקסטע פּאָעטן אונדזערע. אַז ער זאָגט: „געבליבן די שטילע, די הייליקע שעה", און דאָס איז די שעה פון אונטערגאַנג, די שעה פון כליון, אַט־די שעה איז ביים פּאָעט „די שטילע, די הייליקע שעה". און אַזאַ שעה איז שוין נישט דורכאויס פינצטער, זי פאַרמאָגט שוין אין זיך טיף אינערלעך ליכט. און אין אַן אַנדער ליד, — אויך פון לעצטיקייט אויף דער וועלט, — זאָגט ער:

דו ווילסט אַלץ איינשלינגען: דעם בלוי, די זון, דעם עטער,
דעם טונקעלן וואַלד, דאָס בונטע פעלד, די גאָלדענע זאַנג,
די שוואַלבן־שניר אין לופט, דעם שטילן שאָרך פון בלעטער,
ווי ס'וואָלט געוועזן אַ לעצטער גאָב, וואָס דויערט שוין נישט לאַנג.

שפּירן מיר זיך אַריין אין די שורות, שפּירן מיר אַרויס פון זיי דעם טיפן פּאָעטישן גלויבן, וואָס אברהם זאַק איז איינער פון די געציילטע, וואָס פאַרמאָגט אים.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר אים דאָס ליד „אין אוזבעקיסטאַן", וואָס אַנגעשריבן האָט ער עס אין טאַליסאַפּעט, בוכטרע. אַ פּאָעט ווערט פאַר־וואָרפן אין אַ געגנט, וואָס נישט ער און נישט קיין אַנדער ייִד האָט

זיך נישט אויסגעמאָלט, אַז ער וועט דאַרפֿן זיין. ער הונגערט, ער איז עלנט, ער לעבט־איבער די שפּירונגען פון ייִדישן חורבן אין פּוילן, און וויפֿל גלויבן, וויפֿל מענטש־ליבשאַפֿט אינעם ליד איז דאָ. איז די ליבשאַפֿט אינעם דאָזיקן פּערפֿעקטן ליד נישט נאָר פונעם פּאָעט צום מענטשן, ער געפינט אויך ליבשאַפֿט אינעם מענטשן צו אים. ביידע פֿאַרבינדט איין צער, ביידע טראָגן אין זיך אַ נע־ונדישן עלנט. כאָטש מעמפּיסאָ, „די שוואַרצאויגיקע אוזבעקין" לעבט אין דער אייגענער היים אירער. סע איז דער נע־ונד פון דער בלוטיק־צערודערטער וועלט, וואָס דערגרייכט אפילו דעם מענטשן, וואָס זיצט אונטער זיין פייגנבוים, אין שאָטן פון זיין אייגענעם דאַך.

אברהם זאַק האָט אין זיינע לידער אַ וועלט מיט פּייזאַזשן, מיט שטימונגען פון כלערליי לענדער. ליטע און פּוילן, פֿראַנקרייך און אַרגענטינע, סיביר און אוזבעקיסטאַן — אומעטום וווּהין דער גורל האָט אים פֿאַרוואָרפֿן אין די יאָרן פון נע־ונד, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דאָס ליד זיינס. אין אַ סך לענדער איז ער באַשרייבעריש, אָבער לרוב נעמט ער אויף די לענדער טיף ליריש, בפֿרט די לענדער, וווּהין די שטורמישע כוואַליעס פון דער צייט האָבן אים פֿאַרשליידערט. נאָך פֿאַר דער מלחמה, אין די אָנהייב דרייסיקער, האָט שוין זאַק געוואַנדערט איבער לענדער. אָבער ווי אַנדערש די לידער פון יענער צייט זענען פון די לידער, וואָס דערציילן שוין נישט פון וואַנדער, נאָר פון נעוונדישקייט. איין ליד איז ביי אים דאָ, ווו ער באַזינגט דעם רהיין. דאָס ליד האָט ער געשריבן מיט יוגנטלעכן ברען, מיט התלהבות, וואָס טראָגט אין זיך דעם חותם פון היינעס „לאָרעליי". ער איז צוריקגעקומען צום רהיין, שוין נאָך דעם עינוים נע־ונד, ווען

און אין לבנה־נעכט איצט לאָקט נישט מער די לאָרעליי,
נאָר קדושים קרעכצן, יאָמערן אויף פֿריען טויט.

דער פּאָעט איז פון רוסלאַנד צוריקגעקומען קיין פּוילן און די לידער פונעם חורבן פּוילן זענען פול מיט ווייטיקדיקן פּאַטאָס. אינעם ליד ביים געשענער בית עלמין האָט זאַק אַ שורה, וואָס גייט נאָך,ווי אַ מין לויטערער קאַשמאַר:

סע שטאַרבן שוין מער נישט קיין ייִדן...

גראַד אין אַט דער שורה, אַז יידן שטאַרבן שוין מער נישט אין פוילן, איז דאָ מער געפייניקט געשריי, ווי אַז דער פאָעט וואָלט געזאָגט, אַז יידן לעבן שוין מער נישט אין פוילן. האָב איך געזאָגט, אַז די לידער פונעם חורבן פוילן זענען פול מיט ווייטיקדיקן פּאַטאָס, וואָרעם אין די טרויעריקסטע לידער זיינע איז דאָ אַ פּאַטאָס, — אַמאָל אַן אָפּענער, אַמאָל אַ טיף־באַהאַלטענער.

אברהם זאַק איז אַ פּאָעט, וואָס פון זיינע לידער קענט איר צונויפשטעלן די ביאָגראַפיע זיינע. דאָס איז אויך אַ פּאָעטישער שטריך פון די קלאַסישע ראָמאַנטיקער. דערביי דאַרף מען אָבער קוואַליפיצירן זיין ביאָגראַפישקייט אין די לידער: ער שטעלט נישט אַרויס זיך, — ווי אַ טייל פּאָעטן טוען, — אָדער ווי אַ דורכגעליטענעם, אָדער ווי אַ מענטש וואָס איז פול מיט מאָראַלישע טענות. זיין ביאָגראַפישקייט איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ שטיל־באַשיידענע, ער רירט אָן די אייגענע סטרונעס מיט דינע, ציטערדיקע פינגער. אַפילו, אַז אַ ליד זיינס איז טעמאַטיש, איז עס אָבער מער ליד ווי טעמע. ער איז באַשיידן אפילו צו עקספּערימענטירן מיט פאָרמען, ביי אים איז דער עיקר אויסצודריקן זיך אַליין, איך וואָלט געזאָגט, זיך אַליין צו דאָקומענטירן.

אין די יינגערע יאָרן, פאַרן חורבן בית ישראל, האָט אברהם זאַק געצאָלט צינדזן דער צייט און דער יידיש־שרייבערישער סביבה אין וואַרשע. סע איז געווען די צייט, ווען הערש דוד נאָמבערג האָט אין ליטעראַטן־פאַראיין געטאַנצט. סע איז געווען די צייט, ווען די יידישע ליטעראַטור אין פוילן האָט אויסערלעך געוואָלט אָננעמען די גרויסשטאָטישע, גוייִשע פאָרמען. געפינען מיר ביי זאַקן לידער פון טאַנגאָטאַנץ, מיר געפינען ביי אים לידער, וואָס דאַרפן זיין ווינעריש ריטמיש־צעכראַסטעט. אָבער די איינגעבוירענע יידישע פרומקייט איז אים ביינגעשטאַנען, אַז ער זאָל נאָר דורכוואַרפן אַזעלכע לידער און זאָל זיך אַליין כאַפּן, אַז פאַר זיין ליטווישער באַשיידנקייט, כמעט אַסקעטישקייט, איז די טאַנגאָ אַ פאַלשע מאַסקע. ער קומט באַלד צוריק צו זיך, צו דער אייגענער פּאָעטישער שטילקייט, צום נשמהדיקן צימצום אין זיך.

פון די יאָרן אין רוסלאַנד האָט אונדז זאַק געגעבן פּראָזע־דאָקומענ־טן, וואָס זענען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור. נאָר זיין חורבן איז אַן אַנדערער, — סע איז נישט דער פיזישער חורבן, נאָר דער גייסטיקער מענטש־חורבן. אין זיינע לידער האָט ער אונדז געגעבן אַ העכערע דאָקומענטאַציע, אַ טיף־פּאָעטישע, פונעם מענטש־חורבן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַ בן־ששים

דער שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס לעבט איצטער אין בוענאָס־איירעס און פאַרנעמט דאָרט אַ זייער אָנגעזעען אָרט, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער פרעסע און סיי אין דעם נאַציאָנאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אָנהייב היינטיקס יאָר אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. נו, פרעג איך אייך, וויאַזוי פאַרשווייגט מען אַזאַ געשעעניש? און דער עיקר איז דאָך, אַז עס איז דאָ אַ יידישער שרייבער היינטיקע צייטן, וואָס דערוועגט זיך צו זיין אַזוי יונג און זאָל זיך אַפילו נישט פאַרענטפערן פאַר אונדז, וואָס גייען ווייט אין די זיבעציקער.

מילא, וועלן מיר אים מוחל זיין די רעלאַטיווע יונגשאַפט זיינע — מיר וועלן זי נאָך אפשר בענטשן, — און אַ קוק־טאָן אויפן מענטשן, וואָס וווינט אויף דער גאַס דיאַז וועלעס אין בוענאָס־איירעס און איז דאָרטן אויסגעקאָכט אין דעם שעפערישן יידישן לעבן. עס איז אָבער פונדאַמענטאַל פאַלש, אַז ער איז „אויסגעקאָכט" נאָר אין אַרגענטינער יידישן לעבן, — ער איז אַ צאַפּלדיקער מיטלעבער מיט יידישער שעפערישקייט איבער גאָר דער וועלט און טראָגט־צו אַ היפּשן חלק צו דער יידישער שעפערישקייט אין לענדער און וועלט־טיילן, ווו דאָס יידישע וואָרט איז גייסטיק אַריינגעוועבט אין דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איז בעת איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ שטיקל דין־וחשבון וועגן דעם יונגן פריינט מיינעם, דעם בעל יובל פון קוים זעכציק יאָר, האָט מיר אַ לויכט געטאָן די פּאָעמע זיינע „אַ שטוב אין שטעטל". האָב איך מטריח־געווען דאָס פון דעם ביכער־שראַנק אָרעם־געבונדענע ביכל און זיך פאַרטיפט אין דעם. אמת, אָנהייב 1959 האָב איך שוין געשריבן איבער „אַ שטוב אין שטעטל", אָבער געוואָלט האָב איך זען, צי אַ צענדליק יאָר נאָכן ערשטן מאָל לייענען דאָס דאָזיקע ווערק וועל איך איצ־

טער, היפּש עלטער ווי דאַמאָלסט, ווידער לייענען מיט אַ מין פּאַרכאַפּט־קייט די איבער 120 זייטן, — געזעצט געדיכט, מיט קליינער שריפט.

דער עיקר: צי וועל איך אין דער פּאָעמע דערשפּירן נייע איבער־לעבונגען, — צי וועל איך אין איר אַנטפּלעקן עפּעס, וואָס דאָס פריער־דיקע מאָל האָב איך נישט דערזען. דאָ וועל איך זיך דערלויבן אָפּצוגיין אין דער זייט פון אַריינברענגען אַ מאמר המוסגר, און נעמלעך: אַז אמתע פּאָעזיע ווערט קיינמאָל נישט אָן די פרישקייט, אַפילו אַז איר לייענט זי ווער ווייסט וויפיל מאָל. ריזיקירן וועל איך און אַפילו זאָגן, אַז אין אמתער פּאָעזיע אַנטפּלעקט דער לייענער אַלעמאָל נייע אימאַזשן, פרישע שטימונגען, ניי־אויפגעלויכטענע געדאַנקען.

מיט אַט־דעם צוגאַנג האָב איך ווידער געלייענט יאַנאַסאָוויטשעס „אַ שטוב אין שטעטל" און אויפסניי איז זי פאַר מיר געוועזן אַנטפּלע־קעריש. נאָר איידער איך וועל אַביסל אַרומרעדן די פּאָעמע, וויל איך, אַז דער לייענער זאָל וויסן, אַז יאַנאַסאָוויטש האָט געשריבן אַ בוך פּראָזע, וואָס איז אויך אַ שטיק שעפערישע רוי־ערד, — דאָס בוך וועגן יידישע שרייבערס אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָן יאַנאַסאָוויטשעס בוך וואָלט אונדז אַ סך געפעלט צום פולן בילד פון דעם יידיש־שרייבערישן מאַר־טירערטום אין דעם „סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד".

ווי קומט יאַנאַסאָוויטש צו וויסן אַזויפיל און אַזוי נאָענט וועגן יידיש־סאָוויעטישע שרייבער? איז די מעשה גאָר אַ פּשוטע: ער איז אַ פּוילישער ייד און, אַז היטלער איז באַפאַלן פּוילן, איז ער, ווי טויזנטער אַנדערע, געלאָפן צום מזרח, — סאָוויעט־רוסלאַנד. געלעבט האָט ער אין מאָסקווע, אין קאַזאַכסטאַן און אַנדערע טיילן פון דער סאָוויעטישער אימפּעריע און מיט די דאָרטיקע יידישע שרייבערס איז ער געווען אין חבריש־קאָלעגיאַלע באַציונגען. איז דאָס בוך זיינס איבער די יידישע קינסטלער אין רוסלאַנד זייער אַ וויכטיקס, אָבער מעסטן וועל איך יאַ־נאַסאָוויטשן מיט דער קינסטלערישער מאָס פון דער פּאָעמע זיינער „אַ שטוב אין שטעטל".

אַן עפּישע פּאָעמע, אַ דערציילערישע, איז די שווערסטע פּאָעטישע פאָרמע. אַז מע וויל זיין אַ מקיל, קען מען זאָגן, אַז זי איז אַ סך אַ גרינגערע פאָרמע, ווי אַ קליין לירישׁ ליד. דער פּאָעט, וועט איר זאָגן,

דערציילט דאָך אַ מעשה, ער ציט אַ דערציילערישן פאָדעם און כל־זמן ער האַלט דעם דערציילערישן פאָדעם אין די געניטע פּאָעטישע הענט זיינע, איז ער אויף פעסטן באָדן. אין אַ קליין ליד, בפרט אַ לירישס, דאַרף דער פּאָעט שאַפן די אַטמאָספערע אין עטלעכע שורות און דער צמצום איז די הויכע מדרגה אין פּאָעזיע.

אַז איר וועט זיך אַזוי אויסטענהן מיט מיר, וועל איך אפשר מסכים זיין מיט אייך, נאָר מוסיף זיין וועל איך, אַז נאָר ביז אַ גראַד גייט מיין הסכם מיט אייך. וואָס איז דער גראַד? דער פּאַרנעם פון דער דערציי־לערישער פּאָעמע, די מייסטערשאַפט אין בויען דעם נאַראַטיוו און דער טיפער אַריינדרינג אין מענטשן, וואָס פון זיי דערציילט זיך, און דער פולער אויסלעב פון דער סביבה, וואָס אין איר ווערט די פּאָעטישע דערציילונג אויסגעוועבט.

היינטיקס מאָל, אַז איך האָב געלייענט די פּאָעמע, האָב איך אין איר אנטפּלעקט אַ דינעם מענטשלעכן דראַמאַטיזם, וואָס איז זייער ווייניק בנמצא אין די נאַראַטיווע פּאָעמעס אונדזערע. דער דראַמאַטיזם יאַנאָסאָוויטשעס איז כמעט נישט קיין אַרויסגערעדטער, נאָר אַ נשמהדיק ראַנגלעניש אין דעם מענטשן אַליין. ער באַמאָלט דעם טאַטן זיינעם, — ייד אַ שוויגער, וואָס האָט מיט דרויסנדיקער הכנעה איבערגעטראָגן כל הפורענויות שבעולם, — און אַז באַקלאָגן וויל ער זיך אויפן אָרעמאַנס גורל, איז די באַקלאָגעניש נאָר אויף די יידישע שטיוול:

> פאַרוואָס אין דער תורה דיינער, גאָט, האָסטו
> רו פאַר אָקסן און פאַר אייזלען אָנגעשריבן,
> און נאָר פאַר שטיוול יידישע קיין ביסל רו,
> קיין שבת־טאָג אַפילו נישט באַוואָרנט?

דער איינדרוק פון די יידישע שטיוול, וואָס אַן אָרעמאַן אַ האָרע־פּאָשניק טראָגט זיי, איז אַ סך אַ שטאַרקערער, ווי דעם מענטשנס באַ־קלאָגעניש. און, אַז דער טאַטע זיינער דער גאַרבער קומט פרייטיק כמעט דער לעצטער אין מרחץ אַריין און דער בעדער מוסרט אים „מיט רייד ווי בעזעמלעך — שטעכיקע און האַרטע”, איז דער שטילער ייד ממש דראַמאַטיש אין זיין שטילקייט. פאַרשעמט ענטפערט ער אויף דעם בע־דערס טענות:

חלילה, וואָס פעלט אייך איין, ר' דוד?
וואַרטן גאָר?
וואָס קומט עס מיר אַזויפיל כבוד?

און ווי טענהט זיך דער ייד דער אויסן מיטן רבונו־של־עולם? איז נישט קיין גביר, מילא — פטור. אַפילו ווייך אויף קידוש, אַז עס איז נישטאָ, איז אויך מילא. „נאָר, גרויסער גאָט, עס וואָלט דיר דען געשאַט, אַז איך וואָלט לחם לאכול כאָטש צו דער זעט געהאַט?" מיר האָבן סיי אין דער וועלט־ליטעראַטור, סיי אין דער יידישער, דראַמאַטישע טענות צום בורא עולם, נאָר די שטילע טענה וואָס יאַנאַסאָוויטש לייגט אַריין אין מויל פון זיין טאַטן דעם גאַרבער, איז דראַמאַטישער פון זיי אַלע. טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז אַזאַ שטילע, איז אַזוי דראַמאַטיש.

אַז ער מאָלט די נויט אין ווינטערדיקע טעג און נעכט, ווערט איר דורכגענומען פון דעם שוידער. „בלויז ווינט און קרירה האָט זיך דאָרט געכאַוועט". פון די ווענט האָט „געשימערט מיט גרויען אייז" און די מייז אין די לעכער זענען אויסגעגאַנגען פון קעלט. אָרעמקייט, הונגער, קעלט און פאַרפרוירעניש, אָבער אין די מענטשן איז געבליבן אַ מענטש־ווערדע, וואָס דער פאָעט וויל אַ ביסל אידעאַליזירן, אָדער פשוט דער־פאַר, וואָס ער אַליין איז אַ מענטש פון הויכער ווערדעקייט.

אַ פעטער האָט ער געהאַט, — נישט וויכטיק צי באמת טאַקע, צי נאָר אַ שרייבעריש־אויסגעפאַנטאַזירטער, — איז ער געווען דער היפוך פונעם טאַטן זיינעם. דער פעטער העניך איז געווען אַ ייד פון דער „הויכער שמונה־עשרה". ער האָט, ווי מען זאָגט אין אונדזער בעסאַ־ראַבישן יידיש, געוואָלט פאַרזשערען די וועלט. מאָלט יאַנאַסאָוויטש דעם פעטער העניך מיט אַ סך דראַמאַטיזם. ער פירט מחלוקתן, אָט דער פעטער, ער איז געווען רייך און איז נידעריק אַרונטערגעפאַלן פון דער מדרגה. קהל וויל אים צוריקשטעלן אויף די פיס, אָבער ער איז איינ־געשפּאַרט, אַ ייד אַן עקשן, וואָס רק ער דאַרף זיינס אויספירן. אַז דער פאָטער האָט אים געוואָלט אַרויסהייבן פון זיין פאַרזונקענקייט, האָט ער אים געענטפערט:

וואָס דרשנסטו מיר מוסר־רייד?
האָט ער, צום טאַטן הויך געשריגן. —
כ'ווייס אויך נאָך וואָס איז פסוק שטייט,

אפרים אויערבאך

אונ וואס דער פסוק האט פארשוויגן
ווייס איך אויך. עין תחת עין, הערסט?
דאס איבעריקע איז אלץ א גראבער ליגן.

האב איך ציטירט די פריערדיקע שורות און אנדערע סטראפעס, כדי צו ווייזן ווי נאטירלעך ביי יאנאסאוויטשן עס איז דער דיאלאג, אפילו די גראמען זענען אזוי אריינגעוואקסן אין דעם נאראטיוו, אז נאר א געניטער לייענער פון פאעזיע קען זיך כאפן, אז די פאעמע איז א געגראמטע.

א רייך יידיש לשון, א פוילישס, פארמאגט יאנאסאוויטש, א בילדלעכקייט און אן אינעווייניקסטן דראמאטיזם.

אפריל, 1970

משה יונגמאַן, אַ פּאָעט פון ישראל

משה יונגמאַן האָט אָנגעהויבן שרייבן אין איטאַליע, וווהין ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין רזים האָט ער אַפילו אין 1947 אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער, וואָס האָט גע־הייסן „אין הינערפלעט״. ווי קומט ער קיין איטאַליע? געבוירן איז ער גאָר אין גאַליציע, אינעם יאָר 1922. נאָר אַז ער איז נאָך געווען גאָר יונג און די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ער אַריינ־געפאַלן צו די רוסן און זיי האָבן אים פאַרשיקט קיין סיביר, וווּ ער האָט געהאַקט וועלדער. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך דערשלאָגן קיין פּוילן און פון דאָרטן איז ער אָנגעקומען קיין איטאַליע, פונוואַנעט ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל.

איצטער וווינט ער אין טבעון, לעבן חיפה און איז דאָרטן אַ דירעקטאָר פון אַ קינדער־שולע. דערצייל איך דאָס אַלץ, וואָרעם מיר דאַכט זיך, אַז די ביאָגראַפיע זיינע האָט גאָר אַ גרויסע שייכות מיט זיינע לידער. דאָס לידערבוך זיינס, „שמייכלען פון ארץ הקודש״, דאַרף אייגנטלעך זיין דאָס פערטע בוך זיינס, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין פּאָעטישן פאַרנעם שטייט עס באַזונדער פון די אַנדערע ביכער זיינע.

כאַראַקטעריזירן אַ פּאָעט אין עטלעכע ווערטער איז אי אוממעגלעך, אי אומגערעכט צו אים, דעם פּאָעט. נאָר פּאָרט זוכסטו דעם צד השוה אינעם פּאָעטס שאַפונגען, די שאַרפסטע שטריכן אין זיינע לידער, וואָס זענען בולטער פון די אַנדערע. משה יונגמאַן וואָלט איך דערפאַר גע־זאָגט, איז דער פּאָעט פון „רעאַליסטישן סימבאָליזם״. אויבנאויף קען זיך אויסדאַכטן, אַז די צוויי פּאָעטישע אייגנשאַפטן זענען סותר איינס

דאָס אַנדערע. רעאַליזם איז דער היפוך פון סימבאָליזם און אַקוראַט אַזוי איז סימבאָליזם דער היפוך פון רעאַליזם.

ביי משה יונגמאַנען' ווי ביי אַנדערע פול־איבערלעבערישע פּאָעטן, איז די דאָזיקע סתירה אָפּגעווישט. ער טראַכט נישט אויס קיין אימאַזשן. ער זינגט נישט סתם לידער אין דער וועלט אַריין. אַלצדינג איז ביי אים סאָליד איינגעוואָרצלט אין דערווירקלעכקייט, נאָר ער פאַרמאָגט דעם פּאָעטישן כוח צו דער הייבן די ווירקלעכקייט צו אַ הויכן סימ־באָליזם.

דאָס איצטיקע בוך הייבט יונגמאַן אָן מיט אַ ליד „על נהרות" און, אַז איר זאָלט פּרווון אויסטייטשן די עלף שורות פונעם ליד, וועט איר זיך כאַפּן, אַז איר האָט נישט קיין אויסטייטש פאַר זיי. דער מיין גייט אָבער אַ סך טיפער, ווי דער טייטש וואָס איר וואָלט געקענט געבן. אַ פּאָעטישער מיין איז דאָ, וואָס וואַקסט אַריבער דעם שׂכל, וואָרעם ער איז די קווינטעסענץ פון דעם מענטשנס איבערלעבונג. וואָס, אַ שטיי־גער, קענט איר אַריינטייטשן אין אַזעלכע שורות? —

אונדזערע פידעלעך לאָמיר אויפהענגען
איבער אונדזער אָפּענער וואונד.
די גאַסן וויינען אין ירושלים,
נאָר נישט אָפּגעטריקנט אונדזער רעכטע האַנט.

אָדער שורות פריער: „קיינער האָט אונדז נישט פאַרשטאַנען, אפשר וועלן שטיינער אונדז היינט פאַרשטיין?" דער מיין זייערער איז אין דער פּאָעטישער איבערלעבונג. דאָס ליד האָט ער געשריבן אין 1965 און נאָך מיר קומט אויס, אַז דאָס איז איינס פון די שטאַרק־סטע צער־לידער אויפן גורל פון ירושלים אין פרעמדע הענט, וואָס איז דאָ אין אונדזער פּאָעזיע. און באַלד דערנאָך גייען פינף לידער אונטערן כוללדיקן נאָמען „כותל מערבי", וואָס כאָטש ער באַזינגט נישט די באַפרייונג פון דער וואַנט' איז אָבער דאָ, ביים לייענען די לידער, דאָס געפיל פון דער הויך־פּאָעטישער פרייד, וואָס —

מיטאַמאָל האָבן זיך געזען שטיין
אין שפּיץ פון דורות און דורות.
מיטאַמאָל זענען פליגלען געוואַקסן אין אונדז
צו דער זון.

געסלעך שמאָלע
זענען מיטאַמאָל ברייט געוואָרן...

און ווייטער:

אונדזערע פּנימער
האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשפּיגלט אין שויבן.
מיר האָבן דערזען זיך
אַנדערש —
אוראַלט.

משה יונגמאַנס לידער זענען אָנגעגליט מיט ליבשאַפט צום לאַנד, אָבער ער רעדט נישט דערפון, איר שפּירט די ליבשאַפט אין די אי־מאַזשן, אין די פולע שורות, אין אַ זייטיקן זאָג, ווי: „מיט הונדערט דורות שפּאַנען הינטער פליִיצעס, אַ ייִנגל בין איך. רחל איז מיין מאַמע, מיין באָבע איז שרה בת־טובים". דער פּשוטער שכל איז, דאַכט זיך, אַז שרה בת־טובים איז נענטער צו אונדז, ווי די מוטער רחל, ווי־זשע קומט זי צו זיין די באָבע און רחל די מאַמע? נאָר אין פּאָעטישן געמיט איז רחל נענטער, ווי שרה בת־טובים און משה יונגמאַן אָפּערירט אין זיינע לידער מיטן סאַמע ריינסטן פּאָעטישן געמיט.

ער רייט אויף „אַ פּייערוואָגן" און ער יאָגט „אַריבער די ציטער־דיקע אותיות פונעם סידור" און די פרייד באַפרייט ער פון דער קייט, — דאָס אַלץ איז דאָס געזאַנג נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וואָס ער האָט זיך אין איר, ווייזט אויס, אַליין באַטייליקט. איז דאָ דער עיקר דער אופן פון אַרויסזאָגן די איבערלעבונגען, — אַן אופן, וואָס וואַקסט אַריבער סתם ליד און דערגייט צו דער סאַמע העכסטער פּאָעטישער מדרגה: מענטש און ייִד.

אָריגינעל איז די סעריע לידער „אילת". דער שטילער פּאָעט איז גראָד דאָ כוואַטסקע, נאָר מיט אַ פרומקייט, וואָס דערמאָנט אַ חסידישן יונגנמאַן, וואָס אָט וואַרפט ער האַנטעכער אויף אַנדערע יונגעלייט און אָט זיצט ער איבער אַ ספר און שאָקלט זיך מיט גרויס התלהבות. —

שריי איך נישט אני שלמה. ס'איז מיין אשמדאַי
אַ בחורל אַ שוואַרצס, וואָס פירט מיך אום אין שענקען,
וואָס מאַכט ביים גלעזל אַראָק מיך געדענקען,
אַז ס'איז אילת אַ נייע, אַז אויך איך בין ניי...

וואָלט איך געקענט ברענגען אַן אַ צאָל שורות און גאַנצע לידער

וואָס באַווייזן יונגמאַנס פּאָעטישן גאַנג פון רעאַליסטישן סימבאָליזם, נאָר אויסקלייבן קליינ איך אויס עטלעכע שורות, וואָס לדידי זענען זיי רעפּרעזענטאַטיוו, דערפאַר וואָס אי זיי זענען ליריש, אי זיי זענען סימבאָליש :

מיט די קליינע טריט פון אַ קינד קאָן מען נאָך אַלץ
אויסמעסטן צען מאָל, הונדערט מאָל,
דעם זעלבן וועג.
אַרומגיין דעם אייגענעם שאָטן,
נישט פילן ווי ער ווערט אַלט.

רעדט נישט דער פּאָעט פון אַלט ווערן, נאָר ער שאַפט די אַט־מאָספערע פונעם דאָזיקן אומפאַרמיידלעכן מצב ביים מענטשן. יאָ, קינ־דער קענען אַלץ, אַפילו —

כאַפּן אַ שטיקל הימל אין האַנט,
מיינען : די וועלט איז בלאָ...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד איז דער פּאָעט אַליין, וואָס כאַפּט אַ סך מאָל אַ שטיקל הימל אין דער האַנט און רעדט זיך איין, אַז די וועלט איז בלאָ.

ווי געזאָגט, באַזינגט נישט יונגמאַן ישראל, — ער איז בכלל נישט קיין באַזינגער, אָבער פון די פּשוטסטע שורות זיינע וואַקסט דאָס גע־זאַנג פונעם לאַנד. נעמט למשל, דאָס ליד „צפורי״, — דערציילט זיך דאָ ווי אַ מיידל גייט צום קוואַל פון צפורי און ווי זקנות רעדן אויף איר לשון הרע, בעת זי ווערט „צווישן קוסטעס גאָלד פאַרפאַלן. זקנים האָב אויך, במחילה, נישט פיינט אַביסל רכילות, נאָר דאָס מיידל —

לויפט מיט פולע הימלען צווישן אָרעמס
צו די קוואַלן זוניקע צפּוריס...

איר האָט נישט אין דעם ליד קיין סימן פון תנ״כישקייט און דאָך איז עס פול מיט תנ״כישן אַראָמאַט.

גאָר פאַרכאַפּט האָבן מיך די לידער פון סיביר. ווי איך האָב שוין צום אָנהייב דערציילט, איז משה יונגמאַן געווען פאַרשיקט קיין סיביר, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז דעמאָלסט געווען אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן און אין אַט־דעם יונגן עלטער האָט ער געהאַקט וועלדער און געלעבט אונטערן שווערן סטאַליניסטישן

רעזשים. איז אין ערשטן ליד פון סיביר זענען געגנוג די דריי לעצטע שורות פונעם סאָנעט:

דאָ וועל איך גאָרנישט קאָנען מער פאַרשרייבן,
חוץ מיינע טויטע פייגל, מיינע טריט,
וואָס קיינער אין דער ווייסקייט הערט זיי נישט.

די סיבירער סעריע לידער איז, דאַכט זיך מיר, די קרעפּטיקסטע, די פיל־זאָגעוודיקסטע, וואָס דער פּאָעט האָט געשאַפן. דער פּאָעט דערגייט צום העכסטן שוידער, אַז ער זאָגט: „געבליבן ווערטער בלויז, אַפילו נישט קיין וועלף״. איז ער רעאַליסטיש, צי סימבאָליש־בילדעריש, נאָר איר ווערט אויפגעציטערט פון אַזעלכע ווערטער:

מ׳עסט דאָ זעגעכץ,
סע איז קלאָר ווי מעל,
איידער סע ווערט פאַרפרוירן,
ליגט עס אויף דער צונג
און וואַרעמט...

נייִן, ער דערציילט נישט פון טויט, נאָר „נעמען זענען קליין געוואָרן. זיי ליגן באַהאַלטן הינטער אַ וואַלד. ביינאַכט קום איך אין חלום זוך מיט אַ לאַמטערן: דער נאָמען נאָך דאָ, דער נאָמען אויך דאָ, און דער — שוין האַלב אָפּגעמעקט״.

דאָס בוך, וואָס דער פאַרלאַג „המנורה״ האָט אַרויסגעגעבן זייער שיין, פאַרנעמט אַרום 170 זייטן און איז איינע פון די גאָר שיינע מתנות, וואָס ארץ־ישראל האָט צוגעטראָגן דער ליטעראַטור אונדזערער איבער גאָר דער וועלט.

יולי, 1969

אין טרויער שיינט די זון

דער פּאָעט, מיין איך, עפנט די פּאָרטעטשקע צו זיך אַליין מיטן אייגענעם אופן פון זיין בילדלעכקייט. לכל הפחות פאַר מיר איז דער אופן פונעם פּאָעטס בילדלעכקייט דער צונויפגעזאַנג פון די ווערטער, דער חזיון זיינער, — דאָס פּאָעטישע געציִיג זיינס, הייסט עס, — דער אַריינפיר אין דער וועלט זיינער. אַוודאי, תוכן איז עיקר שבעיקרים אין פּאָעזיע. אָבער די פּאָעטישע באַזונדערקייט אינעם פּאָעט, די פּערזענ־לעכקייט זיינע, איז דער אופן ווי ער דריקט־אויס דעם תוכן. דער פּרוווּ־שטיין איז: אַ שורה, וואָס נאָר ער האָט זי געקענט אָנשרייבן, וואָרעם זי טראָגט זיין פּערזענלעכקייט.

אין איר בוך, „ליכט פון דאָרנבוים" האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי ממש מיך אַ כאַפּ־געטאָן מיט אַ בילדלעכקייט, וואָס איז די סאַמע פשטות און דערפאַר אַזוי טיף־זעעריש. עס איז קיין חכמה נישט סתם צו שרייבן בילדעריש. דער אימאַזש דאַרף זיין צונויפגעוואַקסן מיטן ליד. ער דאַרף זיין דער תמצית פון דער פּאָעטישער איבערלעבונג. קאַדיעס בילדלעכקייט איז כולל דעם געדאַנק, די שטימונג דעם גאַנצן פּאָעטישן ציטער אירן. אַז זי וויל, אַז —

> אַ שעפּסעלע באַדעקט מיט ווייסע וואָלן
> זאָל פּאַשען זיך אַליין —
> און איך זאָל זיין אַ פּאַסטעכל
> ביי גאָט, —

איז נישט שייך צו זאָגן, אַז איר ווייסט אַקוראַט וואָס זי מיינט דערמיט. איר ווייסט אָבער אַ סך מער דערפון. איר דערשפּירט אי דעם טרויער, אי די פּאָעטישע שיינעוודיקייט, אי אַ וויזיע, וואָס דערהויבט די שורות צו הויכער פּאָעזיע. ביי איר האָט „די שטילקייט וואָג פון אַ זיידענעם ווינט" און אַן עלנטער מענטש „מאָנט פון חלום די חובות". גאָט וועט

צושיקן „דעם קליינעם מלאך". זאָגט זי אין אַן אייגנאַרטיקן טרייסט־ליד, און —

מיט אַ קאַנטשיקל פון זון און שטערן
וועט ער אָפּשטויבן פּאַרוויר.

קאַדיעס לידער זענען טרויעריקע, נאָר אינעם בילדלעכקייט זייערן ווערט דער טרויער אויסגעלייזט. זי איז אַנדערש אינעם איצטיקן בוך, ווי אין די פריערדיקע, וואָס האָבן זי אַוועקגעזעצט אין דעם מזרח פון דער יידישער פּאָעזיע. דאָ האָב איך אינזינגען „חשוונדיקע נעכט" און „דזשיקע גאַס". אין יענע לידער איז זי געווען קאָנקרעט. זי האָט דער־הויבן די יידישע אָרעמקייט מיט קרעפּטיקער בילדלעכקייט. אָבער אַפילו דעמאָלט האָט זי געשריבן אירע קלאַסישע קינדער־לידער, וואָס זענען חלום און שפּיל, וווּ דאָס אָרעמשאַפט דערציילט זיך ווי אַ מעשהלע. אין די איצטיקע לידער, — דער רוב זייערער ריין־יחידישע, — איז דער פּאָעטישער מעסאַד דער אייגענער: אַ מעשהלע פונעם מענטשנס טרוי־ער. אַפילו אַזאַ טיף־טרויעריק ליד וואָס דריקט־אויס דאָס צייטווייליקייט פונעם מענטשנס לעבן, איז אויך ביי איר אַ טרויעריק מעשהלע, — ווי זי איז אויף אַן אינדזל, זי איז „נישט יונג און נישט אַלט"... זי ענדיקט דאָס טרויער־מעשהלע מיט איין אויפבליציקער שורה:

איך בין פּשוט ביי גאָט אויף אַ וויל.

אין די לירישע לידער אירע איז גאָט — אָדער דער מיטגייער מיט איר, אָדער זי איז די קומערין צו אים. ביי אַן אַנדער פּאָעט, וואָס וואָלט אַזויפיל געהאַט אַ שייכות מיט גאָט, וואָלטן מיר אפשר געמאָנט פרומ־קייט, — פּשוט, יידישע אמונה. ביי איר אָבער פילן מיר, אַז גאָט איז, ראשית, ביי איר אַ מין פאָלק־צונויפבונד און, שנית, איז ער אַ פּאָעטי־שער גאָט, וואָס האַלט פאַר איר „אַ לאָמפּ פון האָפענונג, פון ווייסע בערג דעם בלענד". אַ מעשהלע־גאָט איז ער ביי איר. אַמאָל איז ער גאָר אליהו הנביא, — דער גוטער אַלטיטשקער אונדזערער.

קאַדיע וויל זען דעם „געבענטשטן מאָרגנשטערן", נאָר „דער וואָלקן פון מיין האַרץ פאַרשטעלט פון מיר דיין ערשטע שיין". אַזאַ טיפער טרויער וואָלט אין אייך אַרויסגערופן אַן אימה פינצטערניש, אָבער אַז זי מאָלט בילדער, ווי „סע שפּרינגט אַ קעצל אויפן פלויט פאַרטאָג, צו זען

דיין ערשטע שיין", צי „אַ קינד רייסט־אויף די בלויע אייגעלעך פאַר־טאָג", אָדער „דער אַלטער קלעזמער שפּילט אַ ניגון־אויף פאַרטאָג", — ליכטיקע בילדער, וואָס מיט אַ וואָלקן אין האַרצן קען זיי אַ פּאָעט נישט איבערלעבן, — ווערט גאָר קאַדיעס וואָלקן אָנגעטרונקען מיט „גע־בענטשטן מאָרגנשטערן". פרעג איך, חלילה, נישט אָפּ דעם „וואָלקן אין האַרצן", נאָר די פּאָעטישע בילדלעכקייט אירע שטאַרקט זיך איבער אים אזן איז אים ממש מנצח.

די הויכע פּאָעטישע פאַנטאַזיע אינעם חורבן־ליד „מירן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל", איז איינע פון די שענצטע שאַפונגען פון דעם מין אין אונדזער פּאָעזיע. דער אויסדרוק „שענצטע" איז אפשר פרעמדלעך בנוגע אַ ליד וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן חורבן־טרויער, אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס ליד איז אַזוי פול מיט פאַנטאַזיע און אַזוי שיין, איז עס טיפער און אויך טרויעריקער. אַז זי זאָגט:

> נישטאָ דער האַרציקער דלות, וואָס זאָל קומען אַנטקעגן
> ווי אַן אָרעמע מאַמע איז ליבע פאַנטאָפל, —

האָבן מיר דאָס פולע בילד פונעם אומגעבראַכטן שטעטל. אָבער מיר האָבן אויך גרויס־מענטשלעכע ליבשאַפט, וואָס איז אַליין אויסלייזעריש. קאַדיע באַרגט „אַ סמיקל ביים בורא פון אויבן" אויפצוּוועקן די ניגונים און איר הערט ממש די ניגונים, וואָס זי וועקט־אויף מיטן אויסגעפאַנ־טאַזירטן פידל אירן. גראַד די פּאָעטישע כלומרשטע שפּילעוודיקייט הייליקט דעם חורבן אַ סך מער ווי די לידער, וואָס מאָלן דעם חורבן מיט פינצטערע בילדער.

איז נישט שייך נאָכצוגיין ליד־נאָך־ליד, כאָטש אין לייענען דאָס בוך בין איך זיי נאָכגעגאַנגען. וועל איך נאָך אַ קוק־טאָן אויפן ליד „מיר זענען איצט שוין ווי צווי גרויע טויבן". אַ ליד פון עלטער איז עס, נאָר די עלטער ביי קאַדיען איז נישט קיין טראַגיזם, נאָר געמיט־לעכע חכמה.

> מיר זענען איצט שוין, ווי צווי געטרייע טויבן,
> מיר קריגן זיך אַמאָל צוליב אַ סוועטער,
> דו זאָגסט — ס'איז וואַרעם, איך שריי, ס'אַ קאַלטער וועטער,
> און איבער אונדז דער שמייכל דער פאַרגלעטער
> צינדט אָן אַ יוגנטלעכע שיין.

„דער שמייכל דער פאַרגלעטער" איז קאַדיעס פּאָעטישער אוצר. ער „פאַרגלעט" דעם טיפסטן טרויער, אָבער דערפאַר איז ער ברונעמדיק טיף.

אינעם בוך איז דאָ אַ פּאָעמע, וואָס הייסט „דער שטיינהאַקער פון ראשון" און פאַרנעמט אַכציק זייטן. איז פונעם נאָמען אַליין ווייסן מיר, אַז די פּאָעמע איז אַן ארץ־ישראלדיקע. איבערגעלייענט האָב איך זי עטלעכע מאָל. נישט דערפאַר, וואָס זי איז געשריבן שווער, נאָר גראָד דערפאַר, וואָס צום אָנהייב נאָרט זי אָפּ מיט איר לייכטקייט. אויף דער־פאַר, וואָס אין איר דערציילט זיך כמעט גאָרנישט און דאָך איז זי פול מיט דראַמאַטיזם. דער דראַמאַטיזם פון דער פּאָעמע איז אַן אינערלע־כער, אַ גייסטיק־נשמהדיקער און אויך אַ ראַנגלדיקער. איך וואָלט גע־זאָגט, אַז דאָ איז דער געדאַנקלעכער תמצית פונעם יונגן יידן, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל אַרויסצוראַנגלען פון זיך דאָס לויטערסטע, דאָס דערהויבנסטע, וואָס אַ יידישע נשמה פאַרמאָגט.

די גרויסע מעלה פון דער פּאָעמע איז, וואָס אין איר איז נישטאָ דער „פּיעכאָטנע" ציוניסטישער אידעאַליזם. קיין איין מאָל רעדט נישט די פּאָעמע פון אויפבויען ארץ־ישראל, פון אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, פון שאַפן אַ מדינה. קיין דראַמאַטישע סצענעס זענען איר נישטאָ. די איינציקע דראַמאַטישע סצענע איז, ווי דעם באַראָן ראָטשילדס פּרוי, — די אַריסטאָקראַטיש־יידישע באַראָנעסע, — שטייט אַ פאַרוווּנדערטע לעבן די שטיינהאַקערס און ווערט פון זיי באַצויבערט. אָבער אַפילו אָט־די סצענע איז אויך אַ רוחניותדיקע.

ווער איז דער העלד פון דער פּאָעמע? קיינער נישט. און אפשר איז גאָר דער חלום דער סאַמע גלאָווּנער העלד אירער. נתן, וואָס איז כלומרשט אַן אַפּיקורס, זאָגט: „איך מוז אַ שטיינהאַקער פון חלום זיין". און ברוך, דער עילוי, שרייבט אין אַ בריוו צו לאהקען:

> דער חלום איז קליגער, ווייסט מער און ווייסט בעסער
> און האָט אַ ווייטערע ראיה.

די עטלעכע מענטשן, וואָס פיגורירן אין דער פּאָעמע, חלומען. זיי דערציילן פון זייערע חלומות, וואָס זענען אפשר דער פּתרון צו דער פּאָעמע. די חלומות זענען „קליגער", אָבער ביי קאַדיען זענען זיי טיף־

פּאָעטישע רעיונות. ברוכל, דער עילוי, וואָס איז געבליבן אינעם געמיט זיינעם אַ טראַדיציאָנעל־גלויביקער, חלומט אויף דער וואָר:

דו ביסט אַ ייִד,
ווייל יעדער ייִד
איז סתם אַ ייִד.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז,
אַז ער געהערט צו יעקבס הויז.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז.

קאַדיע האָט גענומען דעם חלום פון אַ דור און אים אויסגעפורעמט אין ריינער פּאָעזיע. די פּאָרעם אפילו איז דאָ אַן אַנדערע, ווי אין די אַנדערע פּאָעטישע שאַפונגען אירע. געוויינטלעך איז איר פּאָעזיע נישט געבונדן מיטן ריטם און מיטן גראַם. אין דער פּאָעמע האָט זי זיך, באַוווסטזיניק און אינטויִטיוו, געצוימט און אַפילו געשאַפן זייער געלונגענע גראַמען. זי האָט, ווייזט אויס, דערפילט די בייטיקייט זיך צו צוימען וואָרעם די פּאָעמע איז אַזוי הויך־פליִעוודיק, אַז אַן דעם פּאָעטישן ציימל וואָלט זי פאַרפליגן צו ווייט.

דער כלומרשטער אפיקורס, נתן, זאָגט ברוכן:

איך האָב אַנומלטן געזען אַ דאָרן אָנגעצונדן,
דאָס פייער האָט אַ פלאַם־געטאָן און זיך צעזונגען.
איך האָב דעם סנה דערזען אין זיינע פייערדיקע וווּנדן
און האָב דעם רויך אַ צי־געטאָן אין מיינע לונגען.

נתן, הייסט עס, חלומט אויך. אמת, ער זאָגט, אַז דער חלום איז „דער יאוש אַ פאַרשטעלטער", אָבער פאָרט חלומט ער. אַפילו, אַז ער זאָגט:

כ'בין אַהער געקומען. כ'האָב צו גאָט אַ טענה
און מיטן מלאך וויל איך ראַנגלען זיך נאָכאַמאָל,
פאַרוואָס האָט ער די בלויע הימלען פון אוקראַינע
פאַר מיר געמאַכט אַ יאַמערטאָל?

איז עס אויך אין תוך חלומדיקע רייד. אָבער דער חלום, וואָס שוועבט איבער דער גאַנצער פּאָעמע, איז אָנגעזוניקט מיטן ייִדישן תוכן. קאַדיע האָט געוואָלט אַריינהאַקן אין שטיין דעם ייִדישן פאָלקס־חלום און געשאַפן אַ רייך־פּאָעטישן, הויך־גייסטיקן לידער־צונויפבונד.

אַפּריל, 1965

וועגן קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

די שווערסטע עובֿדה איז צו רעדן פֿון אַ שרייבער, באַזונדערס אַ פּאָעט, וואָס ס׳איז גרינג פֿון אים צו רעדן. דער פּאָעט, וואָס איר האָט אים ממש אויף דער האַנט, אַזוי קלאָר איז ער אינעם אויסדרוק זײַנעם, אינעם אימאַזש, אין די געדאַנקען, — אָט דער פּאָעט האָט באַהאַלטענע ווינקעלעך, וואָס אַז איר דרינגט נישט אַרײַן אין זיי, באַגייט איר ממש אַ זינד קעגן דעם פּאָעט. נעמט טאַקע, למשל קאַדיען, כאָטש מיר קענען זי אַז זי איז בטבֿע נישט קיין גרינגער מענטש, איז זי אין די לידער אירע, אין אַ סך פֿון זיי, — אַזוי שפּילעוודיק־גרינג, אַז אַן עלטערער ייִד, ווי איך, הויב אויך אָן אונטערצווזינגען ביים לייענען זיי.

נאָר דאָ שטעלט זיך פֿאַר מיר אַ קשיא: זענען קאַדיעס שפּילעוודיקע לידער באמת שפּילעוודיק פּאָעטיש געמיט, זינגט פֿון איר דאָס זינגעוודיקע ליד, אָדער זי שאַפֿט דאָס געזאַנג דורך זינגעוודיקע מיטלען? אפֿשר האָב איך זיך נישט צו קלאָר אויסגעדריקט, וועל איך פּרוּוון זײַן אַביסל קלערער און דער אויבערשטער זאָל מיר העלפֿן.

פֿאַר אַ בײַשפּיל וועל איך נעמען דאָס ליד „אין ירושלים קומען מלאכים”. אין תּוך איז דאָס געמיט פֿונעם ליד נישט קיין גרינגס. וואָרעם רעדט זיך פֿון די טרוקענע ביינער וואָס דאַרפֿן דער־וואַכן. מיט וואָס זשע דערגרייכט קאַדיע די זינגעוודיקע לײַכטקייט פֿונעם דאָזיקן ליד? מיט איבערחזרן אין יעדער סטראָפֿע די צוויי שורות — „ס׳קומט יעדער טאָג איינער, ס׳קומט יעדער טאָג איינער, ביז ס׳וועלן דערוואַכן די טרוקענע ביינער”.

ווייטער אינעם ליד איז דאָ אַ פֿאָלקישקייט, וואָס איז נישט קיין נאָכגעמאַכטער פֿאָלקסמאָטיוו, נאָר איז אָרגאַניש צונויפֿגעוואַקסן מיטן מאָטיוו. די מדרגה פֿון פֿאָלקישקייט איז לפֿי דעתּי אַ העכערע, ווי די

אומגליקלעכע פאַלקסטימלעכקייט, וואָס אַ סך ווילן מיט איר פאַרדעקן זייער פּאָעטישע נאַקעטקייט. אוודאי געפין איך אינעם דאָזיקן ליד אַ גרונט־חסרון קאַדיעס און דאָס איז ווערטער, וואָס הענגען אין דער לופטן. למשל, אין דער ערשטער סטראָפע זאָגט זי:

אין ירושלים קומען מלאכים
און עפענען טירן אין יידישע הייזער,
זיי לערנען די קינדער צו ליב האָבן תורה,
צו שווייגן אין חכמה,
צו ווערן די שפּייזער.

בין איך, ערשטנס, מסופק, צי אין אונדזער שטייגער קומען מלאכים. אליהו הנביא איז יאָ דער אַרומגייער איבער יידישע הייזער, אָבער מלאכים זענען געקומען נאָר צו אברהם אבינו (און קאַדיע האָט טאַקע אַ דערהויבן ליד „די דריי אורחים"). אין יידיש איז דאָ אַן אויסדרוק „אַ פאַרטראָגענער מלאך", וואָס איז גאָרנישט אַזוי געהויבן לגבי דעם מלאך. נאָר מיר האָבן דעם אַביסל אפּיקורסישן זאָג פאַרגיטיקט מיט אַן אַנדער זאָג: „גוט ווי אַ מלאך".

זענען מיר שוין מושווה מיט די מלאכים, האָבן מיר די לעצטע שורה: „צו ווערן די שפּייזער" — די מלאכים הייסט עס, לערנען די קינדער אין ירושלים צו ווערן די שפּייזער. וואָסערע שפּייזער? וועמעס שפּייזער? אַוודאי איז דער גראַם הייזער מיט שפּייזער זייער אַ גוטער, הלוואי אויף מיר געזאָגט. נאָר קשה איז מיר נאָך אַלץ, און קשה איז אוודאי דעם קינד, וואָס לייענט דאָס ליד, וואָס פלוצלינג לערנען מלאכים די קינדער צו זיין שפּייזער.

קאַדיע פילט אַן די לידער אירע מיט פאַנטאַזיע, — טיף דורכגעטראַכטער פאַנטאַזיע, — און אין דעם דאָזיקן זין איז זי איינע פון די גרויסמייסטערס אין אונדזער פּאָעזיע. קאַדיע האָט אָנגעשריבן אַ באמת וווּנדערלעך ליד, וואָס הייסט „בלוי און ווייס". אוודאי, אין אַזאַ ליד קען דער פּאָעט נישט אויסקומען אָן פשטלען זיך. אָבער אונדזער קאַדיע האָט אויף איר שטייגער אַרויסגעזוונגען די פשטלעך: „דאָס בלוי איז פון ים, וואָס גאָט האָט געשפּאָלטן" און ווייס וואָס איז? „דאָס ווייס איז דער אָפּשיין, דאָס ליכט פון נבואה"... זי דערגייט נאָך טיפער מיטן ליד, וואָרעם אין די עטלעכע סטראָפעס צייכנט זי אָן אַ פאַנטאַסטיש־

טרויעריק, העראָיש בילד פון אונדזער גאַנג אין דער געשיכטע.

פריער האָב איך דערמאָנט דאָס ליד „דריי אורחים". ווי געוויינלעך ביי קאַדיען איז עס אַ דערציילעריש ליד און, ווידער ווי געוויינלעך ביי איר, איז עס פאַנטאַסטיש אין דער פשוטקייט. וואַרט דער ייִד אויף די דריי טראַדיציאָנעלע אורחים אונדזערע, וואָס נאָך פון אברהם אָבינוס צייטן קומען זיי צו אונדז אומגעריכט. איז כאָטש קאַדיע האַלט זיך שטרענג ביים נאַראַטיוו, איז אָבער דאָ אַ נאָכקלאַנג, וואָס גיט אייך צו פילן, אַז זי אַליין וואַרט אויף די דריי אורחים און, נאָך ווייטער, אַז מיר אַלע וואַרטן אויף זיי. אַז איך וואָלט געוואָלט זיין עקספּאַנסיוו, וואָלט איך געזאָגט: אַז וויל איז צו דער אומה, וואָס וואַרט אויף די דריי אורחים.

קאַדיע, אַז מיר רעדן אַמאָל פון פּאָעזיע, — און ווען רעדן מיר נישט? — זאָגט: דער עיקר איז די שורה. זי וויל מיר איינרעדן אַז זי איז מבטל כל ערליי אומרעכטן פון אַנדערע שרייבער לגבי איר, לגבי מיר, בכלל לגבי איינער דעם אַנדערן. איז ערשט פאַראַכטאָגן האָב איך אָנגעשריגן אויף איר: קאַדיע, הערט אויף מיט דער שורה, וואָרעם איר זענט נישט קיין שורה־פּאָעט, איר זענט דער פּאָעט פונעם גאַנצן ליד. מיינען מיינט עס, אַז נישט די שורה איז ביי איר בולט, נאָר דער צו־נויפגעזאַנג פון די שורות, דאָס שאַפן דאָס ליד.

איז אין תוך האַלט איך זיך ביים דאָזיקן אָפּשאַץ מיינעם, נאָר אַז איך האָב עטלעכע טעג אַריינגעקוקט אין אירע לידער, זיי איבערגע־זונגען אין זיך אַליין, האָב איך געפונען די שורה, וואָס קאַדיע פּרוּווט מיר אַ סך מאָל מיט איר פאַררעדן די ציין. פאַרשטייט איר דאָך, אַז נישט איין שורה מיין איך, נאָר אַ סך שורות, וואָס זענען צעוואָרפן דאָ און דאָרטן אין די לידער און לויכטן, ווי שטערנדלעך, — יעדער שטערנדל מיט דער אייגענער, טיף־אינערלעכער שיין. נעמען מיר, למשל אַזאַ שורה, וואָס מיט איר הייבט זי אָן דאָס ליד „אחד מי יודע". די שורה לייענט זיך —

יונג זענען די פייגל אין דעם אַלטן לאַנד, —

איז ערשטנס דער קאָנטראַסט: יונגשאַפט פון פייגל, אַלטשאַפט פון לאַנד. צווייטנס, אַז איר זענט געבענטשט מיט אַביסל פאַנטאַזיע, וואַקסט

די איינע שורה אויס אין אייער איבערלעבונג און ווערט פאר זיך אליין א גאנץ ליד. דאס גאנצע ליד איז געבויט טראדיציאנעל־הגדהדיק, נאר ווידער האב איך דא געפונען א שטרויכל: דאס ווארט איבעראל. בפרט אז ס׳שטייט פאר די ידיש־ווארצלדיקע ווערטער נותן מטר, נותן טל.

דערוויל, אין געאייל צו כאפן קאדיען ביי אירע שורות, האב איך איבערגעהיפט דאס ליד „ווידערקול פון ירושלים״. ווידער איז אינעם דאזיקן ליד דא די שכלדיקע לעגענדארישקייט קאדיעס, נאר דריי שורות גייען דא ארויס פונעם שטיגער־געוויינטלעכקייט. זי פרעגט דעם מלאך:

...וואס טראגסטו,\
שליח פון דער וועלט?\
האט ער געזאגט: ירושלים.\
כ׳האב אים געפרעגט: צי האסטו טרייסט פאר מיין הארץ,\
וואס איז געוווּנדיקט פון געבוירן־אן?\
האט ער געזאגט: ירושלים.

מיר דאכט זיך, אז קאדיע האט נאכדעם, ווי זי האט די עטלעכע שורות אנגעשריבן, זיך אונטערגעשעמט, נאר אונדז הייבט נישט אן צו ארן די בושה אירע, — מאלע וואס א ליטוואטשקע קען זיך שעמען, — פאר אונדז האט זי זיך ארויסגעכאפט מיט א טיף־נשמהדיקן אמת.

מיר דאכט זיך, אז כ׳וועל נישט צו ווייט אוועקבלאנדזשען, אז איך וועל זאגן, אז ביי קאדיען ווערט אמאל א ליד געבוירן צוליבן קלאנג פון א ווארט. דער פראצעס, ווי לידער ווערן געבוירן, איז א קאמפליצירטער און, מיר דאכט זיך, אז ער וועט קיינמאל נישט אויפגעקלערט ווערן. נאר קאדיען כאפ איך א סך מאל ממש ביי דער האנט. דאס וווּנדערלעכע ליד „די ווייסע ציג פון כפר סבא״, מאל איך זיך אויס, איז געבוירן געווארן אויף אזא אופן: זי האט געהאט א ווייסע ציג, וואס איז איר נאכגעגאנגען נאך פון בערעזע, אבער ווו באזעצט מען איצטער די ווייסע ציג? און דא האט נאכגעקלונגען דער שיינער נאמען פון דער אלטער קאלאניע אין כפר סבא, האט זי די ווייסע ציג אירע מטריח געווען קיין כפר סבא און, גלייבט מיר, אז זי, די ווייסע ציג, האט דארטן גאר א טייערע מערכה. דאס אייגענע איז געשען מיטן ליד „אויפן הויכן בארג כרמל״, וואס קאדיע האט. סיי די שטוב און סיי די מיידעלעך ווי טויבן זענען אלע פון בערעזע. און ס׳איז א נחת צו זען, ווי סיי די ווייסע ציג פילט זיך גאר

היימיש אין כפר סבא און די מיידעלעך, ווי טויבן און „פּנימלעך ווי זונען קלאָרע״, פילן זיך היימיש אויפן כרמל. צי קאַדיע האָט עס אונדז גע־וואָלט זאָגן צי נישט, איז נישט וויכטיק, נאָר וויכטיק איז, וואָס מיר לערנען פון די לידער, און דאָס איז, אַז גרונטאָוונע ייִדישקייט איז נישט אַנדערש, אַפילו אויף אַזאַ ווייטן מהלך ווי פון בערעזע ביזן כרמל.

כדי נישט איבערצוכאַפּן די מאָס וועל איך אָוועקשטעלן אַ סוף פּסוק און זאָגן: קאַדיע איז אַ וווּנדערלעך צעבליטער צווייג אויפן רייכן בוים פון דער ייִדישער פּאָעזיע און געבענטשט זאָל זי זיין און יאָרן נאָך זאָל דער צווייג וואַקסן און בליען.

אָקטאָבער, 1968

וועגן שמשון מעלצער

אין שמשון מעלצערס בוך פון קרוב צו זעקס הונדערט זייטן, „אור זרוע״, איז איינס פון די ערשטע לידער „אָשירה לרש״י״ — זינגען וועל איך צו רש״י. איז דאָס ליד אַ געזאַנג צום גרויסן פאָלקסטימלעכן מפורש, נאָר נאָכמער איז עס אַ געזאַנג צום יידישן לעבנס שטייגער, וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט. שמשון מעלצער איז נאָך אַ יונגער מענטש — ערשט אַריבערגעשפּאַנט די פופציק יאָר. — אָנ־געהויבן צו גיין אין חדר האָט ער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז ר׳ אהרן מלמד איז צוריקגעקומען פון דעם שלאַכטפעלד, אָבער ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס יידישע לעבן אינעם קליינעם גאַליצישן שטעטל מיט אַזוי פיל פרישקייט און פאַרביקייט, אַז ביז היינט שעפּט ער דערפון די עטישע פולקייט זיינע.

אשירה לרש״י — לפי שזכרו מתעורר בלבי בילדות,
כתכלת שמים בפרוס חג הפסח, כירק בחג השבועות,
כזהב השבולת באָב ואלול, כאודם שלכת בסתיו.

די רש״י־איבערלעבונג איז אַ לערנערישע, אָבער נאָכמער איז זי לירישע, „ווי דאָס בלויקייט פונעם הימל נאָך פּסח, ווי דאָס גרינס — שבועות־צייט״. און ער מאָלט אינעם ליד בילדער, ווי דאָס לערנען חומש מיט רש״י האָט אַרויסגערופן אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע — „מיר זענען געווען דערשראָקן פון גאָטס גרויסקייט, וואָס זאָגט און זיין זאָג ווערט טואונג״. נעם איך דאָס ליד פאַר אַ מוסטער, נישט דערפאַר וואָס עס איז דאָס אויסגעצייכנטסטע אין בוך, נאָר דערפאַר וואָס דאָ קומט בולט צום אויסדרוק דאָס געמיט פונעם פּאָעט, וואָס האָט אין דער העברעישער פּאָעזיע פון היינטיקער צייט געפונען אַן אָנהאַלט אין יידיש־זיינעם. שמשון מעלצער איז אָבער נישט נאָר דער פּאָעטישער דערציי־קייט, אין אונדזער שטעטלשן לעבנס־שטייגער און אין דער ראָמאַנטיק

לער פון שטעטלשע מעשהלעך, דער מאָלער פון רבישע געשטאַלטן, דער געשטאַלטיקער פון אַמאָליקע ייִדן, ער איז אויך דער ייִדיש־פּאָעט אין העברעיש.

קודם איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף זיין לשון, וואָס ער באַ־הערשט מייסטעריש און וואָס שעפּן שעפּט ער עס פון די טיפסטע, ריינ־סטע פאָלקס־קוואַלן. יאָ, עס איז דאָ אַ פאָלקישער העברעיש, וואָס גע־שאַפן האָט אים די הלכה, די אגדתא, די שאלות ותשובות און די ישיבה. דער מין העברעיש, וואָס האָט געגאָלטן פאַר לשון־קודש, איז געווען באַאיינפלוסט פון ייִדיש אין זיין בייג, אין זיין געבוי און אפילו אין שפּראַכלעכער פסיכיק. שמשון מעלצער האָט דעם לשון־קודש גענומען און האָט אים באַרייכערט מיט ווערטער־נעאָלאָגיזמען, אָבער אים נישט אַרויסגעריסן פונעם קלימאַט זיינעם. איר לייענט שמשון מעלצערס פּאָ־עטישע דערציילונגען און איר שפּירט אין זיי דעם טעם פון לשון־קודש און, דער עיקר דעם טעם פון ייִדיש. ער נעמט ייִדישע ווערטער און פאַרלשון־קודשט זיי. ער נעמט לשון־קודשדיקע ווערטער און פאַר־ייִדישט זיי. ער ברענגט ייִדישע ווערטער, ווו זיי זענען פּאָעטיש בייטיק, און שטעלט זיי אַריין ווי זיי זענען. ביי אַן אַנדערן וואָלטן זיי אפשר אַרויסגעסטאַרטשעט, ביי אים זענען זיי אַריינגעוואַקסן אין דער ווער־טער־סביבה, זיי אָטעמען מיט דער פּאָעטישער לופט פונעם ליד.

אינעם ליד, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, פאַרטייטשט ער אויפן רש״י־שטייגער, אָדער ווי דער מלמד האָט פאַרטייטשט, דעם פּסוק „ואני, און איך יעקב״. איז דאָך, דוכט זיך, פּשוט: איבערטייטשן רש״י, וואָס האָט דעם פירוש זיינעם געשריבן אין העברעיש. אַז איר קוקט זיך אָבער צו, ווי שמשון מעלצער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּראָבלעם איבערצוגעבן אַ געזאַנגיקן טייטש אין העברעיש, אָבער אין אַזאַ העברעיש, וואָס זאָל נישט פאַרלירן דעם טעם פון ייִדיש, זעט איר וויפיל פּאָעטישע מייסטערשאַפט ער האָט פאַרווענדט אויף די עטלעכע שורות. ער האָט געדאַרפט פון לשון־קודש מאַכן העברעיש און פון העברעיש — לשון־קודש און אין ביידע אַריינגיסן דעם טעם פון ייִדיש. מיט אַזעלכע מייס־טערדיקע וואָרט־קאָמבינאַציעס איז פול דאָס בוך „אור זרוע״ און, אַז איר לייענט עס, רעדט צו אייך, זינגט צו אייך, דאָס איינגעוואָרצלטע

ידישע לעבן, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן און געבליבן איז נאָר דער שעפערישער גייסט, וואָס לעבט עס אויף אַזוי פריש, אַזוי צעבליט, ווי שמשון מעלצער טוט עס.

שמשון מעלצער איז דער יוצא מן הכלל אין דער ישראלדיקער פּאָעזיע און דערמיט פילט ער אויס אַ גרויס שליחות — אַחוץ די ריין־פּאָעטישע ווערטן וואָס ער שאַפט. דאָס איצטיקע בוך זיינס נעמט אַריין די פּאָעמעס און באַלאַדעס וואָס זענען שוין פריער דערשינען אין בוך־פאָרעם, אין עטלעכע אויפלאַגעס. זייער ווייניק לידער־ביכער אַרבעטן זיך אַרויף אויף מער ווי איין אויפלאַגע, נאָר גראָד מעלצערס ידיש־און ידישקייט־לידער־ביכער ווערן פאַרקויפט אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן. דאַרפן מיר דערפון אפשר לערנען, אַז דער אַנגענומענער כלל, אַז שטעטל־ליטעראַטור איז פרעמד דעם ישראל־לייענער, איז גאָרנישט אַזאַ פעסטגעשטעלטער כלל. מיר האָבן שוין געזען פון אַן אַנקעטע אין די שולן, אַז אַחוץ ביאַליקס לידער געדענקען די שול־קינדער מער פּרצן און שלום־עליכמען — ביידע איבערגעזעצט פון ידיש — ווי קאָרענאסטע העברעישע שרייבער. מעלצערס העברעישע לידער, וואָס זענען אין זייער טיפן תוך ידישע לידער, זענען פון די געלייענטסטע און געלערנטסטע אין לאַנד.

וואָס דערציילט שמשון מעלצער אין זיינע פּאָעמעס און באַלאַדעס ? ער דערציילט פון חסידות, פונעם בעל־שם־טוב, פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, פון ידישע פאָלקס־מענטשן, פון באָבעס און זיידעס, פונעם אָרעם־רייכן ידיש־שטעטלשן לעבן. ער דערציילט פשוט, נאָר מיט אַזאַ קינסטלערישער פשטות, וואָס נאָר אַן אמתער פּאָעט איז בכוח צו איר צו דערגיין. ער ברענגט דעם „אור זרוע" — די גייסטיקע שיין פון ידישן לעבן — און היט זיך אויס פון סענטימענטאַליזם. ליבשאַפט — יאָ, אָבער סענטימענטאַלקייט — נישט. דאָס איז די גרויסע מעלה פון די לידער, זייער באַזונדערער אַראָמאַט, זייער קרעפטיקייט סיי אין געבוי און סיי אין אויסדרוק.

דער פּאָעט פון „אור זרוע" פאַרמאָגט אויך אַ פּאָעטישע חכמה, וואָס איר שפּירט זי אינעם ריטעם, אין די זייטיקע זאָגעכצן. אַזוי, למשל, זאָגט ער אינעם ליד „לילאָך": „דריי מאָל צווינגט מען דעם מענטשן

צו נעמען בלומען: אַז ער האָט חתונה; אַז אַ זון ווערט אים געבוירן; אַז ער איז אַן אָבל. דריי מאָל, און דריי מאָל זענען די קאַפּיטלעך פון יעדער מענטש־דערציילונג; ווייל איז דעם, וואָס האָט נאָך נישט באַקומען אַלע בלומען, די דערציילונג פון אים איז נאָך נישט פאַרענדיקט". זאָגט ער עס מיט אַ קלוגן שמייכל, וואָס איז פול מיט טרויער און לעבנס־דערפאַרונג — פּאָעטישע, לירישע דערפאַרונג.

די חסידישע מעשהס מעלצערס זענען, אין זייער רוב, איבערדערציילטע פון דעם חסידישן פאָלקלאָר, אָבער דער עיקר אין זיי איז דער אופן, ווי ער דערציילט זיי, זייער עפּישע רויִקייט, זייער אינעווייניק־סטער פּאַטאָס און צו דער אייגענער צייט דאָס פּשטות. שמשון מעלצער, וואָלט איך געזאָגט, איז פול מיט חסידישער קולטור, וואָס אַריינגענומען האָט ער זי אין זיך פון אינעווייניק, פונעם לעבן, פון דער סביבה זיינער. אַז ער דערציילט פונעם בעש"ט, געשטאַלטיקט ער אים, נישט נאָר די מעשה דערציילט ער. מיט עטלעכע דינע שטריכן וואַקסט־אויס דאָס לעגענדאַריש־ווירקלעכע געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי באַאיינפלוסט דאָס יידישע לעבן און געמיט. אַזוי, אַז דערציילט פונעם שפּאָלער זיידן, פונעם מעזשיבוזשער און אַנדערע רביים. ער וועבט אַרום די געשטאַלטן זיינע מיט אַ קרויז פון ליכט, אָבער ער נעמט ביי זיי נישט צו דאָס מענטשלעכקייט, דאָס בשר־ודמיקייט זייערס. זיי ווערן געשטאַלטן, וואָס איר לעבט זיי איבער, ווי זיי וואָלטן היינט געשפּאַנט צווישן אונדז. מיר דאַכט זיך, אַז שמשון מעלצער וויל אונדז זאָגן: דער מענטש איז אַ ליכט־באַקרוינטער, אַז איר דערגראָבט זיך נאָר צום סאַמע תוך פון זיין נשמה.

אין אונדזער לעבנס־שטייגער זענען געווען מעשה־דערציילערס, וואָס האָבן די קלענסטע געשעעניש געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ מעשה. שמשון מעלצער איז דער מעשה־דערציילער, וואָס אַפילו, אַז ער דערציילט פון זיין אייגן לעבן, פון אַ מומען, אַ ברודער, די קינדערשע ליבעס, איז די פאָרעם, דער סטיל, דער אַראָמאַט — מעשהדיק.

אין שמשון מעלצערס באַלאַדעס איז דאָ די קוואַליטעט פון דער פאָלקס־באַלאַדע, נאָר קינסטלעריש ראַפינירט, באַלויכטן פונעם פּאָעטס יחידישן געמיט. איר שפּירט אין זיינע מעשהס, ווי פון אים זינגט אַרויס

דער געבוירענער מעשה־דערציילער, וואָס דאַרף נישט קיין אויסטערלישע געשעענישן אויסצוזוכן — אים גענוג א קנאפער פון זיין דערציילונג — דאָס געוועב אַליין פאַרשאַפט אים שעפערישע פרייד. ער שטעלט זיך דערביי א קינסטלערישן ציל: דעם מענטש צו דערהייבן, מלמד זכות זיין אויף אים, ווי ער וואָלט געזאָגט, אַז דער מענטש איז מיט זיין געבוירן ווערן עלנט און מיר דאַרפן אים פונעם עלנט זיינעם אויסלייזן — מיט אַ מעשה פון אים.

זענען די חסידישע מעשהס זיינע טאַקע אויסגעוועבט אויף דער קאַנווע פון אויסלייזן דעם מענטש — אַמאָל דורך וואָרט, אַמאָל דורך טרוינג און אַמאָל נאָר דורך אַ שמייכל. גייען־דורך אינעם בוך געשטאַלטן, וואָס ווערן אייך נאָענט מיט זייער ליכטיקייט, מיט זייער פּראָסטקייט. אַפילו דער גרויסער למדן איז אין שמשון מעלצערס מעשהלעך פשוט, ער געפינט אין אים דאָס פשוט־מענטשלעכע, דאָס ציטערדיק־ליריש. דער שפּאָלער זיידע איז אין חסידישן פאָלקלאָר אַ בייזער, אַ שטרענגער, דער עיקר אין זיין מחלוקת מיט ר׳ נחמן בראַסלאַווער. אין דער באַלאַדע מעלצערס, „דעם זיידנס קאַזאַטשאָק״, איז דער רבי פון שפּאָלע פול מיט גוטסקייט, טראַגיש־מענטשלעך. דאָס געמיט פונעם פּאָעט האָט אים אויסגעשטאַלטיקט אויף זיין אייגענעם אופן.

אַ מייסטער פון פּאָעטישער פּאָרעם, שמידט שמשון מעלצער אויס זיינע פערזן אין אַ וויגעוודיקן ריטעם, אין איבערראַשנדיקע גראַמען, וואָס אַ סך מאָל זענען זיי אינערלעכע, אינמיטן די שורות, אַזוי אַז זיי שרייען נישט אַרויס, נאָר וואַקסן אַרויס פון דער שורה. עטלעכע באַלאַדעס ענדיקט ער מיט סטראָפעס אויף יידיש. שוין אָפּגערעדט פון ווערטער און יידיש־פּסוקים, וואָס ער ברענגט אינמיטן די שורות.

שמשון מעלצער איז, חוץ די אַלע שבחים וואָס מען גיט אים, בכלל פול מיט יידיש־גאַליציאַנער לעבנסשטייגער, וואָס אַריינגעבראַכט האָט ער אים אין דער העברעישער פּאָעזיע. קיין גרויסער בקי אין דער געאָגראַפיע פון גאַליציע בין איך נישט און איך ווייס נישט ווי ווייט טלוסט, אָדער טויסט, — מעלצערס געבוירנשטעטל, איז פון ביטשוטש, ווו ש. י. עגנון איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן. איך ווייס אָבער, אַז שרייבעריש איז דאָס שייכות צווישן זיי גרויס. ביידע האָבן אַריינגעבראַכט אין העברעישן

לשון דעם ידישן לעבנסשטייגער, וואָס ביים לייענען זייערע זאַכן האָט איר די אילוזיע, אַז איר לייענט ידיש. נאָך דערוועגן וועל איך זיך דער־וועגן צו זאָגן, אַז שמשון מעלצערס אויפטו איז פון אַן אַנדער מאָס, וואָרעם ער האָט דעם לעבנסשטייגער אַרויסגעזונגען אין געשמידטע פערזן און, ווער סע האָט אפילו אויף ידיש געשריבן לעבנסשטייגערישע פּאָעמעס, דער ווייסט ווי שווער סע איז צו באַהערשן די געצוימטע לידער־פאָרעם ביים איבערגעבן לעבנסשטייגער, וואָס איז בטבע פריי, צעשפּרונגען, אָן אינערלעכער דיסציפּלין.

שמשון מעלצערס אויפטו איז דערפאַר נישט דאָס לשון אַליין, וואָס איז אין תוך אַ מין נייער מדרש, אָדער עין־יעקב, וואָס ידן האָבן שבת בין מנחה למעריב געלערנט אין בית־מדרש; דער גרויסער קינסטלערי־שער אויפטו זיינער איז אויך, וואָס אינעם געצוימטן ליד האָט ער אַריינגעזונגען דעם אומגעצוימטן לעבנסשטייגער. נעמט, למשל, דאָס ליד אויף זייט 129 פונעם בוך „אַלף" און קוקט זיך צו צו דער פאָרעם פונעם טאָפּלטן גראַם אין דער שורה:

חתור, כידוע, בעל־חי הוא צנוע...

איז דאָך, דאַכט זיך, שיין און מייסטערדיק? ניין, די צווייטע שורה הייבט אָן:

שלו וכנוע...

דער עיקר אָבער איז, וואָס אַלע שורות קומען אַרויס אַזוי זינגעוודיק, דערציילעריש און נאַטירלעך, אַז ערשט אַז איר ענדיקט דאָס ליד, כאַפּט איר זיך ווי דער פּאָעט האָט אייך אַריינגענאַרט אין אַ מייסטערדיק געבויטן ליד, — אַזוי מייסטערדיק, אַז איר זענט אַפילו נישט חושד, ווי גרויס סע איז דער אויפטו זיינער.

וואָס איז שייך, ווידער, דעם לשון, וואָס אַ סך מאָל כאַפּט איר זיך אַפילו נישט, אַז איר לייענט העברעיש, איז וויכטיק אָנצווייזן, אַז דאָס בוך „אַלף" באַזינגט דער עיקר דעם ווינטער, — לכל הפחות 150 פון די 180 זייטן, וואָס דאָס בוך פאַרנעמט, זענען ווינטערדיקע. מיר דאַכט זיך, אַז דער פּאָעט אַליין האָט זיך אויף דעם נישט אומגעקוקט. ווינטער, פראָסט, אייז־צעפּלעך, שניי־שטרעקעס און ווייס־באַבלימלטע שויבן זענען כלל נישט תנכיש און אין העברעישן לשון זענען די

דאָזיקע נאַטור־דערשיינונגען אַריינגעקומען אין די שפּעטע יאָרן. ביי מיר איז דערפאַר געווען אַ קוואַל פון באַוווּנדערונג פאַרן פּאָעט מעל־צער, וואָס האָט אַזוי קינסטלעריש באַהערשט די ווינטערדיקע שטי־מונגען, די נאַטור־באַשרייבונגען און דער עיקר, דעם ווינטערדיקן יידן אינעם קליינעם שטעטל.

צוריק מיט דריי־פיר יאָר זענען אַרויסגעקומען רייכע יידישע גייס־טער אין ישראל, די טיף־יידיש פאַרוואָרצלטע יידן, און געפּאָדערט אַריינצוברענגען אינעם חינוך פון דער מדינה די תודעה יהודית, — יידיש באַוווּסטזיין. צי די דאָזיקע מאָנונגען האָבן עפּעס דערגרייכט, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער, אַז שמשון מעלצערס פּאָעזיע, — סיי אין „אור זרוע״ און סיי אינעם כמעט קינדערבוך „אַלף״, — איז דאָ דער פרישער, אַפילו דערפרישנדיקער קוואַל פון יידיש באַוווּסטזיין, וואָס קומט צו די סאַברעס אין אַ גאָר הויך־קינסטלערישער פאָרעם.

אַ קאַפּיטעלע סוצקעווער

אין אַ ליד צו אַ פּאָעט גיט אברהם סוצקעווער אַרויס זיין מאָנונג צו פּאָעזיע:

באַשאַף אַ נייעם אָדם אין דיין צלם
פון רויע קלאַנגען, פון אַן אויפגעשווידערטן מעטאַפאָר.

דאָס וואָרט „אויפגעשווידערטן" האָב איך אונטערגעשטראָכן, נישט סוצקעווער, און געטאָן האָב איך עס דערפאַר, וואָס דערנאָך האָב איך געזוכט אין זיינע לידער דעם „אויפגעשווידערטן מעטאַפאָר". געפונען האָב איך די „רויע קלאַנגען", וואָס פון זיי האָט סוצקעווער געשאַפן דינע קלאַנגען־סימפאָניע. דעם „אויפגעשווידערטן מעטאַפאָר" האָב איך נישט געפונען. סוצקעווער'ס מעטאַפאָר דאַרפן מיר אויפנעמען מיט אַלע חושים אונדזערע, — זען, הערן און אַפילו שמעקן. דאָס איז דער פּאָעטישער גאָב זיינער. דאָס וואָרט זיינס האָט אַן אייגענעם קלאַנג און האָט אויך אַן אַראָמאַט. מעטאַפאָרן פון אַזאַ קוואַליטעט וואַקסן־אַריבער אויפגעשווידערטקייט, וואָרעם זיי זענען דורכגעלייטערט, דורכגעזיפּט דורך די זיפּן פון געמיט־געדאַנק.

אין ליד „מיט וועמען" פרעגט דער פּאָעט יעקב אָבינו מיט וועמען האָט ער זיך געראַנגלט ביים מעבר יבוק. איז דער געדאַנק, אַז כאָטש יעקב האָט דעם מלאך מנצח־געווען, איז ער דאָך אַרויס אַ הינקענדיקער. נאָר פונעם געדאַנק וואַקסט־אַרויס אַ בילד, —

הינקען מיר ביז איצטער,
און ס'הינקען מיט אין אונדז חלומות — — — —

האָט סוצקעווער דעם געדאַנק דערטראַכט ביזן סוף? ניין, איר שפּירט, ווי אין פּראָצעס פון אויספירן דאָס ליד האָט דער מעטאַפאָר אים דערטראָגן צו דער געדאַנק־פולקייט. אפשר וואָלט אַן אַנדער פּאָעט געקענט שאַפן אַן

„אויפגעשוידערטן מעטאַפֿאַר" אין אַזאַ ליד, אָבער דאָס ליד וואָלט נישט געווען אַזוי טיף ווי סוצקעווערס, וואָרעם דער אויפשוידער צערודערט אונדזערע חושים און דערמיט אַליין פאַרשטאָפּט ער די טיפקייט. דער מעטאַפֿאָר פון חלומות, וואָס הינקען, הענגט אויף אַן אַבסטראַקציע, ער רופט אָבער אַרויס אין אונדז אַ וויזיע, וואָס דורך גֿעדאַנקלעך־זעעריש קאַנאַלן דערפירט זי אונדז צו אַ דינעם מענטש־טראַגיזם.

אין אַ פּראָזע־פּסוק זאָגט סוצקעווער: „קיינער האָט מיך אָבער נישט געוואָרנט, איך זאָל זיך היטן פון ווערטער, וואָס זענען שיכור פון יענוועלטיקע מאַנבלומען. דעריבער בין איך געוואָרן דער קנעכט פון זייער ווילן". ווידער, „יענוועלטיקע" האָב איך אונטערגעשטראָכן, נישט סוצקעווער, און ווידער איז דאָ אַ כּוונה דערביי. וואָס זענען „יענוועלטיקע מאַנבלומען?" ווידער: ווי אַזוי ווערן ווערטער שיכור פון זיי? און פאַר וואָס איז דער פּאָעט געוואָרן „דער קנעכט פון זייער ווילן?" דער עכטער פּאָעט האָט אָבער זיין אייגענעם פּאָעטישן אמת און ביי סוצקעווערן זענען די „יענוועלטיקע מאַנבלומען" זיין פּאָעטישער אמת. אין זיין פּאָעזיע איז דאָ אַ מין נאַרקאָטיק, וואָס פאַרשיכורט דאָס וואָרט זיינס. נאָר ווידער, ווי מיטן „אויפגעשוידערטן מעטאַפֿאַר", איז ער אַ ביסל מגזם מיטן זאָג, אַז ער איז אַ „קנעכט פון זייער ווילן". אין אים איז דאָ אַ פּאָעטישע ניכטערקייט און אַ ניכטערע פּאָעטישקייט. ער קנעט אויס דאָס וואָרט, אָן דער כ' צווישן דער עין און דער טית, — נישט קנע(כ)ט.

סוצקעווער, וואָס איז שיכור פון ווערטער, איז אפשר דער איינציקער פּאָעט ביי אונדז, וואָס וויל דערגיין צום וואָרט, וואָס איז אין גאַנצן אויסגעטאָן פון וואָרטיקייט. אין איין ליד זאָגט ער: „דאָ לעבט נאָך אַ לשון וואָס דאַרף נישט קיין ליפּן". אין אַן אַנדער ליד: „אויסגעפינען וויל איך צווישן מידברדיקע סקאַלעס / יענעם אַלף־בית אָן ווערטער". און ווייטער: „פאַרזיגל אַלע ווערטער"... און נאָך: „געבליבן בלויז קלאַנגען, איך זע בלויז די קלאַנגען"... אָבער צו דער אייגענער צייט וויל ער „אָנצינדן שוואַרצע מירמלווערטער אין אַ סטראָפע", אָבער טאַקע אין דעם אייגענעם ליד („דער בלינדער מילטאָן") זאָגט ער:

צו פיר און פערציק יאָר
בין איך געשלאָגן

מיט זעעוודיקייט. ווי א גייזער שלאָגן
אין מיר די בלוטן פון א דור.
שיכור פון מיין זעעוודיקייט — — —

איז דאָ אַ סתירה צווישן דעם פּאָעטס שיכור־זיין פון ווערטער אָון „שיכור פון מיין זעעוודיקייט״? יאָ, סע איז די פּאָעטישע לאָגיק פון סתירות. אַ מאָל דאַכט זיך, אַז סוצקעווער ראַנגלט זיך מיט דער פּאָעטישער צווייִקייט אין זיך: אַבסטראַקטע בילדלעכקייט און קאָנקרעטע. אַזעלכע שורות, למשל, —

איך בין א תפילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן,
ווי א בוים
איז אָנגעטאָן מיט פייגל אין א שטורעם.

איז דער צונויפפּאָר פון דעם אַבסטראַקטן בילד „אַ תפילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן״ מיט אַ בוים וואָס איז „אָנגעטאָן מיט פייגל אין אַ שטורעם״ דער אויסדרוק פונעם דאָזיקן געראַנגל. נאָר קיין סתירה איז צווישן די ביידע מעטאַפאָרן נישטאָ, זיי דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע. די „תפילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן״ איז פאַרן פּאָעט געווען צו שאַרף און אפשר אויך „אויפגעשווידערט״, האָט ער זי, די תפילה, ווייכער געמאַכט דורך דער פייגל־קאָנקרעטקייט.

אַ מאָל הייבט סוצקעווער אָן אַ ליד אַפאָריסטיש ניכטער און גיט באַלד אַ פלי צו דער וואָרטיקער פליגל־צעשפּרייטקייט. וואָס, למשל, קען זיין ניכטערער, ווי „זאָמל נישט קמצניש דיינע שעהען״? נאָר די דריטע און פערטע שורות זענען שוין אָנגעשיכורט:

נאָר צעשפּרייט זיי איבער אַלע דנאָען,
זונפאַרגאַנג זאָל צאַפּלען אין א נעץ.

און צום סוף פונעם ליד איז דער פּראָצעס שוין אַ פאַרקערטער: די ערשטע צוויי שורות פון דער סטראָפע זענען אַבסטראַקטע, אימאַזשינעטיווע, —

רייס אַראָפּ זיין מאַסקע, און געשווינדער
דיינע שעהען איבער אים פאַרשפּרייט.

דאָס רעדט זיך פונעם טויט און, כדי דאָס בילד צו זען, דאַרפט איר אַריינקוקן אין זיך אַליין מיט פאַרמאַכטע אויגן. די לעצטע צוויי שורות,

כאָטש זיי פאַרמאָגן אין זיך קינסטלערישן פּאַראַדאָקס, זענען זיי אָבער נאָענט צו אונדזער וויזועלישקייט און קאָנקרעטע באַגריפן, —

זקנים זענען פאַרגרימירטע קינדער,
און די אַלטע שטאַרבן יונגערהייט.

אין אַ ליד הייבט ער אָן די סטראָפע מיט אַ שורה, וואָס איז די ערשטע העלפט קאָנקרעט און די צווייטע — געזען מיט זיין אייגענעם פּאָעטיש־פאַנטאַסטישן געזע. לאָמיר זען: דער אָנהייב איז, — „גרילן ווי שוסטערלעך, קלאַפּן", — איר האָט געהערט די גרילן, די שוסטער־לעך האָט איר געהערט קלאַפּן און דער מעטאַפאָר „קלאַפּט" אייך אויס דעם קלאַנג. די צווייטע העלפט איז שוין — „די גראָזן אַריין אין מיין שטערן", אַ מעטאַפאָר, וואָס נאָר סוצקעווער האָט אים געזען, נאָך מער, געהערט. אַז מיר שטעלן צונויף די שורה אין איר פולקייט, דער־שפירן מיר ווי האַרמאָניש זי איז, ווי בײדע העלפט זינגען זיך צונויף און שאַפן די שטימונג, וואָס דער פּאָעט האָט אונדז געוואָלט קאָמוניקירן. אינעם אייגענעם ליד איז ווידער דאָ סוצקעווערס „שיכרות", וואַרײַרט, — „ווער האָט פאַרשיכורט די פינגער, זיי זאָלן באַשאַפן אַ שורה" דער דאַזיקער מאָטיוו, אין כלערליי פאַרבן, קלאַנגען און באַגריפן, לאָזט אים נישט אָפּ.

סוצקעווער אָפּערירט אויך מיט קאָנטראַסטן, וואָס באַצווינגען אייך. זיי זענען, ווי אַ געדיכט־גראָע כמאַרע מיט פּאַסן זונשיין באַזוימט. אַז דאָס געמיט אייערס איז אַ תפילהדיקס, ווערט איר פאַרשיכורט פון די פּאַסן זונשיין. ווידער, אַז אייער געמיט איז אין טרויער געשלייערט, ווירקט דער קאָנטראַסט אייך מער נאָך צו פאַרטרויערן. סוצקעווערס קאָנטראַסטן:

ערגעץ מעסט אָן אָדלער מיט אַ פּענדזל אין די נעגל
מיינע קליינע פריידן, גרויסע פּחדים, —

האָט איר דאָ אָוועקגעשטעלט קליינע פריידן קעגן גרויסע פּחדים, אינעם קעגנשטעל ווערן די פריידן קלענער און די פּחדים גרעסער. אָבער נאָך אַ טיפערער קאָנטראַסט איז דאָ אין די לעצטע צוויי שורות פון דער סטראָפע:

קומען צו דער אויסשטעלונג וועט בלויז אַ ווייסער זעגל,
אָפּגעריסן פונעם שוואַרצן פאָדעם.

אויף דער וואָגשאָל

דער „ווייסער זעגל" אין קאָנטראַסט צום „שוואַרצן פּאָדעם" פירט אונדז אַריין אין דער סאַמע טיפעניש פונעם פּאָעטס געמיט און צו דער אייגעַנער צייט, וואָס פאַר אונדזער וויזיע פלאַטערט דער ווייסער זעגל, קענען מיר זיך נישט באַפרייען פונעם שוואַרצן פּאָדעם.

אינעם איצטיקן „קאַפּיטעלע סוקצעוור" שטעל איך זיך דער עיקר אָפּ אויפן פּאָעטס מעטאַפאָרן, דערפאַר וואָס דער תוכן וואַקסט ביי אים אַרויס פון וואָרט־בילדלעכקייט. נעמען מיר אַזעלכע צוויי שורות אין דער לידער־סעריע „אין מידבר סיני":

און ס'פּאַלט די זון אַראָפּ פון אַ טעראַסע,
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער.

דער פּאָעט זינגט דאָ פונעם טאָל פּיראַן, וווּ „רויטע הירשן זעען אויס די יונגען". דאָס זענען די „יונגען" פון ישראל, וואָס זענען צוריקגעקומען צום סיני נישט מקבל צו זיין די תורה, נאָר זי צוריק אויסבערנען אין פייער. איז אין דעם בילד פון די פריערדיקע צוויי שורות דאָ אַזאַ דערהויבענע פרייד, וואָס וואַקסט אַריבער תוכן. וויזיע און שפּירונג ווערט דאָ דער תוכן. איר זעט די „רויטע הירשן", איר שפּירט זייער איבערלעבונג, בעת זיי כאַפּן די זון אויף זייערע אַקסלען. אין אַן אַנדער ליד פון דער סעריע:

איך מידבר סיני ווערט דיין אומה יינגער,
און דיין געבאָט, אין בלעטער פעלדז — דיין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס.

איז דאָ ווידער בילדלעכקייט טיף־פּאָעטישער תוכן, דינער טראַגיזם, וויזיע אַריינגעזען אין געדאַנק. דער פּאָעט שפּילט מיט נערוועזע פילעוודיקע פינגער אויף די קלאַווישן פון הארץ און מחשבה. אָדער אפשר דאַרפן מיר גאָרנישט אָפּטיילן האַרץ פון מחשבה, וואָרעם ביי אים זענען זיי אַ האַרמאָנישער איינס, וואָס איז נאָך געבענטשט מיט אייגענעם וואָרט־אַראָמאַט.

דורכצוגיין סוקצעוורס אימאַזשן־וועלט וואָלט נייטיק געווען מער ווי אַ קאַפּיטעלע. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט געבן אַן אָנווונק אויף מיין פאַרערונג צו אים.

1963

שעפֿערישער עלנט

דער יידיש־פּאָעט אין ישראל איז עלנט. טויזנט מאָל מער עלנט איז אברהם סוצקעווער, וואָס איז איינער פֿון די סענסיטיווסטע פּאָעטן ביי אונדז. ער איז סענסיטיוו נישט נאָר אין זיין איבערלעבונג, אויך אין דעם צונויפשטעל פֿון ווערטער שפירט זיך דער אינעווייניקסטער ציטער זיינער. געזאָגט וואָלט איך, אַז דאָס וואָרט זיינס איז אַ סענסיטיווע איבער־לעבונג פֿאַר זיך אַליין. איך שפיר דאָס וואָרט זיינס, ווי אויף די פֿינגער פֿון אַ מייסטער־שפּילער דעם קלאַנג.

האָב איך מיט אַ צייט צוריק געשריבן וועגן דריי יידיש־פּאָעטן אין ישראל און געוואָלט אַרויסברענגען, אַז יידיש האָט אַ גרויס שליחות אין אויסשמידן דעם יידישן גייסט אין דער יידישער מדינה. דער יידיש־פּאָעט, האָב איך געזאָגט, איז אין ישראל עלנט, דערפֿאַר וואָס אים איז צוגעטיילט אַ זייטיק ווענעלע אויף די ברייטע שליאַכן פֿון דעם יידישן לאַנד, איז אָבער דער גרויסער כּח פֿון דער יידיש־שאַפֿונג בייגעשטאַנען די יידיש־פּאָעטן, אַז זיי האָבן דעם עלנט זייערן פֿאַרוואַנדלט אין שעפֿערישקייט. און דער עלנטסטער צווישן זיי איז אָן ספק אברהם סוצקעווער, כאָטש אויבנאויפֿיק איז ער אַן אָנגענומענער אין לאַנד, אַפֿילו אַן אָנגעזעענער.

קיין ישראל איז סוצקעווער געקומען אין 1947, ער האָט נאָך פֿאַר־כאַפּט דעם ענגלישן מאַנדאַט, האָט געלעבט אין די לעצטע צוויי יאָר פֿון יידישן געראַנגל פֿאַר באַפֿרייונג און אין עטלעכע שורות — צימצום בתכ־לית הצימצום — דערציילט ער פֿון יענער צייט:

...אונטערערדישע געזעמלען.
אַנטרונען איז אַן אַרעסטאַנט פֿון עכו.
מען זוכט געווער אין הויקערס ביי די קעמלען.
ווער ווייסט? קען זיין די קעמלען זענען טאַקע
פֿאַרשטעלטע יידן, גרייטן דעם נצחון...

אויף דער וואָגשאָל

אַז סוצקעווער האָט געשריבן לידער איידער ער איז געקומען קיין ישראל, איז נישט געווען קיין אָנווינק, אַז אין אים לעבט די דורותדיקע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. נאָר אין לאַנד האָט אין אים אויפגעבליט דער אַלטער יידן־בוים, און אַז ער קוקט אויף אַ פייגנבוים און מאַכט אויף אים שהחיינו, זינגט ער:

א פייגנבוים? דאָס איז דער עץ החיים,
באַבלעטערט מיט אַ לעבעדיקן יידן־דור אַ נייעם.

דער דין־סענסיטיווער פּאָעט, וואָס שפּירט דעם שאָטן פון דעם וואָרט, מאַכט אַמאָל אַזעלכע גראַם־קאָמבינאַציעס, וואָס אין אַן אַנדער שעפע־רישן קלימאַט וואָלטן זיי געווען מעכאַנישע, אָבער אין דער אַסאָציאַציע פון דעם לאַנד זענען זיי ממש מייסטעריש. ער, וואָס זאָגט, אַז „איך טרינק דעם ווילדן, גרויען וויין פון שטיינער" האָט אַזעלכע שורות:

די הייל. דאָ איז די לופט אַן אַלט־געהיימע,
אַ גלגול פון אַ טייך אַן אויסגעטייכטן.
...אַ פייערל. ס'באַפאַלט מיך אַ תרדמה...

האָב איך בכיוון אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „תרדמה", וואָס איז ביי אים אַ גראַם צו „געהיימע", דערפאַר וואָס אין אַן אַנדער פּאָעטישן קלימאַט וואָלט דער גראַם געווען אַן אַרויפגעצווונגענער, דאָ אָבער ווערט ער נישט נאָר אַן אַריינגעוואַקסענער אין דער אַטמאָספערע פון דעם ליד, נאָר ער איז אַנטפּלעקעריש. דער תנ"כישער נאָכקלאַנג פון דער תרדמה ווערט צוריקגעבראַכט מיט אַ יידיש־פרישקייט און איר שפּירט, אַז קיין אַנדער וואָרט קען דאָ נישט זיין.

אַז סוצקעווער וויל איבערגעבן דעם טיפן תוך פון דעם חלוץ, זיין פריינט זמירי, זאָגט ער:

מוז רעדן זמירי: אָט איז מיין אידייע, —
געהער צו דער פּאַרטיי פון זיסע פייגן,
און בלויז אַ בוים זאָל זאָגן דיר אַ דעה....

שפּיר איך, אַז וויפל עס איז שוין נישט געשריבן געוואָרן — סיי אין ליד און סיי אין פּראָזע — איבער דעם ייד, וואָס בויט זיך אַליין איבער, איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן אַזויפיל וויפיל אין די צוויי שורות זמי־

ריס, וואָס זענען סוף־כל־סוף סוצקעווערס. די „פּאַרטיי פון זיסע פייגן" איז אַזאַ פּאַרטיי, וואָס אויסגעוואַקסן איז זי אין אַ דור, וואָס האָט געזוכט דעם וועג צו זיך.

די ארץ־ישראל לידער סוצקעווערס זענען זאַגעריש אין בילדלעכקייט. דער פּאָעט האָט די אידייע אַרויסגעלעבט פון זיך, זי איז ביי אים אַ ווירק־לעכקייט און אַ וויזיע. דעם פּאָעטס בילדלעכקייט איז רייך, אַמאָל איז זי ריינע פאַנטאַזיע און אַמאָל איז זי לופטיק און אַמאָל איז זי קאָנקרעט, ווי אַזאַ שורה, ווען די נעכט, — „זיי קומען הויכע, שטומע, ווי זשי־ראַפן", און אַז ער איז געקומען מיטן אוצר בילדלעכקייט אין זיך קיין ארץ ישראל, האָט זיך דער אוצר ערשט אַנטפּלעקט, ווי אין דעם אַלט־ידישן אוצר־מעשהלע.

אין דער סעריע „דער בוים פון לידער" שטייט דער פּאָעט אין וואָדי פיראַן און אין אים צעשפּילן זיך שפּירונגען, וואָס פאַרבינדן דעם איצט מיטן וויטן אַמאָל —

דאָ פאַלט נאָך באַגינען דער מן אויף אַן אשל
און צוגעווינט זענען די צוויגן לאַנגאַניק...
אַ פּאַסטעכל קלייבט די מתנה אין קיישל
און ס'האָט נאָך דעם טעם, ווי אַ פלעצל אויף האָניק.

דאָ לעבט נאָך אַ לשון, וואָס דאַרף נישט קיין ליפּן,
דאָ שטוינט נאָך אַ שטיין צום אַרויסשלאָגן וואַסער.
און איך בין געקומען מיט דעם זיך פאַרקניפּן,
און לעשן אין וואַסער אַ ניי קול־מבשר...

סוצקעווער איז געקומען „זיך פאַרקניפּן" מיט די אַלע וווּנדער פון אַ פאָלק און איז געוואָרן דער פּאָעטישער, תמציתדיקער אַרויסזינגער פון לאַנד:

דאָ בלייב איך. ביז ווונדיקן אָפּגרונט — אַ מאמין.
געזאַלבט צו זייַן אונטער אַ שטראָם פון רובינען.
ווער בין איך? אַן אוראַלטע פידל אַזאַ מין,
ווו הונגעריק זשומען פאַרבלאַנדזשעטע בינען...

ער שפּירט אַז „אין איינזאַמקייט האָט נישט דער עלנט קיין שליטה", און דער עלנט האָט נישט קיין שליטה איבער זיין שעפערישער סענסי־טיווקייט, איבער זיינע וויזיעס, איבערן לעגענדאַרישן אוצר־שיין, וואָס ער טראָגט אין זיך. סוצקעווערס ארץ־ישראל לידער טראָגן אין זיך

דעם גרויסן סוד פון אַנטפּלעקערישקייט. ער האָט זי אין זיך אַליין, פאַר זיך אַליין, אַנטפּלעקט. ער איז נישט געקומען אין לאַנד אַ געמיט־און פסיכיש־צוגעגרייטער, וואָרעם זיין פּאָעטישע וועלט פריער איז געווען גאָר אַן אַנדערע. דאָ האָט ער אַנטפּלעקט אין זיך דעם אוצר פון ידיש־היסטאָריש געוואַנג אין שייכות מיט אוראַלטע לאַנדשאַפטן, מיט דעם באַנייטקייט, מיטן תנ״ך. די אַנטפּלעקערישע לידער, וויזיעס און שפּירונגען זענען פאַר אים אַליין אַ קוואַל פון ווונדער, און איר שפּירט דעם דאָזיקן ווונדער אין די לידער זיינע.

דער פּאָעט איז געווען אין סיני, בעת דער האַרמאַטן־דונער פון דעם צה״ל האָט אויסגעפּייערט די נייע סיני־לעגענדע און די סיני־לידער הייבט ער אָן אַזוי:

די טרער די בענקענדיקע אויף מיין וויע
איז אַלט ווי דו. פון דור המדבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קליינער טרער, וואָס האָט די זכיה
צו זען, אַז אויך אין דיין זכרון פלאַמט זי.
אַ, גאָט, מיין גאָט, מיט וואָס בין איך דאָס זוכה,
אַז איך, ביז האַלדז־פאַרקנאָטעטער אין גושן,
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פון אנוכי,
זאָל קומען, וווּ די פליגל דיינע רוישן.

נאָר סוצקעווער איז פּאָעטיש אַרויס פון גושן, באַלד ווי זיין פוס איז אַרויפגעטראָטן אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד. מיט דער פּאָע־טישער שפּירעוודיקייט זיינער איז ער אַריין אין דעם עלנט פון אַ ידיש־פּאָעט, וואָס נעמט אויף מיט אַלע זיינע חושים די ווונדערס פון דעם לאַנד און די אייגענע ווונדערס — זיין שעפערישקייט וואָס האָט נישט אָפּגעקערט פון דעם פריערדיקן אופן שרייבן, נאָר איז געוואָרן פאַרוואָרצלטער, ממשותדיקער, אַפילו פליאיקער.

אַז ער שטייט ביים סיני און זעט די וויזיעס פון מתן־תורה, קומט ביי אים דער הויך־פּאָעטישער זאָג: „אַציגנד איז דאָ די צייט פון מתן־גבורה״. אין די אַכט ווערטער איז דאָ מער תוך, ווי אין גאַנצע פּאָעטישע און אומפּאָעטישע זאָגעכצן, דערפאַר וואָס אין זיי איז דאָ די אַסאָציאַ־ציע פון מתן־תורה, און דערפאַר וואָס זיי טראָגן אין זיך היסטאָרישע תמציתדיקייט.

אַז ער זעט אין סיני די שטערן, ווערן זיי ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ ווידיע: זיי האָבן „צונויפגעוואַנדערט, פונקט ווי מיר פון גלות”. און, כאָטש ער זעט, אַז עס איז „אַצינד די צייט פון מתן־גבורה”, באַוואַל־טיקט אים דער ייִד, דער מסורהדיקער, נביאישער און ער זאָגט:

זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער,
פון באַרג אין סיני בלאָז אַוועק די שנאה.
פאַרשנייד אויפסניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע.

אין טאָראָנטע, אַז מיר איז אויסגעפאַלן צו באַגריסן דעם אורח סוצ־קעווערן, האָב איך געזאָגט בערך אַזוי: סוצקעווער איז אַ ייִדישער פּאָעט, נישט מיטן ייִדישן רעקוויזיט, נאָר מיט אַ טיפערער זאַך: מיטן גלויבן, מיטן אָפּטימיזם. פאַרשטאַנען האָב איך נישט, אין מיינע ייִנגערע יאָרן, פאַרוואָס ייִדן האַלטן אַזוי הייליק די תפילה ונתנה תוקף. אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די קדושה פון דער תפילה. ר' אמנונען האָט מען אָפּגעשניטן הענט און פיס, אויף אַ בעטל טראָגט מען אים אַריין אין שול, און אַז ער זינגט אויס די לעצטע טראָפּנס פון זיין בלוט, וויינט ער נישט אויף זיין גורל, נאָר ער לויבט גאָטס גרויסקייט. דאָס איז דער גרויסער גייסטיקער כח פון דער מוראדיקער תפילה.

סוצקעווער איז אַרויס פון דער געטאָ, פון די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, פון טויט און אומקום, אָבער שטאַרקער אין אים איז דאָס געזאַנג פון לויב צום אויפקום, ווי דאָס געוויין פון אומקום. דורכן געוויין פון אומ־קום לייטערט ער און ער דערהייבט דאָס געזאַנג פון אויפקום.

דער שעפערישער עלנט סוצקעווערס אין דער ייִדישער מדינה איז אַ ברכהדיקער.

דער פייבער פונעם ליד

וועגן אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „גייסטיקע ערד״

פייגל זענען דאָ, וואָס פליען שטיל, גראַציעז, קוים וואָס מען זעט־אָן דעם באַוועג פון זייערע פליגל. ווידער זענען דאָ פייגל, וואָס זייער פלי איז אַ פיבערדיקער, וואָס איר זעט און שפּירט, אַז זיי זענען ממש קראַנק אויף פליען. איר באַוואונדערט בײדע מינים פלי, נאָר די באַוואונדערונג איז אַן אַנדערע: אינעם רויִקן פלי באַוואונדערט איר דאָס מאַיעסטעטיש־קייט פונעם פויגל, ווי ער שנײַדט די לופט מיט אַזאַ לײַכטקייט, מיט אַזויפיל גראַציע. אינעם אימפּעטיקן פלי ווערט איר אָנגעפילט מיט אייגענער אומרו, איר פיבערט־מיט מיטן פויגל, וואָס שרפעט־דורך די לופט מיט זײַנע פליגל.

אינעם לייענען אברהם סוצקעווערס נײַע פּאָעמע „גייסטיקע ערד״ לעבט איר איבער דעם פּאָעטס פיבער בײַם שרײַבן די לידער. דער מייס־טער פונעם געצוימטן פערד האָט אין דער פּאָעמע געדאַרפט בײַקומען די הויכע פּאָעטישע טעמפּעראַטור בײַם שרײַבן, כדי דער פערד זאָל גיין אין חדר פון מאָס־און־וואָג, און צו דער אייגענער צײַט האָט ער זיך געריסן צום פליענדיקן וואָרט.

מיר האָבן נישט קיין גראַדעשניק צו מעסטן פּאָעטישע טעמפּעראַ־טור, אָבער מיר שפּירן זי, די טעמפּעראַטור. מיר שפּירן סוצקעווערס טראַנס, בעת ער האָט געשריבן די אָנגעגליטע שורות. סוצקעווער פיבערט מיטן וואָרט און אַמאָל טרעפט זיך, אַז דער וואָרט־פיבער זאָל בײַ אים פאַרברענען דעם תוכן. ער דערגרייכט צו דער הויכער פּאָעטי־שער מדרגה, אַז ער זאָל אין זײַן מייסטערשאַפט בלײַבן ממש אָנהויבע־ריש הילפלאָז. בין איך זיך מודה, אַז אין „גייסטיקע ערד״ איז מיר די הילפלאָזיקייט געווען אַן אָפּפריש, וואָרעם דורך איר האָב איך געזען

דאָס וואָרט־געראַנגל ביי אים, דעם אָפּשוואַך פונעם פויגל אינמיטן זיין פיבערדיקן פלי.

די פּאָעמע האָב איך געלייענט, איבערגעלייענט און ווידערגעלייענט און ביי מיר איז געבליבן פונעם גאַנצן סכום דער אָטעם פון פּאָעזיע, דער אַראָמאַט פון פּאָעזיע, דער אָרקעסטער פון פּאָעזיע. געלייענט פריער לידערווייז, דערנאָך קאַפּיטלווייז, דערנאָך אין איין אָטעם דאָס גאַנצע בוך. דערנאָך — דער מצב פון הציץ ונפגע. עפּעס האָט זיך אין מיר אויסגעלייטערט און עפּעס פאַרטונקלט. אוודאי, אַז איר לייענט־איבער אַ פּאָעטיש ווערק און אַ לאַנגע צייט זענט איר אונטער דער ווירקונג פונעם געלייענטן, איז עס אַ סימן מובהק, אַז דאָס ווערק פאַרמאָגט אין זיך דעם עכטן פּאָעטישן שטאָף. אַ נישט וואָלט די ווירקונג נישט געווען אַזאַ באַצווינגענדיקע. נאָר אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן צו צעטרייבערן, בין איך אַלץ נישט געקומען צום סאַמע קערן פון דער ווירקונג. מיט וואָס האָט מיך סוצקעווער באַצוווּנגען? מיט דער אידייע? מיט די באַזונדערע לידער? מיטן אינטענסיווקייט פון די פערזן? איז וואָס נוגע דער אידייע איז זי מיר נאָך אַלץ געבליבן פאַרטונקלט. סוצקעווער, דאַכט זיך מיר, טראַכט נישט אויס קיין אידייע פון אַ פּאָעמע, ער זינגט זי אַריין אינעם ליד. נישט אַלעמאָל אָבער זינגט די אידייע אַרויס צוריק פונעם ליד. ער איז דער פּאָעט, וואָס רעכנט־אויס אַ ליד, אָבער אין שרייבן באַוועלטיקט אים דאָס ליד און דער אָנהויב חשבון ווערט־אָן די וואָגיקייט פונעם פאַרטראַכט.

איז כאָטש איר שפּירט, אַז עפּעס איז אויסגערונען אינעם פאַרטיקן ליד, האָט איר אָבער די הויכע פּאָעטישע הנאה פון דער רייכער פאַנטאַזיע, וואָס ווערט פאַר זיך אַליין אידייע. סוצקעווער איז בילדלעך סימבאָליש. אין דער ערשטער טייל פון דער פּאָעמע, „אויפן ים, ביים געבורט פון לעגענדעס", דערציילט ער, — נישט שייך צו זאָגן דערציילט, ער פיבערט־אויס, — די נסיעה קיין ארץ־ישראל, אין 1947, אויף דער שיף „פּאַטריאַ". מאָלט ער דעם קאָשמאַר פון דער נסיעה און אין צוואַנציק צען־שורהדיקע לידער, עטלעכע פון זיי אין ריטמישער פּראָזע, וואַקסט־אויס פאַר אונדז דאָס אומגליק פון דער שיף, אַ צאָל מענטשן, דער ים. דערציילט ער פון דער זקנה מאַטלע, וואָס „אַ פּיאָלער־

טער הייפּטל קרויט — איר פּנים", ווי זי דערציילט, אַז אַנשטאָט די אייניקלעך האָט זי געראַטעוועט פון סלאַנים אַ ליאַלקע. זי פירט זי, די ליאַלקע, „אַ מתנה דער מאַמע רחל" און דאָ קומען צוויי שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם פּאָעטס פאַנטאַסטישן סימבאָליזם —

זי וויזט די ליאַלקע, און צו דער לבנה
שפּאַצירט אַ זילבער־אייניקל פּאַוואָליע.

איז אין די צוויי שורות דאָ די שיין פון אונדזערע אומגעקומענע. דאָס דערהויבנקייט פונעם קרבן איז דאָ. אויך די איבערלעבונג פון דער זקנה, וואָס איז שוין אפשר נישט ביים פולן פאַרשטאַנד. איז עס אידייע? ניין, עס איז וויזיע, וואָס פון איר וואַקסט־אַרויס אידייע.

צום ים זאָגט דער פּאָעט:

נישט איך — נאָר וואונדן זינגען דיר אַ הימען,
ווי מושלען, וואָס געדענקען נאָך די דנאָען.

בלייב איך דאָ שטיין און טראַכט: דעם פּאָעטס וואונדן, וואָס האָבן געלאָזט הינטער זיך דעם יידן־חורבן אין מזרח־אייראָפּע, איז מיר קלאָר. פאַרוואָס אָבער, „ווי מושלען, וואָס געדענקען נאָך די דנאָען"? נאָר אַז איר כאַפּט דאָס טראַנסישע בילד, הויבט איר אָן פאַרשטיין, אַז דער פּאָעט האָט דאָ געוואָלט פאַרגלייכן דעם אָפּרייס זיינעם פון דער היים־ערד צו די מושלען, וואָס מען רייסט זיי אַרויס פון דער ים־טיפעניש. דעמאָלט עפענען פאַר אייך די צוויי שורות אַ וועלט מיט ווייטעניש און נאָענטקייט, איר שפּירט אַ סך מער די וואונדן פונעם פּאָעט, וואָס זינגען דעם ים אַ הימען.

אין עטלעכע שורות נאָר גיט סוצקעווער איבער זיין אייגענע שטי־מונג אויף דער „פּאַטריאַ", אין שייכות מיט ארץ־ישראל. ער איז נישט קאַרג אויף ווערטער, אָבער די ווערטער ווערן ביי אים קאַרג, זיי קאָנ־דענסירן זיך, אַז וואָס מער פּאָעטיש ליכט זאָל פון זיי אַרויסשיינען. די „פּאַטריאַ" איז ביי אים אַ „שיף מיט גייסטער", וואָס די לבנה האָט נאָך אַזאַ נישט געזען. איז ער, איינער פון די גייסטער, זאָגט:

פאַרברענטע פּערל זאַמל איך און סיליע,
און וועל זיי אָנטאָן אין ירושלים
אַ יונגער דאָרט־געבוירענער פאַמיליע,
אַ רעגנבויגנדיקן שטאָם אַ ביימע.

די „פּאַטריאַ" וואָלט פאַר זיך אַליין געווען גענוג פאַר אַ גרויס־עפּישער פּאָעמע. סוצקעווער, דער ליריקער, נעמט זי אַרום מיט אַ דריי הונדערט שורות און פונעם צימצום איז דאָס ליכט שאַרפער, עס איז דער אור הגנוז פון מענטש־טראַגעדיע, וואָס נאָר אַ בלינצל עפנט ער די גאַנצע טיף, אפשר נאָך טיפער ווי דאָס אַ סך־געריידטע, אַ סך־דער־ציילטע.

די צווייטע טייל פון דער פּאָעמע, „די סאַבּרעס בלייען", הויבט זיך אָן מיט אַ כמעט־רעאַליסטיש ליד, ווי דער פּאָעט איז ביים ברודער, אין אַ הויז ביי שייך אַבּרעק און, ווי „זיין יום־טוב מיט אַ הויפן אַש באַלוין איך". נאָר ביים פענצטער זעט דער פּאָעט אַ פייגנבוים און ביי אים רייסן זיך אַרויס צוויי שורות —

א פייגנבוים? דאָס איז דער עץ החיים,
באַבלעטערט מיט אַ לעבעדיקן יידן־דור א גייעם.

דאָ איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף סוצקעווערס גראַמען. אַמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער שרייבט אַ שורה, כדי צו איר זאָל זיך צופּאַסן אַן אומגעריכטער גראַם. אין דריטן ליד פון דער צווייטער טייל גראַמט ער געהיימע מיט תרדמה. איר ווערט פונעם גראַם געפּלעפט און איר אַנאַלי־זירט אים, ביז איר זעט, אַז דער אויסערגעוויינטלעכער גראַם איז דאָ אַריינגעוואַקסן אינעם ליד. ער דערציילט ווי ער איז אין אַ הייל. דאָס גאַנצע ליד איז אָנגעהויכט מיט חומשדיקן דרעמל, דערפאַר איז אַזוי נייטיק געווען דאָס וואָרט תרדמה. איר זענט אָבער אין ספק, צי דער גראַם פּיטום מיט ריטעם אין זעקסטן ליד איז אַזוי צונויפגעוואַקסן. „ס'האָט די זון אַ פּיטום", זאָגט סוצקעווער, אָבער אַפילו אַז „די לאַנד־שאַפט איז אַ לולבדיקע", קענט איר נאָך אַלץ נישט זען די זון מיט אַ פּיטום. ווייז איך דערפאַר אָן אויפן דאָזיקן גראַם, וואָרעם דער רוב, טאַקע דער גרעסטער רוב, גראַמען ביי סוצקעווערן איז ניי, פריש, אומ־געריכט און איר שפּירט, אַז זיי זענען אַלטע תושבים אין זיין פּאָעטישן קעניגרייך. מכח דעם גראַם איז דאָ אַ סך צו זאָגן, נאָר דאָס האָט שוין באַרירט אהרן צייטלין אין „סביבה", — בצימצום, אָבער תוכיק.

כאַראַקטעריסטיש פאַר סוצקעווערן איז דאָס ליד־באַוווסטזיין ביי אים. אַזוי דערציילט ער, ווי אין אַ הייל איז אים באַפאַלן אַ קאָשמאַר,

געדאַכט האָט זיך אים, אַז וועלף ווילן אים פאַרצוקן, איז מיט וואָס וויל ער אָפּקויפן דעם אויסגעפּאַנטאַזירטן באַשיצער? —

אויב דו וועסט מיך באַשיצן פון די חיות,
באַצאָלן וועל איך דיר מיט גרויסע לידער
ביים כרמל, ביים געזאָלבטן הר־הבית,
אַז יעדער שטיין וועט שפּרינגען ווי אַ ווידער.

איז כאָטש ער זאָגט אַליין, אַז ס'איז אַ „דיכטערישע העזה", איז אָבער די העזה פון אַ פּאָעט אויך אַן אָנווייז אויף זיין ליד־באַוווּסטזיין. קיין שום וואָרט קומט נישט סתם אין דער וועלט אַריין, ס'האָט טיפע פּסי־כישע וואָרצלען. בפרט דאָס פּאָעטישע וואָרט. ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלט אַזאַ באַצאָלעכץ אויסגעקומען אַ גרויס־האַלטעריש, אַ אָפּגעפּרעגט, צו מיט לידער באַצאָלט מען פאַר באַשיצן פון חיות. ביי סוצקעווערן אָבער, וואָס פיבערט מיטן ליד און דאָס ליד־באַוווּסטזיין איז ביי אים אפשר דאָס סענסיטיווסטע געפיל, איז אַזאַ זאָג אין גייסט פון זיין גאַנג.

אין דער פּאָעמע זענען דאָ סענטענצן, וואָס שניידן זיך אַרייַ מיט זייער קורצקייט און פיל־זאָגעוודיקייט. אַז ער רעדט מיטן חבר זיינעם, זמירי, זאָגט אים דער טשיקאַווער פאַרשוין:

... אָט איז מיין אידייע —
געהער צו דער פּאַרטיי פון זיסע פייגן
און בלויז אַ בוים זאָל זאָגן דיר די דעה...

וואָס איז די „פּאַרטיי פון זיסע פייגן"? איר ווייסט נישט, נאָר איר שפּירט, אַז דער זאָגער לעבט־איבער טיף און בילדעריש זיין אָנגעהערי־קייט צו ארץ־ישראל.

סוצקעווער דערציילט פון זיינער אַ באַגעגעניש מיט אַרנאָלד צווייגן, וואָס האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין ארץ־ישראל. אויף אַ מייסטערדיקן אופן מאָלט ער דעם מחבר פון „סאַרזשענט גרישע", וואָס איז שוין אַ האַלב־בלינדער, וואָס זאָגט, אַז „די זון איז צו דעמאָניש". אַרנאָלד צווייג זאָגט אים, אַז „די מענטשן וואָלטן דאָ געווען פיל בעסער, ווען ס'וואָלט זיי נישט די זון צעשניטן מיט איר הייסן מעסער". דער זאָג איז פּאַראַ־דאָקסאַליש, אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַלטן דייטש־יידישן שרייבער, וואָס אין ארץ־ישראל האָט ער אַ אָפּגעריכט גלות, אַ געווען אין דער היים.

די גאַנצע צווייטע טייל איז דעם פּאָעטס איבערלעבונג ביי זיין אָנקום אין דער מדינה. איר פילט, אַז קיין היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן צונויפבונד מיט איר האָט ער נישט. ער האָט נישט אויסגעזונגען דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פון צוריקקער אין לאַנד. ער איז נישט אָנגעגליט מיטן פייער פון דער שיבת־ציון אידייע. ער איז אָבער בייגעקומען דאָס קאַלטקייט פונעם געדאַנק מיט צייכענען מענטשן און סיטואַציעס אויף זיין אייגע־נעם, שטריך־ברענענדיקן שטייגער. איר שפּירט אויך, ווי ער ראַנגלט זיך אַריינצולעבן דאָס לאַנד אין זיך און, ביי סוצקעווערן, איז אַריינלעב — געזאַנג. איז דאָס גוראַנגל זיינס זיך צו דערהויבן צום געזאַנג.

צייכנט ער מענטשן און צווי מענטשן בלייבן ביים לייענער טיף איינגעעשניטן אין זכרון, אין דער שטימונג. איינער איז דער פלמ״ח־גע־נעראַל יצחק שדה און דער צווייטער — מאַניע שוחט־ווילבושעוויטש. יצחק שדה׳ן צייכנט ער אַזוי:

דער שטאַלטנער מאַן, באַהאַנגען מיט קאַלעגן,
ווי פייגל אין אַ שטורעם אויף אַ צעדער,
ציט־אויס אַ שווערע באָקסערהאַנט אַנטקעגן
און מיטן דריק — נישטאָ שוין מער קיין גדר.

שדה איז אַ גענעראַל און אַ מיסטיקער. אַ קריגסמאַן און אַ פּאָעט. סוצקעווער דערציילט, ווי דער העלד פון באר שבע קומט צו אים אין אַ נאַכט, בעת אַ חברה זיצט אין שטוב, און זאָגט, אַז פונדאַנעט וועט ער מוזן וואַרפן גראַנאַטן אויפן שונא. אַז סוצקעווער דערציילט פון אַ גראַ־נאַט־אויפרייס, ביים טויער פון הדסה־שפּיטאָל, טראָגט אים ווידער אַוועק די פאַנטאַזיע צו דער לבנה —

אַ האַנטגראַנאַט... ס׳איז לעבן דזשעבעליע...
לבנה קוקט אין פענסטער פון שפּיטאָל און רייסט זיך קריעה.

איז כאָטש דער גראָם דזשעבעליע און קריעה איז אַזאַ אויסטערלי־שער, איז ער אָבער ביי סוצקעווערן אין נוסח פון זיינע פּאָעטישע וויזיעס און דער לבנהס קריעה ווירקט אויף אייך אַ סך מער, ווי אַז ער וואָלט געמאָלן, וואָס איז שפּיטאָל האָט זיך אָפּגעטאָן.

און ווי מאָלט ער מאַניע שוחט? —

...דאָס פּנים שלאָגט מיט האַרעוואַניע.
אַ זילבער־פעכער איז דער טשוב, דער שויבער.

דאָס קאַפּיטל הייסט „די סאַברעס בליען" און אין 36־טן ליד קומט סוקקעווער צו די סאַברעס, די שטעכיקע פלאַנצן, וואָס אויף זיי וואַקסן די בלייכגאָלדיקע פרוכטן. די סאַברעס זענען ביים פּאָעט דער סימבאָל פון פייערדיקע פאַרבן —

א גאון, ווען מען נעמט אַראָפּ זיין שאַרבן,
באַדאַרף זייַן מאַרך אוודאי קאָכן מיט אַזעלכע פאַרבן.

דאָס געזאַנג פון די סאַברעס איז איינס פון די שענסטע אין בוך און דאָ וויל איך זיך פאַרגינען צו ברענגען אַ פול ליד, וואָס גיט־איבער דעם פּאָעטס פיבער און איז פול מיט אַ מין געלייטערטער עראָטיק, וואָס זייער אָפּט מאָלט מיט איר סוצקעווער נאַטור־דערשיינונגען:

צונויפגעקלעמטע סאַברעס בליען, בליען.
באַשטאָכענע מיט נאָדלען בריסט און היפּטן, —
געוויקסן, האַלב פאַרוואַנדלטע אין זיען,
וואָס קיינער קושט נישט אויס די הייסע גיפטן.
בלויז ווילדע רויזן טוליען זיך צו זייער
פאַרבענקטן לייב, צערייצט ווי בלינדע שלאַנגען.
אַ רעגנהאַנט אַנטהילט נאָך נישט דעם שלייער
כדי צו לעשן זינדיקע פאַרלאַנגען.
די סאַברעס ברענען אין די נעכט. ביז וואַנען
די קנויטן זייגן־אויס די הערצער, און די סאַברעס וויאַנען.

איבערן גאַנצן קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט זיבעציק צען־שורהדיקע לידער, איז קיין פרייד נישטאָ — די פרייד פון קומען אין אייגענעם לאַנד. דעם פּאָעט גייט אַלעמאָל נאָך דער שאָטן פון אומקום. ביי אים זענען „אַלע ווייסקייטן געקוילעט און צעטראָטן". דער עיקר אָבער איז, וואָס ער האָט נישט געפונען אין זיך די אידייע, נאָר דאָס געזאַנג איבער איר.

די דריטע טייל, „דער חלום פון אַ גאָלדשמיד", הויבט זיך אָן דורכ־אויס מיט סימבאָליק. סוצקעווער נעמט אָן אַלטן גאָלדשמיד אין ירושלים, וואָס האַמערט אויס אַ גילדענעם בעכער, און דורך אים וויל ער אויס־האַמערן זיין אייגענעם אַריינוואַקס אין ישראל. און, אַז ער איז ביים קבר רחל, דערציילט ער דער „מאַמע־סערדצע" אַז „סקעלעטן ווערן אָנגעפליישט מיט פליגל, און שיפן ברענגען שטיקער פאָלק אַהערצו". זיין טעכטערל, זיין רינה, דערציילט ער דער מאַמע רחל, אַז זי האָט

אים געזאָגט, אַז „אין קינדערגאָרטן בליט אַ נייע בלום, וואָס הייסט: מדינה".

די סעריע, „דער חלום פון אַ גאָלדשמיד", איז דאָס געזאַנג פונעם אויפקום פון דער מדינה. דאָ שפּילט דער פּאָעט אויף אַלע סטרונעס פון זיין פיבערדיקער פאַנטאַזיע. דאָ האָט ער שורות, וואָס איר גייט זיי נאָך און ווילט זיי אָנטאָפּן צי זיי זענען רעאַל —

באַוויין נישט רויזן, אַז סע ברענען וועלדער,
האָט אָנגעזאָגט אַ זעערישער פייטן.
קיין וועלדער זענען דאָ נישטאָ, נאָר פעלדער...
און ס'וואַקסן איבער זיי געדיכטע צייטן...

פעלדער, וואָס איבער זיי וואַקסן געדיכטע צייטן, — אַ סימבאָל, וואָס איז אין זיין אימאַזש אי רעאַליסטיש, אי ער טראָגט אייך אַוועק אין די ווייט־טיפעניש פון דער יידישער געשיכטע.

סוצקעווער איז דער פּאָעט פון עקזאָטיק און, אַז ער זעט אַ פּשוט וועלדל פון אַליון־ביימער, ווערט ביי אים אַן עקזאָטיש־דורכגעברענטער אימאַזש:

כ'האָב ליב אַן אַלטע סעקטע אַ גלילער, —
צונויפגעלעבטע איילבערטביימער לאַמע.
איך בין אין זייער שול אַ נייער שילער,
פאַרנעם אַ לעקציע: „בוימישע נשמה".

ער דערזינגט זיך צו „געדאַנקען פון אַן איילבערטנבוים", וואָס פירן אים אַוועק צום בלעטל פון נחס תיבה, וואָס די טויב האָט געבראַכט צו טראָגן אין איר מויל.

לידער פון צפת האָבן מיר שוין געלייענט אַ סך, אָבער וויפל פלי סע איז דאָ אין סוצקעווערס צפת, — „פאַראַן אַ שטאָט, אַן אָדלערנעסט אַ הויכע, געהעקלט אויף אַ סקאַלע סאַמע צפון, צו זען דעם אָדלער איז נישט יעדער זוכה, פאַרהוילן מאַכט ער ציטערן אין־סופן".

וואָלט איך דאָ געקענט ברענגען נאָך אַ סך מוסטערן פון סוצקעווערס פלי־פאַנטאַסטיק, נאָר ביים צוקומען צום סוף, צום „עפּילאָג", געפין איך ווי ער זאָגט זיך אַליין אַרויס:

פאַרוואָר, איז מיר באַשערט איז מדבר שטאַרבן,
איז בלויז פון דאָרשט — נאָך דינסטע קלאַנגען,
אויסגעבענקטע פאַרבן...

„די דינסטע קלאַנגען, אויסגעבענקטע פאַרבן" זענען סוצקעווערס פיבערדיקע פּאָעזיע. זיי זענען דאָס בלויז אין די אָדערן פון דער פּאָעמע „גייסטיקע ערד". זיי פילן אייך אָן מיט דעם אומרו, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט איבערגעלעבט ביים שרייבן די שורות.

פּאָעטן זענען דאָ, וואָס ראַנגלען זיך צוצוקומען צום וואָרט. זיי האָבן אין זיך די איבערלעבונג פון אויסדרוק, נאָר זיי דאַרפן אים אַרויסרייסן, זיי דאַרפן מיט געבורט-ווייי געבוירן דאָס וואָרט. ווידער זענען דאָ פּאָעטן, וואָס דאָס וואָרט באַפאַלט זיי און זייער געראַנגל איז אַ פאַרקערטער: זיך אָפּצוּווערן פונעם וואָרט־באַפאַל. אלה ואלה דברי שירה חיה. אברהם סוצקעווער איז דער פּאָעט, וואָס ראַנגלט זיך קעגן דעם באַפאַל פונעם וואָרט.

די פּאָעמע האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „קוואַל", וואָס ישראל לאַנדאָן האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. דאַרף איך נאָך צוגעבן, אַז סיי דער אויסשטעל, סיי דאָס קלאָרקייט פון די אותיות און דער דרוק און דער בונד זענען מיט אַ סך געשמאַק. די האָלצשניטן פון אַרטור קאָלניקן זענען פון הויך־קינסטלערישער קוואַליטעט און דערהויבן זיך צום סימבאָליזם פון דער פּאָעמע.

געלייטערטער קאָשמאַר

אין די טעג פון דערמאָנונג, — 25 יאָר געטאָ־אויפשטאַנד, — האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אברהם סוצקעווערס „זכר לגעטאָ", וואָס איז אַ טייל פונעם בוך זייַנעם דעם ערשט־דערשינענעם, „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים". איבערן בוך האָב איך געשריבן און געטראַכט האָב איך, אַז איך האָב זיך שוין פול אַרויסגעזאָגט איבערן דאָזיקן מערקווירדיקן לידערבוך, וואָס איז אַזוי אַנדערש, ווי די אַנדערע לידערביכער סוצקעווערס. מיך האָט אָבער אַלץ געצויגן צו די געטאָ־לידער, וואָס איבערגעלעבט האָב איך זיי מיט אַ שניידיקער שאַרפקייט אין די טעג פון דערמאָנונג, אין די טעג פון געטאָ־טרויער אין ישראל.

געשריבן האָט סוצקעווער די לידער אין 1965 און אין 1966. די יאָרן איז וויכטיק צו געדענקען, כדי מיר זאָלן וויסן, אַז דער פּאָעט לעבט מיט דער געטאָ־טראַגיק, פּייניקט זיך מיט איר און פון איר כמעט דורך אַלע יאָרן, וואָס ער „לייענט זיין אייגנהענטיקע צוואה אויף יענער זייט ים". וואָס ווייטער אין די יאָרן ווערן זיינע געטאָ־איבערלעבונגען אַלץ לויטערער און צו דער אייגענער צייט אויך קאָשמאַרנער.

מיר האָבן אין יידיש אַ גרויסע חורבן־ליטעראַטור, וואָס די פּאָעזיע אין איר פאַרנעמט אַ גאָר חשוב אָרט. וואָס טיילט אויס סוצקעווערס חורבן־פּאָעזיע ? די אינטים־לירישע איבערלעבונג, וואָס איר שפּירט ביים לייענען די געטאָ־לידער זיינע. מיין איך, חלילה, נישט צו זאָגן, אַז די אַנדערע פּאָעטן וואָס האָבן געשריבן חורבן־לידער, האָבן זיי נישט אינטים איבערגעלעבט. סע איז אָבער דאָ אַ גאָר וויכטיקער חילוק, וואָס ביי סוצקעווערן איז די איבערלעבונג אַ מין פערזענלעכע דערפאַרונג און בשום אופן נישט קיין טעמע. דערפאַר זענען די לידער זיינע אי לויטערער, אי פול מיט קאָשמאַר.

דער פּאָעט, וואָס „לייענט זיין אייגנהענטיקע צוואה אויף יענער זייט ים", וויטיקט זי אויס אין יעדער שורה, וואָס ער שרייבט אין זיינע געטאָ־לידער. מערקווירדיק איז, וואָס ער איז כמעט שטרענג אויס־געהאַלטן אין דער פאָרעם, אין דער פּאָעטישער לעקסיק און דאָך איז ביים לייענען די לידער די פאָרעם נישט קענטיק, איר שפּירט כמעט נישט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט האָט זיך צו זיי צוגערירט, נאָר דעם גלייכן אַרויסרעד פון האַרצן שפּירט איר.

אינעם ליד „אין בלויע העמדער" דערציילט סוצקעווער, ווי סע „מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פון מיין זכרון" אַנגעטאָן אין בלויע העמדער „פון דולהויז צו דער געטאָ קראַנקע ידן, משוגעים". אין דער קאַשמאַרער פאַרשטעלונג זעענט איר אַריינגעשטויסן צווישן זיי און ער לייטערט־אויס דעם קאַשמאַר מיטן פלוצלינגדיקן ווענד „אשרי תמימי דרך", —

אַזאַ צונויפגעטוליעטקייט מיט ידן איז אַ זכיה.
האָב קיינמאָל נישט געפילט אַזוי די ידנפרייד אין צער.
סוף־זומערדיקער בלוי. און אויך משיח אונדזער האַר
מאַרשירט אין זעלבן העמד וואָס אַלע, בלוי ווי די ווילִיע.

אפילו אַז דער פּאָעט גייט אַריבער די ידישקייט־גרענעץ און נעמט אַריין „משיח אונדזער האַר" אינעם גאַנג פון די „קראַנקע ידן, משו־געים", זעענען מיר אַלץ אינעם ליכט־צירקל פון דעם גרויס־פּאָעטישן וואָרט־שיין, וואָס ער האָט פאַר אונדז אַרויסגעשיינט אין די שורות „אַזאַ צונויפגעטוליעטקייט מיט ידן איז אַ זכיה" און אינעם אויפבליץ „ידנפרייד אין צער". אוודאי, אַז איר ווערט זיך אַביסל אויסטשוכען פונעם וואָרט־כישוף, וועט איר כאַפּן די מייסטערשאַפט פונעם ליד, די גראַם־קאָמבינאַ־ציעס, דאָס בילדלעכקייט. די גרויסע מעלה פון דעם איז אָבער, וואָס די אַלע מעלות זעענען דאָ, נאָר זיי באַוועלטיקן נישט די שטימונג, — פאַר־קערט, די שטימונג באַוועלטיקט זיי.

די ל"ג־בעומרדיקע שייטערן אין תל־אביב, און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, האָב איך געזען און באַוווּנדערט עטלעכע מאָל. ביי סוצקע־ווערן איז דער צעשפּילטער יום־טוב פון די קינדער אין דער מדינה פול מיט צער, וואָרעם אין אים לעבט ער איבער אַנדערע פייערן, געטאָ־פייערן. ער איז דורכגעדרונגען מיט דער פרייד פון די קינדער, — זיין

אייגענע מירעלע האָט דאָך אָן ספק אויך געקליבן צווייגן און ברעטלעך און אָנגעצונדן אַ שייטער. נאָר,

ל״ג־בעומרדיקע שייטערן ביים גיעמאַן און ווילִיע, —
און ווי אַ לאַנקע בלייבן ווייסעביינדלעך נאָך דער שקיעה.

ווייטער אינעם ליד לייטערט ער אַרויס דעם פולן אומבאַגרייפלעכן טראַגיזם פון אומברענג:

ל״ג־בעומרדיקע שייטערן! געבליבן איז פון זאַמעט
אַ תפילין־זעקל אויף אַ צווייג מיט קריעה־ריס אין סאַמעט.

מיין ווילנע איז אַריין אין פייער, שטאָט נאָך שטאָט אין פייער,
און איר, אַנטקעגן סיני־באַרג, זענט יענעם אַש מטהר.

אינעם ליד איז אויך דאָ דער קאָשמאַר פון פערזענלעכן טראַגיזם, אָבער וויפל לויטערקייט וואַקסט אַרויס פון דעם קאָשמאַר. אין דער שורה, ווו סוצקעווער בליצט־אויף מיטן שטילן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פונעם סיני־באַרג, וואָס איז „יענעם אַש מטהר", איז דאָ דער גרויסער תמצית פון אַ ליד בכלל, — די איינמאַליקע אַנטפּלעקונג. כאַראַקטעריס־טיש פאַרן פּאָעט סוצקעווער: ער איז פרום אין זיין פאַרליבטקייט אין ישראל. די ליבשאַפט גיט אַ לייכט־דורך אין די לידער זיינע און זי ווערט דערפאַר נישט פאַרוולגאַריזירט.

כדי דורכצודרינגען דאָס 36־שורהדיקע ליד „דער פּאַפּירענער וואַלד", דאַרפט איר זיך טיף אַריינלעבן אינעם פּאָעטס געמיט, וואָס איז אָנגע־לאָדן מיט לויטערן קאָשמאַר. ער אַליין דער פּאָעט פרעגט: „אַ פּאַפּירע־נער וואַלד? איז עס אפשר אַ טרוים פון שגעון?" אָבער ענטפערן ענט־פערט ער, אַז סע איז נישט קיין טרוים פון שגעון, סע איז וואָר: ער איז נאָר אַ יינגערער, אָבער נישט קיין אַנדערער. דער בריוטרעגער זאָגט אים: „נישטאָ מער פאַר קיינעם די בריוו צו צעטיילן — דו איינער נעם". אַזוי קריגט ער אַלע יענעוועלטיקע בריוו, וואָס פון זיי ווערט דער פּאַפּירענער וואַלד, —

דער פּאַפּירענער וואַלד וועט פאַרשיטן מיין איינציקן שטעגל...

דער פּאַפּירענער וואַלד האָט זיין איינציק שטעגל נישט פאַר־שאָטן, נאָר גאָר באַגרינט מיט געבענטשטע לידער פון טיפן צער, וואָס

ווערט אויסגעלייזט אין דער פּאָעטישער בילדלעכקייט און אין דעם אין אים איז דער אויסלייז פונעם קאָשמאַר.

אַ מערקווירדיק ליד איז „אַ קלאַפּ אין טיר". פון דער פאַנטאַזיע אַליין ווערט איר אַ דערציטערטער: דער פּאָעט הערט אַ קלאַפּ אין טיר, ער האָט די טיר געעפנט און — סע איז אַריין אַ שטיין. דער גרויער שטיין האָט אים געזאָגט: „זיי געבענטשט, מיין ליבער"...און דאָס קול האָט ער דערקענט, —

...ס'איז מיין געוועזענע,
יונגפּיסיקע, אין פרילינג־רעגנס בעזענע.

דער פּאָעט רופט־אויס: „מיין גאָט, ווי טוט מען אַן אַ שטיין אין לעבעדיקער הויט?" דער רוף איז אַ פּאָעטיש־דערפרישנדיקער, וואָרעם אין אים איז דער אויסלייז פונעם קאָשמאַר.

אין דער סעריע פון זעקס לידער, „דער שמייכל פון מאַידאַנעק", איז דעם פּאָעטס צעפייניקטע פאַנטאַזיע אויף דער העכסטער מדרגה. אוודאי איז „דער שמייכל" אַ סמיק ביטערער, אָבער אינעם ערשטן ליד, אַז איר קומט צו דער שורה „ווו ס'פאַלט אַריין אַ מידער טוי צו נעכטיקן", דערשפּירט איר ווי דער קאָשמאַר ווערט באַלויכטן פון אַ באַהאַלטענעם ליכט, וואָס נאָר אין דער סאַמע עכטסטער פּאָעזיע שיינט עס. פון דער דאָזיקער סעריע נעם איך אַרויס דאָס פערטע ליד, כדי דערמיט צו אילוסטרירן די פּאָעטישע קוואַליטעט אירע:

אויף אַ קרעמאַטאָריע־קוימען איז מדינת פּוילן,
אַ באָרוועסער,
מיט פיס אָראָפּגעהאָנגענע,
ווי קינדווייז,
ביים כאַפּן פיש איז לולבדיקן וואַסער,
זיצט מיין שכן.
אים חלומט זיך:
דער העקל פון זיין ווענדע
האָט אים אַליין פאַרמאַניעט
מיטן פינקלדיקן ווערעמל.

ער איז אַליין זיין פאַנגער
אויף דער לאַנגער
דינער ווענדע.
ער איז אַליין זיין אייגענע לעגענדע.

ווילט זיך זאָגן: געבענטשט זאָל זיין דער פּאָעט, וואָס איז בכח

א פ ר י ם   א ו י ע ר ב א ך

צו פֿאַרוואַנדלען דעם אומבאַגרייפֿלעכסטן מענטש־אומברענג אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט — אין אַ לעגענדע.

די קרוין פֿון די געטאָ־לידער, — אויב אַזעלכע לידער קענען האָבן אַ קרוין, — איז דאָס ליד „היינט איז יאָרצייט״. וואָס געשריבן האָט עס סוצקעווער אין 1966. געהערט דאָס ליד אים אַליין לייענען, עטלעכע אַרטיסטן און אַלעמאָל בין איך געווען אין אַ מין טראַנס. עפּעס שאַפֿט זיך אַ צוגעבונדנקייט מיטן פּאָעט, וואָס זאָגט:

> היינט איז יאָרצייט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פֿליין,
> יעדער האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין שוועל, נאָך זיך אַליין.

די 24 שורות ענדיקט דער פּאָעט מיט צוויי שורות, וואָס טרייסלען אייך אויף:

> יאָרצייט נאָכן לאַנגן זייגער אויף דער וואַנט פֿון ליים,
> אוי, נאָך אַלע וויגלידער פֿון אונדזער עיר ואם.

אין די דורות נאָך אונדז, אַז יידן וועלן דערמאָנען די פּחדים פֿון דער געטאָ, וועלן זיי זיך אומקערן צו אברהם סוצקעווער׳ס לויטערע קאַשמאַר־לידער.

מאַי, 1960

אברהם סוצקעווערס ניי בוך לידער

דאָס נייע לידער־בוך אברהם סוצקעווערס הייסט „צייטיקע פּנימער" און אָנגעשריבן די 160 לידער־זייטן האָט ער אין משך פון דריי יאָר — 1968, 69, 70. אַזוי ווי עס איז שוין זעקס וואָכן ווי דאָס בוך איז דערשינען, און ביזן סוף פון דעם יאָר 70 איז נאָך אַלץ דאָ אַ צוויי חדשים, און מיר דאַרפן דאָך נישט טראַכטן, אַז בעת ער האָט זיך גע־זעצט שרייבן האָט ער נאָך אַלץ צוגעשריבן לידער, זענען נאָך מיין חשבון די 160 זייטן לידער אָנגעשריבן געוואָרן אין קאַרגע צוויי יאָר.

צו וואָס, וועט איר פרעגן, פיר איך דעם חשבון פון לידער־יאָרן? זייער פשוט, דערמיט וויל איך אַרויסברענגען, אַז אברהם סוצקעווער איז אפשר דער פּראָדוקטיווסטער פּאָעט ביי אונדז.

און נאָך איין קליינער אָפּנייג: אין דער יוגנט, ביים אָנהייב פון דער לידער־קראַנקייט, קען זיך מאַכן, אַז אַ פּאָעט זאָל אָנשרייבן אַפילו פינף לידער אין איין טאָג. עס איז דער ערשטער אויפברויז, וואָס דער יוגנטלעכער האָט נישט דאָס באַוווסטזיין און דעם אינערלעכן כוח צו צאַמען אים. געוויינטלעך אָבער זעצט זיך אָפּ דער ברויז, לייטערט זיך אויס דער פּאָעטישער דראַנג און דער פּאָעט ווערט איבערקלייבעריש אין זיין שאַפן. אין דער עלטער פון אַריבער די פופציק איז שוין נישט שייך צו רעדן פון אַ פּאָעטישער שפע.

אברהם סוצקעווער איז דערפאַר ממש אַ פענאָמען נישט נאָר ביי אונדז, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז בכלל אין דער לידער־שעפערישער וועלט איז ער אַ פענאָמען. איר ווערט נאָך מער דורכגעדרונגען מיט דעם דאָ־זיקן געפיל, בעת איר לייענט דאָס בוך איין מאָל און צוויי מאָל און איר האָט אַפילו אַ חשק עס צו לייענען נאָך עטלעכע מאָל. און מערקווירדיק, ביי יעדן מאָל לייענען, אַנטפּלעקט זיך אייך אַ נייער וווּנדער אין

סוצקעווערס שירימדיקער שפע. אַט דאַכט זיך, אַז איר זענט שוין פאַר־טיק מיט אים און אַט שטראַלט־אויף פאַר אייך אַ ניי וווּנדער אין זיין שאַפן.

דאָס איצטיקע בוך, ווי געזאָגט, הייסט „צייטיקע פּנימער”. בכלל איז נישט שייך זיך צוצושטעפּן צום נאָמען, וואָס אַ פּאָעט גיט אַ בוך זיינעם. אָבער פאָרט, אַ שטיקל פּירוש ווילט איר געפינען. נישט אַלע־מאָל זענט איר ביי זיך זיכער, אַז איר האָט באמת געגעבן דעם ריכטיקן פּירוש, אָבער פאָרט געפינט איר אַ מין ווייטן אָפּקלאַנג פונעם אמת. דאַ, דאַכט זיך מיר, האָב איך אויפן צווייטן וואָרט געפונען דעם פּירוש: פּנימער. אין בוך זענען דאָ אויסגעצייכנטע פּאָרטרעטן פון געשטאַלטן, וואָס לעבן־אויף פאַר אייך, אַז איר פאַרמאַכט די אויגן און ווילט זיך אויסמאָלן ווי זיי האָבן אויסגעזען און וואָס מיט זיך האָבן זיי פאָרגע־שטעלט. פאַרוואָס אָבער זענען זיי צייטיק ווייסט איר נישט. בכלל, דאַכט זיך מיר, איז נישט שייך צו זאָגן אויף אַ פּנים, אַז ס'איז צייטיק, וואָרעם יעדער פּנים אין זיין עלטער און זיין אַטמאָספערע איז צייטיק.

נאָר אפשר בין איך צו פּעדאַנטיש. דאָס פּנים סוצקעווערס, זעט איר, ווי געצייכנט האָט עס דער גרויסער מאָלער ראובן, פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין צייטיקייט, נאָר אַ באַהאַלטענעם ברויז, וואָס איז אי פול מיט טרויער, אי דורכגעדרונגען מיט אַ רייסעניש צו דער וועלט.

נו, עס איז שוין צייט אַ קוק־צו־טאָן אויף די לידער אַליין. דער גרעסטער רוב איז פון דעם מין פּאָעזיע, וואָס מ'רופט זי עפּיק: דערציי־לערישע, מאָלערישע פּאָעזיע. די ערשטע פּאָעמע „מיין זיידנס פּעדער”, איז אין תוך אַ פּשוטע דערציילונג, נאָר סוצקעווער פאַרמאָגט דעם גרויסן פּאָעטישן כוח צו פאַרוואַנדלען אַלץ אין סימבאָל. צו דער איי־גענער צייט זענען זיינע מענטשן כמעט רעאַליסטיש און דרייען זיך אין אַ וואָכעדיקער וועלט. געזאָגט וואָלט איך אויך „אין אַ וואָכעדיקער וועלט”, וואָרעם פון איין זייט פאַרוואַנדלט ער די וואָכעדיקע וועלט אין אַ יום טובדיקער און די וואָכעדיקע וועלט אין אַ מין חלומדיקער. דער זיידע סוצקעווערס איז מסתמא ווי אונדזערע זיידעס, נאָר אין פּאָעטס לידערדיקער דערציילונג ווערט ער לויטערע פּאָעזיע.

די מעשה „דער זייגערמאַכער” איז שוין סימבאָליש פאַרטראַכט פון

סאָמע אָנהייב. דער זייגערמאַכער איז אַ ברעקעלע מענטשעלע און אים גיט מען איבער צו פאַרריכטן אַן איבערגעוואַקסענעם וואַנט־זייגער. דער גרויסער זייגער איז צעפאַלן און דאָס קליינע מענטשעלע דאַרף אים צונויפשטעלן... וואָס זענען מיר אין דער וועלט? נישט די קליינע מענטשעלעך, וואָס מוזן, נעבעך, צונויפשטעלן דאָס גרויסע שעפערישע געווערק פון דער וועלט? דאָס האָב איך אַרויסגעלייענט פון אָט־דעם פּאָעטישן מייסטערווערק. אפשר האָט ער עס אַנדערש פאַרטראַכט, — ער, מיין איך טאַקע דעם פּאָעט אברהם סוצקעווער. נאָר דאָס איז די גרויסע ווערטיקייט פון פּאָעטישע ווערק: דער לייענער טייטשט זיי אויס אַנדערש, ווי דער פּאָעט אַליין האָט זיי פאַרטראַכט. דאָס אמת־פּאָעטישע ווערק איז פול מיט טעם, ווי דער מן, וואָס יידן האָבן געגעסן אין דער מדבר און יעדער איינער האָט געפילט אין אים אַן אַנדער טעם, זיין אייגענעם טעם.

אינעם בוך איז דאָ אַ קורצע פּאָעמע, „דעם טאַטנס פידל”, איז זי רייך אין אימאַזשן, פול מיט אַנטפּלעקערישע גראַמען, — מיינען מיין איך אַזעלכע גראַמען, וואָס עפענען פאַרן פּאָעט ברייטע בילדערישע וויסטעס, — און דערצו פאַרמאָגט זי דערציילערישע שפּאַנונג. אַז דער פידל ווערט פאַרפאַלן אין די סיבירער אייזיקע סטעפּעס און דערנאָך ברענגט אים צוריק איינער, וואָס האָט אים געפונען, ווערט איר ביים לייענען אָנגעצויגן, ווי ביי כמעט אַ סענסאַציאָנעלער מעשה. אָבער די שפע פון פּאָעטישע בילדער און אָריגינעלע גראַמען באַוועלטיקן אייער חומרדיקן גלוסט צו שפּאַנעוודיקייט.

סוצקעווער האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַ קינדערשע ליבע זיינע — דינה׳קע האָט זי געהייסן. געפעלט מיר גראָד אין אָט דעם קורצן עפּיזאָד, וואָס איז אַריינגעפלאָכטן אין דער פּאָעמע „די ציגעלניע”, וואָס סוצקעווער האָט קיין מורא נישט, אַז טאָמער כאַפּט ער, חלילה, איבער די מאָס סענטימענטאַלקייט. געדענקען געדענק איך אַ צייט וואָס פּאָעטן ביי אונדז זענען ממש פאַרלאַכט געוואָרן פאַר זייער טיף־איבערלעבע־רישער וואַרעמקייט ביים באַשרייבן אַ קינדערשע ליבע זייערע. אַ דאַנק אייך, ר׳ אברהם, וואָס איר האָט אונדז באַפרייט פון דעם איינרעדעניש, אַז אַ פּאָעט טאָר נישט זיין אַמאָל סענטימענטאַל. אַ פּאָעט מעג זיך מודה

זיין, אַז ער דערמאָנט זיך מיט אַ ציטער אין די סצענעס פון אַ קינדער־שער ליבע זיינער.

דרך אגב, אַז איך האָב פריער גערעדט וועגן סוצקעווערס דערפינ־דערישע גראַמען, האָב איך געטראַכט צו ציטירן איינעם אַ גראַם, וואָס איז אַן אוניקום אין אונדזער פּאָעזיע. אין איין אָרט גראַמט ער דאָס וואָרט ברינעמער מיט די צוויי צונויפגעשטעלטע ווערטער טשופּרינע מער. איז נישט נאָר דער דרויסנדיקער איינדרוק פונעם דאָזיקן גראַם, נאָר נאָכמער דער אינערלעכער, וואָרעם טשופּרינעס האָבן נישט נאָר אַ קלאַנגיקע שייכות מיט ברינעמער, נאָר אַ טיף־תוכיקע. מיר געדענ־קען אַלע די טשופּרינעס ביי די שקצימלעך, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען ביי די ברינעמער.

ווילנער ייִדן אין סוצקעווערס עלטער וועלן מסתמא גוט געדענקען דעם משה באַסין, וואָס סוצקעווער דערציילט פון אים אין אַ פינף זייטיקער פּאָעמע, נאָר אַפילו מיר, נישט קיין ווילנער, זענען אויך דורכ־געדרונגען מיטן טראַגיזם פון דעם יונג, וואָס דער פּאָעט באַשרייבט אים מיט אַזויפיל ליבשאַפט. אין יענע יאָרן האָבן מיר אין אַלע שטעט און שטעטלעך געהאַט משה באַסינס, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער גרויסער וועלט, וואָס איז געווען איבער זייער אייגענער גרייס.

די קורצע לידער אין איצטיקן בוך סוצקעווערס צייכענען זיך אויס מיט רייפקייט און פולקייט. איר ווערט אַזוי פאַרכאַפּט פון דער פּאָעטי־שער שיינקייט זייערער אַז איר פאַרגעסט אַפילו אַ פרעג־צו־טאָן: וואָס טוט אים וויי? וואָס זוכט ער צו דערגרונטעווען מיט זיין געלייטערטן וואָרט?

אין סעריע לידער רופט ער „דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער". איז דאָ אינטערעסאַנט די אויסגעפּאַנטאַזירטע פּאַראַדאָקסאַלע בילדער. מיר דאַכט זיך אַז בילדער פאַרפירט, וואָרעם מיר קאָנען דאָך מיינען פשוט בילדער פון טאַטע מאַמע, ווייב און קינדער און וואָס נישט? עברית האָט אַ מער פּינקטלעך וואָרט פאַר דעם וואָס דער פּאָעט האָט געוואָלט אויסמיידן: חזיונות.

דער עיקר אָבער איז די סעריע דערמיט וויכטיק, וואָס סוצקעווער אַנטפּלעקט זיך ווי אַ לייטערער פון קאָשמאַרן. ער האָט פאַרשטאַנען צו

דערהייבן דעם קאָשמאַר אונדזערן צו דער העכסטער פּאָעזיע. כאָטש מיר איז פרעמד דער באַגריף, לאָמיר זאָגן, פון אַזאַ מין פאַנטאַסטיש־קייט, ווי —

א מאַרגנשטערן־לאַנד
באַשטימט פאַר מיינע קינדער.

ווער איך אָבער באַצוווּנגען פון דעם כּוח פון שיינקייט וואָס אַזעלכע אימאַזשן פאַרמאָגן.

ציטירן גאַנצע לידער פון דעם בוך איז נישט שייך, וואָרעם די ביסט קיינמאָל נישט זיכער, אַז די האָסט באמת אויסגעקליבן אַ ליד, וואָס רעפּרעזענטירט אַפילו אַ צענטל פון דעם פּאָעטס לידער־מייסטערשאַפט.

דאָס בוך איז דערשינען אין דעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תּל־אָבֿיבֿ, דער פאָרמאַט איז אַ גרעסערער, ווי דער געוויינטלעכער פאָרמאַט פון אַ בוך, געבונדן אין גרוי־ווייסער לייוונט און געזעצט מיט ליכטיקער שריפט. הלוואַי אויף אַלע יידישע ביכער געזאָגט אַזאַ פּשטותדיקע שיינקייט.

נאָוועמבער, 1970

לידער פון אַן אַנטרונענעם

אַ זעקס יאָר צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיטן פּאָעט דוד ספּאַרד אין תל אביב. ער איז דאַמאָלסט געקומען פון פּוילן מיט אידאַ קאַמינ־סקיס טרופּע און געווען איז ער דער שומר איבער דער קאָמוניסטישער כשרות פון דער טרופּע. נאָך אַלעמען איז דאָך אידאַ קאַמינסקיס טרופּע געווען אַ מלוכהדיקע אינסטיטוציע און ווער ווייסט, צי זי וועט נישט נכשל ווערן אין דער בורזשואַזער, ציוניסטישער מדינת ישראל? אַזוי ווי דוד ספּאַרד איז געווען דער סאַמע כשרסטער יידישער קאָמוניסט אין פּוילן, האָט מען אים אַנגעטרויט די שמירה איבער דער טרופּע.

דער צונויפטרעף מיט אים איז נישט געווען קיין גאָר „גליקזע־ליקער": ער האָט זיך געהיט, וואָרעם פון דערפאַרונג האָט ער גע־ווּסט אַז אַ קאָמוניסט אין אויסלאַנד קען נישט זיין באַוואָרנט קעגן אַ וואַך אויג, וואָס קוקט אים נאָך. איך פון מיין זייט האָב זיך אויך נישט געקענט אַנטעמען מיט קוראַזש צו רעדן מיט אים פריי, ווי אַ קאָלעגע־פּאָעט, וואָס איז נישט קיין שליח פון אַ קאָמוניסטישן לאַנד. געכאַפּטער־הייט האָבן מיר זיך באַקענט און נאָך מער געכאַפּט איז געווען דער שמועס מיט אים: ספּאַרד, כ'האָב געהערט פון אייך, געלייענט אייערע לידער... אויערבאַך, אוודאי האָב איך געהערט פון אייך, נאָר ווייניק גע־לייענט...

באַהאַלטענערהייט האָב איך אים דערלאַנגט אַ בוך לידער מיינע און צוגענומען האָט ער עס מיט אַ קלוגן שמייכל, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען ווי איר היט זיך אים נישט צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. עטלעכע מאָל זיך באַגעגנט אין דעם וועסטיבול פונעם האָטעל און — די קאַמינ־סקי־טרופּע איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין פּוילן און דוד ספּאַרד מיט איר.

אַז אין פוילן האָט זיך אָנגעהויבן צו צעוואַקסן דער גאָמולקאַ־אַנטי־סעמיטיזם, די קאָמוניסטישע מלוכה האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון די ייִדן, וואָס זענען נאָך געבליבן אין פוילן, זענען אינאיינעם מיט סתם ייִדן אַרויסגעפאָרן אויך אַ צאָל ייִדן־שרייבערס, — סיי אַזעל־כע וואָס האָבן געשריבן פּויליש און סיי אַזעלכע, וואָס האָבן געשריבן ייִדיש. דוד ספאַרד איז, דאַכט זיך מיר, דער לעצטער, אָדער איינער פון די לעצטע, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון גאָמולקאָס אַנטיסעמיטישן, קאָמור־ניסטישן לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז געקומען איז ער קיין ישראל, ווו ער וווינט שוין עטלעכע חדשים און אין נומער 66 „גאָלדענע קייט" האָט ער אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע סעריע לידער, „וואַרשע און ירושלים".

קודם, כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין די לידער זיינע, דאַרפן מיר וויסן, אַז דער ייִדישער קאָמוניסטישער פירער אין פוילן, איז אַ בן הרב. ער איז געבוירן געוואָרן אין טריסק, וואָלינער גובערניע, ווו דער טריס־קער רבי האָט געפירט חסידישן שטאַט. אַלט איז דוד ספאַרד 64 יאָר און אין זיין לעבן איז ער דורכגעגאַנגען אַ סך גלגולים: ביים פאָטער דעם רב געלערנט די טראַדיציאָנעלע ייִדישע לימודים און געהאַט אַ גרויסע פּעולה. אָבער שפּעטער איז ער גאָר אַריין אין דער העברעיִ־שער גימנאַזיע פון קאָוועל, ווו ער האָט אויך געלערנט פּויליש. אין די מער דערוואַקסענע יאָרן איז ער מגולגל געוואָרן אינעם אוניווער־סיטעט פון נאַנסי, פראַנקרייך, ווו ער האָט געענדיקט דאָקטאָר פילאָ־זאָפיע. אין די מלחמה־יאָרן איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן קיין רוסלאַנד, ווו דאָס גליק האָט אים צוגעשיינט, אַז כאָטש ער איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט, האָט אים דער סטאַלין־רעזשים געשאַנעוועט. ער איז צוריקגעקומען קיין פוילן און איז דאָרטן, אונטערן קאָמוניס־טישן רעזשים, געוואָרן דער אָנגעזעענסטער מיטגליד אינעם „ייִדישן קאָמיטעט". דאָס זענען געווען די „גאָלדענע יאָרן" פאַרן רעשטל ייִדן אין פוילן. דוד ספאַרד האָט, ווייזט אויס, געהאַט די אילוזיע, אַז אַ ניי ייִדיש לעבן הויבט־אָן אויפצוגיין אין פוילן, אָבער די דאָזיקע אילוזיע איז צערונען.

נאָך אַ וויכטיקער פּרט פון זיין ביאָגראַפיע איז, וואָס אָנגעהויבן האָט ער מיט לידער אויף העברעיִש און געדרוקט האָט ער זיי אין די

זשורנאַלן, וואָס זענען דאַמאָלסט אַרויסגעגאַנגען אין פּוילן. נאָך דער־נאָך איז ער איבערגעגאַנגען אויף יידיש און, ווי מיר דאַכט זיך, האָט ער זינט די אָנהייב פּרוּוון זיינע מער קיין העברעישע לידער נישט געשריבן.

און איצט, אַז מיר זענען פאַרטיק מיט די עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן, קענען מיר איבערגיין צו דער סעריע לידער, „וואַרשע און ירושלים", וואָס איז געדרוקט אינעם נומער 66 „גאָלדענע קייט".

„גענומען" האָבן מיך דוד ספּאַרדס לידער דערמיט, וואָס אין זיי איז נישטאָ קיין רכילות אויפן קאָמוניסטישן פּוילן, וואָס אין איר האָט ער זיך אַזוי אַנטוישט. געוויינטלעך האָבן פּאָעטן מיט אַ לייכט־קייט, וואָס האָט ממש שאָקירט, באַרעדט דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן איר יאָרנלאַנג געדינט. דער לייענער וועט דאָך אַוודאי פאַרשטיין, אַז איך בין, חלילה, קיין מליץ־יושר נישט פאַר גאָמולקאָס פּוילן. אַפילו איידער ער האָט אָנגעהויבן זיינע אַנטיסעמיטישע שטיק, בין איך אויך געווען גאָר אַ קליינער חסיד זיינער. נאָר אומצוטרוי האָב איך צו יענע יידישע שרייבער, וואָס דער איבערגאַנג פון פאַרקאַכטקייט אין דער קאָמוניסטישער פּוילן צו לעסטערונגען און מיאוסע זלזולים, איז ביי זיי ווי אָט עסן זיי פליישיקס און אָט עסן זיי מילכיקס.

אוודאי דערציילט ספּאַרד אויף אַן אייגעלן אופן, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט די אידעישע איינשטעלן זיינע. אָבער ער טוט עס אויף אַזאַ ריין־פּאָעטישן אופן, אַז מיר דערפילן תיכף, ווי —

איך פאַרדעק מיט נאַכט מיין געזיכט,
עס זאָל קיינער נישט זען
דעם געשענדטן טאָג אין מיין בליק.
איך פאַרלעש אין מיין צימער דאָס ליכט,
עס זאָלן נישט קומען צוגיין
די פאַרבלאָנדזשעטע יאָרן צוריק.

די ווייטערדיקע סטראָפעס זענען אויך פול מיט דער ריינער פּאָ־עזיע פון אַ מענטשן, וואָס לעבט טיף איבער סיי די אַנטוישונג, סיי די דערפרישטקייט פון צוריקקום קיין ירושלים.

דער פּאָעט איז זיך מתוודה אויף אַ זייער בילדלעך־פּאָעטישן אופן

און עס איז כדאי דאָ צו ברענגען אָ ליד פון צוועלף שורות, וואָס איז פול און אויפריכטיק און פּאָעטיש רייך:

מיט זעק פול חלומות אויף אַקסלען,
ווי מיט פליגלען באַוואַקסן,
ווי לייכט איז געווען
אונדז צו גיין
דורך טונקעלע טעג
אויף באַרגיקן, פעלדזיקן וועג.
און אַצינד,
בלויז מיט ווינט,
איבער וועגן וואָס גייען אַליין
מיט קאַלטן, געשליפענעם שטיין
פון באַפעל און פאַרבאָט, —
ווי שווער איז דאָ איטלעכער טראָט.

דער פּאָעט רעדט נישט פון פּוילן, נאָר אין יעדן וואָרט פילט איר דעם צער זיינעם, וואָס די וועגן זענען פול מיט „באַפעל און פאַרבאָט". דער ייד פון גרויס־רבנישן יחוס, וואָס איז אַליין אין זיינע יונגע יאָרן דערגאַנגען צו רבנות, איז אין דער פּאָעזיע זיינער דורכגעדרונגען מיטן זיידענעם געוועב פון יידישער לומדות, וואָס איז געהיט נישט צו מאַכן קיין גראָבן שטאָך.

אַז ער ספקט, צי ער וועט נאָך האָבן כח צו מאַכן דעם איבעררייס און דעם איבערבייט, זאָגט ער, אַז עס איז טיפער האַרבסט, „אַלע פייגל פליען אין לענדער וואַרעמע" און פּאָעטיש פילט ער מיט זיי מיט, —

בלויז דער ניגון, וואָס איז דאָ פאַרבליבן
וועט אין מיינע טריט דערמאָנען.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַפילו דער ניגון דער יידישער איז אויך אויסגעגאַנגען אויף דער פּוילישער ערד. דער אַנטיסעמיטישער קאָמוניסטישער רעזשים האָט דער עיקר געוואָלט דעם יידישן ניגון שטום מאַכן, אים דערוואָרגן. דער יידישער ניגון האָט אַ גרויסן כח, די קאָמוניסטישע אַנטיסעמיטן האָבן פאַר אים מורא אימת־מוות און די יידישע יוגנט אין די קאָמוניסטישע לענדער קלאַמערט זיך אין אים מיט מסירת נפש ממש.

גאָר באַזונדער חרטהדיק, כאָטש קיין איין וואָרט פון חרטה איז אין דעם נישטאָ, איז דאָס ליד „ירושלים". דוד ספאַרד, וואָס איז געווען אַ

אפרים אויערבאך

פאַרבלאָנדזשעטער און אין ליד „אונדזער אָרעם געסל" זינגט ער: „פאַרוואָס זשע זענען מיר אַוועק אין די פרעמדע גאַסן... פאַרוואָס זענען מיר פון אונדזער אָרעם געסל אין דער פרעמדער גאַס אַוועק?", — דער פאַרבלאָנדזשעטער פּאָעט קומט צוריק און „שפּאַצירט אויף די חומש־וועגן" ביז ער קומט קיין ירושלים. דאָ דערהייבט זיך זיין עקסטאַז צו דער העכסטער מדרגה און ער זאָגט:

כ׳פאַל צו מיט ליפּן הייסע צו דער ערד,
זאַפּ־איין אין זיך דעם ריח פון איר גוף,
פאַרנעם אין בלוט איר דורותדיקן רוף,
און ווייס — זי איז פאַראַן, זי איז וואָר,
און בלויז צו איר פון איצטער איך געהער.

די לידער פונעם אַנטרונענעם דוד ספאַרד זענען פּאָעטיש רייף און מענטשלעך אויסגעוואַרעמט אין אַ צעוויייטיקטן יידישן האַרץ, — אַ האַרץ וואָס טראָגט אין זיך דעם ווייטיק פון טויזנטער־אויף־טויזנטער יידן.

נאָוועמבער, 1969

רחל קאָרן — ערד און ליד

אין איר בוך „דאָס געגנאַד פון וואָרט" איז רחל קאָרן פול מיט טרויער, נאָר אַפילו אינעם סאַמע שווערסטן טרויער שיינט אין איר ליד אומגעריכט אויף אַ זוניקייט, אַפילו אַ פרום־באַהאַלטענער שמייכל. אויף זייט 47 פונעם בוך איז דאָ אַ ליד, וואָס הייסט „נאָר איך און מיין ליד" — וואָס קען זיין טרויעריקער, ווי דערמאָנען פון אַ „לעצטן שמייכל" אין קרעמאַטאָריע־פייער? אָבער ווייטער לויכט זיך דורך אַ שיין דורך איר געמיט און זי זינגט:

זיין אָטעם (דעם ווינטס) בייגט די ביימערשפיצן,
באַשפריצט מיט האַרבסטיקע קאָלירן,
און סע רעגנט מיט די גילדענע בלעטער
אויף גראָז,
אויף וועג,
אויף מיר.

דאָס איז דער סימן מובהק פון אַן אמתן פּאָעט: דער שווערסטער טרדיער ווערט אין זיין ליד באַלויכטן מיט אַ שיין. און אין רחלס בוך זענען דאָ אַזעלכע לידער, וואָס דער טרויער אין זיי לויכט מיט אַ באַ־האַלטענעם ליכט.

רחל זאָגט אין אַ ליד, אַז זי האָט זיך געגרייט, אין איר שלאָף, צו דער „מתן שירה אין פּאָרטיקייט און פּיין". אין חלום זעט זי אָבער, ווי אינמיטן הימל האָט זיך די לבנה געלאָשן און —

אַ שטערן האָט איר אָפּגעווישט דאָס פּנים
מיט פּאַסמעס כמאַרעס,
אויפגעקנוילטע, גרויע.

דאָס בילד, ווי אַ שטערן ווישט־אָפּ ביי דער לבנה דאָס פּנים מיט פּאַסמעס כמאַרעס, איז איינס פון די שענסטע אין אונדזער פּאָעזיע און

פאַרמאָגט אין זיך דעם מאָמענט פון אויסלייז — אויסלייז פון דעם דריקנדיקן טרויער.

אַ סך מאָל שיינט־אויף דער פּאָעט אין די קאָנטראַסטן פון דעם ליד. די פּאָעזיע פון קאָנטראַסטן איז אפשר די ריינסטע און קאָמפּליצירט־סטע, און דער פּאָעט, וואָס ווענדט־אָן דעם קאָנטראַסט אויפן איידל־קינסטלערישן אופן, איז מסוגל צו דערגרייכן דאָס פולקייט פון דעם ליד. רחל קאָרן, אין איר ליד „צו־שפּעט", האָט דעם קאָנטראַסט דער־הויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה. —

ס׳איז שוין צו שפּעט פאַר יענעם וואָרט,
וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דיר,
און ס׳איז אפשר נאָך צו פרי
פאַר יענער שטילקייט, וואָס גלייכט אויס
דעם מרחק צווישן מיר און דיר.

דער היפוך צווישן צו־שפּעט און צו־פרי עפנט־אויף אַ טראַגישן תהום פון יאָרן — דער חורבן ייד און דער חורבן מענטש. נאָך טראַ־גישער ווערט דאָס בילד, וואָס דער קאָנטראַסט איז „אין יענער שטיל־קייט", וואָס מיר דערשפּירן זי אין דעם נישט־דערזאָגטן וואָרט.

רחל האָט אַ וואַך אויג, אַ טיף־דורכדרינגענדיק אויג, פאַר בילד־לעכקייט. דאַכט זיך, אַז סע איז פּשוט, אָבער אַז זי ווייזט אייך דאָס בילד, ווערט איר ממש אויפגעציטערט. דאָס ליד „סע איז אַזוי שטיל אין מיר" איז אַ מוסטער פון איר בילדלעכקייט. אין איר איז אַזוי שטיל, „ווי די פאַרנאַכטן אַלע, וואָס זענען גראָ געוואָרן פאַר דער צייט, וואָלטן אין מיר אַריינגעדעמערט".

געוויינטלעך היט זיך רחל פון דייטשמעריזמען, נאָר איר איז, ווייזט אויס „אַריינגעג׳בין־השמשותט", אויסגעקומען אַביסל האַמעטנע. דער הויכפּונקט איז:

און מיך פאַרשלייערט ווי אַ כּלה,
פאַרקנסט צו איינזאַמקייט.

אויך אין דעם ערשט־געבראַכטן בילד, וואָס איז פול מיט טרויער, וואָס קען זיין טרויעריקער פון „פאַרקנסט צו איינזאַמקייט"? אָבער אַ שיין ליכט שיינט זיך דורך אין דעם זאָג „פאַרשלייערט ווי אַ כּלה".

אַזוי איז אויך דאָס בילד „אַלע טרויערס האָבן זיך פאַראַנקערט ביי מיין שוועל״, — ביי דער מענטש־שוועל ווערט דער טרויער דורכגעלויכטן, אַפילו אָפּט באַלויכטן פון דער שיין, וואָס קומט געוויינטלעך אַרויס פון אַ מענטש־טיר.

איינס פון די שענצטע לידער אין בוך איז דאָס ליד „גיב מיר צוריק, מיין האָר״. וואָס בעט זי צוריק ביי איר „האָר״? „דעם עול פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן״. אין גרויס פּשטות דערהייבט זי דאָס אָרעמע יידישע לעבן —

ס׳זאָל קיינמאָל נישט פעלן קיין ברויט אויפן טיש,
דער דאָך זאָל נישט רינען, דאָס פייער זאָל ברענען
מיט אַ וואָרעמען שיין, און ס׳זאָל ווערן דער טרויער
באַקליידט מיטן ניגון פון צאנה־וראנה.

כדאַי איז צו בלעטערן די פריערדיקע ביכער אירע, ווי אַנדערש זי איז אינעם בוך פון 1968. דאָס בוך „באַשערטקייט״ איז דערשינען אין קאַנאַדע אין דעם יאָר 1948 און איז אַ זאַמלונג לידער, וואָס זי האָט געשריבן זינט 1928 — אַ צייט־אָפּשניט פון צוואַנציק יאָר, און אויך פון יונגשאַפט צו מאַטורע עלטער. האָב איך געפונען, אַז רחל איז אין יענעם בוך די פולהאַרציקע, פול־קולותדיקע זינגערין פון ליבע. דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט מיך גענומען, איז די ריינקייט פון די לידער, און מיינען מיין איך דערמיט, אַז אין זיי איז נישטאָ די אָנגעשטעלטע עראָטיק, וואָס אַ סך פרויען פּאָעטן ביי אונדז האָבן געמיינט, אַז זיי דאַרפן צושטעלן און מודה בין איך זיך, אַז זי איז מיר געווען דערווידער.

אַ צווייטער גאָר וויכטיקער מאָמענט אין אירע יונגע לידער איז — דער אימאַזש, דער סימיל, וואָס וואָרצלט אין דער ערד־נאָנטקייט. ביי איר האָט דער ווינט געבלאָזן מיט דערמאָנונג „איבער די בייטן פון מיין וואָרטנדיקן גוף״. זי שטייט אין „מיט־טאָג צייט פון מיין לעבן״ —

אַ זאַנג אַ געבויגענע פון פולקייט אינמיטן פעלד,
וואָס האָט שוין אויסגעטאָן דאָס גרינע יוני־העמדל
און וואַקסט אַריין אין גילדענער זיכערקייט
פון קומענדיקע טעג.

דאָרטן האָבן מיר מיט אַלע חושים געשפּירט דעם ריח פון ערד, איצט גייען מיר נאָך דעם ריח פון ווערטער, וואָס „פירן אונדז אַריבער פון יענער זייט ליד".

אוודאי איז רחל זייער אַ סך געראָכט, אָבער נישט אינגאַנצן, וואָרעם טאַקע אין דעם אייגענעם ליד, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט דער־פון, דערגייט זי צו אַזאַ מין סוף:

דער ריח פון ערד,
פון גרינעם מאָך,
איז הארב און שאַרף
מיט דערמאָנונג, —
מיט טרויער און מיט אָנונג רייף.

זי גייט נאָך אַלץ נאָך דעם ריח פון ערד, אַפילו אַז צו דער ריינער ערד איז צוגעקומען דער „גרינער מאָך". אין דעם ריח פון ווערטער איז אין איר ליד דאָ דער ריח פון ערד און אָט־דאָס איז די פולקייט און זעטיקייט פון איר פּאָעטיש וואָרט.

ביים סאַמע אָנהייב פון דעם בוך איז דאָ אַ ליד, וואָס הייסט „די ערשטע שורה פון אַ ליד". זאָגט זיך:

איך האָב מורא פאַר דער ערשטער שורה פון אַ ליד.

וואָס איז די מורא? ווער ווייסט צו־וואָס די שורה קען דערפירן. אָבער די צווייטע סטראָפע גייט שוין אַזוי:

זי קען מיך ברענגען צו דער גרינער לאָנקע,
וואָס כוואַליעט מיטן ווינט אי ווייס, אי ראָז, אי געל,
און צו דעם הויז אונטער די הויכע סאָסנעס,
ווו ס'וואַרט אויף מיר שוין קיינער נישט אויף דער שוועל.

ביי מיר האָט איר געפועלט, אַז רחל זאָל קיינמאָל נישט מורא האָבן פאַר דער ערשטער שורה, וואָרעם אין דער וואָרט־בילדלעכקייט אירער, אין די „הויכע סאָסנעס" פון איר ליד, לויכט אַ פּאָעטיש גע־מיט וואָס איז פול מיט שיין.

און דאָ גייט מיר ממש אין לעבן אָנצווייזן אויף אַ מערקוויר־דיקער דערשיינונג: אַ פּאָעט, אַז ער ווערט עלטער, גייט ער ביסלעכ־ווייז איבער צו פּראָזע, און דאָס ליד היט ער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ,

ווארעם אין פאעטס רייפקייט איז דא א דראנג דאס ליד מער צו לייטערן און אויסצווירנטיקן פון דער יוגנטלעכער פלעדוש.

רחל קארן האט אנגעהויבן מיט פראזע: דאס אויסגעצייכנטע בוך אירס „ערד", וואס איז נאך ביז היינט א קלאסיש ווערק אין אונדזער ליטעראטור. אבער, וואס באיארנטער זי איז געווארן, אלץ נענטער איז זי צוגעקומען צום ליד, און איצטער, אז זי האט ארייגעשפאנט אין דעם גארטן פון די זיבעציקער, איז זי ארויסגעקומען מיטן פול־אויסגעלעבטן לידערבוך „דאס געגאד פון ווארט".

א באזונדערן פאעטישן אראמאט האט די אפטיילונג „בלאע נעפ־לען איבער בערג גלילער". דאס זענען פארשטייט זיך, ארץ־ישראל לידער. זי איז געקומען צו ארץ־ישראל מיט דער דארפישער בילד־לעכקייט אירער, וואס איז צונויפגעזונגען מיט דער טיף־לירישער איבערלעבונג.

די דאזיקע הויך־קינסטלערישע סעריע ענדיקט זיך מיט א ליד „מיין טאטע", ווו זי זינגט פון איר טאטנס „בענקשאפט צו דער טרויערנדיקער שכינה". דעם טאטנס קבר איז אין א פרעמדער סביבה און, „ווער ווייסט, צי סע איז זכר נאך געבליבן פון דעם קבר זיינעם" —

נאר מיר, דער איינציקער פון זיינע קינדער דריי,
איז עס באשערט געווען, דורך אלע נע־ונדן,
זיין בענקשאפט צו דערטראגן,
זי זאל קענען א קוש־טאן
די הייליקע ערד"...

די „הייליקע ערד" איז נישט נאר די ערד ממש, נאר אויך, און אפשר טאקע דער עיקר, רחלס אין־דער־ערד־ארייגעוואקסן ליד.

יוני, 1968

רחל קאָרנס דאָרף

ביי רחל קאָרן איז דאָ אַ דערציילונג פון אַ דאָרפסייד, וואָס בעת אַ מגפה זעט ער אין אַ נאַכט אַ פאַרלאָזטע פויערטע, ווי זי קאָרטשעט זיך אין קרעמפן. ער ווייסט אַז די מגפה האָט זי געטראָפן, אַז פאַר אים אַליין איז דאָ אַ סכנה זיך צוצורירן צו איר, אָבער ער הייבט זי אויף און טראָגט זי אַריין צו איר אין שטוב. דערנאָך ווערן זיינע אייגענע צוויי קינדער קראַנק און איין קינד שטאַרבט באַלד. ער דאַרף דאָס קינד פירן אין שטעטל אַריין מקבר זיין, אָבער קיין איין פויער וויל אים נישט גיבן קיין פערד, וואָרעם „ס'איז נישט גלייך מיט פויערישע פערד אַרויסצופירן אַ יידיש מת, די פערד קען עס נאָך שאַטן חלילה". דער יידישער פריץ וויל אים אויך נישט געבן קיין פערד, יאַנקל לייגט אַריין דאָס טויטע קינד אין אַ קאָרב און לאָזט זיך דערמיט גיין אין שטעטל אַריין. ענדיקן ענדיקט זיך די דערציילונג ווי אויפן וועג קומט אים אַנטקעגן אַ הונט, ער הייבט אָן אַרומצושמעקן דעם קויבער, אַ הונגעריקער הונט איז ער, ער וויל עפּעס אַרויסרייסן ביי יאַנקלען פון קאָרב, נאָר אַז ער דערשמעקט דעם טויט, אַנטלויפט ער, ווי ס'וואָלט אים אַ שטיין אַ פוס אונטערגעהאַקט.

„דעם עק אַריינגענומען צווישן די פיס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז ער געלאָפן צווישן די פעלדער, און זיין סקאַוולען האָט זיך געטראָגן מיט די פריש־צעאַקערטע בייטן צו דעם רויטן האַרץ פון דער אונטער־גייענדיקער זון", — פאַרענדיקט רחל קאָרן די דערציילונג.

פון די יידן אין יענעם דאָרף, וואָס רחל קאָרן האָט זיי מיט אַזאַ קינסטלערישער רייפקייט געמאָלן, איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. ס'איז אָבער געבליבן דער טרויעריקער סימבאָל פון יאַנקלען, וואָס טראָגט זיין אייגענעם מת אין אַ קאָרב און אַ הונט אַפילו אַנטלויפט פון אים. ס'איז געבליבן דעם יידס מענטשלעכקייט, וואָס האָט געבראַכט

דעם טויט אויף זיינע קינדער, ווייל ער, דער ייד, האָט זיך מרחם געווען אויף אַ פויערטע, וואָס די מגפה האָט זי געטראָפן. וואָס איז געווען יאַנקלס שכר אין דער דאָרפישער וועלט? קיינער האָט אים נישט גע־וואָלט גיבן קיין פערד צו פירן דעם קרבן זיינעם צו קבורה אין שטעטל.

רחל קאָרנס קינסטלעריש אויג האָט געזען דאָס דאָרף, ווי נאָך קיינער נישט אין אונדזער ליטעראַטור, סעמיטיוו־דין זענען ביי איר די ביל־דער, דער דאָרפסייד איז פרימיטיוו, אָבער ער פאַרמאָגט אין זיך אַ גוואַלדיקן ווילן צו לעבן. דער עיקר, דער מענטש ווערט ביי איר אויס־געאיידלט דורך דער דינקייט ווי זי מאָלט אים אַליין און די נאַטור אַרום אים.

דער גורל פונעם יידישן פאָעט איז אַרויסצורייסן פון זיך דאָס אייגנסטע, וואָרעם דאָס אייגנסטע איז שוין מער נישט אייגן. רחל קאָרן קען שוין איצט צום דאָרף נישט צוריקקומען, וואָרעם דאָס דאָרף האָט געפעלשט אין איר. זי קען זיך שוין קינסטלעריש נישט אומקערן צום גראַבאָווער וואַלד, „וואָס האָט געקענט דעם זוניקסטן טאָג אַריינבאַרן צווישן די מאָכ־באַוואָקסענע ביימער־שטאַמען און אים פאַרוואַנדלען אין גראָער דעמער־רונג". דאָס געמיט אירס בלייבט דאָרפיש, אָבער מיט דער טראַגיק פון איבערבראָך. אַז רחל קאָרן וויל איבערגעבן ווי דער אָנהייב פון אַ ליד קומט צו איר, זאָגט זי:

און ס'דאַכט זיך, די וועלט איז רייפער איצט געוואָרן
און מוטערלעך די ערד צו יעדן וואָגלערס טריט,
און גאָט אַליין וועט פאַלן כורעים
פאַר אָט דער איינציקסטער, דער הייליקסטער מינוט, —
און ס'איז דאָך בלויז דער אָנהייב פון אַ ליד.

דאָס געמיט אירס איז דאַמאָלט דערהויבן, ווען זי פילט ווי ס'איז „מוטערלעך די ערד צו יעדן וואָגלערס טריט" אין אַ ליבע־ליד זאָגט זי:

כ'בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי ערד מיט פרילינגדיקן רעגן,
און ס'הענגט מיין בלאָנדסטער טאָג
ביים קלאַפנדיקן דופק פון דיין שטילסטן וואָרט,
ווי די בין ביים צווייג פון בליענדיקע ליפּעס.

אַזוי זענען די ליריִשסטע לידער אירע: דאָרפיש געמיט, געבענטשט־קייט פון דער נאַטור. פון איר אייגענער רייפקייט שרייבט זי:

אפרים אויערבאַך

ס׳האָט זיך צעצווייגט, צעבליט דער פרילינג אין מיין בלוט
מיט קאַרשנבוים ווייסקייט און בלאָעם בארווינעק.

אָדער :

איך שטיי אין מיט־טאָג צייט פון דיין לעבן,
א זאַנג, אַ געבויגענע פון פולקייט אינמיטן פעלד,
וואָס האָט שוין אויסגעטאָן דאָס גרינע יוני־העמדל
און וואַקסט אַריין אין גילדענער זיכערקייט פון קומענדיקע טעג.

דאָס באַוווסטזיין אָבער, אַז דאָס דאָרף אירס איז אָפּגעווישט, אַז די דאָרפסיידן אירע זענען מער נישטאָ, דערפירט זי צו אַזעלכע שורות, ווי

כ׳בין, ווי די שוועל פון אָפּגעברענטן הויז,
געבליבן צווישן חלל, אַש און אימה.

זי רופט זיך אָליין „די בירגערן פון צער און פיין” און ווען די ווערטער אירע זאָגט זי, אַז

זיי וועלן זיך וואַרפן און וואַרגן און וואַרגן
דיין נאַקעטן האַלדז, דיין געשריי, —
זיי מוזן שוין בלייבן אַזוי־אַ פאַרבראָכן,
ווי די הענט פון אַן אָבל, פאַרשטאַרטע אין וויי.

וואָס ווייטער ווערן אירע אימאַזשן אַבסטראַקטער, זי געפינט נישט קיין אָנהאַלט פאַר איר דאָרפישן געמיט. פון דער דאָרפישער קאָנקרעט־קייט האָט זי אויסגעוועבט גרויסע סימבאָלן, פון דער אַבסטראַקטקייט קען זיך איר דיכטעריש געמיט נישט דערגרונטעווען צום סימבאָל. מיר דאַכט זיך, אַז אַזעלכע שורות, ווי „ס׳איז דורכגעשטאָכן מיט נאָדלען דאָס האַרץ פון אַיעדער שעה, זי בלוטיקט מיט טיפקאָליר פון רויטן זייד אויף ווייסן, קילן לייוונטלייב”, וואָלטן געווען גוטע פּאָעזיע ביי אַן אַנדער פּאָעט, אָבער ביי רחל קאָרן זענען זיי טראַגיש־פרעמד, ווי זי וואָלט גערעדט מיט אַ פרעמד קול.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דריי לידער רחלס פון איר בוך „באַשערטקייט”. איך נעם די דריי לידער ווי אַ מוסטער פון דער דינקייט, סענסיטיווקייט און מענטשלעכקייט פון איר פּאָעזיע. דאָס ערשטע ליד:

איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דיין מאַמען זען
און איר קושן די הענט, —
מסתמא וואָלט זי אין מיינע אויגן דיך געפונען
און אַלע דיינע ווערטער, וואָס כ׳האָב אויסבאַהאַלטן אין מיין בליק.
און אפשר וואָלט זי מיר אַנטקעגנגעקומען
מיט אַ שמייכל, אַ שטילן, אַ קלוגן,

וואָס בליט תמיד אויף ליפּן פון מאַמע,
ווען זיי פּילן באַשטעטיקטקייט דורך אַנדערע פרויען
זייער ליבע צום אייגענעם זון.

דאָס טיף־פּאָעטישע פאַרשטיין די מאַמען ווערט אין דעם ליד אויס־געדריקט אין אַזעלכע דינע בילדער, אַז איר שפּירט ממש דעם אַראָמאַט פון דעם שמייכל, וואָס בליט אויף ליפּן פון מאַמעס.

דאָס צווייטע ליד: אַלטע פרויען קויפן בלומען, —

אין זייערע אויסגעקרימטע און צעקנייטשטע הענט
ווערן די שענצטע בלומען מיט שפּעטן זומער־טרויער,
גלייך ס׳וואָלט זיי אויפגעמאַנט ביי די פאַרוועלקטע הענט,
ווי אַ משכון אַ פאַרזעצטן, דער בית־עלמין טרויער.

אָבער די פרויען „גייען מיט די בלומען אין די הענט אַהין, וווּ ס׳דאַכט זיך זיי אַז עמיץ וואַרט נאָך אַלץ אויף זיי, אויף זיי און זייער שמייכל". וויפל קינסטלערישער טרויער איז דאָ אין דעם ליד, מיט וויפל איידלקייט און בילדלעכקייט ס׳איז דאָ איבערגעגעבן דאָס געראַנגל פונעם מענטשן קעגן אַלטקייט, וויפל פּאָעטישע פאַרשטענדעניש ס׳איז דאָ דאָ פאַר דער פרוי, און ווידעראַמאָל: איר שפּירט דאָ דעם אַראָמאַט פון אַלטקייט, דאָס טרויעריקע וואַרט שמעקט מיט קינסטלערישער פרישקייט.

דאָס דריטע ליד: זון־בלומען. איך האַלט דאָס דאָזיקע ליד פאַר איינעם פון די טיפסטע, סימבאָלישסטע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע. רחל קאָרן האָט מיט איר דאַרפישן אויג דערזען דעם טראַגיזם פון זון־בלומען, וואָס ווילן „אויסזען ווי ביימער, פעסט און שטאַרק און הויך", אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז „דער מאַרך פון זייער שטאַם קרישל־זיק און ווייך".

זיי שטייען שטאָלץ, ווי ס׳וואָלט זיך אויף זיי אָנגעשפּאַרט
דער הימל,
ווי ס׳וואָלט די זון אַליין געוווּנען פון זייער האַרץ די רויזן, —
נאָר דאָס מינדסטע כמאַרקעלע פאַרקנסט זיי צו דעם עבר
און מיטן ערשטן שאָטן לעשן זיי זיך אויס.

רחל קאָרן זוכט איצט אַ נייעם גאַנג אין איר פּאָעזיע, איך האָב עס געשפּירט אין די לעצטע לידער אירע, איך האָב עס געזען אין דעם גע־ראַנגל אירן מיטן וואָרט, וואָס דאַרף ביי איר קריגן נייע פאַרב און נייעם אַראָמאַט. וואָרים דער פּאָעטישער כח אירער איז פאַרב און אַראָמאַט, זי מאָלט ווערטער און שמעקט געדאַנקען.

מלך ראַוויטש — 75 יאָר

אַזוי ווי מלך ראַוויטש איז מיר אַן אח לצרה — פאַרברידערט האָט אונדז די לייוויק־פּרעמיע פאַראַיאָרן — האָט מיר ממש אַ טיאַכקע־געטאָן אין האַרץ, אַז די ידיעה האָט מיך דערגרייכט, אַז ער ווערט אַלט 75 יאָר. וואָס, פרעגט איר, דאַרף מיר טיאַכקען אין האַרצן? גאָר פּשוט, אויסגעמאָלט האָב איך זיך ראַוויטשן פאַר אַ סך אַ ייִנגערן מענטשן ווי איך בין. צום סוף איז דער חילוק אין יאָרן צווישן אונדז ביידע נישט מער ווי איין יאָר. און ווי סע טרעפט זיך, האָב איך זיך דערפילט אַ סך עלטער — בפירוש עלטער.

אַ שמועס טאָן וועגן מלך ראַוויטשן איז גאָרנישט קיין לייכטער ענין דאָס איז דערפאַר, וואָס אויבנאויף איז ער אָפן און אַנטפּלעקט — פּאָעט, פילאָזאָפיש־אַנגעשטימטער מענטש, עטישער מענטש — אָבער אין סאַמע תוך איז ער אַ קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט. אַ מלך ראַוויטש איז דאָ, וואָס קיינער איז נאָך צו אים נישט צוגעקומען, צו דער פאַר־הוילנקייט אין אים. אוודאי קאָנען מיר זיך אַ גריבל־טאָן אין זיינע כתבים און פּרוּוון אויפּבויען פון זיי דעם שרייבערישן מענטש, וואָס פאַרנעמט אַ גאָר בכבודיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור ווייט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. דאָס בילד וועט אָבער נישט זיין קיין פולס, דערפאַר וואָס מלך ראַוויטש איז פון די שרייבערס, וואָס דעקן־אויף אַ טפח און פאַר־דעקן צוויי טפחים.

אַז איך דערמאָן זיך נאָר די נעמען פון זיינע לידער־ביכער, ווער איך אי פאַרכאַפּט, אי אויפגעציטערט. בפירוש פונעם זכרון רוף איך אָן די נעמען „נאַקעטע לידער", „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" און ענלעכע נעמען. זענען די לידער טאַקע געווען „נאַקעט"? ניין, ראַוויטש האָט, ווי אַלע פּאָעטן, די לידער זיינע צוגעדעקט, אַז זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט

פאַרקילן. סע איז אָבער דאָ אין די לידער זיינע עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע אין זיין דור: דאָס איז, וואָס ער מוז אַ סך מאָל מקריב זיין די פּאָעזיע אויפן מזבח פון דער עטיק.

מלך ראַוויטש, דאַכט זיך מיר, איז פון אָנהויב־אָן געווען אַ פּוסח על שתי הסעיפים — ער איז געווען פּאָעט, וואָס האָט נישט געוואָלט „זינ־דיקן" מיט פּאָעזיע, און איז געווען עטיקער, וואָס האָט געוואָלט זינדיקן מיט פּאָעזיע. אַ סברא, אַז דאָס פול־אויסגעזונגענע ליד איז די העכסטע מדרגה פון עטיק. אָבער ווער קאָן זיך אונטערנעמען צו זאָגן, אַז דאָס און דאָס ליד איז דאָס פול־אויסגעזונגענע? און ווידער, אפשר איז טיף־אינערלעכער דראַנג צו עטישע מעשים גאָר דער גרויסער פּאָעטישער טאַלאַנט אינעם מענטשן?

אַז איך קוק צוריק אויף ראַוויטשעס פּאָעטישן גאַנג אין משך פון פופציק יאָר, לעב איך איבער ווי איך וואָלט געשטאַנען אין דער סביבה פון אַ צדיק, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט און זוכט אַלץ דעם וועג צוריק. ראַוויטש האָט זיך געראַנגלט מיט דער אמונה אין זיך — דער יידישער אמונה אינעם אייביקן, וואָס ער האָט געירשנט מכמה דורות. ער האָט געזוכט זיך אָנצושפּאַרן אויף שפּינאָזען, אָבער דער איינדרוק מיינער איז, אַז ער איז נישט שווה־בשווה מיטן דימענט־שלייפער פון אַמסטער־דאַם. די לידער זיינע אויף שפּינאָזיסטישע מאָטיוון זענען אַ גאָר ווייטער מהלך פון דעם אַמסטערדאַמערס אָפּטריניקייט.

נאָר אַ רעטעניש פאַר מיר איז, וואָס דער סאַמע פאַרדעקטער צווישן יידישע פּאָעטן — טאַקע מלך ראַוויטש — האָט געשריבן נאַקעטע לידער. וואָס־זשע איז געוואָרן פון זיי? זיי זענען כלל נישט נאַקעט, אַפילו נישט קיין טראָפּעלע אָפּגעפּלעקט. און גראָד דאָס איז די מעלה זייערע: אויבנאויפיקע נאַקעטקייט און טיפע — פאַרהוילנקייט.

די הויך־עטישע פערזענלעכקייט, וואָס ער האָט פון זיך אויסגעפור־רעמט, איז אַ האַרמאָניע פון צענדליקער יאָרן, און אין דעם איז ער אין פולער האַרמאָניע מיט אונדזערע גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געוווּסט, אַז „אדם רע מיצרו", און נאָר מיטן אייגענעם גייס־טיקן כוח קאָן דער מענטש דערגרייכן די הויכן מדרגה פון עטיק.

קיין איין יידישער שרייבער פון זיין דור איז נישט אזוי אויסגע־בונדן מיט אונדזער ליטעראטור, ווי מלך ראוויטש. ער האט אנגעשריבן א דריי ביכער, וווּ ער גיט שרייבערישע געשטאלטן, קורצע ביאגראפיעס זייערע און בצימצומדיקע אפשאצונגען איבער זייערע שאפונגען. א שעפערישער מענטש, וואס איז פול מיט ליד און ריין־געדאנקלעכע עסייען — וואס, פרעגט זיך, האט ער געדארפט זיך פארנעמען מיט אזא ריין־מעכאנישער שרייבערישער ארבעט?

מלך ראוויטש האט עס בפירוש געטאן פון ליבשאפט צו אונדזער ליטעראטור. ער האט געפילט אין זיך א דראנג צו רעגיסטרירן, פאר־צייכענען, איינזאמלען דאס שעפעריש־ווערטפולע אין אונדזער ליטעראטור איז עס אין דער ווירקלעכקייט, אז איר ווילט דערלערנען עפעס וועגן א שרייבער פון אונדזער צייט, נעמט איר ראוויטשעס פארטרעטן פון יידישע שרייבערס. זיי האבן א מעלה, די פארטרעטן זיינע, וואס זיי זענען איינציק אי אביעקטיוו, אי סוביעקטיוו. איר קענט קיין טעות נישט האבן — מלך ראוויטש צייכנט די שרייבערישע פארטרעטן.

אין דער רייפער עלטער פון 75 יאר איז מלך ראוויטש שעפעריש, אפילו שפעדיק. ער דרוקט אין א סך צייטונגען פון די לענדער איבער דער וועלט זיינע קורצע פאליטיש עטישע און פילאזאפישע באטראכ־טונגען. ער איז וואך צו אלדינג, וואס געשעט אין אונדזער ליטעראטור. ער כאפט זיך אפילו אריין אינעם פאעטישן גארטן, וואס פארפלאנצט האט ער אים מיט א סך ליבשאפט, קאפריזנער טראכטערישקייט און אמאל אויך לירישן להכעיס.

צעשטורעמטע האַרבסטיקייט

די לידער מאיר שטיקערס, איידער איר נעמט זיך פֿאַנאַנדערקלייבן אין זיי, שפּירט איר אַ מין פּאָעטישן פֿיבער, וואָס גיט זיך אייך איבער סיי מיטן ריטעם און סיי מיט די אימאַזשן. דער פּאָעט אַליין, שפּירט איר, איז געווען אין אַן עקזאַלטירטן, כמעט פֿיבערדיקן צושטאַנד בעת ער האָט די לידער געשריבן. די עקזאַלטירטקייט פֿונעם פּאָעט, אַז זי גיט זיך איבער דעם לייענער, איז דער סאַמע אויסגעפּרוּווטער סימן, אַז איר האָט צו טאָן מיט אַן עכטן פּאָעט. איר דערשפּירט אים נאָך איידער איר דרינגט אַריין טיפֿער אין די לידער זיינע.

דערפֿאַר, אַז איך הייב־אָן לייענען אַ בוך זיינס, גיט מיך באַלד אַ כאַפּ דער הייסער אָטעם פֿון די לידער. סע איז אָבער נייטיק צו קוואַליפֿיצירן מיינע רייד, אַז דערמיט מיין איך נישט, אַז נאָר הייסער אָטעם איז דער סימן מובהק פֿון פּאָעזיע. אויך אַ צוריקגעהאַלטענער פּאָעטישער אָטעם איז דאָ, וואָס אַז איר דערשפּירט אים אין לידער, ווייסט איר אַז איר האָט צו טאָן מיט אַן עכטן פּאָעט. מאיר שטיקער איז אַ פֿיבערדיקער פּאָעט, ווי יוסף ראָלניק, וואָס שטיקער איז אַ גרויסער חסיד זיינער, איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַן אויסגעלייטערטער פּאָעט. דער עיקר איז, וואָס איר דאַרפֿט אַרויסאָטעמען דאָס עכטקייט פֿון די לידער און פֿון מאיר שטיקערס לידער איז נישט נאָר וואָס איר אָטעמט־אַרויס דעם פּאָעטישן פֿיבער זיינעם, נאָר איר אַליין פֿיבערט מיט זיי.

געוויינטלעך, אַז מען וויל כאַראַקטעריזירן אַ פּאָעט, זוכט מען ביי אים איין שטריך, וואָס איז דער עיקרדיקער, דער תּוכיקער אין אים. נישט תּמיד איז דער דאָזיקער מעטאָד דער סאַמע גערעכטער, וואָרעם דער פּאָעט גיט נישט אַלעמאָל איבער איינע און די אייגענע שטימונג. פֿאַרקערט, אַ סך מאָל זענען די שטימונגען זיינע, ווי זיי קומען צום

אויסדרוק אין די לידער, גאָר היפּוכדיקע. דער איין־שטריך ביים פּאָעט איז גראָד דער אופן שרייבן. סך מאָל די אָפּטקייט פון ווערטער אין זיינע לידער, דער בייג פון דעם ליד, — הכלל, די פאָרעם איז גאָר דער סאַמע כאַראַקטעריסטישסטער שטריך. מיר טאָרן אָבער נישט כלל מבטל מאַכן די איינקייט פון די איבערלעבונגען ביים פּאָעט, דעם „וואָס טוט אים וויי" און אַפילו דעם איין־שטריך אין די געדאַנקען, אין די געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגעבילדערט אין זיינע לידער.

און גראָד ביי מאיר שטיקערן איז דאָ אַ געמיט־גאַנצקייט, — איך זאָג בפירוש געמיט־גאַנצקייט און נישט געדאַנק־גאַנצקייט, וואָרעם דער געדאַנק אין זיינע לידער איז דורכאויס אַ פּאָעטישער, וואָרצלט אין די שטימונגען און וואַקסט אַרויס פון זיי.

וואָס איז שטיקערס געמיט־גאַנצקייט ? אַ צעבושעוועטע האַרבסטי־קייט. סע איז דאָ אַ שטילע, האַלב־שייניקע האַרבסטיקייט, וואָס איז באַגאָסן מיטן פאַנטאַסטישן ליכט פון פאַרגאַנג. ווידער איז דאָ אַ האַרב־סטיקייט אַ ווינטיקע, אַ רויע, וואָס רייסט און שמייסט, ברויזט און שטויסט —

דער שפּעטער האַרבסטווינט וואַיעט,
איך קלייב אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט,
נאָר אויפן הייליקן אָרט
בלייבן די קברים אויפגעראַיעט.

די געבראַכטע פיר שורות זענען דער סוף פונעם אַריינפיר־ליד, ביים אָנהייב פון זיינס אַ בוך. איר דערשפּירט באַלד די צעשטורעמטע האַרבסטיקייט דעם פּאָעטס, וואָס איז בולט אַפילו אין לידער, וואָס רעדן נישט פון האַרבסט. צו דער אייגענער צייט איז אין דער האַרבסטיקייט זיינער אויך דאָ אַ יוגנטלעכקייט, וואָס איר שפּירט־אַרויס פונעם ריטעם און פון די אימאַזשן. גראָד אין דער שטורעמדיקייט פון זיין האַרבסטי־קייט איז דאָ די יוגנטלעכקייט, וואָרעם דער האַרבסטיקער האַרבסט־פּאָעט דערגייט שוין צו רויִקייט און לויטערער רעזיגנאַציע.

מאיר שטיקער איז דער פּאָעט, וואָס שפּילט־אָפּ דראַמאַטיש אַ ליד. די דראַמע איז אין אים אַליין. דער טרויער זיינער איז אַ דראַמאַטישער. ער בויט־אויף אַ ליד דראַמאַטיש־דערציילעריש. דאָס כאַראַקטעריסטישע

פּאַר די דראַמאַטישע לידער זיינע איז „די עלעגיע אויפן טויט פון סטרע־טינער רבין". באַלד דער אָנהייב פון דער עלעגיע איז אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישער דראַמע:

וואָס אַרט דיך, וואָס זי טראָגט דאָס געלע שייטל אָפּגעשאָרט
און ווישט די רויטע נאָז מיטן פאַרטעך?
דער רבי ליגט אין אָרון, שטייף און האַרט,
און זיינע קינדער וויינען לאַנג און באַנג, —
וואָס אַרט דיך?

עלעגיע איז געוויינטלעך ביים אָנהייב שטיל, גייט בהדרגה העכער, ביז זי דערוואַקסט צום טיפן טרויער. שטיקערס עלעגיע איז ביים סאַמע אָנהייב דראַמאַטיש. איר שפּירט באַלד דאָס געראַנגל ביי אים, וואָס אים אַרט „וואָס זי טראָגט דאָס געלע שייטל אָפּגעשאָרט". אָבער סע איז איז נישט סתם דאָס געלע שייטל, נאָר די דראַמע פון דעם פּאָעט, וואָס זאָגט:

איך בין אַרומגעגאַנגען אין דיין סאַמעטענעם שאָטן.

דאָס בילד, ווי דער פּאָעט איז אַרומגעגאַנגען אין סאַמעטענעם שאָטן פון אַ רבין, איז נישט סתם אַ שיין בילד, נאָר סע פאַרמאָגט אויך אַ טיפע דראַמע. שטיקער דאַרף כלל נישט דערציילן וואָס דאָס געראַנגל צווישן אים און דעם רבין איז געווען. דער פּאַרוואָס און דער וואָס זענען נישט וויכטיק. די דראַמע אַליין וואַקסט אַריבער אַלע פּאַרוואָסן. זי איז גרעסער ווי די פּרטים. טיפער ווי די פאַקטן.

וואָס קען, דאַכט זיך, זיין אַזוי ווייניק דראַמאַטיש, ווי שטערן אויפן הימל? ביי שטיקערן אָבער זענען זיי דראַמאַטיש, ווי אין דער שורה „דעם גערויש פון שטערן אויפן גערויש פון גרויסשטאָט האָבן זיי אויס־געעבּיטן". איז נישט וואָס דאָס בילד, — אַז שטערן רוישן, — איז אומ־געריכט און אָריגינעל, נאָר סע איז אין גאַנג פון שטיקערס בילדלעכ־קייט — דראַמאַטיזם.

שטיקער האָט אייגענע בילדלעכקייט, אומגעריכטע, שטויגנענדיקע. ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלטן מיר, למשל, אַזאַ בילד, ווי —

לויכטן שדי"ס ווי מזוזות —
און אין פאַרפּאַפּטן פלאַקס פון קוקורוזעס

נישט געשפּירט און אוודאי נישט אַריינגענומען אין זיך. ביי שטיקערן נעמען מיר דאָס דאָזיקע בילד אָן, וואָרעם סע איז נישט אומגעריכט ביי אים, נאָר אין זיין פּאָעטישן גאַנג.

אין דער סעריע „יידישע לאַנדשאַפט" דערהייבט שטיקער צו גאָר אַ הויכער מדרגה יידישן טרויער אויפן חורבן. ער מאָלט נישט דעם חורבן, נאָר איין שורה איז דאָ, אינעם קליינעם לידער־ציקל, וואָס איז אַ דירעקטע:

ישראל שטאַרבט מיט זעקס מיליאָנען טויטן...

איר ווערט אָבער אויפגעטרייסלט גראָד פון די שורות, וואָס דאַרפן זיין דער אויסדרוק פון יידישער אמונה. אין זיי, די שורות פון גלויבן, איז דאָ מער דער חורבן אונדזערער, ווי אין אַ סך אַנדערע, דירעקטע חורבן־בילדער.

נעמט אַזעלכע שורות:

איך גיי מיט אַלע יידן
וואָך־איין, וואָך־אויס אַזוי.
מיר וועלן איבערלעבן
דעם לעצטן שבת־גוי.
פרייד און רו
און ליכטיקייט ביסטו.

אין דעם ליד „אַש", ווו ער דראַמאַטיזירט דעם גייסטיקן חורבן פון זיין גאַליצישן היימלאַנד, זאָגט ער:

איצט ליגט דער חלום נאַקעט, באָרוועס אויפן שניי
אין טונקעלע, פּרימאָרגנדיקע שעהען,
אויף נייסאַנדז, ראַדאָמישל, ריישע און קאָלאָמעי
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מחנה הונגעריקע קראָען.

קיין טיפערן חורבן־טרויער, ווי „אַ חלום נאַקעט, באָרוועס אויפן שניי", און ווי „אַ מחנה הונגעריקע קראָען" דאַרף מאיר שטיקער נישט אויסדריקן, וואָרעם אַנדערש וואָלט ער אַרויס פון זיין אייגענעם פּאָע־טישן געשפּאַן, אַפילו אינערלעכן ריטעם.

און דאָס איז די גרויסע מעלה זיינע: ער איז געטריי דעם אייגענעם פּאָעטישן גאַנג. נאָר דאָ וואָלט איך געוואָלט אַריינגעמען אַ מאמר המוסגר: אַ סך מאָל טרעפט זיך, אַז ביי אַ פּאָעט ווערט אייגענער גאַנג

דעגענערירט צו נוסח. ער הערט־אויף צו שרייבן מיט דער פּאָעטישער אַנטפּלעקערישקייט אין זיך אַליין, נאָר מיטן נוסח, וואָס ער האָט אַמאָל איינגעשטעלט.

ביי שטיקערן איז דער אייגענער גאַנג אַלעמאָל ניי. דערפאַר זענען די לידער זיינע פריש אין זייער שטורעמדיקער האַרבסטיקייט. זיי זענען פאַרן לייענער אַן איבערראַשונג נישט מיטן תוכן דער עיקר, נאָר מיטן בילדלעכקייט, וואָס ווערט סימבאָל און דערוואַקסט אָפּט צו געדאַנק.

מאיר שטיקער זוכט נישט קיין שיינקייט אין זיינע לידער. ער באַפּוצט נישט אַ בילד זיינס מיט פּליטערלעך, נאָך איידער איר קוקט זיך אַרום, וואַקסט אַרויס שיינקייט, ווי זי וואָלט אַרויסגעקוואָלט אַזוי נאַטירלעך, ווי פון אַ באַרג ריין קוואַל־וואַסער. זיין בילדלעכקייט איז נישט פון דעם באַזונדערן וואָרט, נאָר פון ווערטער־צונויפגעזונגענקייט. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז יעדער וואָרט באַזונדער וואָלט אפשר נישט געווען פאַרביק, נאָר דער צונויפשטעל פון די ווערטער שאַפט דאָס בילד. אַזוי לייענען מיר ביי אים:

און יעדער פעלד און יעדער בייט איז
פּאַרזייט מיט אויסגעפליקטע בערד פון יידעס.

אַז איר זעט פאַר זיך דאָס בילד פון פעלדער „פּאַרזייט מיט אויסגעפליקטע בערד פון יידעס״, לעבט פאַר אייך אויף אַ בילד פון עינוים און מאָרד, וואָס דאָס שטאַרקסטע וואָרט וואָלט עס פאַר אייך נישט געשאַפן. אַזוי זענען אַנדערע צוויי שורות, וואָס זענען שוין פּערזענלעך־לירישע און האָבן ווידער צו טאָן מיטן סטרעטינער רבין:

איך וועל ווערן גרויס און אַלט פון בענקען,
ביז וואַקסן וועט דיין באָרד אויף מיין געזיכט.

איז די בילדלעכקייט דאָ נישט אין דעם וואָרט, נאָר אין דעם גאַנצן צונויפשטעל פון ווערטער און אין דער פאַרשטעלונגס־קראַפט, ווי דער פאַרפלאָנטערטער צונויפבונד דעם פּאָעטס מיטן יידן פון אַ וועלט, וואָס איז מיט דער צייט אים געוואָרן אַזוי פרעמד, וועט אַרויפוואַקסן אויף אים זיין באָרד. אין דעם איז דאָ אי דראַמאַטיזם, אי טראַגיק, וואָס ביידע זענען זיי די הויפּט־שטריכן פון שטיקערס פּאָעזיע.

ער איז בשום אופן נישט קיין מיסטיקער, דער פּאָעט פון יידישער לאַנדשאַפט, אָבער איר שפּירט דעם טראַנס־צושטאַנד בעת ער שרייבט דאָס ליד, — אַ טראַנס, וואָס דערפירט, אַן זיין ווילן, צו מיסטיציזם. און אפשר איז עס נישט קיין מיסטיציזם, נאָר דער פיבער פון ווער־טער, וואָס אין דער אייגענער דינאַמיק דערהויבן זיך צו מיסטיציזם? אַזוי איז דאָס ליד זיינס „קבר אָבות״, וואָס איז אַ מין דעליר. איר ווייסט נישט וואָס דאָס ליד איז, איר ווילט גאָרנישט וויסן, אייך פאַר־כאַפּט די אינערלעכע פאַרהוילנקייט, די אויסטערלישקייט, ווי —

די באָבע האָט זיי אָבער אָפּגעטאָן אויף טערקיש און
מיט אַ יאָר צוריק זיך אויפגעהויבן און אוועקגעקוילערט
צו איר יינגסטן זון, אברהמטשין, וואָס ליגט
באַגראָבן אין לאָנג־אײלאַנד.

אין דער סעריע „זעקס געדענק־טאָוולען״ איז ביי אים דאָ אַ געד־דענק־טאָוול „דאָס לערערל״, וואָס ביז די לעצטע צוויי שורות זענט איר גאָרנישט חושד, אַז דאָס גרויע מענטשל, וואָס מיט די תלמידים לערנט ער „אַביסל דייטש, אַביסל פּויליש און אַ ביסל עברי־טייטש״, איז אַ דראַמאַטיש־טראַגישער מענטש. די לעצטע צוויי שורות גיבן אַן עפן־אויף פאַר אונדז דעם תהום אין אַ מענטשן, וואָס —

נאָר איז איין שיינעם טאָג ועל איך באַווייזן אַ קונץ
און עפענען אַ חדר ווי משה קאַצין און חנא בונץ...

דאָס לערערל בענקט נאָך יידישקייט, ער וויל גאָר זיין אַ פּשוטער מלמד, נישט אַ לערער, וואָס —

פון אַלע בעסטע הייזער ברענגט מען זיי צו מיר:
די יינגלעך אויסגעגלעט און אויסגעצוואָגן,
די מיידלעך אין קראָכמאַליעטע און ווייסע קליידלעך...

דער פּאָעט פון דער שטורעמדיקער האַרבסטיקייט איז קאָנקרעט אין זיין בילדלעכקייט, צו דער אייגענער צייט אָבער איז אין דעם דאָ אַ מין פאַרנעפּלטע ווייטקייט, אָדער אַ צונויפזונג פון די ווערטער. אַזוי דערציילט ער פון זיך, אַז בעת ער איז געווען אַ דרייצניעריק יינגל, ווי ער איז געגאַנגען ווינטער ביינאַכט אין חדר אַריין, און ער זאָגט:

דאָס ליכט אין מיין לאַמטערן
האָט אויסגעצאַנקט נאָך אײדער

אויף דער וואַגשאָל

סע האָבן זיך באַוויזן שטערן
איבערן דאַך אין חדר.

דער נאַראַטיוו איז אַ קאָנקרעטער, אָבער די בילדלעכקייט פירט אונדז אַוועק אין אַ ווייט און אַ הייך, וואָס זענען איבער דער ממשותדיקייט. דאָס איז דער כח פון שטיקערס פּאָעזיע: דער כח צו סובלימירן דאָס סאַמע פּשוטסטע און צו דער אייגענער צייט דאָס סובלימירטע נישט באַפּוצן מיט פליטערלעך, נאָר מיט די סאַמע פּשוטסטע ווערטער.

פאַרענדיקן וויל איך מיט פיר שורות פון דעם ליד „לויב", — שורות, וואָס בלייבן אין געמיט אייערן און איר טראָגט זיי זיך אַליין אונטער אין דער שעה פון פּאָעטישן רחמים:

גער לויבט צו גאָט פאַר זיינע וואונדער,
וואָס ער האָט מיך געבראַכט אַהער,
אַז איך זאָל קענען איבערלאָזן
אין הארץ פון באַרג אַ קליינע טרער.

אריה שמרי

אריה שמריס פּאָעמע, „די פונקען פון תיקון", איז סיי אין אינהאַלט און סיי אין דער פאָרעם נײַ אין דער ייִדיש־ישׂראלדיקער ליטעראַטור. און דאָ דאַרף איך אויפקלערן, וואָס איך מיין מיט „נײַ". חסידישע מעשׂות האָט מען געשריבן אין ישׂראל, — סיי אין פּראָזע און סיי אין ליד. אָפּגערעדט פון חסידות־פאָרשונגען, זענען אין העברעיִש דאָ אַזעלכע שרײַבער, ווי עגנון, אליעזר שטיינמאַן, וואָס חסידות איז דער עיקר פון זייערע שאַפונגען. אין דער פּאָעזיע איז דאָ שמשון מעלצער, וואָס אין פאָלקסטימלעכן אופן שרײַבן אויף העברעיִש נעמט ער אַרײַן חסידות און רביים. אין ייִדיש איז דאָ יחיאל האָפער, וואָס זײַנע דערציילונגען זענען דורכגעדרונגען מיטן חסידישן פאָלקלאָר. נײַ איז אָבער אריה שמריס פּאָעמע דערפאַר, וואָס דער פּאָעט איז אַ קיבוצניק איבער דרײַסיק יאָר און, דאַכט זיך, נאָך אַ חבר אינעם לינקן קיבוץ עין שמר. דערפון נעמט זיך טאָקע זײַן נאָמען שמרי. סע איז אַ ספק, צי פריער וואָלט אַ פּאָעט־קיבוצניק זיך פאַרגינען צו שרײַבן אַ פּאָעמע, וואָס זאָל גלאָריפיצירן אַ רבין. איז די דאָזיקע דערשײַנונג אַ וויכטיקע און וויַיזט אויף די נײַע ווינטן אינעם קבוץ.

די פּאָעמע פאַרנעמט אַרום 180 זײַטן, געדרוקט אין פאַליאָ־פאָרמאַט און באַצירט מיט 32 צייכענונגען פונעם פּאַריזער מאָלער בען. אַרויסגעגעבן איז די פּאָעמע לוקסוסדיק פונעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תּל־אביב און ריין אויסערלעך איז זי אויסערגעוויינטלעך שיין און רײַך. די צייכענונגען שטייען אויף אַ הויכער קינסטלערישער הייך, כאָטש מע קען טראַכטן, אַז 32 צייכענונגען זענען צופיל פאַר איין פּאָעמע.

אַז מיר קומען צו אריה שמריס שאַפונג, באַוווּנדערן מיר קודם זײַן פּאָעטיש־חסידיש געמיט. דער יונגער פּשיסכער רבי איז בײַ אים נישט

קיין קוריאָז, נאָר אַ יחידישע איבערלעבונג. ער כאַפּט אַפילו דעם פּאַ־טעטישן פלי פון דער קבלה, ווי אין דער סטראָפע פונעם רבינס אַ תורה צו קבלת שבת:

הקל תפוחין קדישין, —
שבת איז נישט נאָר מיט חלה און פישן.
חקל תפוחין, —
מע דאַרף דעם שבת, ווי אַן עפּל פאַרזוכן.

אין דער יידיש־ליטעראַטור האָט מען דעם חסידישן רבין זייער אָפט געשטאַלטיקט נאָך די היינטצייטיקע אידייען. פּאָעטן און דערציילער האָבן דעם רבין געגעבן זייערע אייגענע רייד, די געדאַנקען זייערע און אפילו פּאָעטישע איבערלעבונגען. וואָס איז פרצעס „אויב נישט נאָך העכער״ ? דעם שרייבערס אַ געדאַנקלעכער אויפבליץ, וואָס אַנגעטאָן האָט ער אים אינעם לבוש פון אַ רבין. יעקב גלאַטשטיינס „ר׳ נחמן״, ווידער, איז דעם פּאָעטס אייגענע פּאָעטישע געדאַנקלעכקייט, אַ סובלימאַציע פון זיינע אייגענע שטימונגען, וואָס דער בראַצלאַווער רעדט זיי צו זיין פאַרשרייבער נתנען. דער שרייבער פון די שורות האָט אויך געפּרוווט אַרויסזאָגן זיך אַליין דורך אַ חסידישן רבין. אריה שמרי, כאָטש ער פורעמט דעם יונגן פּשיסכער אין דעם אידייִשן געשטאַלט פון זיך אַליין, — דעם פּאָעט־קיבוצניק, — איז ער דאָך טיף אַריינגעדרונגען אינעם חסידישן לאַר, געגעבן די ליטעראַרע פּאָעזיע פונעם חסידות.

דער יידיש־פּאָעט פונעם קיבוץ איז קודם אַ פּאָעט, — ער איז בילדלעך, זיינע שורות זענען אַ סך מאָל אַנטפּלעקעריש, דער ריטעם איז אַ זינגעוודיקער און, דער עיקר, ער פאַרמאָגט אַ פּאָעטיש געמיט, וואָס ער איז בכח קינסטלעריש אונדז אַריינצולעבן אין זיך. דער אַנ־הייב פון דער פּאָעמע, ווי דער יונגער פּשיסכער פילט זיך נישט ראוי צו פאַרנעמען די רביייִשע שטול פונעם גרויסן פּשיסכער, איז דאָס תמימות, דאָס עניוות, דער אינעווייניקסטער ספק, שוין דאָ אין אונדזער פּאָעזיע. שמרי האָט אָבער פאַראייגנט דאָס שוין דאַיִקע, ער האָט גע־געבן אייגענע שורות, אייגענעם אויסדרוק. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין פּאָעזיע, דער סאַמע ווייץ פונעם ליד. אינעם קאַפּיטל „ויסעו״, וואָס באַשרייבט, ווי חסידים פאָרן צום רבין, איז ביי אים דאָ אַזאַ סטראָפע:

צוויט און זילבער — סע טריפט דער בעז אויף קעפּ
און פייגל ביי די טריט אין גרויסן גאַנג.
דער רבי שטייט געבויגן אויף די טרעפּ
און אַלע וועגן גייען מיט געזאַנג.

וואָלטן די ערשטע צוויי שורות פון דער סטראָפע געווען געוויינטלעכע, אָבער די לעצטע שורה „און אַלע וועגן גייען מיט געזאַנג", — וואַרפן אויף זיי אַזאַ ליכטיקע שיין, אַז זיי ווערן אויך צונויפגעזונגען אייגן־בילדלעך. נאָר ביי שמרין זענען דאָ אַ סך אָריגינעלע בילדלעכקייטן ווי מיר וועלן ווייטער זען. אַביסל קשה איז אויף שמרין, וואָס מיט זיין גאַנצער אינטימקייט מיט חסידות, פאַלט ער אַריין אין אַ טעות, אַז דער חסיד גיט דעם רבין שלום, בעת חסידים זענען מקבל שלום ביים רבין. אַ טיף קאַפּיטל איז „די צוויי חטאים", ווי ער דערציילט פון אַ חסיד וואָס גייט צום רבין. דער חסיד איז פאַרטויבט פונעם וועג און ער טראַכט־איבער, אַז דער רבי וועט אים נישט דערזען, דערשפּירן אין זיין פאַרשטויבטקייט. ער גייט דערפאַר פריער אין מקווה, טובלט זיך, רייניקט זיך, נאָר דערנאָך באַפאַלט אים ווידער דער פחד, —

און, אַז כ'בין שוין לויטער און ריין, ווי די קוואַלן,
און לויטער פון לויטער, טהור וזך,
אוי, קען דאָך געשען אַז ערגערע זאַך,
חלילה, סע קען דאָך געשען,
אַז דער רבי זאָל מיינע חטאים נישט זען...

די פּאָעמע איז נישט קיין גאַנצע, אין איר גייט נישט דורך קיין איין דערציילערישער פאָדעם, זי האָט נישט קיין שטייגערישקייט, קיין נאַראַטיווע אויסגעהאַלטנקייט. דער רבי איז געצייכנט פראַגמענטאַריש. זי האָט אָבער יאָ אַ קינסטלערישן פאָדעם אין דעם פּאָעטיש־חסידישן קלימאַט, די באַזונדערע קאַפּיטלעך בינדן זיך אינערלעך און קאַפּיטלעך זענען דאָ, וואָס פאַר זיך אַליין פאַרמאָגן זיי אַ גאַנצקייט, אַ פּאָעטישע אויסגעשמידקייט. אַזוי איז דאָס קאַפּיטל „קצב און דיין", וואָס דערציילט פון אַ קצב, וואָס ברענגט אַ סירכא צום דיין און דער דיין וויל די געקוילעטע בהמה טריף מאַכן. דאָ איז דאָס געראַנגל צווישן דין און רחמים. שמרי ברענגט אַרויס די געדאַנקען אויף אַ פּאָעטישן אופן און, אַז דער קצב שטייט פאַרן רבין און קלאָגט זיך אויף זיין מערכה, רופט דער רבי דעם דיין און זאָגט אים :

היט זיך, אַז אַ יידנס האָרץ זאָל נישט ווערן טריפה...

דער זאָג איז אַן אָנווונק, אַז דער קצב קען נאָך, אין יאוש, אַרייַנ־פאַלן אין כפירה, און וואָס איז וויכטיקער ? מאַכן אַ בהמה טרייף, אָדער פאַר׳טרפ׳נען אַ יידיש האָרץ ? דער דיין נישטערט ווידער אין די דינים און מאַכט דאָס „שטיקל״ כשר. הייסט עס, אַז דעם רבינס דרך איז מער רחמים, ווי דין, אָבער פונעם דין טרעט ער אויך נישט אָפּ, ער פאַרשטייט אים נאָר אויף זיין אייגענעם רחמימדיקן שטייגער.

דער רבי זאָגט תורה און שמרי פאָעטיזירט די תורות, ווי „אשת חייל מי ימצא״. פרעגט דער רבי :

וואָס עפּעס אשת חייל ?
מי ימצא, — ווי ביינאַנד אָזעלכע צוויי ?
אישה, אַ שטילע און געטרייע,
מיט חייל, וואָס איז כולו רוגז,
און אפילו שופך דמים, ווינד־און־וויי ?
וואָס דער מיין און ווי פאַרשטיין
אַ שטילע טויב מיט אַ ווילדן שפּאַרבער אוי ?
אַן אישה צנועה, שיין און ריין,
מיט חייל גאָר, מיט מידות פון אַ גוי ?

דער יונגער פשיסכער געפינט דעם פאַרענטפער :

אין יעדער מענטש איז חייל דאָ און אישה דאָ,
ווי אור און חושך אין יעדער שעה.

צו די תורה גייט אַרום צווישן די חסידים, צו אריה שמרי האָט זי אַליין אויסגעטראַכט, מיר שפּירן סייווי אין איר יידישקייט־טראַדיציע, זי האָט דעם אַראָמאַט פון אַ רביי׳שער תורה.

אַביסל אָנגעהויכט פון פרצעס ר׳ שלמה אין ערשטן אַקט פון „גאָל־דענע קייט״ איז דאָס קאַפּיטל „זמירות אין מיטוואָך״. ר׳ שלמה האָט נישט געוואָלט קיין הבדלה, ער האָט נישט געוואָלט בענטשן די וואָך, — כולו שבת זאָל זיין. דער יונגער פשיסכער וויל זינגען זמירות אין אַ פשוטן מיטוואָך, ער זאָגט דעם זינגער אברהמקען :

טאָקע בידנער מיטוואָך, טאָג ווי פּראָסטער לחם,
נאָר איך וויל אַ קידוש היינט אַ קאָפּ הולטייען,
וואָס וואַרטסטו נאָך, וואָס מישסטו דאָרט אין שכל ?
נעם די קאַראַפינקע און הייב נאָר אָן פון ייִן.

קיין סך ווייַן איז נישט געווען, אָבער דער חסידישער ניגון, די זמירות אין מיטוואָך, האָט אַנגעטרונקען נישט נאָר דעם מזומן ביים רבינס טיש, נאָר די הונדערטער, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען, וואָרעם —

אויך ניגון איז אַ יש און ווערט אַביסל יי״ש...

און, אַז יידן האָבן זיך צעזונגען, — „זמר אין אַ זמר, מגד דבש גע־גאָסן״, „איז אַריין דער מיטוואָך, ווי אַ שטאָלצער אורח״ און

מיט טויזנט טעם האָבן טויזנט צונגען
געזאָגט גוט־מיטוואָך אַ שבת־טאָג אַ גייעם.

צו די בילדלעכע שורות, וואָס אויסגעקליבן האָב איך זיי נישט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, נאָר בפירוש זיי אַרויסגעכאַפּט, געהערן:

ווען ווייסע טרערן האָבן אָנגעהויבן ווערן
בערגלעך פּוך.

אָדער:

ברוך הוא וברוך שמו,
אַ ווייסע רו און שטיל אַזוי.

צי:

ווייל אויך ברויט איז הונגעריק און בעט רחמים...

און ווידער:

פון הויכן אביון האָט אַ טרער,
ווי אַ וואָוו אַ חולם,
אַראָפּגערונען שווער...

נעמט דעם הויכן אביון און אויף דער הויכער וואָוו דער קליינער חולם, וועט איר זען ווי דער אימאַזש איז פּרעציז און, דער עיקר, ווי ער האָט זיך אויסגעפורעמט אין יידישן קלימאַט. און דאָס איז די גרויסע מעלה פון שמריס פּאָעמע: זיין בילדלעכקייט איז אַ דורכאויס יידישע און שאַפט די פולקייט פון דער פּאָעמע.

אַ קאַפּיטל איז דאָ, ווי דער פּשיסכער רעדט צום דרדקי־מלמד, זאָגט אים:

דיר איז גוט, דו האָסט צו טאָן מיט פּיצלעך,
דו האָסט אַ קורצן וועג — אלף, בית, גימל —
מיטן טייטל טוסטו אַלע שפּיצלעך

און פירסט קליינע ייִנגעלעך צום הימל.
נאָר איך, מיין טואונג איז מיט אַלטע קנאַכנס,
ווו דער יצר איז טיף איינגעבאַקן,
איך זאָג דיר, קלמן, איך ווער צעבראָכן,
כאָטש איך קנייפּ בלחש מיינע באַקן.

איז דער געדאַנק אַ שיינער, נאָר אַ פּאַרדראָס איז, וואָס די לעצטע שורה פון דעם צווייטער סטראָפע איז אַזאַ „אַריינגעפּאַלענע". אוודאי פאַרשטייען מיר, אַז שמרי האָט דאָ אינזינען דאָס ווערטל „קנייפּ די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין", אָבער די שורה איז פאָרט אַן אַרויס־שטאַרצנדיקע, אַ צוגעקלעפּטע. בפרט נאָך, אַז ווייטער זאָגט דער רבי:

איך פּרוּוו מיט פליגל און פאַל אויף דנאָען, —

וואָס איז שוין סיי אין רבישן גייסט און סיי אין פּאַעטישן דרך פון דער פּאָעמע.

אינעם קאַפּיטל „די פונקען פון מרידה" וויל שמרי געבן דעם פּשיס־כער דרך: „זיי אַליין בוים און זעג". ער הערט דעם זיידנס קול, וואָס זאָגט:

האַרצעניו, ביסט טאַקע אַ חלושל,
נאָר נישט קיין נעבעכל, מיט שערבלעך אויף די אויגן.
גאָטס וועלט איז נישט נאָר איין פּאַלישל...

איז וואָס זענען די פונקען פון מרידה? סע איז אונדז נישט צו קלאָר, אָבער מיר שפּירן אַן אינערלעך פייער, וואָס ווייסט אַליין אפשר דעם באַטייט פון דער מרידה, נאָר זי איז דאָ.

אריה שמרי האָט אין די ערשטע דריי פּערטל פון דער פּאָעמע טאַקע נישט אויסגעשמידט קיין גאַנצע נאַראַטיווע פּאָעמע, אָבער דער רבי איז אין זיי דער צענטער. צום באַדויערן האָט ער צום סוף צוגע־טשעפּעט לידער, וואָס זענען שוין אָרגאַניש נישט אַריינגעוואַקסן אינעם גייסט פון דער פּאָעמע. ער שלעפּט אַריין דעם רבין אין געשעענישן, וואָס אי זיי דערגאַנצן נישט דעם רבינס געשטאַלט, איז זיי זענען מע־כאַניש צוגעקניפּט צום פּשיסכער.

דער נאָמען, „די פונקען פון תיקון", איז אויך נישט קיין געראָטע־נער, אָבער די פּאָעמע איז אַ דערגרייכונג פאַרן פּאָעט. די יידישע לי־טעראַטור האָט זיך שוין לאַנג אויף אים אומגעקוקט און וועט זיך איצ־טער נאָכמער אומקוקן.

צוויי דיכטערינס אין מדינת ישראל

הדסה רובין —

זיי זענען אַנדערש, פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער — הדסה רובין און רחל פישמאַן. דער צוזיפפאַר איז אפשר אַ מעכאַנישער. אָבער גראַד דער חילוק צווישן זיי האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק זיי צוזיפצופירן אונטער איין דאַך, בפרט, אַז דער דאַך איז ישראל.

נישט נאָר קומען זיי פון צוויי באַזונדערע סביבהס, פון אַנדערע לעבנס־דערפאַרונגען, באַזונדערע איבערלעבונגען. זיי זענען, דער עיקר, אַנדערש אין אויסדרוק, אינעם פאָעטישן באַנעם, אין דער פאָעטישער קולטור אַפילו. נאָר דער וויכטיקסטער צוזיפבונד צווישן זיי איז: זיי זענען ביידע פאָעטינס.

הדסה רובין, ווי מיר קענען אַרויסלייענען פון אירע לידער, איז דורכ־געגאַנגען דעם קאָמוניזם, האָט איבערגעלעבט דעם נאַציזם און איז גע־קומען קיין ישראל זיך איבערפלאַנצן. דאָס וואָרט איבערפלאַנצן נעם איך טאַקע ביי איר. איר בוך באַשטייט פון צוויי טיילן. די ערשטע איז געשריבן אין וואַרשע, און די צווייטע, וואָס זי רופט „איבערפלאַנצונג", אין תל־אביב. די לידער אירע פונעם וואַרשעווער פעריאָד זענען אַ פאַרשלייערטע חרטה. מיר דאַכט זיך, אַז איך געדענק לידער אירע, פאַר דער אויסניכטערונג. זיי זענען געווען אינשפּאַניקע, נאָכן נוסח פון די קאָמוניסטישע לידער. אָבער אויך אין יענע לידער האָט זיך דורכ־געריסן ריינער ליריזם, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע. דאָס שרייב איך נאָר פונעם זכרון, וואָרעם יענע לידער האָב איך נישט און געדענקען געדענק איך נאָר דעם טעם זייערן.

אינעם איצטיקן בוך זענען די לידער פול מיט צער, נאָר איר קענט נישט דערגיין, צי דער צער איז אַ דורכאויס יחידישער אָדער ער וואַקסט־אַרויס פון אידייִשער אַנטוישונג און אַ יאוש, וואָס זי ראַנגלט זיך מיט אים אינעם רוב לידער אירע. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד אירס „ביסט ווידער דאָ". הייבסט־אָן לייענען און פון די ערשטע

שורות קומט־אויס, אַז דאָס געזאַנג איז צו אַ מאַנספאַרשוין, וואָס וויל זי נישט פאַרגעסן. נאָר עטלעכע שורות ווייטער פאַרקערעוועט זיך דאָס ליד און דער, וואָס קלאַפּט אין טיר, איז גאָר דער חודש מאַי. און דאָ איז נאָך דאָ דער שפור פון איר קאָמוניזם, אָבער אויך דאָס געראַנגל קעגן אים.

דורך שטורעם־וואָלקנס וויל איך,
נישט דורך רויך,
די זון דערלאַנגען אין איר רויטסטן גלי.

נאָר אין די ווייטערדיקע שורות וויל זי גאָר „דעם שטילסטן רוף דערהערן פון קנאָספּ צו בלום״, וואָס איז שוין להיפּוך פון „דערלאַנגען די זון אין איר רויטסטן גלי״. און ענדיקן ענדיקט זי דאָס ליד מיט די ריין לירישע שורות:

אָ, גרינער מאַי,
ביסט שולדיק מיר געלעכטער און געוויין.

איז אינעם געראַנגל אירן דאָ אַ מין פיבערדיקייט, וואָס אַ סך מאָל דאַכט זיך דיר, אַז זי רעדט פון היץ. פּאָעזיע איז אפשר אַ סך מאָל אַ רעדן פון היץ, אָבער אַן אויסגעלייטערט רעדן. הדסה רובינס „היץ״ איז אי פּאַטעטיש, אי כאַאָטיש, אָפט אַפילו קרענקלעך. איר שפּירט אַ טראַגיזם אין אירע לידער. זי גיט אייך אָנצוהערן, אַז זי איז געזעסן „הינטער קראַטעס״, אָבער זי פאַרהוילט די לידער אירע, פאַרנעפּלט זיי. אַז זי דערהייבט זיך צו קלאָרע שורות, איז דאָס ליד אירס געליי־טערטער טרויער, ווי דאָס ליד „מאַמע״, וווּ זי וויינט אויף דער מאַמעס עלנטן קבר, וווּ אַ פויגל וועט אַפילו נישט —

אַ וואָרף־טאָן אַ פעדער,
אַ שטרוי
אויפן בערגל...

און

קיין יידישע טרער וועט אַ שכנה
נישט שיקן צו דיר מיטן ווינט.

צום העכסטן אויסדרוק קומט דאָס געראַנגל אירס אינעם ליד „שרעק״, כאָטש איר ווייסט נישט וואָס פאַר אַ מין שרעק דאָס איז: צי יחידישע, צי אידעישע. עפּעס אָנט איר, אַז דאָ רעדט ווידער אַרויס איר ביטערע אַנטוישונג, באַזונדערס אין דער לעצטער סטראָפע:

איך וויל נישט מער. איך וויל נישט מער.
די שרעק פון דיר זאָל פליסן אין מיר פינצטער.
איך וויל, ווי דאָס גרעזל זיין, דאָס דינסטע,
וואָס ווערט פון שאָטן נישט געבויגן צו דער ערד.

הדסה רובין פאַרמאָגט אַן אייגענע בילדלעכקייט, וואָס איז אַ געמיש פון אַבסטראַקטקייט און קאָנקרעטקייט. זי זאָגט: „רייס־אָפּ די צייטיק געוואָרענע שטילקייט", אָדער „צעשניידט דאָס שווייגן אויף צווייען". זענען דאָס אימאַזשן, וואָס איר זעט זיי אין אייער דמיון, כאָטש איר דאַרפט צופיל אָנשטרענגען דעם דמיון, כדי צו זען, ווי שטילקייט ווערט רייף. מער קאָנקרעט איז שוין דאָס בילד, אַז זי „קען נאָר אַ שאָטן זיין". דאָס איז דערפאַר, וואָס דער אימאַזש איז צונויפגעוואַקסן מיט דער שטימונג פון דעם ליד. דורכאויס אַבסטראַקט, אָבער טיף ליריש, זענען די שורות —

דער וואַלד איז אַריין אין מיין צימער
דורך אָפענעם פענצטער אין חושך,
געלאָזן אין דרויסן דעם הימל,
די שטערן געלאָזן אין דרויסן.

דאָ דאַרפן מיר אויך אויפכאַפּן דעם וויטן קלאַנג פון די גראַמען: צימער מיט הימל, חושך מיט דרויסן. בכלל פאַרגינט זיך הדסה רובין צו נעמען די באַנאַלסטע גראַמען, ווי האַרץ מיט שוואַרץ, שאָף מיט שלאָף. אָבער אין אַ סך לידער זוכט זי, באַוווסטזיניק, דעם גראַם צו געבן נאָר ווי אַ ווונק און דעמאָלט איז דאָס ליד דערפרישט און מער אייגן — אירס.

אַז איך האַלט שוין ביים אופן פון איר פּאָעטיזירן, איז כדאי אָנצוּווייזן אויפן איבערפלייץ פון בלומען אין אירע לידער. וואָלט עס קיין חסרון נישט געווען, אַז די בלומען וואָלטן נישט געווען נישט מער ווי ווערטער, נאָר באַמאָלן און באַזונגען, אַז מיר זאָלן זען יעדע בלום אין איר באַזונדערקייט פון איר פאַרב, אַראָמאַט און בלעטל־פורעם. אַזוי ווי זי וואַרפט סתם אַריין „בלומען", „בלימלעך", „קווייטן", ווערט דער בלומען־פאַרפלייץ היפש מאָנאָטאָן.

ווייטער: פאַרוואָס אַזוי פיל פרעגצייכנס? כמעט אין יעדן ליד זענען דאָ פרעגענישן. אפשר קומט עס פון דעם פּאָעטיש־פּסיכישן

געמיט אירן, טאַקע פון דער אומקלאָרקייט און דעם צער׳דיקן גע־ראַנגל. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז זי וואָלט זיך געדאַרפט דיסציפּלינירן און אַרויסבר׳ענגען אירע שטימונגען מער דירעקט און אָן פּרעגישן.

די צווייטע טייל אינעם בוך, וואָס זי רופט „איבערפלאַנצונג״, פאַר־מאָגט זייער ווייניק איבערפלאַנץ־געמיט. די לידער האָט זי געשריבן אין תל־אביב און זי זאָגט אין ערשטן ליד פון דער סעריע, אַז —

א געוויקס,
ווען סע פלאַנצט אים איבער
אויף אַן אַנדער בייט דער גערטנער,
ווערט מאַט, ווי אָפּגעשטאָרבן
זיינע בלעטער,
ביז זיין וואָרצל שרויפט זיך אריין
אין דער וואַרעמקייט פון ניי ערד.

איך בין מסופק, צי ס׳איז באָטאַניש ריכטיק בנוגע דעם געוויקס. וואָס איז שייך אָבער הדסה רובינס געמיט, זענען די „בלעטער״ פון איר ליד נישט „מאַט, ווי אָפּגעשטאָרבן״, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ נישט דעם אַראָמאַט פון דער נייער ערד. זי איז נישט פריי פון די יאוש־דיקע שטימונגען און, דער עיקר, די געמיט־לאַנדשאַפט איז ביי איר די אייגענע, וואָס אין פוילן. זי אַליין ווייסט, אָדער שפּירט עס, און אין ליד „ביינאַכט אין די נפתלי־בערג״, זאָגט זי:

איך לערן קוים
די שפּראַך פאַרשטיין
פון אייער שיין...

לאָמיר האָפן, אַז זי וועט דערלערנען צו פאַרשטיין די שפּראַך פון דער נייער שיין. זי איז אַ פּאָעט — אין דעם איז קיין ספק נישטאָ — נאָר זי דאַרף זיך אַרויסוויקלען פון די געדיכט־פאַרוואַקסענע טונ־קעלע בלעטער אין איר געמיט.

רחל פישמאַן —

רחל פישמאַן קומט פון אַן אַנדער סביבה, פון אַנדערע לעבנס־דערפאַרונגען, נאָר זי האָט אויך אין אירע לידער אומגעריכטע ווענ־דונגען, ווי הדסה רובין. געבוירן און געוואַקסן איז רחל פישמאַן אין פילאַדעלפיע, ווו אירע עלטערן לעבן ביזן היינטיקן טאָג. קיין ישראל

איז זי געקומען נאָר אַ קוק־צו־טאָן און איז דאָרטן געבליבן אין אַ קיבוץ. דערווייל איז זי שוין אַ מאַמע פון צווי קינדער, זינגט־אויס איר יוגנטלעכקייט אין יידישע לידער און —

סע קענע דיינע לידער אַן ווערטער
אַלעמען איבערשווייגן.

אַ פרייד איז צו לייענען די זוניקע לידער אירע. זיי זענען אַריינגעוואַקסן אין ערד און, אַפילו שווייגן האָט זי זיך אויך געלערנט ביים גלבוע. ווייס איך נישט, צי אין עברית שרייבט מען נאָך אַזעלכע לידער, — איך האָב זיי נישט געזען, — נאָר אין יידיש זינגט רחל פישמאַן פון פעלד־זאַטקייט און שפע, — „אַזויפיל זון און מי געווען", — און אין דער זאַטקייט וויל זי, אַז „זאָל דיך הונגעריק רייצן און וועקן — אַ ליד". און דער הונגער צום ליד איז ביי איר דאָ. ער איז אַזוי פריש, ווי זי „די זון און איך, מיר אַרבעטן ביידע אין ווייגאָרטן". ווערסט אַליין שיכורלעך פון אַזעלכע שורות:

מיינע ברוינע הענט
זענען בראָוו און שיכור,
און זיי רעדן פון היץ...

אָבער די היץ ביי רחל פישמאַן איז אַ לויטערע. זי איז אַזוי פיל אָנגעזוניקט, אַז „פראַל מיך אויף, וועט פון מיין אינעווייניק אַרויסשיסן דער הייסער זונקערן". אַז איך זאָל זיך נישט שעמען פאַר הויכע רייד, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַ זון איז אויפגעגאַנגען אין דער יידישער פּאָעזיע.

מיר האָבן אַ סך לידער וועגן שבת, אָבער אַזויפיל פרישקייט איז דאָ אין אירס אַ שבת־ליד, אַז דער שבת ווערט דיר באַנייט:

ערשט איצט,
ווען איך ליג אין שאָטן,
קיל מיט שאָטן איינגעדעקט,
דערוועגט זיך מיין אויג
און דערוועגט זיך מיין גומען,
נעמען די זונען פון אַ וואָך,
אַלע זונען פון דער וואָך,
און מיט קילע שבת־הענט
זיי פאַרשפאַרן אין אַ טראָפּן.
אַלע זונען אין איין טראָפּן.

דער עמק איז ביי רחל פישמאַן „אַ חן־גריבעלע דער זונס״ און פונעם הימל זינגט זי: „נאָר די בענקשאַפט קען פאַרליידן אַזאַ בלויען הימל״. אַ־בערגעזעטיקט בין איך מיט די עראַטישע לידער פון פרויען־דיכטערינס. צו נאָקעט איז די עראָטיק זייערע און דערפאַר ווערט זי אָן דעם רייץ. רחל פישמאַן איז דורכאויס פרוילעך־עראָטיש, אָבער די שורות אַליין ברענען ביי איר, אָן צו דערמאָנען אַפילו דאָס לייב אירס, אָדער דעם צונויפבונד מיטן מאַן. די זון אין די לידער אירע איז אָנגעטרונקען מיט עראָטיק.

זי איז נאָך יונג, רחל. זי איז אַריינגעוואָקסן אין ישראל. זי באַזינגט נישט די ישראל־ערד. די ישראל־ערד זינגט אַרויס פון איר. זי פאַרהייליקט נישט די אַרבעט, נאָר די אַרבעט פאַרהייליקט זי. מעגן מיר דערוואַרטן פון איר נאָך ביכער, וואָס זאָלן אָפּפרישן און אָנזוניקן דאָס יידישע ליד.

יאַנואַר, 1965

דריי ערשטע לידערביכער

אויף לידער איז ביי אונדז, ברוך השם, אַלעמאָל אַ שפע און זאָגן זאָג איך עס נישט, חלילה, צו פאַרמינערן דאָס חשיבות פון דער פּאָעזיע ביי אונדז, נאָר אויפצוקלערן זיך אַליין דאָס רעטעניש פון דער לידער־שפע. שלמה המלך, ווייסן מיר, אַז ער איז געווען יונג, האָט ער געשריבן דאָס גרויסע ליבע־געזאַנג שיר השירים, אָבער אין זיינע רייפערע יאָרן האָט ער געשריבן קהלת, וואָס איז כלל נישט קיין ליד־געזאַנג. ביי אונדז זענען די לידער־ביכער, וואָס האָבן זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט אין משך פון עטלעכע חדשים, נישט פון קיין יונגע מענטשן זיי זענען נענטער צו שלמה המלכס עלטער בעת ער האָט געשריבן קהלת. פונוואַנעט זשע נעמט זיך ביי מענטשן פון דער עלטער אַרויסצוגעבן ערשטע לידער־ביכער? אמת, קיין שיר השירימס זענען זיי נישט, אָט די לידער־ביכער, אָבער קיין קהלת׳ן זענען זיי אויך נישט.

אַז איך שרייב דאָס מאָל פון דריי לידער־ביכער, זענען זיי אַלע ערשטלינגען. איינער, משה עטינגער, האָט אַמאָל שוין אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, נאָר דורכגעגאַנגען איז עס ווי אַ שאָטן, לכל הפחות פאַר מיר. פון די אַנדערע צוויי, איז משה לאָקיעטש, פאַר מיר אינגאַנצן אַ נייער נאָמען און וואָלף פאסמאַניקס לידער האָב איך געלייענט צעוואָרפענערהייט: דאָ אַ ליד, דאָרט אַ ליד, ביז ער האָט מיר צוריק מיט אַ צוויי יאָר געבראַכט אַ בינטל לידער און געבעטן אַ טובה: קוקט אַריין אין זיי.

ווען איך אָנהייבן מיט משה לאָקיעטש, וואָס איך האָב קיינמאָל פון אים נישט געהערט. לעבן לעבט ער אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, בראַזיל, ווו ער איז זיך מפרנס פון מעבל־פאַבריקאַציע. אין דעם לעקסיקאָן זע איך,

אַז ער איז געבוירן אין וואָלין און דערנאָך איז די משפחה זיינע אַריי־בערגעפאָרן קיין וואַרשע. פון ח. ש. קאַזשדאַנס אַריינפיר צום בוך ווערן מיר געוויר, אַז אין פוילן האָט ער געאַרבעט ביי סטאָליערײַ און איז געווען אַ טעטיקער אַרבעטער אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אַלט איז לאָקיעטש אַרום זעכציק יאָר און לידער האָט ער געדרוקט אין בראַזיליש־יידישע צייטונגען און אויך האָט ער זיך אַמאָל אַריבערגע־כאַפּט מיט זיינעם אַ ליד צו אונדז קיין אַמעריקע.

דאָס בוך זיינס, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ניו־יאָרק, אין ציקאָ־פאַרלאַג, הייסט „גורל פון אַ קרייז" און פאַרנעמט 160 זייטן. פאַרוואָס „גורל פון אַ קרייז"? אַ פּאָעט איז כלל נישט מחויב אויפצוקלערן דעם נאָמען פון זיינס אַ בוך, נאָר לאָקיעטש איז גנעדיק צום לייענער און גיט אים יאָ אַ פּירוש אויפן נאָמען פון זיין בוך. דערמאָן איך עס נישט סתם אין דער וועלט, נאָר דערפאַר וואָס דאָס ליד „גורל פאַר אַ קרייז", אויף זייט 54, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּאָעט, וואָס זיין פּאָליטישער יסוד איז בונדיזם. איז לאָמיר זען דאָס ליד:

> פון גליל איז אַ בשורה מיר געקומען
> און אין פריידן־פּלאַטער איינגעהילט מיין הויז:
> נאָך אַז אייניקל פון מיין טאָכטער כ׳האָב באַקומען,
> ס׳האָט אַלט־צפת אים, דאָרט, געבוירן אין זיין שויס.

אין די ווייטערדיקע סטראָפעס דערציילט דער פּאָעט, ווי דער „גורל פון אַ קרייז" ביי אים האָט זיך אָנגעהויבן אויפן מוראַנאָוו, מיט קלעפּ פון שקצים. ווי ער איז דערנאָך פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סיביר, אין דער נאַצי־אָקופּאַציע פון פוילן. ווייטערער וואַנדער האָט אים צוריקגעבראַכט קיין מאָסקווע, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין ריאָ און פון דאָרטן איז אים די טאָכטער אַוועקגעפאָרן קיין ישראל און זי האָט דעם קרייז פאַר־רונדיקט מיט געבוירן אַ קינד אין צפת.

משה לאָקיעטש איז רייך אין טעמעס, ער שעפּט זיי פונעם אייגענעם לעבן זיינעם. די ערשטע סעריע לידער אין בוך איז „טאָגע־לידער". קענט איר נישט אויסמיידן זיך נישט צו דערמאָנען אין לייוויקס סיביר־ער לידער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין פאַרגלייכן טאָרן מיר נישט מאַכן, נאָר עפּעס אין לאָקיעטשעס לידער אָטעמט מיט לייוויקס סיביר. נעמט די ערשטע סטראָפע ביים סאַמע אָנהייב פונעם בוך:

מיט שטריק דורכן אקסל, געקאָוועט אין שליטן,
אַ צעקאַלטנטע וויגע, און איך אין דער מיטן,
איר ווירבל צעדריוולט, צעשטופלט די שליאַכן,
די גלעזערנע הימלען צעבראָכענע קראַכן.

אוודאי זענען דאָ אין לאַקיעטשעס לידער שטשערבעס, ווי טאַקע ביים סאַמע אָנהייב, אַז ער וויל גראַמען דאָס וואָרט „מאַכיק”. זאָגט ער אַז סע איז זיין „גורל דאָ קנאַכיק”, וואָס אין דעם פרייסטן צעשפּיל פון דער פאַנטאַזיע, קען איך זיך נישט אויסמאָלן, ווי אַ גורל איז קנאַכיק. אָבער ער פאַרמאָגט אַ קאָנקרעטע בילדלעכקייט און אין איין ליד קען ער אַ זאָג־טאָן:

דערגרייכט כ׳האָב שוין די מדרגה
צו שטיין אויף דער שוועל פון פאַרגיין.

אין די לידער פון בראַזיל האָט ער אַ סעריע „פאַוועלא בערג”, וואָס זענען דורכאויס ניי אין דער פּאָעזיע אונדזערער. די פאַוועלאַ בערג רינגלען אַרום ריאָ און דאָרטן וווינען די אָרעמסטע בראַזיליאַנער, דער רוב נעגערס, און מיט זיי איז לאַקיעטש געקומען אין קאָנטאַקט בעת ער איז נאָך געווען אַ פּעדלער, אָדער אַ „קלאַפּער”, ווי סע הייסט אין בראַזיל. בכלל איז די סעריע לידער פון בראַזיל אַ גראַטענע, כאָטש סע פעלט איר דאָס ביסל מיסטיציזם, וואָס דערהייבט פּאָעזיע צו דער מדרגה פון וואָרט מיט נאָכוואָרט.

לידער זענען דאָ, וואָס רירן אייך מיט זייער עכטקייט, מיט דער פּרימיטיווקייט אפילו פון דער איבערלעבונג אין זיי. אַזוי איז באַשערטקייט, וואָס געשריבן האָט ער עס צום עולה־זיין פון זיין טאָכטער לוסיאַ קיין ישראל. ער זאָגט:

מיט גמרא׳ס כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געבערודערט,
אין פּרדס פון תנ״ך אויך קיינמאָל נישט שפּאַצירט,
ס׳האָבן שטורעמס מיינע זעגלען מיר גערודערט,
אין פרעמדע לענדער, דורך מלחמות מיך געפירט.

און נאָכדעם, ווי ער מאָלט ווייטער דאָס שווערע לעבן זיינס, קיינמאָל האָט אים „אויף אַ שול־באַנק קיין מייכל נישט געגלעט”, —

דערפאַר גייט איצטער אויף מיין קינד אין לאַנד פון חנען,
איר פרימאָרגן־בלי האָט דערוועקט אַלט־ניי געזאַנג,
גייט לערנען תנ״ך פאַר מיר און איר אינאיינעם,
קוש איך, ווי אַ ספר, איר קיומדיקן גאַנג.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ זענען ביי אים לידער פון געטאָ, נאָר מחדש זיין אין אַזעלכע לידער איז כמעט אוממעגלעך, וואָרעם נאָך יצחק קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגעשאָכטענעם פאָלק" און ז. סעגאַלאָוויטשעס צוויי לידער־ביכער פון דער געטאָ, איז נאָר אַ פּאָעט אַ גאון מעג זיך נעמען צו אַזעלכע לידער.

*

דער יינגסטער פון די דריי פּאָעטן איז וואָלף פּאָסמאַניק, — ער איז אינגאַנצן אַלט 46 יאָר, און אין אַמעריקע איז ער ערשט אַרום 11 יאָר. פּאָסמאַניק איז דער לירישסטער פון די דריי און, כאָטש ער איז דורכגעגאַנגען גלות רוסלאַנד אין דער צייט פון דער מלחמה און האָט יאָרן נאָך דער מלחמה געלעבט אין גרויס נויט אין פּוילן און אין איטאַליע, זענען דאָך זיינע לידער כמעט פריי פון דער ביטערניש, וואָס בלייבט געווייינטלעך ביי מענטשן, בפרט ביי פּאָעטן, פון אַזאַ טרויעריק לעבן.

דאָס ביכל לידער פון 96 זייטן, איז אַרויסגעגעבן פון דער ווילי און ליזאַ שאָר פּרעמיע, דורך דעם ציקאָ־פאַרלאַג. הייסן הייסט דאָס ביכל „מיינע לידער" און אַן אַריינפיר צום ביכל האָט נאָך באַוויזן אָנצושרייבן ד"ר שמואל מאַרגאָשעס ז"ל. עטלעכע צייכענונגען זענען דאָ פון יצחק ליכטנשטיינען און דעם פּאָעטס בילד האָט געצייכנט די מאָלערין אַנאַ וואָלינסקי.

צי מיר וויסן יאָ, צי מיר וויסן נישט, וואָס ריינע ליריק איז, נעמען מיר אָבער אָן, אַז אַזעלכע לידער, ווי וואָלף פּאָסמאַניקס זענען די סאַמע ריינסטע ליריק. דער רוב לידער זיינע זענען וועגן ביימער און פייגל. דאָס ביכל הייבט זיך אָן מיט אַ ליד „ווי איך" און דאָס געזאַנג איז איבער אַ בוים, וואָס שטייט „אַ פאַרגעסענער אין טונקעלן שווייגן". דער אויספיר פון דעם טרויעריקן בוים אין ווינטער איז —

אַזוי שטייט ער אין פינצטערניש פאַרלוירן,
ווי איך אַליין... ווי איך אַליין...

די מעלה פון אַ לירישן ליד איז, וואָס סע ווירקט אויפן לייענער מיט איר דינקייט, דער אָנגעוואָרפענער שטריכעדיקייט. ביי פּאָסמאַניקן זענען דאָ אַ צאָל אַזעלכע לידער און דער מעטאָד זיינער איז, וואָס ביזן סאַמע סוף פונעם ליד, ווייסט איר נישט, אַז די איבערלעבונג האָט עפּעס

אַ פּערזענלעכע שייכות מיט אים. נעמען מיר אַזאַ ליד, ווי „אַ שאָד”, איז די ערשטע צען שורות דינען באַשרייבונג פון אַ פויגל אין שטייגל, פון אַ קוואַל, „וואָס ריזלט אין טיפן” און פון ערד, נאַקעט אָן גראָזן. אַז ער האָט אייך שוין אַריינגעפירט אין די באַהאַלטענע לירישע טראַכטענישן, גיט ער אַ זאָג:

> אַ שאָד דער מענטש, וואָס איז עלנט — פאַרלאָזן, —
> אין די יאָרן זיינע די פריע.

ערשט די לעצטע צוויי שורות וואַרפן אַ טראַגישע שיין אויפן גאַנצן ליד און איר דערשפירט, אַז געמיינט האָט דער פּאָעט זיך אַליין.

מיר דאַכט זיך, אַז איך קען אַביסל די פּאָעזיע פון דער וועלט, קומטביי מיר אויס, אַז פּאָעטן ביי די אומות העולם רעדן נישט אַזויפיל פון דעם ליד בכלל און זייערע לידער בפרט. יאָרן צוריק האָבן פּאָעטן ביי אונדז געזונגען לידער וועגן לידער, נאָר וואָס מער דערוואַקסענער די פּאָעזיע אונדזערע איז געוואָרן, אַלץ ווייניקער האָבן זיך פּאָעטן אין זייער ליד געצאַצקעט מיטן ליד. ביי פּאַסמאַניקן האָב איך געפונען אַ צאָל לידער וועגן דעם אייגענעם ליד. אין דעם ליד „צו די שטערן” זאָגט ער:

> ס'געוואַי און די רוישיקע שטערן
> צעוויגן אין אומרו ס'געמיט, —
> צי וועל איך נאָך קענען דערלאַנגען
> צום חלום, צו זיך און צום ליד?

פאַרוואָס נישט, ר' וואָלף? דורך אַלע אָנשיקענישן דערלאַנגט דער פּאָעט צום ליד, נאָך מער דערלאַנגט ער צום ליד, ווען ער קען נישט שלאָפן, ווי ער קלאָגט זיך אינעם דאָזיקן ליד.

אויף זייט 24 לייענען מיר:

> מיין ליד אַ צעצאַפּלטע שוואַלב,
> איר נעסט דורכן שטורעם צעשטערט...

נאָר אין דער רגע פון דעם אייביקנס חסד, קען ער שרייבן וועגן אַ בוים און פאַרענדיקן מיט צוויי שורות, וואָס רירן אייך אָן אַ סך מער ווי „אַ צעצאַפּלטע שוואַלב”:

> איך קוק אויפן בוים צום לעצטן צעשייד,
> ער איז מיר נענטער איז טויט, ווי אין גרינער פרייד.

אין אַ ליד פון פיר שורות, וואָס הייסט „דער ניגון פון שווייגן”,

זאָגט ער: „די זון פֿאַרענדיקט צינדן די צווייגן". וואָלטן די פֿיר שורות געווען אַ מייסטער־ליד, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן, אַז די זון איז נישט קיין לאָמפּן־צינדער, וואָס פֿאַרענדיקט צינדן. מיר נעמען טאַקע אויף די זון־צעצונדענע צווייגן, אָבער סענסיטיווער זענען מיר צו דער אויסגעלאָשענער זון.

וואָס איז שייך שפּראַך, איז פֿאַסמאַניק אַ שלייפֿער און צעזילירער, נאָר אינעם דורכגאַנג פֿון כלערליי עינוים פֿאַרגעסט ער אַמאָל די טייטש פֿון אַ וואָרט. אַזוי, למשל, זאָגט ער, אַז ער שרעקט זיך „צו געבן דעם קאָפּ אַ פֿאַרהייב". „פֿאַרהייבן" פֿאַרהייבט מען אַ דרויסנדיקע זאַך, ווי אַ פֿאַרהאַנג, אַ קאַפּאָטע אא"וו. דעם קאָפּ הייבט מען אויף.

וואָלף פֿאַסמאַניק איז אַ ניי־געקומענער אינעם יידיש־פּאָעטישן קע־ניגרייך און מיר מעגן דערוואַרטן, אַז ער וועט זיך דערדינען צו אַ גינ־גאָלדענער קרוין אינעם דאָזיקן רייכן קעניגרייך אונדזערן.

*

דער 62־יאָריקער משה עטינגער איז געבוירן אין מזרח־גאַליציע און האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ פֿולע מאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט. באַלד ביים אָנהייב פֿון בוך, וואָס הייסט „אין בונד פֿון לעבן", האָט ער אַ ליד, „רזי דרזין", וואָס איז פֿול מיט געזאַנג צום ליד. האָב איך פֿריער גערעדט פֿון דער דאָזיקער מחלה ביי אונדזערע פּאָעטן, נאָר עטינגערס ליד איז אַנדערש דערמיט, וואָס סע האָט דעם נאָכקלאַנג פֿון קבלה.

בכלל שרייבט משה עטינגער יידיש־תוכיקע לידער און דערפֿאַר איז זיין לידער־בוך אַ מין אָפּפֿרישונג פֿאַר דעם, וואָס לייענט זיך אָן מיט אַ סך לידער. די צרה איז נאָר, וואָס ער איז פּאָעטיש אין אַ מין יאָגעניש. דער אימפּעט פֿון זיין ליד איז אַן איילעוודיקער, כאָטש סע איז דאָ אין דעם טיף־יידישע דורכגעטראַכטקייט און דורכגעלעבטקייט. אַמאָל פֿאַלט ער אַריין אין אַן אומגעריכטן זאַג, וואָס איז אייך, אי אַ פּאָעטישע איבער־ראַשונג, אי היבשלעך פּריקרע.

אינעם ליד „שאַגאַליש" איז עטינגער סאַרקאַסטיש, אויף אַ געראָטע־נעם אופֿן, נאָר די לעצטע סטראָפֿע קומט אייך אויס היבשלעך „טשודנע":

מיר האָבן באַזעצט די הימלען,
פֿון דער ערד טוען מיר שפּעטן,

אפרים אויערבאַך

קעלבער פירט מען נישט מער צו דער שחיטה,
אויף קעלבער רייטן איצט פּאָעטן.

דער סאַרקאַזם איז, חלילה, נישט קיין בייזער, נאָר איך מאָל זיך אויס, ווי אַ פּאָעט וואָלט אויסגעקוקט, אַז ער וואָלט געריטן אויף אַ קאַלב. צו־וואָס דאַרף ער עס, דער פּאָעט? ער קען פאָרן אויף דער סאָבווּעי, אָדער אַמאָל קען זיך ר׳ משה עטינגער „צעקנעפּלען" און דעם פּאָעט מזכה־זיין מיט אַ דורכפאָר אויף זיין אויטאָ...

דערפאַר, אַז איר קומט צום ליד „פּקדון", ווערט איר דורכגענומען סיי פון דעם טרויער און סיי פון דעם יידישדיקן תוכן. פריקרע זענען די עראָטישע לידער ביי אים, — זיי זענען צו אָפּגעדעקט און דערטראָגן נישט דאָס יידישע וואָרט צום געלייטערטן סוד, וואָס אַזאַ ייד, ווי ר׳ משה, ווייסט פון אים.

מיר האָבן אין דעם בוך הויך־התפעלותדיקע ארץ־ישראל לידער און יידישע לידער, וואָס זענען אָנגעהויכט מיט אונדזער אייביקער מחשבה. די מעלה פון אָט־די לידער זיינע איז, וואָס זיי זענען נישט סתם מחשבה, נאָר פולע, בילדלעך־דערהויבענע לידער.

פעברואַר, 1965

ז

גשר און קשר

(וועגן אַ בריק צווישן ישראל און די תפוצות)

קודם, לאָמיר זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פונעם ציוניזם, וואָס האָט געבראַכט צו דער ייִדישער מלוכהשאַפט, וואָס פאַר אַ מין דערשיינונג איז דער ציוניזם געווען? צוויי אידייען האָבן די מלוכהשאַפט אויסגעטראָגן — איינע אַ ריין־ייִדישע און די צווייטע אַ וועלטלעכע. שיבת ציון איז דער ייִדישער חלום נישט נאָר פון די צוויי טויזנט יאָר גלות, נאָר ער איז געווען ביי ייִדן זינט אברהם אבינו איז אַריינגעקומען אין כנען. אַלעמאָל האָבן ייִדן געטראָגן אין זיך די אידייע פון צוריקקער אין לאַנד. אַז גאָט האָט געזאָגט אברהמען „לך לך מארצך וממולדתך", איז שוין אין דעם געווען דער געדאַנק פון שיבת ציון. אַ מיסטיש־מיסיאָנערישער גאַנג איז געווען אברהמס קיין כנען — אַ גאַנג מיט אַן אידייע, מיט אַ שליחות. אַז גאָט האָט אים צוגעזאָגט דאָס לאַנד, פאַר אים און די דורות, וואָס וועלן פון זיינע לענדן אַרויסקומען, האָט ער שוין אויסגענומען אַ תנאי: אויב זיי וועלן אים, דעם אַנזאָגער, דינען פול מיט זייערע הערצער און זייער האַב־און־גוטס (בכל נפשך ובכל מאודך). אברהם איז נישט געווען קיין אַריינקומער אין לאַנד, נאָר אַ צוריקקומער — ער איז צוריקגעקומען אין לאַנד, פונוואַנעט צו אים האָט זיך אַנטפּלעקט די אחד־אידייע.

דערנאָך האָט זיך דער שיבת־ציון געקייטלט דורכן געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן: צוריקקערער פון מצרים; צוריקקערער פון בבל: לעבן אין גלות און גייסטיקער צוריקקער אין די תפילות, מנהגים און לעבנס שטייגער. הייסט עס, אַז די שיבת־ציון אידייע איז אַ ריין־ייִדישע און דער ציוניזם האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ וועלטלעך־פּאָליטישער. דער ציוניזם איז אַ קינד פון דער עמאַנציפּאַציע, כאָטש עס האָט געדויערט היפּשע צענדליקער יאָרן ביז די אידייע האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט. פריער

איז געווען די השכלה, וואָס אויבנויף איז זי כלל נישט געווען ציוניסטיש נאָר אַ מין יידישער גאַנג אין דער וועלט אַריין. דאָס איז געווען אויבנ־אויף. פאַרהוילן פאַר איר אַליין, דער השכלה, איז שוין אין אירע געדאַנקען געלעגן דאָס קערנדל פונעם וועלטלעכן שיבת־ציון. פון דער השכלה איז אַרויסגעוואַקסן די חיבת־ציון אידייע, וואָס האָט קיין פּאָליטישע צילן נאָך נישט געהאַט, אָבער טיף אין איר האָט שוין געטליעט דאָס פייערל פון מלוכהשאַפט. דער פּאָליטישער ציוניזם — אויסגעקריסטאַליזירט, ווי מיר האָבן אים געקענט — איז געווען דער קולמאַטיווער גלגול פון אַ געדאַנק, וואָס איז רייף געוואָרן ביים סוף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט.

אַוודאי האָבן מיר געהאַט משיחישע אויפבליצן דורך די צוויי טויזנט יאָר גלות. פאַרשריבן זענען די דאָזיקע משיחישע אויפבליצן. ווי משיחי השקר, אָבער אין היסטאָרישן תוך איז אין זיי געווען יידיש־פאָלקישער אמת. אַפילו אַז די משיחים האָבן דערנאָך פאַרפירט דאָס פאָלק און האָבן אַליין געפעלשט אין זייער משיחישקייט, זענען זיי אָבער אַרויסגערופן געוואָרן פונעם שיבת־ציון דראַנג, וואָס האָט געלעבט אין פאָלק. דער פאַלשער משיחיזם האָט זיך טאַקע געענדיקט טראַגיש: אַ טייל פון אונ־דזער פאָלק איז אַריינגעפאַלן אין יאוש, אַן אַנדער טייל איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער טומאה, אָבער אין דער געזונטער טייל פונעם פאָלק האָט דער פאַלשער משיחיזם אָפּגעפרישט דעם מיסטישן געדאַנק פון צוריקקער קיין ציון, אויפסניי באַפליגלט מיט האָפענונגען, דער חלום פון פאָלקס־באַפרייונג האָט אויפגעליכטיקט מיט בלענדנדיקע קאָלירן.

איז דער ציוניזם געווען אַ צונויפשטעל פון צוויי אידייען: שיבת־ציון, וואָס האָט זיך אויסגעוואָרעמט נאָר אין יידישקייט, און מלוכהשאַפט, וואָס איז געקומען פון דער פרעמד. עס איז נישט קיין געשיכטלעכער קאַפריז, אָדער צופאַל, וואָס דער וואָס האָט געלייגט די ערשטע ציגל פו־נעם פּאָליטישן ציוניזם, איז געווען הערצל — אַ ייד, וואָס איז געקומען פון דער פרעמד, פון דער נישט־יידישער וועלט און מיט יידישקייט האָט ער געהאַט אַ זייער ווייטע שייכות. נישט ער און נישט זיין טאַטע האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ותחזינה, קיין חצות האָבן זיי נישט אָפּגע־ריכט און אויף גלות השכינה האָבן זיי נישט געקלאָגט. די וועלטלעכע אידייע האָט געדאַרפט קומען פון דער פרעמד, וואָרעם דער פּאָליטישער

ציוניזם האָט געדאַרפט אַרויסוואַקסן פון דאָרטן. דאָ איז דער פּראָצעס געוועזן אַ פאַרקערטער: די פאַלשע משיחים זענען געקומען פון דער געדיכט־יידישער סביבה און האָבן זיך דערנאָך מטמא געווען מיט גויישקייט. הערצל איז געקומען פון דער גויישער סביבה און האָט זיך דערנאָך מטהר געווען אין ריינעם יידישקייט. אָבער אַפילו אַזוי איז אויך דער ציוניזם אין זיין תוך אַן אידייע אַ וועלטלעכע. כאָטש זיינע אויסשטראַלונגען זענען דורכויס יידישע.

איז דער שיבת־ציון געווען אַ יידיש־טראַדיציאָנעלער, אָבער די מלוכהשאַפט איז דער אויסדרוק פון וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט אין די פאַרשידנסטע פאָרמען. ראַנגלען זיך אין ישראל אַט־די צוויי אידייען: די ריין־יידישע מיט דער דורכויס־וועלטלעכער. דעם חלוציזם מאָלן מיר אין די ליכטיקסטע פאַרבן, וואָרעם ער איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון יידישן אידעאַליזם. דער חלוציזם האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער זייט: עקסטרעמע וועלטלעכקייט. אינעם וועלטלעכקייט זענען געווען פונקען פון יידישער קדושה, אָבער אין איר איז אויך געווען אַ מין אָפּרייס פונעם דעמאָלדיקן יידישן לעבן. עס האָט אפשר אַנדערש נישט געקענט זיין, די פאַרלייקענונג פונעם יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס פון אים איז די צווייטע עליה אַרויסגעוואַקסן, האָט געמוזט זיין, וואָרעם די מענטשן פון דער דאָזיקער יסודותדיקער עליה זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידייע פון זיך אַליין איבערבויען און אינעם פּראָצעס פון פאַרלייקענען די פריערדיקע לעבנס־פאָרמען האָבן זיי נישט מבחין געווען בין טוב לרע; זיי האָבן איניינעם מיטן ווילדגראָז אויסגעריסן אויך די שיינע יידיש־טראַדיציאָנעלע געוויקסן, וואָס האָבן אונדז גענערט גלות־לאַנג.

זאָג איך, אַז די צוויי אידייען — שיבת־ציון און וועלטלעכע מלוכה־שאַפט — ראַנגלען זיך אין ישראל. זעט איר אַנטפּלעקונגען פון דער אַלטער משיחישער אידייע און צו דער אייגענער צייט זעט איר אַ רייסן זיך צום מערב, צו דער מערבדיקער קולטור. באַזונדערס זעט איר עס ביי דער יוגנט. אַז איר נעמט, למשל, אַ פרייטיקדיקע העברעישע צייטונג, וואָס האָט אַ ליטעראַטור־טייל, זעט איר דאָרט קריטיקן און אָפּהאַנדלונגען איבער אַלע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור פון אייראָפּע און

אַמעריקע. די ליטעראַטור־עסייִסטן לעבן מיט דער מערב־ליטעראַטור און, דער עיקר, זייער קוק אויף ליטעראַטור איז לרוב נישט קיין יידי־שער. נישט פון די אהלי שם קומט ער, נאָר פון די אהלי יפת. עטלעכע זענען דאָ ווי אַ ברוך קורצווייל, און אברהם קריב, אַ דב סדן וואָס מאָ־נען יידישקייט אין זייערע עסייען. דער רוב אָבער, דער עיקר די וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין ישראל. איז פאַרטאָן אין דער ליטעראַטור פו־נעם מערב און פון דער העברעישער ליטעראַטור פאָדערט ער אויך מערבדיקייט. אַוודאי, אין אַ יונגער מדינה האָט זיך נישט געקענט אַנט־וויקלען אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור — אַ דור־צווי דאַרף אַוועקגיין ביז דאָס אייגן־ישראלדיקע זאָל געפינען אַ קינסטלערישן אויסדרוק. אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען נישט אַ פאָלק פון היינט; מיר האָבן אַ שעפערישע טראַדיציע פון צענדליקער דורות און אַפילו וואָס איז נוגע ישראל אַליין, האָבן מיר אַ דריי־פיר דורות ניי ארץ־ישראל, וואָס פון איר איז די מלוכה אַרויסגעוואַקסן. און ווידער, מיר האָבן אַ גלותדיקן הינטערלאַנד, אַ מזרח־אייראָפּעיִש יידנטום פון טויזנט יאָר, וואָס האָט געשאַפן און געלעבט אַ יידיש לעבן. אַז דער ישראל־געבוירע־נער שרייבער זאָל טראָגן אין זיך דאָס באַוווסטזיין פון אייִן־פאָלקישקייט. וואָלט ער געפונען אַ קינסטלערישן פאָדעם צו פאַרבינדן זיין שעפעריש־קייט מיטן אחדות האומה. איז אָבער דאָס באַוווסטזיין פון אחדות האומה ביים ישראלדיקן שרייבער נישט אַריינגעדרונגען אין זיין איבערלעבונג; ער האָט עס נישט אויסגעוואַרעמט אין זיך, אַז עס זאָל ווערן אַ קינסטלע־רישער כח אין אים.

נעמען מיר, למשל, דעם אויפקום פון דער מדינה, דעם אַריינשטראָם פון טויזנטער יידן, וואָס געקומען זענען זיי פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער פון די ביטערע אַראַבישע גלותן. דער פּראָצעס פון אַריינ־לעבן זיך אין לאַנד, דער איבערגאַנג פון עבדות צו חירות. איז אָן ספק אַ פיינלעכער. אינעם פּראָצעס פון קליטה און מיזוג איז דאָ אַ טיפער פסיכאָלאָגישער פּלאָנטער, טראַגיזם און אַפילו קאָמיזם. דער רייכסטער קינסטלערישער מאַטעריאַל איז צונויפגעזאַמלט אין דער יידישער מדינה. דערווייל אָבער האָט נאָך קיין העברעישער שרייבער נישט אָנגעשריבן קיין גרויס־קינסטלעריש ווערק, וואָס זאָל איבערגעבן די טראַגעדיע פו־

נעם עולה אין זיין אַריבערגאַנג פון אויף דער שוועל פון טויט צו בירגער־שאַפט אין אַן אייגן לאַנד. פשוט, די פּסיכיק פונעם עולה איז פרעמד דעם ישראלדיקן שרייבער.

געווען איז דער הערצליאַנישער ציוניזם און דער אחד־העמישער. ביידע האָבן אין תוך געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל דאַרף צוריק ווערן אַ יידישע מדינה; דער חילוק איז נאָר געווען אינעם צוגאַנג זייערן: הערצל, דער מערבדיקער ייד, וואָס אַסימילאַציע איז פאַר אים נישט געווען קיין פרעמדער ענין. האָט געהאַלטן, אַז נאָכדעם ווי ארץ־ישראל וועט זיין אַ יידישע מדינה, וועט נישט זיין קיין פּראָבלעם פון דעם שייכות צווישן דער מדינה און יידן אין גלות. דער קיבוץ־גלויות וועט זיין ממש איבער־נאַכט און יענע יידן, וואָס וועלן זיך נישט באַלד אַריבערכאַפּן אין דער יידישער מדינה, וועלן דערמיט באַווייזן, אַז זיי ווילן מער קיין יידן נישט זיין און וועלן האָבן די „פרייע פּריווילעגיע״ זיך פול צו אַסימילירן.

אַזאַ באַנעם פונעם יידישן פאָלק איז ביי הערצלען געווען אַ פּסיכאָ־לאָגיש־אויסגעהאַלטענער, וואָרעם ער האָט געאָטעמט מיט דער לופט פון אַסימילאַציע; ער איז אין זיין געמיט, נישט געווען קיין גלות־מענטש, וואָרעם כאָטש ער האָט אָפּגעלייקנט דעם געדאַנק פון דער עמאַנציפּאַציע, אַז דעם יידישן יחיד קומט אַלץ און דעם יידישן פאָלק גאָרנישט, איז ער אָבער אַלץ געווען אַ געטרייער זון פון דער עמאַנציפּאַציע. נאָך עפּעס: ער האָט נישט געקענט דעם גלות, ווי דער טראַדיציאָנעלער ייד האָט אים געקענט. דעם גאַנצן בנין פונעם גלות, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט מיט אַזויפיל טרויער און ליבשאַפט, האָט ער פשוט נישט פאַרשטאַנען.

גרויס־וויזיאָנעריש איז דער הערצליאַנישער ציוניזם, אים האָט אָבער געפעלט די וויזיע פונעם גלות. זיין גראַנדליניקייט איז געווען אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן אין אונדזער דור דערגרייכט די פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם אָן הערצלס וויזיאָנערישער גלייכקייט — אָן אַן אָפּקער, אָן אַ קליינעם ווענד אין דער זייט אַריין. דאָס אָבער וואָס ער האָט אַזוי לייכט מפקיר געווען די יידן, וואָס זענען נישט באַלד עולה געווען אין דער „אַלט־ניי־לאַנד״; וואָס ער האָט אַזוי לייכט מסכים גע־ווען צו זייער פולער אַסימילאַציע, איז געווען אַ היסטאָרישער טעות, וואָס אין אים זענען מיר נאָך ביז איצט אַריינגעפּלאָנטערט.

אחד־העמס ציוניזם האָט געזאָגט, אַז נישט אַלע ייִדן אין דער וועלט וועלן זיך צונויפזאַמלען אין דער יידישער מדינה, ווארעם די מדינה וועט פשוט נישט קענען אריינגעמען אַלע יידן. דערפאַר דאַרף מען געפינען אַ לייזונג אויפן פּראָבלעם וואָס עס וועט ווערן פון די יידן, וואָס וועלן בלייבן מחוץ דער מדינה. דאָס האָט אחד־העמען שוין אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק צו געפינען אַן ענטפער אויפן פּראָבלעם פון שייכות צווישן דער מדינה און די יידן וואָס וועלן לעבן אויסער איר. אחד־העם האָט זיך דערטראַכט צום מרכז רוחני — דעם גייסטיקן צענטער, וואָס די יידישע מדינה וועט דאַרפן ווערן. אין דער יידישער מדינה, האָט אחד־העם גע־זאָגט, וועט אויפשטיין אַן אידעאַלער טיפּ ייד, וואָס יעדער ייד אין דער וועלט וועט אויף אים קוקן מיט פאַרוואונדערונג און וועט פון זיך אַליין פּרווון אויספורעמען אַזאַ מין ייד און מענטש. אין דער יידישער מדינה וועט דער ייד טרינקען פון די היסטאָרישע יידישע קוואַלן און די יידישע יצירה וועט זיך צעוואַקסן אויף אַזאַ פאַרנעם, אַז זי וועט משפיע זיין אויף די יידן אין אַנדערע לענדער.

אין כאָטש אחד־העם האָט יאָ געזען, אַז אַ יידיש לעבן וועט בלייבן אין גלות — ער איז דאָך אַליין געווען אַ גלות־ייד — האָט ער אָבער נישט אָפּגעשאַצט די מעגלעכע ווירקלעכקייט סיי אין דער יידישער מדי־נה און סיי אין גלות. דער ציוניזם, כאָטש ער איז געווען אַ המשך פון דער משיחישער וויזיע ביי אונדזער פאָלק. איז ער אָבער אין דער אויס־פורעמונג זיינער געווען אַ דורכויס וועלטלעכע אידייע. כדי צו טראַכטן פון זיין פאַרווירקלעכונג, האָט דער ציוניזם געדאַרפט ווערן אַ הערצליאַ־נישער, ער האָט זיך געדאַרפט פאַרוועלטלעכן און ממילא איז דער גאַנג געווען אַן אַנדערער, ווי אחד-העם האָט זיך אויסגעמאָלט. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן די שלילת הגלות, די פאַרלייקענונג פונעם גלות. דער ציוניזם האָט טאַקע נישט געזאָגט, אַז די יידן, וואָס וועלן נישט לעבן אין דער יידישער מדינה. וועלן זיך אַסימילירן. אָבער אין דער שלילת הגלות האָט דער דאָזיקער געדאַנק געמוזט וואָרצלען. דער עיקר אָבער איז, וואָס דער ציוניזם האָט זיך, אין זיין וועלטלעכקייט, געמוזט אויספורעמען די אידייע פון אַ מדינה, וואָס אירע יסודות זאָלן זיין נישט באַזונדער יידי־שע, אַ חוץ דעם העברעישן לשון.

פון דער אַנדערער זייט האָט אחד העם נישט געזען, אַז דאָס יידישע לעבן אין די לענדער מחוץ דער מדינה וועט נישט בלייבן סטאַטיש. וועט זיך אויך אַנטוויקלען, אָננעמען אַנדערע פאָרמען און וועט זיך נישט פאַר־קוקן אויפן „אידעאַלן טיפ ייד” אין דער מדינה, אַז אים זאָל ער נאָכגיין, זיך אַליין אויספורעמען אויף זיין מוסטער. כדי דער מרכז רוחני זאָל זיין בכח אויסצושמידן דעם אידעאַלן טיפ ייד, האָט דער ציוניזם פון אָנהויב־אָן נישט געטאָרט פאַרלייקענען דעם גלות, ווארעם אָן דעם גלות, וואָס מיינט אָן דער באַלדיקער יידישער געשיכטע, איז דער יידישער טיפ נישט קיין אידעאַלער. אַפילו אַז ער טרינקט פון די היסטאָרישע יידישע קוואַלן. ביי געשיכטע איז נישט שייך אַריבערצושפּרינגען טויזנט יאָר אירע, אָדער צוויי טויזנט יאָר, און זיך צוריקקערן צום סאַמע אָנהויב — צו תנכישער יידישקייט. דער חלל, דער בלויז, וואָס בלייבט אינמיטן, איז מסוגל איינ־צושלינגען דעם מענטשן, ער בלייבט הענגען אין דער לופטן, אָן אַ גייר־טיקן באָדן. דאָס איז ערשטנס.

צווייטנס, איז דאָ אַ טיפע סתירה אינעם דאָזיקן געדאַנק: אויב דער ציוניזם איז אַ וועלטלעכע אידייע, ער בויט זיך און די מדינה אויפן מוס־טער פון וועלטלעכע מלוכות, קערט ער זיך דאָך אָפּ פון דעם היסטאָרישן יידישן קוואַל, פונעם תנ”ך. ווי־זשע איז מעגלעך צו האַרמאָניזירן אָט־די צוויי היפוכים? גראָד דער גלות האָט געבויט אויפן תנ”ך. ער האָט טאָקע דעם תנ”ך אויסגעטייטשט, אָבער אָנגעהויבן פונעם תלמוד ביזן חסידות איז דאָס יידישע לעבן געווען אַ צוויי טויזנט־יעריקער פירוש אויפן תנ”ך. דער מאמר חז”ל, די הלכה, די אגדתא. די קבלה. די רביישע תורה האָבן זיך געמוזט שטיצן אויף אַ פסוק פון תנ”ך. אחד העמס גרויסקייט איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרויסגעזען, אַז מיטן אויפ־שטיין פון אַ יידישער מדינה וועט אויך אויפשטיין דאָס פּראָבלעם פון שייכות צווישן דער מדינה און יידן איבער דער וועלט.

די געשיכטע האָט אונדז איצטער אַוועקגעשטעלט פאַרן דאָזיקן פּראָ־בלעם. קומען מיר איצטער צום סאַמע תוך. וואָס האָט מיך אָנגערעגט זיך צו פאַרטראַכטן און זיך פּרוּוון קלאָר מאַכן דעם באַטייט און דעם מיין פון צוויי ווערטער: גשר און קשר. געהערט האָב איך זיי צווישן יידן אין ישראל — חשובע יידן, טראַכטנדיקע יידן.

לאָמיר זען. גשר איז אַ בריק. צווישן ישראל און יידן איבער דער וועלט דאַרפן מיר אויפשטעלן אַ בריק. וואָס איז אָבער אַ בריק? איבער אַ בריק גייט מען אַהין און צוריק, אָבער אַ בריק איז כלל נישט מחייב צונויפצובינדן די גייערס, אויסצושמידן פון זיי אַן איינהייט. די טראַדי־ציאָנעלע פּאַפּירענע בריק אונדזערע האָט געהאַט אַ ממשות נאָר, אַז ס'איז ביי יידן געווען איין גייסטיקער קלימאַט — דאָס ספר. אָבער סתם אַ בריק, אין אונדזער איצטיקער יידישערווירקלעכקייט, וועט האָבן אַ סך ווייני־קער ממשות, ווי די פּאַפּירענע בריק.

מיט קשר, צונויפבונד, איז ווידער דאָס אייגענע: אין צונויפבונד איז טאַקע דאָ מער באַנטקייט, אָבער דאָס פּראָבלעם ביי אונדז איז גאָר אויף אַן אַנדער שטח — אחדות האומה, אייניקייט פונעם פאָלק. מיר וואָלטן געדאַרפט אַריינגיין אין גאָר ווייטע דרכים. אַז מיר זאָלן וועלן אַרומרעדן דעם באַטייט פון אחדות האומה. מיר וועלן נעמען אַ פּשוטן ביישפּיל: משפּחה. איר קענט נישט אָנווענדן אויף אַ משפּחה, וואָס איז צונויפגע־וואַקסן צווישן זיך אין איין שטוב, אין טאָג־נאָך־טאָגיקע איבערלעבונ־גען, דעם באַגריף בריק, אָדער צונויפבונד. ס'איז אַ סך מער. ס'איז ווי איין גוף, איין נשמה, אַפילו אַז אַמאָל קען זיך טרעפן אַ שטיקל מחלוקת. סיי מיט גשר און סיי מיט קשר גייט אַ מין פרעמדקייט, ווי אַז מען קומט זיך צונויף און מען צעגייט זיך. אחדות האומה איז איין־גורלדיקייט. משפּחהדיקע אינטימקייט, דער ציטער פון איינעם פאַרן אַנדערן, די פרייד און דער טרויער, וואָס איז אַפילו נישט סתם אַ בשותפותער, נאָר ממש אַן אַריינגעוואַקסענער איינער אין אַנדערן.

אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען אחדות האומה. אַזוי האָבן מיר דורכגע־לעבט די איינהייט פון אונדזער פאָלק. בריק, צונויפבונד — דאָס זענען שוין במקומס, ווי „אַז ס'איז נישטאָ קיין משקה, לאָמיר רעדן פון משקה" די טייערע משקה פון אחדות האומה רינט ביי אונדז אויס. ווילן מיר זי פאַרבייטן מיט רעדן פון איר. אָבער אַפילו דאָס רעדן איז ביי אונדז אויך אויף פאַרשידענע לשונות. מיר גייען אַריבער די בריק און האָבן נישט קיין לשון זיך צונויפצורעדן מיט זיי, וואָס זענען אויף דער אַנדערער זייט בריק. און ס'איז נישט נאָר דאָס פּשוטע לשון, נאָר דאָס אינעווייניקסטע, דאָס פּסיכישע, דאָס האַרץ־צו־האַרץ־לשון.

די ערשטע דערפאַרונג מיינע אין דער יידישער מדינה האָב איך גע־האַט נאָך אין 1949, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער כנסת, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין תל־אביב, און דערנאָך אויף די זיצונגען פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין דער כנסת האָב איך געשפּירט. ווי אַלצדינג איז קאָנצענטרירט אַרום דער מדינה; ביים אַקציאָנס־קאָמיטעט האָב איך געזען, ווי רעדן רעדט מען פון יידן איבער דער וועלט. דאַכט זיך מיינע יידן, די אייגענע יידן האָבן גערעדט אין דער כנסת און ביים ציוניסטישן צוזאַמענקום, אָבער בנוגע דער מדינה איז די פּסיכיק געווען אַ לגמרי אַנ־דערע, וואָרעם גערעדט האָבן בירגער פון אַ לאַנד, וואָס טראָגן אויף זיך די אחריות פונעם לאַנד און מאָנען ביי די בירגער אחריות. אויפן ציו־ניסטישן צוזאַמענקום האָבן די אייגענע יידן, וואָס נעכטן האָב איך זיי גע־הערט אין דער כנסת, גערעדט אַנדערש. יידיש פאָלק איז שוין נישט גע־ווען אַזאַ קאָנקרעטער. ממשותדיקער עניין, ווי יידישע מדינה.

איז נישט שייך צו האָבן טענות צו דעם, אָדער צו יענעם, וואָרעם געשיכטלעכע פּראָצעסן זענען נישט אין אונדזערע הענט. אָבער אַביסל טענות קענען מיר יאָ האָבן.

לאָמיר זען: וויאַזוי איז ביי אונדז דערגרייכט געוואָרן געשיכטלעכער המשך? נאָכן חורבן בית שני, אַז יידן זענען אַוועק אין גלות, האָבן אונדזערע חכמים מתקן־געווען די עבודה, וואָס פריער האָט מען זי אָפּגע־ריכט אין בית המקדש. און איצטער זאָלן יידן זי אָפּריכטן אין וואָרט. מיר האָבן מקריב געווען קרבנות אין וואָרט, מיר האָבן שוין די תפילות געמאָלן דאָס בילד פונעם בית המקדש. מיר האָבן אין וואָרט געלעבט דאָס רעלי־גיעז־פּאָליטישע לעבן פון ארץ־ישראל. מיר האָבן פּסח געבענטשט טל און סוכות גשם, כאָטש אין די לענדער, ווו מיר האָבן געלעבט. זענען די סעזאָנען פון טוי און רעגן געווען גאָר אַנדערע.

דאָס איז געווען אַ צוזאַמענלעב מיט דער ארץ־ישראלדיקער נאַטור דורכן וואָרט. דאָס איז געווען דער געשיכטלעכער המשך אונדזערער. אָבער דערביי זענען מיר נישט געבליבן שטיין מיר האָבן אויך געוואָלט המשך פון די נייע צייטן, די גלותדיקע, האָבן מיר געזאָגט פּיוטים, וואָס האָבן דערציילט פון געשיכטלעכע געשעענישן אין לענדער, ווו יידן האָבן געלעבט איבער גאַנג זייערן. איינס פון די שענסטע געזאַנגען האָבן מיר

געזונגען פון גלות בבל — על נהרות בבל. אמת טאַקע, אינעם געזאַנג איז דאָ דאָס געוויין אונדזערס, אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון, אָבער דאָס בילד פון די בבל־טייכן האָט זיך אין אונדז אויך איינגעקריצט. נאָכמער. אַז יידן האָבן אין גלות גערעדט אַראַמעיש, געשאַפן אין דעם לשון גרויסע גייסטיקע אוצרות, האָבן די חז״ל מתקן־געווען, אַז ביים מעביר־זיין די סדרה זאָל דער ייד זאָגן שנים מקרא ואחד תרגום. קיין איין טראָפּן פונעם טייערן גייסטיקן וויין אונדזערן האָט נישט געטאָרט אויסרינען.

דער וואָרט־קלימאַט האָט געשאַפן די אחדות האומה. דער געשיכטלעכער המשך איז געווען אין וואָרט, אָבער דאָס וואָרט איז אויך געווען טוונג.

וואָלטן מיר געדאַרפט לערנען פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג, אַז נישט גשר און נישט קשר וועלן שאַפן די אחדות האומה, נאָר דאָס אַקטיוויזירטע וואָרט, דאָס שעפערישע, טוענדיקע וואָרט. אָבער כדי דאָס וואָרט זאָל האָבן דעם דינאַמישן כח פאַר מעשים, איז פריער נויטיק צו שאַפן פאַר דעם אַ באַזונדערן קלימאַט, די גייסטיקע לופט, וואָס אין איר זאָל דאָס וואָרט אָטעמען. מען דאַרף אויך דאָס וואָרט נישט אָפּרייסן פונעם שורש, טיף אין פאָלק דאַרף עס וואָרצלען. אַוודאי קען מען זאָגן, אַז וואָס איך זאָג איז נישט מער ווי רייד, סתם פראַזן. פרעגן קען מען: וואָס הייסט נישט אָפּרייסן דאָס וואָרט פונעם שורש? וואָס מיינט אַקטיוויזירט וואָרט? מיר לעבן שוין נישט מיט דער טראַדיציע, וואָס איז געווען בכח צו שאַפן אַן אייגענעם קלימאַט דורכן וואָרט. מיר האָבן שוין נישט די אמונה, וואָס די דורות פאַר אונדז האָבן געהאַט. בלייב איך טאַקע דאָ שטיין מיט אַ טראַגישן פרעגצייכן פאַר די אויגן. דערטראַכטן זיך צו דער פולער ליי־זונג איז, דאַכט זיך, קיינער נישט בכח. מיר קענען זיך נאָר דערטראַכטן צו אַ וועג וואָס אויף אים זאָלן מיר גיין אין האָפן, אַז ער וועט אונדז דערפירן צום גליקלעכן סינטעז צווישן דער מדינה און יידן אין גלות. די אחריות ליגט נישט אויף ישראל אַליין. אויך מיר טראָגן אַ היפּשע טייל אחריות, און אפשר אין אַ גלייכער מאָס ווי די מדינה.

איז וואָס איז דער וועג? ישראל, פון איר זייט, דאַרף קודם זיין דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז זי איז אונדזער המשך, נישט קיין המשך

פון דער פאַר־גלותדיקייט. תנ״כישע דינאַמיק? אוודאי, אָבער דער תנ״ך, ווי דער גלות האָט אים איבערגעשאַפן, אונדזער אויסגעלייטערטער תנ״ך. צוריקקער צום אַמאָל? אוודאי, אָבער נישט קיין אָפּקער פון אונדז. נאָך עפּעס: אַז מיר שיילן־אָפּ די ווערטער פון דער שיינער שאָלעכץ זייערער, בלייבן זיי אין דער אמתן אַן אַ מיין. וואָס הייסט זיך צוריקקערן צום תנ״ך? ווען די יידן אין ישראל אָנהייבן צו לעבן ווי אין די תנ״כי־שע צייטן? קיינעם חלומט זיך עס אַפילו נישט. אַפילו די כנענים קענעי זיך נישט אויסמאָלן וואָס אין אונדזער צייט מיינט כנעניזם. ישראל אינ־דוסטריאַליזירט זיך, וואָרעם איר אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט אינ־טענסיווער אינדוסטריע. ישראל בויט זיך אויפן סאַמע מאָדערנסטן שטיי־גער. ישראל מאָוויזירט זיך, טעאַטעריזירט זיך אויפן אייראָפּעיש־אַמערי־קאַנישן שטייגער. וואָס־זשע מיינט צוריקקער צום תנ״ך? דעם תנ״ך לערנען. פון אים שעפּן נאַציאָנאַלע גייסטיקע ווערטן. האָבן יידן דעם תנ״ך געלערנט אין גלות, געטרונקען פון די „היסטאָרישע קוואַלן״, ווי אחד העם האָט פאַנטאַזירט.

דאַכט זיך מיר, אַז צוריקקער צום תנ״ך מיינט נישט אַזויפיל צוריק־קער, ווי אָפּקער, — אָפּקער פון די גייסטיקע ווערטן, וואָס דער גלות האָט געשאַפן.

וואָס איז שייך אונדז, אין גלות, איז ווידער דאָס אייגענע: מיר דאַרפן צורקקומען צום גלות־באַוווסטזיין, וואָרעם גלות איז נישט נאָר פּאָליטי־שע און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען, אָדער חלילה רדיפות. גלות איז נאָך מער דער פאַקט, וואָס נאַציאָנאַל און גייסטיק ווערט דער ייד געשלעפּט פונעם רוב, פון דער הערשנדיקער קולטור. און, ווי איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, אַז גלות איז נישטאָ קיין גאולה, וואָס מער באַוווסטזיין פון גלות אַלץ שעפערישער וועט זיין אונדזער לעבן און אַלץ נענטער, אינטימער וועלן מיר זיין צונויפגעוואָקסן מיט דער יידישער מדינה.

ספרימלעך בזעיר אנפין

אין מיין ביבליאָטעק וואָס דעם גרעסטן חלק אירן וועל איך אַריבער־פירן מיט מיר קיין ישראל, האָב איך קליינע ספרימלעך. איין ספרל, למשל, איז ר׳ יהודה הלויס „כוזרי״. אַן אַנדער ספרל איז „המעשה בהז׳ בעטלערס״ — ר׳ נחמן בראַצלאַווערס מייסטערווערק, איבערגעטייטשט אויף לשון קודש. אַ דריט ספרל איז איבן גבירולס „כתר מלכות״. בעת איך האָב מעיין־געווען אין די געפונענע ספרים, האָב איך געטראַכט. אַז ביי מיר איז אַ ספק, צי וואָלט איך זיך צוגעכאַפּט מיט אַזאַ חשק צו זיי, אויב זיי וואָלטן געווען ווי געוויינלעכע ספרים. נאָר דערפאַר, וואָס אַזוי קליין אין פאָרמאַט, האָבן זיי ביי מיר דערוועקט דעם חשק צו פּרוּוון זיי לייענען.

אַוודאי ווייס איך, אַז ביי די אומות העולם דרוקט מען אויך ביכער אין קליינעם פאָרמאַט. נאָך אין רוסלאַנד, מיט איבער זעכציק יאָר צוריק. זענען אַרויסגעגאַנגען ביכלעך, וואָס האָבן געקאָסט נישט מער ווי צען קאָפּיקעס און איר האָט זיי געקענט פאַררוקן אין בוזעם־קעשענע. די בעס־טע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור זענען אין די קליינע ביכלעך.

אין אַמעריקע האָבן מיר נאָך איצטער „קליינע ביכעלעך״. ביי מיר ליגט אַ שעקספּיר, וואָס איז גרויס ווי אַ בענטשערל און אַלע טאָג דער־שיינען אַזעלכע ביכעלעך, וואָס אַ סך פון זיי זענען גאָר וויכטיקע ווערק פון די לעצטע יאָרן. נאָר דאַכט זיך, אַז דאָס קליינע ספרל, אָדער ספרים בזעיר אנפין. האָט אַ באַזונדערן חן פאַר אונדזערן אַ יידן, וואָס טראָגט נאָך אין זיך די דערמאָנונג פון אַמאָליקע יאָרן, פון דעם איינגעשטעלטן לעבנשטייגער אין שטעטל.

דער פאַקנטרעגער איז געווען אַן אינסטיטוציע אין דער אַלטער היים, ער איז געווען דער צונויפבינדער פון יידן מיט יידן, וואָרעם ער איז דאָך „אויסגעפאָרן אַ וועלט״ מיטן דאַרן פערדל זיינעם, דעם צעטרייסלטן וואָגן און די קליינע ביכעלעך. די מעלה פון דעם קליינעם ביכעלע איז גע־

ווען, וואָס עס האָט קיין צופיל אָרט נישט פאַרנומען און איז געווען גרינג אויף דער וואָג. דער פאַקטרעגער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען צו פירן אויפן צעטרייסלטן וואָגן זיינעם די שווערע גמראָס, מיט די מ״ב פירושים און אַמאָל נאָך ביי דער זייט מיט עברי־טייטש. אָנלייגן אַ וואָגן מיט גרויסע ספרים וואָלט אים נישט געסטייעט קיין וואַסער אויף קאַשע.

היינט די מעשה־ביכלעך, וואָס דער עולם, דער עיקר וויבער און באַלמעלאָכעס, האָבן אַזוי שטאַרק געגלוסט צו זיי. אַז דער פאַקטרעגער האָט צעלייגט די סחורה זיינע אויפן צעעפנטן וואָגן, האָט ער שוין געוווסט וואָס פאַר ווער ווער עמען עס איז אַ סחורה. אַ באַלמעלאָכע, למשל, האָט ער נישט אָנגעבאָטן קיין „קדושת לוי״, אָדער אַפילו „שבחי בעש״ט״. אמת, אין יענע ספרימלעך זענען אויך דאָ ווונדער־מעשות. אָבער מיט אַ טיפערן מיין, וואָס דער „פראָסטער נאַראָד״ איז נישט בכוח זיי צו באַנעמען. דאָס אייגענע איז מיט וויבער: זיי האָבן ליב אַמאָל אַ ווייַן צו טאָן איבער אַ מעשה־ביכל, איז פאַר זיי אַ גוטע סחורה מעשות פון יתומים און אלמנות, און נאָך בעסער זענען פאַר זיי די מעשה־ביכלעך פון דינסטמיידלעך, וואָס פרינצן פאַרליבן זיך אין זיי, און זיי, די דינסטמיידלעך, ווערן אויפגעריכט.

פאַר יידן לומדים. אָדער סתם יודעי ספר, האָט דער פאַקטרעגער געהאַט באַהאַלטן טיף אין דעם וואָגן ספרימלעך, וואָס צו זיי דאַרף מען צולייגן קאָפּ, אַז מען זאָל זיי פאַרשטיין. אמת, די לומדישע יידן, וואָס האָבן ביים פאַקטרעגער געקויפט אַ ספרל, זענען שוין געווען „געכאַפּט אין דער מעשה״, וואָרעם דער רב האָט געהאַט אַן אייגענעם אַלמער מיט ספרים און אַפילו דער דיין און דער שוחט. נאָר מיר דאַרפן חלילה נישט חושד זיין דעם לומדישן יידן. וואָס האָט יאָ געקויפט אַ ספרל ביים פאַקטרעגער, אַז ער איז שוין אַראָפּ פונעם דרך הישר. באַהיט זאָל מען ווערן פון רכילות אויף אַזאַ יידן. ער האָט נאָר געוואָלט הנאה האָבן פון אַ שיינער מעשה און אויך עפּעס לערנען פון איר.

אין די שפּעטערע יאָרן — נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה — האָט זיך דאָס יונגוואַרג צוגעכאַפּט צו די קליינע ספרימלעך. געווען בחורימלעך, וואָס אָדער זיי האָבן נאָך געלערנט אין בית מדרש, אָדער אין אַ ישיבה, און האָבן שוין געקוקט מיט פאַרחלומטע אויגן אין די וויטע־

נישן. זיי זענען, חלילה, נישט נכשל געוואָרן מיט אַפּיקורסות. אָבער כאַפּן אַ קוק אין אַ ביכל, וואָס ביי פרומע יידן איז עס געווען טריף־פסול, האָבן זיי געוואָלט.

אַזעלכע „וויל־לערנערס" האָבן זיך געפירט, אַז איינער האָט דעם אַנדערן אַרויסגעהאָלפן — אַנטליען זיך די ביכלעך — און באַהאַלטן האָט מען זיי אין שטענדער. געווען בחורים גרויסע בריות, וואָס ווי דער שמש האָט נישט געזוכט, האָט ער דאָס באַהאַלטענע ביכל נישט געפונען. אַנדערע האָבן דאָס ביכל געהאַלטן אין דער גמרא און אין אַן עת צרה: אַ באַלעבאָס איז אַריינגעקומען. אָדער אַ ייד אַ מלמד, האָט ער דאָס ביכל אַזוי קונציק אַרונטערגעדרוקט אונטער דער גמרא, אַז קיינער האָט נישט חושד געווען, אַז אין דער גמרא ליגט עפּעס.

נאָר די קליינע ספרימלעך זענען אויך געווען אַ מין צירונג אין אַ באַלעבאַטישער שטוב. אַ ייד אַ באַלעבאָס האָט ליב געהאַט זיך צו באַריימען מיט אַ „פּרי מגדימל" — זעט ווי קליין עס איז און דאָך איז דאָרטן אַלצדינג דאָ... זאָל זאָל נאָר זיין צייט אַריינצוקוקן — האָט דער באַלעבאַטישער ייד צוגעזיפצט מיט אַ באַזונדערער הנאה. דער זיפץ איז געווען נישט, חלילה אַרויסצורופן רחמנות, נאָר צו באַווייזן ווי גרויס ביי אים איז דער חשק צום ספר.

דאָס קליינע ספרל, דאָס ליבהאַרציקע ספרל בזעיר אנפּין, איז אַרויס פון דער מאָדע ביי אונדז. לכל הפּחות זע איך עס נישט, ווי געזען האָב איך אַמאָליקע יאָרן. אָנגעהויבן האָט מען אַרויסצוגעבן ספרים אין גרויסן פאָרמאַט, אַפילו נאָך גרעסער ווי אַמאָל די גמרות. איין קליין ספרל פון דער לעצטער צייט האָב איך ביי זיך געפונען: אַ. קריבס „ליטה מכורתי" (ליטע מיין היימלאַנד). נאָך אַ ביכעלע אַ קליינס איז מיר געקומען צו דער האַנט: אונדזער ש. ז. שרגאיס ביכעלע, וואָס אַרויסגעגעבן האָט מען עס אין פּאַריז, און בפירוש אין יידיש.

אַז איך טראַכט פון די קליינע ספרימלעך, קומט ביי מיר אויס, אַז זיי זענען געווען אַ פאָלקס־דערשיינונג. זיי האָבן געשאַפן אַ פאָלקס־קולטור וואָס איצטער הייבט זי אָן צו פאַרשווינדן, און מורא האָב איך, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

אויגוסט, 1970

איינפלוס פון יידיש אויף העברעיש אין ישראל

געמיינט האָב איך, אַז מיר זענען שוין פּטור פון דעם „ריב הלשו־נות", — דער שפּראַכן־פּלוגתא, וואָס האָט אונדז געפּלאָגט אין משך פון כמעט הונדערט יאָר. אין דער יידישער מדינה, איז מער נישט קיין פּראָב־לעם די שפּראַך: עברית באַהערשט די היים, די גאַס און אַוודאי די שר־לע. אמת, נאָך היינט הערט מען יידיש אויף די גאַסן, אָבער די סאַמע גרעסטע קנאים פון עברית זענען מודה, אַז עס איז אַ פרײַדיקע דערשיי־נונג איצטער צו הערן יידיש, ווארעם עס איז דער בולטסטער באַווייז, אַז עס קומען נייע עולים און פון רוסלאַנד, וואָס מיר זענען אַזוי נײַגעריק, אַז יידן זאָלן פון דאָרטן קומען.

ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג בין איך פאַרבײַגעגאַנגען אַ געסל, וואָס איז פול מיט משא־מאַגאַזינען. די מערסטע יידן, וואָס איך האָב אויפן דאָזיקן געסל געזען, זענען געווען טרעגערס און אַנדערע שווערע האַרעפּאַשניקעס. אויף וואָס פאַר אַ לשון האָבן די האַרעפּאַשניקעס גע־רעדט? אויף עברית. שוין אָפּגערעדט פון די קינדער, וואָס האָבן זיך גע־פּלאָנטערט אונטער די פיס, און פון ווייבער, וואָס האָבן פאַרקויפט לעבע־דיקע עופות.

נאָר עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ יידיש־קאָמפּלעקס אין דער מדינה. איצ־טיקס מאָל רעדט זיך נישט פון מורא, אַז יידיש זאָל באַהערשן די מדינה, נאָר גאָר אַן אַנדער פּראָבלעם: דער איינפלוס פון יידיש אויף דער גע־רעדטער העברעישער שפּראַך. אויפגעהויבן דאָס פּראָבלעם האָט אַ ייד, וואָס הייסט צבי וואַרדי. מיר דאַכט זיך, אַז איך קען אים, אַז ער איז אַפילו געווען ביי אונדז אין שטוב אַ פּאָר מאָל. ער, דער וואַרדי וואָס מיר קענען, איז אַן אַנערקענטער אויטאָריטעט אויף תנ"ך. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ער וואָלט נישט געשריבן אַזאַ אַרטיקל, און סייווי וואָלט איך געוווּסט דערפון. נאָר דאָס איז נישט דער עיקר: וועד ער זאָל נישט זיין, האָט ער אויפגעהויבן אַ וויכטיק פּראָבלעם. ער האַלט, אַז עברית ראַנגלט

זיך נאָך צו ווערן אַ גערעדטע שפּראַך און, אַז זי ווערט באַאיינפלוסט פון ענגליש און יידיש.

ער ווייזט־אָן, למשל, אַז אין גערעדטן עברית זאָגט מען לחיים, — מיטן טראָפּ אויף דער אײ, נישט אויפן ים, ווי מען דאַרף זאָגן נאָכן דיקדוק. און דאָס איז בפירוש דער איינפלוס פון יידיש. פרעגן די בעלי־פלוגתא זיינע: וואָס איז דאָס אומגליק, אַז מען זאָגט נישט על־פּי דיקדוק אַ וואָרט? זיי ווייזן־אָן אויף אַנדערע וועלט־שפּראַכן, וואָס ווערטער ווערן אין זיי אַרויסגערעדט אומגראַמאַטיקאַליש און דערוייל זענען קליינע קינדער דערפון נישט געשטאָרבן.

אַ שפּראַך, אַז זי אַנטוויקלט זיך, פאַלט זי אַרונטער אונטערן איינפלוס פון אַנדערע שפּראַכן און קיינער איז דערפון נישט אויפגעקאָכט. פאַרקערט, וואָס מער פעלקער דערנענטערן זיך איינע צו די אַנדערע, אַלץ מער איינפלוס האָבן זייערע שפּראַכן איינע אויף די אַנדערע. דערפון וואַקסט אַרויס נישט נאָר די האַרמאָניע פון שפּראַכן, נאָר אויך די האַרמאָניע פון פעלקער.

איינער פון בעלי־פלוגתא וואַרדיס טענהט: גוט, וואָס יידיש באַאיינפלוסט אַזוי די גערעדטע עברית. סוף־כל־סוף איז יידיש אַ שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק. אין יידיש זענען געשאַפן געוואָרן פאָלקישע אויסדרוקן, וואָס אין קיין אַנדער שפּראַך זענען זיי נישטאָ און זיי זענען דאָס האַרץ און די נשמה פון דורות יידן. זיי, די אויסדרוקן אין יידיש, זענען די אָפּשפּיגלונג פון יידישן לעבנשטייגער, דורותדיקן איינשטעל, אַפילו פון יידישע אידייען.

מיר, פון אונדזער זייט, ווילן מוסיף־זיין, אַז אין יידיש זענען געקומען צום אויסדרוק אַזעלכע הויך־גייסטיקע פאָלקס־באַוועגונגען, ווי דאָס חסידות. אין יידיש איז אויפגעקומען די אידייע פון פאָלקס־באַפרייונג, אין דעם היינט־צייטיקן נוסח אירן. מיר רעדן שוין נישט פון דער ליטעראַטור אין יידיש, וואָס די בעלי־פלוגתא וואַרדיס, — מרדכי אמיתי און ניר שוחט, — רעדן גראָד יאָ דערפון אין זייערע אַרטיקלען.

איידער מיר גייען ווייטער, איז צייטיק קלאָר צו מאַכן, אַז קיינמאָל האָב איך נישט געהערט אַזויפיל יידיש אין ארץ־ישראל, ווי דאָס איצטיקע מאָל. די סיבות דערפון זענען: 1) די עליות פון פוילן און דאָס ביסל

יידן, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד. 2) די איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דערגייען צו דער יוגנט. 3) דער ווירוואַר פון שפּראַכן וואָס ביסלעכווייז לייטערט זיך אויס אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו יידיש.

געווען נאָך זייטיקע סיבות אין די לעצטע יאָרן: יידיש טעאַטער, וואָס איז דערגאַנגען אַפילו צו דער יוגנט, לידער יידישע, וואָס ווערן אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט. די יוגנט געפינט אין די יידישע לידער אַ באַפרידיקונג פון זייער בענקשאַפט נאָך אַ קאָרענאַסטן אויסדרוק פון יידישקייט. די מעלאָדיעס פון די יידישע לידער, — נישט דווקא פאָלקס־לידער" — און די ווערטער, האָבן אין זיך אַ כישוף און זענען משפיע די באַציונג צו יידיש.

קינדער שאַפן אַ לשון פאַר זיך, וואָס איז נישט שפּראַכלעך ריין, אָבער בילדעריש און פול מיט קינדעריש־פאָלקישן חן. פונוואַנעט זאָלן די קינדער שעפן פאָלקישן ניואַנס פון דעם לשון זייערן? פאַרשטייט זיך, אַז דער ריינסטער קוואַל צו שעפן איז יידיש. אַמאָל נוצן די קינדער דעם אויסדרוק פשוט אין יידיש, נאָר לרוב זעצן זיי איבער דעם פאָלקיש־יידישן אויסדרוק אויף אַ מין עברית, וואָס איז נישט צו־שטרענג על־פּי דיקדוק אָבער ער, דער אויסדרוק, פאַרמאָגט אין זיך אַ סך חן און, דער עיקר, ער העלפט שאַפן אַן אידיאָמאַטישן עברית.

מרדכי אמיתי ווייזט־אָן, אַז אויסדרוקן, וואָס זענען געווען פּאָפּולער מיט יאָרן צוריק, זענען מיט דער צייט פאַרלוירן געוואָרן. אַזוי האָט מען אין די דרייסיקער יאָרן געזאָגט: כמה על השעון שלך? (ווי פיל איז אויף דיין זייגער?) און היינט הערט מען מער נישט דעם דאָזיקן אויס־דרוק, וואָס איז אינגאַנצן גענומען פון יידיש. עוד לא קראתי את הספר לגמרי. זייער יידיש איז דער אויסדרוק „אני לא מחזיק ממנו" — איך האַלט נישט פון אים, אָדער „הספר כבד בשבילי" — דאָס בוך איז פאַר מיר שווער. ווייטער: „החברה־מאַן" (דער חברהמאַן). אני נופל מהרג־לים — איך פאַל פון די פיס.

אויסגעשפּראָכן איז ניר שוחט, וואָס איז פולשטענדיק דערפאַר, אַז נעמען זאָל עברית פון יידיש. די פעסטשטעלונג זיינע איז, אַז שפּראַכן נעמען בכלל איינע ביי די אַנדערע, בפרט עברית, וואָס האָט אָנגעהויבן

צו ווערן אַ גערעדטע שפּראַך און האָט נישט פאַרמאָגט דעם פאָלקישן וואָקאַבולאַר. איז אויב נעמען ביי אַנדערע שפּראַכן, איז יידיש די נאָענ־סטע שפּראַך, וואָרעם זי דריקט־אויס סיי די פּסיכיק, סיי דעם שפּראַך־קנייטש און סיי די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט פון דעם יידישן פאָלק.

פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען, מיין איך, אַז וואָס ווייטער, ווערט די ווירקונג פון יידיש אויף דער גערעדטער עברית אַלץ שטאַרקער.

פיר נביאים — זייער בילדלעכקייט

קודם, עטלעכע מימרות פון אונדזערע חכמים:

נבואה שהוצרכה לדורות נכתבה, ושלא הוצרכה לדורות לא נכתבה (מגלה י"ד). אויף יידיש הייסט עס: די נבואה, וואָס איז נויטיק געווען פאַר דורות שפּעטער, איז פאַרשריבן געוואָרן, און וואָס איז נישט נייטיק פאַר דורות שפּעטער, איז נישט פאַרשריבן געוואָרן. און דער אייגענער געדאַנק, אויסגעדריקט אַנדערש: בשם ר׳ שמואל מר׳ יצחק: שישים רבוא נביאים עמדו להם לישראל בימי אליהו, ולמה לא נתפרסמה נביאותן? שלא היה צורך לדורות (אין אליהוס טעג זענען אין ישראל אויפגעשטאַנען זעקס הונדערט טויזנט נביאים. פאַרוואָס זענען זייערע נבואות נישט נתפרסם געוואָרן? דערפאַר וואָס זיי זענען נישט געווען נייטיק פאַר דורות שפּעטער).

לערנען מיר דערפון, אַז די חכמים אונדזערע האָבן געהאַלטן, אַז נבואה איז נישט געווען נאָר פאַר דער צייט, בעת זי איז געזאָגט געוואָרן, נאָר פאַר די דורות. אין נבואה זענען דאָ אייביקע אמתן, זי ווירקט לדורות. אָבער אַפילו אויף דער קינסטלערישער זייט פון דער נבואה געפינען מיר אויף אַ רמז. למה נקרא שמו עמוס? אמר ר׳ פנחס: שהיה עמוס בלשונו. — פאַרוואָס האָט מען אים גערופן עמוס? האָט ר׳ פנחס געזאָגט: דערפאַר וואָס ער איז געווען באַלאָדן מיטן לשון זיינעם. „באַלאָדן מיטן לשון זיינעם" איז דער רמז אויף דער רייכקייט פון זיין שפּראַך, אויף דער קינסטלערישער באַלאַדנקייט. אַפילו אויף דעם חילוק פון די נביאימס אָפּשטאַם געפינען מיר אויך אַ רמז אין חגיגה: למה יחזקאל דומה? לבן כפר שראה את המלך. ולמה ישעיה דומה? לבן כרך שראה את המלך. — צו וואָס איז יחזקאל געגליכן? צו אַ דאָרפסמענטשן, וואָס האָט געזען דעם מלך. און צו וואָס איז ישעיה געגליכן? צו אַ גרויסשטאָטישן מענטשן, וואָס האָט געזען דעם מלך.

אפרים אויערבאך

אַ.

אין דער פּאָעזיע איז אַן אייביקער וויכּוח, צי זי דאַרף זיין איינגעוואָרצלט אין די פּערזענלעכע דערפאַרונגען פונעם פּאָעט, צי זי דאַרף זיין אַבסטראַקט. מיר דאַכט זיך, אַז ביי אַן אמתן פּאָעט מוזן מיר שפּירן, אַפילו ווען, דאָס פּערזענלעכע לעבן זיינס, דעם אָפּשטאַם זיינעם, די לופט, וואָס מיט איר האָט ער געאָטעמט. ביי אַן אמתן פּאָעט קענען מיר צונויפשטעלן אַ קינסטלערישע ביאָגראַפיע זיינע, אַפילו אַז מיר זאָלן נישט וויסן פונוואַנען ער קומט אַרויס. דער פּאָעט אַנטפּלעקט זיך אַליין, ער גיט זיך אַרויס. אינעם בילד זיינעם, אינעם אימאַזש, אינעם אופן ווי ער בייגט דאָס וואָרט, איז דאָ די יחידישע באַזונדערקייט זיינע, די פּסיכיש־ביאָגראַפישע דערפאַרונג זיינע. צו קרעפטיקן אָט דעם געדאַנק, האָב איך גענומען די פיר נביאים און געפּרוווט געפינען זייער באַזונדערקייט, וואָס טיילט־אָפּ איינעם פונעם אַנדערן.

אַז מיר נעמען די נבואה, זעען מיר, ווי זי איז דורכגעדרונגען מיט איין גייסט: מיטן דראַנג צו גערעכטיקייט; מיט טיף־נאַציאָנאַלן אחריות; מיט ליבשאַפט צום פאָלק, וואָס דערגייט אַ סך מאָל צו ווייטיקדיקער שנאה; מיט פאָלק־צוגעבונדנקייט, וואָס איז צו דער אייגענער צייט אוניווערסאַל־מענטשלעכע צוגעבונדנקייט. נישט אַלע אַטריבוטן וועל איך דאָ אויסרעכענען, נאָר די עטלעכע זעענען, דאַכט זיך מיר, גענוג צו כאַראַקטעריזירן די נבואה, די נביאישע אַנטפּלעקונג ביי אונדז. ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך די וועלט נישט דערגאַנגען צו פאַרשטיין וויאַזוי אַזאַ גראַנדיעזע, אומפאַרשטענדלעך־שעפערישע דערשיינונג איז געקומען אויף דער וועלט און, פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק האָט זוכה געווען, אַז דורך אים זאָל די אַנטפּלעקונג קומען. ביי היינטיקן טאָג איז נישטאָ כמעט קיין איינער, וואָס זאָל נישט זאָגן, אַז די נבואה־דערשיינונג איז געווען אַן איינמאָליקע, אַז זי האָט זיך מער נישט אַנטפּלעקט ביי יידן און אַוודאי נישט ביי אַן אַנדער פאָלק.

מיר זאָגן אַמאָל אויף איינעם: ער איז נביא... מיר באַגרייפן אָבער נישט ווי ווייט מיר גרייזן דערמיט. אַ נביא איז נישט דער, וואָס זאָגט פאַרויס און טרעפט אַ נביא איז אויך נישט דער, וואָס מאָנט יושר, אָדער וואָס שטראָפט די, וואָס באַגייען אומרעכט. אַ נביא, אָדער ריכטי־

קער וואָלט געוועז צו זאָגן —— נבואה, איז אַ קאָמפּלעקס פון דעם אַלע־מען, מיט נאָך עפּעס. דער עפּעס, וואָס מיר פאַרשטייען אים נישט, וואָס מיר שפּירן אים, אָבער באַשיידן איס זענען מיר נישט ביכולת, — אַט דער עפּעס טיילט־אָפּ דעם נביא פון דעם פּאָעט; פונעם טראַכטער; פונעם סאַמע לײַדנשאַפטלעכן מאַנער פאַר יושר.

איז נישט שייך צו זאָגן, אַז נביאות איז אַ דערשיינונג, וואָס ליגט אין תחום פון אונדזערע באַגריפן. מיר האָבן געטראָפן מענטשן, וואָס זענען געבענטשט מיט אַזאַ סענסיטיוויקייט, אַז זיי דערהערן אַפילו די געדאַנקען ביים אַנדערן מענטשן, זענען זיי אַ רעטעניש פאַר אונדז אָבער קיין נביאים זענען זיי נישט. ווארעם דער נביא איז טאַקע געווען געבענטשט מיט אַ געטלעכער סענסיטיוויקייט, אָבער נישט דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ נביא, נאָר עפּעס אַנדערש, וואָס איז דער עפּעס אַנדערש? פאַרשער, באַזונדערס די ביבל־קריטיקער פון אַ באַשטימטער שולע, — לאָמיר זאָגן דער דייטשער, — האָבן געפּרוווט דערפירן די נבואה צו אַ פּשוטער פאָרמולע. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף די פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן אין דער עפּאָכע פון דעם נביא, אָדער יענעם, און מיט אותות ומופתים באַוויזן, אַז דער נביא איז געווען אַ פּאָליטיקער און אַ שאַרפער סאָציאַלער מאַנער. דערמיט זענען זיי, די ביבל־קריטי־קער, אָפּגעקומען. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער נבואה. נאָר גאָר גיך האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז דער סוד איז אויסגערונען. זייער כוונה, צו דערפירן די נבואה צו אַ פּשוטער דער־שיינונג, האָט געהאַט דעם בייגעשמאַק פון ראַפינירטן אַנטי: אָדער פּשוט אַנטיסעמיטיזם, אָדער פאַרפּלאָנטערטער אַנטי־יידישקייט.

אויפגעשטאַנען זענען אַנדערע און געפרעגט אַ פּשוטע קשיא: אויב נבואה איז געווען פּאָליטישער פּאַטאָס, זענען געווען ווייניק פּאָליטיקער אין די אַנטיקע צייטן, וואָס האָבן אויך געוואָרנט זייערע פעלקער, אָבער קיין נביאים זענען זיי נישט געווען? אַפילו די ביבל־קריטיקער דערוועגן זיך נישט זיי צו באַצייכענען פאַר נביאים. און וואָס איז שייך דער מאַנונג פון יושר, זענען אין דער וועלט געווען נאָך אַזעלכע מאַנערס, אָבער קיינעם וועט נישט איינפאַלן זיי צו רופן נביאים. הייסט עס, אַז מיר קומען צום סאַמע אָנהייב, ווי מיר האָבן געזאָגט, אַז די פּשוטע אַטריבוטן, וואָס מע

שרייבט־צו דעם נביא, זענען דורכאויס אמתע. נאָר דאָס אַליין איז נאָך אַלץ נישט דער נביא. דאָ איז נאָך עפּעס אַנדערש, וואָס האָט די נבואה געמאַכט פאַר אַן איינמאַליקער דערשיינונג אין דער וועלט און וואָס מיר הייבן אַפילו נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס דער „עפּעס אַנדערש״ איז. אין דער היינטיקער צייט, ווען די וויסנשאַפט האָט שוין אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די סאַמע העכסטע ספערן פון דער פיזישער וועלט, זעען מיר ערשט וויפל טיפער סע זענען גייסטיקע דערשיינונגען, און ווי שווערער סע איז זיי דורכצודרינגען.

ב.

עמוס, דער ערשטער פון די גרויסע נביאים, איז געווען אַ פּאַסטעך, ער איז אויפגעוואַקסן אין תקוע, ביים ברעג פון דער מדבר. איז דער תוך פון זיין נביאות אַן עטיש־מאָנענדיקער, אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער, אָבער דאָס בילדלעכקייט זיינס איז לרוב איינגעוואָרצלט אין דער סביבה, וואָס פון איר איז ער אַרויסגעוואַקסן. דער סאַמע אַריינפאַר זיינער זאָגט שוין אָן, אַז ער איז געווען אַ פּאַסטעך. ער זאָגט:

ה׳ מציון ישאג ומירושלים יתן קולו. וואָס עפּעס וועט גאָט שרייען פון ציון און פון ירושלים וועט ער געבן זיין קול? דער פּאַסטעך, וואָס פּיטערט זיינע שאָף, ווערט אַ סך מאָל באַפאַלן פונעם פּחד, אַז ער הערט דאָס געשריי פון פאַרצוקנדיקע חיות. אין דער צווייטער העלפט פון דעם פּסוק ווערט דאָס פּאַסטעך־בילד נאָך קאָנקרעטער: ואבלו נאות הרועים, ויבש הר הכרמל — און אבלען, טרויערקלאָגן, וועלן די פּאַשע־לאָנקעס און אויסטריקענען וועט דער שפּיץ פונעם כרמל.

לאָמיר נעמען די ערשטע זעאונג זיינע: „אַזוי האָט מיר געוויזן גאָט דער האַר: און אָט, ער באַשאַפט אַ היישעריק ביים אָנהייב פונעם שפּעט־וווּקס, און זע, סע איז דער שפּעטוווּקס נאָכן קיניגס שניט. און סע וועט זיין אַז ער וועט האָבן אויפגעפרעסן דאָס גראָז פון לאַנד״... פאַרן פּאַסטעך איז „דאָס גראָז פון לאַנד״ דער לעבנס־אָנהאַלט, די שטראָף זעט דער פּאַסטעך־נביא אין דער אייגענער פּסיכישער איבערלעבונג, ער שאַפט דאָס פּאַסטעכישע בילד וואָס איז אים אייגן.

די צווייטע זעונג ביי עמוסן איז, ווי אַ פייער עסט־אויף דאָס לאַנד.

ווידער איז דאָס בילד גענומען פון אייגענער דערפאַרונג, וואָרעם נישט איינמאָל טרעפט אַז אַ פייער זאָל אויפעסן די פּאַשע־פעלדער און די סטאַדעס זאָלן נישט האָבן אויף וואָס זיך צו פיטערן. דאָס דריטע בילד, וואָס איז שוין נישט דירעקט פון דער פּאַסטעך־דערפאַרונג, איז עס אָבער נאָענט צום פעלד־לעבן: אַ קאַרב מיט זומער־אויבסט, וואָס גאָט האָט אים גע־וויזן אין אַ זעונג. אַז עמוס הערט אין זיך גאָטס רוף, איבערצולאָזן די סטאַדע שאָף און גיין רעדן צום פאָלק, דריקט ער זיך אויס אַזוי: „אַ לייב האָט געברומט, ווער וועט נישט דערשראָקן? גאָט מיין האַר האָט גע־רעדט, ווער וועט נישט נביאות זאָגן?״ ער איז אויסגעוואַקסן אויפן ברעג פון מדבר, לייבן זענען דאָרטן געווען אָפטע, בייזע געסט, וואַקסט ביי אים נאַטירלעך אַרויס דאָס בילד פונעם ברומענדיקן לייב צו פאַרגלייכן עס מיט גאָטס רוף צו אים.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ער זאָגט נביאות אויפן אומקום פון יהודה און רעכנט־אויס די זינד פון יהודה, זאָגט ער: „אויף פאַרמשכונטע קליי־דער ציען זיי זיך אויס לעבן יעדער מזבח״. דער אָרעמער פּאַסטעך דאַרף אָפט פאַרמשכונען זיינע קליידער און די זינד זעט עמוס, ווי דער רייכער ציט זיך אויס אויף די קליידער פונעם אָרעמאַן. דער פּאַסטעך איז אויך נאָענט צום פייער און באַלד גיט עמוס איינס פון די וווּנדערלעכסטע ביל־דער אין דער פּאָעזיע: „זעט, איך וועל מאַכן קרעכצן אונטער אייך, ווי עס קרעכצט אַ וואָגן פול מיט גאַרבן״. אַז ער וויל באַמאָלן דאָס רייכע לעבן, זאָגט ער: „זיי ליגן אויף בעטן פון העלפאַנטביין, אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס און עסן פעטע לעמער פון סטאַדע, און געשטאָפּ־טע קעלבער פון שטאַל״. דאָס זענען אַלץ בילדער, וואָס זענען היימיש דעם פּאַסטעך, זיי וואַקסן אַרויס פון זיין פּאַעטישער דערפאַרונג.

און לאָמיר זען, ווי ער זעט בילדלעך גערעכטיקייט יושר: „זאָל רעכט קוועלן ווי אַ וואַסער און גערעכטיקייט — ווי אַ מעכטיקער קוואַל״. פאַרן פּאַסטעך איז וואַסער וואָס קוועלט דאָס טייערסטע געשאַנק און דער נביא, וואָס איז געווען אַ פּאַסטעך, אָטעמט־אַריין זיין סביבה אין דער זעונג פון גערעכטיקייט.

מערקווירדיק איז דאָס בילד פונעם חורבן. דער נביא פון תקוע וויל איבערגעבן, אַז נאָר ווייניקע וועלן בלייבן, זאָגט ער עס אויף אַזאַ שטיי־

גער: „ווי דער פּאַסטעך ראַטעוועט פונעם לייבס מויל צוויי קני, אַ שטיקל אויער, אַזוי וועלן זיך ראַטעווען די בני־ישראל". רעדט איך דאָ נישט פון דער גרויסער פּאָעזיע, נאָר פון דער פּאַסטעך־וויזיע, וואָס דער נביא האָט איבערגעטראָגן אויף די טרויעריקע וויזיעס פון חורבן און שטראָף. אינ־טערעסאַנט איז אויך, וואָס עמוס רעדט די גאַנצע צייט פונעם „טריער איז שטאָט". דאָ איז ער אויך געטריי זיין אייגענער דערפאַרונג: אינעם קליי־נעם שטעטל תקוע איז דער שטאָטישער טויער געווען דאָס פאַרזאַמל־אָרט, ווו די ריכטער האָבן אויסגעטיילט גערעכטיקייט און וווהין מען האָט געבראַכט קהלישע עסקים.

אַז דער כהן אמציה וואָרנט עמוסן קעגן ירבעמס צאָרן, זאָגט עמוס: נישט קיין נביא בין איך און נישט דער זון פון אַ נביא, נאָר אַ פּאַסטעך און אַ צוריכטער פון ווילדע פייגן. און באַלד נאָכדעם קומט דאָס בילד פון „אַ קאָרב זומער־אויבסטן". איר זעט באַלד, ווי די וויזיע זיינע איז צונויפ־געזונגען מיט דער גערטנעריי, וואָס מיט איר האָט ער זיך פאַרנומען.

אַוודאי, עמוס האָט געשעפּט זיינע וויזיעס אויך פון אַנדערע קוואַלן, אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען גאָט ווייזט אים וויזיעס ווי אויף יידן וועט קומען שטראָף, זאָגט דער נביא: ווי וועט ער אויסהאַלטן? ער איז דאָך אַזוי קליין. דאָס רחמנות עמוסעס איז פון אַ פּאַסטעך צו אַ קליי־נעם לעמעלע. און ווידער, אַז ער רעדט פון יידן, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, גיט ער אַזאַ בילד: די וואָס פרייען זיך מיט גאָרנישט, וואָס זאָגן „מיט אונדזער שטאַרקייט האָבן מיר זיך גענומען הערנער"...

ג.

די טרייב־קראַפט אין ישעיהן איז געווען די אייגענע וואָס אין עמוסן. — די הויכע עטיק און דער אָנשפּאַר אויף גאָט. אָבער ווי אַנדערש דיביידע נביאים זענען געווען אין זייער אויסדרוק, ווי פאַרשידן סע איז זייער בילדלעכקייט. ישעיה האָט געשטאַמט פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע אין יהודה, אַ סברא אַז ער איז געווען אַ פּרינץ, און באַלד ביים סאַמע אָנהייב איז דער טאָן זיינער אַ דערהויבענער, אַ פייערלעכער:

„חזון ישעיהו בן אָמוץ — די זעונג פון ישעיה, דער זון פון אָמוץ, וואָס געזען האָט ער אויף יהודה און ירושלים". דער אויסדרוק איז דאָ

אַ פֿייערלעכער, אַ זיכערער אין זיך. אַ מין פּרינצלעכער. אינטערעסאַנט איז דאָ דער פּאַראַלעל צווישן די וויזיעס ביי ישעיהן און ביי ירמיהן, ווען זיי האָבן דערשפּירט אין זיך דעם דראַנג צו גיין צום פֿאָלק און נביאות־זאָגן. ביי ירמיהן, אַז ער האָט די וויזיע פֿון גאָטס שליחות, זאָגט גאָט צו אים: „אָט האָב איך אַריינגעלייגט מיינע ווערטער אין דיין מויל". סע איז פּשוט, סע פֿאַרמאָגט נישט קיין הויכן טאָן. ישעיה אָבער דערציילט פֿון זיין וויזיע. אַז „סע איז צוגעפֿלויגן צו מיר איינער פֿון זיינע שרפֿים און אין זיין האַנט איז געווען אַ פֿייערצוואַנג, גענומען פֿון מזבח, און ער האָט צוגערירט צו מיין מויל און געזאָגט: אָט האָט עס אָנגערירט אויף דיינע ליפּן, און אָפּגעטאָן האָט זיך דיין שולד, און דיין זינד איז פֿאַרגעבן". דער פּרינץ ישעיה האָט די וויזיע פֿון גאָטס שליחות אויסגעפּוצט, דעקאָרירט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ נביא פֿון אַזאַ הויכן אָפּשטאַם.

אַז ער הערט גאָטס קול: „וועמען זאָל איך שיקן?" ענטפֿערט ער באַלד: „אָט בין איך, שיק מיך". ביי ירמיהן איז דער אָננעם פֿון גאָטס שליחות געווען פֿאַרבונדן מיט ספֿק, מיט טראַגיזם. ביי ישעיהן איז דאָ דאָס באַוווסטזיין אַז אים דאַרף גאָט שיקן, דאָס פּרינץ־באַוווסטזיין דער־לאָזט אים נישט צו ספֿקן, צי ער איז פּאַסיק פֿאַרן שליחות. און אַז ער וויל רעדן צו יידן, איז דער אויסדרוק זיינער אַ ברייטער: „הערט, הימ־לען, און לייג־צו אַן אויער, ערד". ער איז אַרויסגעוואַקסן פֿונעם הויכן טאָן אין קעניגלעכן הויף, און דעם הויכן טאָן טראָגט ער אַריבער אין זיין נבואה.

עמוס, ישעיה און ירמיה האָבן געצערנט אויף יידן, וואָס זיי זינדיקן און ברענגען קרבנות, די זינד זייערע אויסצוקויפֿן. אָבער ווי זאָגט עס ישעיה: „ווער בעט אייך אַז איר זאָלט צעטרעטן מיינע הויפֿן?" ווידער איז אין דעם אויסגעשריי דאָ די פּרינצלעכע דערפֿאַרונג, וואָס צערנט אַז אַרעמעלייט צעטרעטן אים די הויפֿן.

דאָס בילד פֿון חורבן מאָלט ער אַזוי: „און סע וועט ווערן איינגע־בויגן די שטאָלצקייט פֿון די מענטשן, און ווערן וועט דערנידעריקט די הויכקייט פֿון די מענער". שטאָלצקייט, הויכקייט, — אַלץ דערפֿאַרונגען פֿון זיין פּרינצלעכקייט. און די זינד פֿון ירושלים, ווי באַמאָלט ער? „ווייל עס זענען האָפֿערדיק די טעכטער פֿון ירושלים און זיי גייען פֿאַרויסן

די קעפּ, און ווינקענדיק מיט די אויגן, זיי גייען מיט געציילטע טריט, און מיט זייערע פוסטריט קלינגען זיי". דאָס איז נישט קיין בילד פון דער אָרעמער ירושלים, נאָר פון דער רייכער, דער אַריסטאָקראַטישער, וואָס דער נביא איז אין איר אויסגעוואַקסן. און פונקט אַזוי שעפּט ער זיין בילדלעכקייט פונעם חורבן, פון דער רייכער סביבה זיינער: „אַנשטאָט בשמים וועט זיין פאַרפוילטקייט, און אַנשטאָט אַ גורט — אַ שטריק, אַנ־שטאָט האָרקרויזן — אַ פּליך". דער אָרעמער באַוווינער פון ירושלים האָט נישט געוווּסט פון בשמים, פון אַ גורט, אָדער האָרקרויזן.

אַז מיר נעמען דאָס וווּנדערלעכע בילד פונעם ווייַנגאָרטן, איז ווידער דאָס אייגענע: „איך וועל זינגען צו מיין פריינט, מיין פריינטס געזאַנג פון זיין ווייַנגאָרטן. אַ ווייַנגאָרטן האָט מיין פריינט געהאַט אויף אַ פעטן באַרג־שפּיץ. און ער האָט אים צעגראָבן און אויסגעשטיינט, און אים פאַר־פלאַנצט מיט טייערע ווייַנשטאָקן, און אויפגעבויט אַ טורעם אינמיטן, און אויך אַ קעלטער אויסגעהאַקט אין אים. און געהאָפט האָט ער, אַז ער זאָל ברענגען גוטע ווייַנטרויבן" און געבראַכט האָט ער אומרייפע טרויבן. אויף „אַ פעטן באַרגשפּיץ" ביי ירושלים האָט אַ ווייַנגאָרטן געפלאַנצט נאָר אַ רייכער, נישט קיין אָרעמאַן, בפרט נאָך די טייערע ווייַנשטאָקן וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט און דער קעלטער וואָס ער האָט אויסגעהאַקט. קיין אָרעמער באַוווינער פון ירושלים האָט זיך אַזאַ לוקסוס נישט געקענט פאַרגינען.

און אַז דער נביא ישעיה שטראָפט ירושלים פאַר דער צעלאָזנקייט, שעפּט ער ווידער די בילדער פון זיין אייגענעם שטייגער לעבן: „וויי צו די, וואָס שטייען־אויף באַגינען, נאָך שאַרפגעטראַנק יאָגן זיי זיך נאָך. וויי צו די, וואָס שפּעטיקן זיך אין נאַכט, ווייַן צינדט זיי אָן. און גיטאַר און האַרף, פּויק און פלייט, און ווייַן זענען זייערע סעודות". דער פּרינצ־לעכער אָפּשטאַם ישעיהס האָט אים געגעבן אַ דערהויבענעם טאָן און, אַפילו אין די שטראָפרייד איז אויך דאָ דער אָפּקלאַנג פון זיין אָפּשטאַם. „און די וואָלקנס וועל איך פאַרזאָגן נישט צו רעגענען אויף אים (דעם ווייַנגאָרטן) קיין רעגן". דער באַפעלערישער טאָן, אַפילו אַז ער קומט פון גאָט, וואַקסט אויך אַרויס פון דעם נביאס פּרינצלעכער דערפאַרונג.

אַוודאי שטעלן מיר זיך אָפּ ביי דער וויזיע פון אחרית הימים, — איר

בילדלעכקייט איז בפירוש גענומען פונעם פויערים און פּאַסטעכישן לעבן און, כאָטש עטיש איז זי אין גייסט פון ישעיהס געמיט, איז זי אָבער בילד־לעך פרעמדלעך צו זיין אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. נאָר אַזויווי די אייגע־נע אחרית הימים־וויזיע איז אויך דאָ ביי מיכהן, מעגן מיר זיך משער זיין, אַז אויסגעוואָרעמט האָט זיך די וויזיע ביים פויערים־ און פּאַסטעך־פאָלק און ביידע, — ישעיה און מיכה, — האָבן זי איבערגענומען ביים פאָלק. דערמיט ווערט די וויזיע נאָך גרעסער, זי ווערט אַ פאָלקס־וויזיע, דער חלום פונעם יידישן פאָלק, נישט דער חלום פון אַ יחיד. אַפילו אַז דער יחיד איז אַ גרויסער נביא.

ד.

ביי ירמיהן, ווידער, קלינגט־אָפּ דער אָפּשטאַם זיינער אויף אַן אַנדער אופן. ירמיה איז געווען, ווי ער זאָגט אַליין, פון כהנים אין ענתות און דערפאַר, אַז ער דערציילט ווי גאָט האָט אים איבערגעגעבן דאָס נביאישע שליחות, זאָגט ער. אַז גאָט האָט אים אַזוי געזאָגט: „איידער איך האָב דיך געפורעמט, האָב איך דיך דערקענט און איידער דו ביסט אַרויס פון דער מוטער־טראַכט, האָב איך דיך געהייליקט". כהונה גייט־איבער בירושה, איידער דער כהן „גייט אַרויס פון דער מוטערטראַכט", איז ער שוין גע־הייליקט. אַז ער שטראָפט יידן, זאָגט ער: „און איר זענט געקומען און טמא־געמאַכט מיין לאַנד". דאָס בילד איז ווידער גענומען פון דער כהונה, וואָרעם דער כהן האָט זיך מתעסק־געווען מיט טהרה און טומאה. דאָס בילד פון טומאה טרעפן מיר בכלל ביי ירמיהן אַ סך מאָל. ווי למשל: „ווי קענסטו זאָגן איך בין נישט טמא געוואָרן, נאָך די בעלים בין איך נישט געגאַנגען?" אָדער: „אַז דו זאָלסט זיך אַפילו וואַשן מיט לויג, און מער זייף, בלייבט די זינד אַ פלעק פאַר מיר, זאָגט גאָט דיין האַר"...

אַ מערקווירדיק בילד, וואָס גענומען איז עס פון דער כהונה, איז ווי ירמיה זאָגט: „די זינד פון יהודה איז פאַרשריבן מיט אַן אייזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפּיץ; אויסגעקריצט אויף די טאָוולען פון זייער האַרצן. און אויף די ווינקלען פון זייערע מזבחות" דער כהן־גדול האָט געטראָגן אויף דער ברוסט דעם חושן, די אורים ותומים, וווּ סע זענען געווען אויסגעקריצט סימבאָלן, און פון די דאָזיקע סימבאָלן האָט ירמיה

גענומען דאָס בילד פון „אויסגעקריצט אויף די טאָוולען פון זייער האַרצן". מער פון די אַנדערע נביאים רעדט ירמיה פון כהנים, ער נעמט זיין בילדלעכקייט פון דער כהונה. ירמיהן הייסט גאָט דורכפירן סימבאָ־לישע אַקטן, וואָס זאָלן אַרויסדרינגען סיי די שטראָף צו די יידן, סיי די טרייסט. די סימבאָלישע אַקטן וואָרצלען טיף אין דער כהונה, דעם כהנס עבודה איז געווען פול מיט סימבאָלן און, אַז דער נביא, וואָס האָט גע־שטאַמט פון כהנים, האָט געוואָלט אויף אַ בילדלעכן אופן אַרויסברענגען זיינעם אַ געדאַנק, האָט ער דאָס בילדלעכקייט געשעפּט פון דער כהונה. אַזוי איז דער סימבאָל פונעם גאַרטל, וואָס גאָט האָט אים געהייסן אָנטאָן. דער כהן האָט געטראָגן, ביי דער עבודה, אַ גאַרטל און דער דאָזיקער סימבאָל האָט ירמיהן געדינט אין דער פּאָעטישער וויזיע.

די ערשטע וויזיע ירמיהס, נאָכדעם ווי „גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און צוגערירט צו מיין מויל", איז געווען אַ מאַנדלשטאָק. „און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: וואָס זעסטו. ירמיה? האָב איך געזאָגט: אַ מאַנדלשטאָק". דאָ פירט ער אונדז באַלד אַריין אין זיין כהנישן אָפּשטאַם, — דער ערשטער כהן, אהרן, האָט גע־שטעלט דעם שטעקן זיינעם און פון אים איז געוואָרן אַ מאַנדלשטאָק. זעענ מיר, ווי ביים סאַמע אָנהייב האָט ירמיה מיטגעבראַכט אין זיין פּאָעטיש־נביאישער בילדלעכקייט די כהנים־דערפאַרונג זיינע.

האָב איך שוין פריער געבראַכט, ווי ירמיה האָט געהערט גאָטס זאָג, אַז נאָך ביי דער מאַמען אין בויך האָט ער אים באַשטימט פאַר אַ נביא. ווייטער זעען מיר ווי אַנדערש, ווי ישעיה און עמוס הייבט ער אָן מיט: „הקדשתיך. נביא לגוים נתתיך, — געהייליקט האָב איך דיך, פאַר אַ נביא צו די פעלקער האָב איך דיך געגעבן". איז ווידער אַ בילד פון כהנישער דערפאַרונג, וואָרעם דער כהן איז געווען געהייליקט. דער ווייטערדיקער אויסדרוק, — פאַר אַ נביא האָב איך דיך געגעבן צו די פעלקער, — איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר ירמיהן. ישעיה האָט אָפּגעשטאַמט פון מלוכה־שאַפט, איז כאָטש אין די ווייטערדיקע נבואהס זיינע איז דאָ דער ווענד צו די „פעלקער פון דער וועלט", האָט ער אָבער נישט באַטראַכט זיין שליחות צו זיין אַ נביא פאַר פעלקער, ער איז געווען נאַציאָנאַל אין זיין באַוווסטזיין. עמוס, ווידער. דער פּאַסטעך, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט

דער ערד, איז אויך אין באַוווסטזיין, אין דער פּאָעטישער איבערלעבונג זיינער, מער נאַציאָנאַל. דער כהן, מעגן מיר טראַכטן, וואָס זיין וועלט דרייט זיך תמיד אין דער אויסגעפּילטער גאָט־ספּערע, איז מער געניגט צו זען די וויזיע פון פעלקער. בפרט נאָך, אַז ווייטער הערט ירמיה גאָטס רייד: ראה הפקדתיך היום על הגוים ועל הממלכות, — איך האָב דיך היינט געזעצט איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן, די כהן־וויזיע איז אַ ברייטערע, דאָס באַוווסטזיין גייט אַריבער די גרענעצן פון פאָלק.

מיר דאַרפן אויך אַ טראַכט־טאָן, פאַרוואָס די גרויסע קלאָג־פּאָעמע „איכה ישבה" ווערט צוגעשריבן ירמיהן, איך זאָג צוגעשריבן, וואָרעם איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין די אַלע סברות, צי ירמיה האָט טאַקע געשריבן איכה, צי נישט. נאָר די קלאָג אויפן חורבן, וואָס איז לרוב אויפן חורבן פונעם בית־המקדש, האָט געקענט און געדאַרפט שרייבן אַ כהן־נביא, — טאַקע ירמיה, ווער נאָך האָט געקענט אַזוי הויך־דראַמאַטיש אויסקלאָגן די קלאָג פונעם חורבן בית־המקדש, ווי דער נביא, וואָס האָט זיין בילדלעכקייט געשעפּט פון דער כהונה, דערפאַר וואָס ער האָט געשטאַמט פון כהנים?

ה.

פאַר יחזקאלן שטייען מיר דערציטערטע, דערפאַר וואָס זיינע אַפּאָקאַליפּטישע זעונגען וואַקסן אַריבער אונדזער כח הדמיון. בעת ביי די פריערדיקע דריי נביאים, — עמוס, ישעיה און ירמיה, — קומט דאָס נביאישע שליחות דירעקט פון גאָט און דער אויסדרוק איז אַ פּאָעטיש־בילדלעכער. אָבער אַ מענטשלעך־פּשוטער, איז ביי יחזקאלן דאָס שליחות זיינס פון אָנהייב־אָן פאַרבונדן מיט אומערדישע וויזיעס. יחזקאל הייבט באַלד אָן מיט קוקן מער אויפן הימל און אין הימל, ווי אויף דער ערד. די ערשטע וויזיע זיינע, בעת ער איז געזעסן צווישן די פאַרטריבענע אויפן טייך כבר, איז פון פיר חיות, וואָס ער מאָלט אויס מיט גרויס־קינסטלערישער פּרטימדיקייט, חיות־מענטש, חיות־פייגל, חיות־נישטאַיקע. און אַז ער דאַרף איבערנעמען דאָס שליחות פון נבואה, שטרעקט זיך אים אויס אַ האַנט מיט אַ מגילה און אַ קול זאָגט אים, אַז ער זאָל די

מגילה אויפעסן. אזא אפווענד פון אַלע אַנדערע נביאישע אָנהייבן איז נישט שייך אויסצוטייטשן, — פירושים זענען מסתמא דאָ אַ סך, — נאָר אים מוז מען פאַרשטיין פּאָעטיש.

יחזקאל איז געווען דער ערשטער נביא פון גלות. ער האָט שוין נישט געלעבט אויף דער אייגענער ערד. דאָס לאַנד, וואָס פון דעם איז ער פאַרטריבן געוואָרן, האָט איבערגעלעבט די לעצטע קאָנוווּלסיעס פון מלוכה אונטער צדקיהון. ער האָט זיך אין זיין בילדלעכקייט נישט גע־קענט אָנשפּאַרן אויף די קאָנקרעטע בילדער פון לאַנד, מלוכה און אייגע־נער ערד. ווי די אַנדערע נביאים. זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע איז שוין גע־ווען געווענדט צום הימל. דאָס אויפגערודערטע געמיט זיינס האָט געזען, ווי דער הימל האָט זיך פאַר אים געעפנט. דער סימבאָליזם זיינער איז שוין געווען אַ ריין־פאַנטאַסטישער, אַפילו אַן עקזאַלטירטער.

דער צייכן פון גלות איז דאָ אַפילו אין די רייד פון גאָט, וואָס זאָגט אים: „וואָרעם נישט צו אַ פאָלק מיט אַ טונקעלער שפּראַך און אַ שווערער צונג ווערסטו געשיקט, ביי־ערט צום פאָלק ישראל; נישט צו פעלקער אַ סך, מיט אַ טונקעלער שפּראַך און אַ שווערער צונג, וואָס דו פאַרשטייסט נישט זייערע ווערטער"... ווער איז דאָס פאָלק מיט „דער טונקעלער שפּראַך"? דער נביא איז אין דער פרעמד, אין גלות. ער פאַרשטייט נישט דאָס לשון פונעם לאַנד. ווייטער, בבל איז געווען צונויפגעשטעלט פון אַ סך פעלקער, וואָס יחזקאל זאָגט אויף זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט זייערע ווערטער. דאָ רעדט שוין אַן אַנדער נביא, אַן אַנדער פּאָעטישער אויס־דרוק, — דער גלות איז דער וואָרצל פון זיינע זעונגען, פון זיין בילד־לעכקייט.

דער עטישער אויסדרוק יחזקאלס איז אויך אַן אַנדערער, ווי ביי די פריערדיקע נביאים. ער ווענדט זיך אָפט פונעם כלל צום יחיד. ער איז אַ גרויסער מאָנער פאַר סאָציאַלן יושר, אָבער ראשית, רעדט ער אַ סך פון זינד קעגן גאָט און שנית, מאָנט ער יושר ביים יחיד, נישט ביים פאָלק. קיין פאָלק איז נישטאָ אין גלות, דער איינציקער ייד איז דאָ. דערפאַר איז ביי יחזקאלן אַלעמאָל דאָ דער ווענד „בן אדם", — צום מענטש רעדט ער.

יחזקאל רעדט מיט כעס פון די איבערגעבליבענע יידן אין יהודה, ווי

די מלוכה האָט זיך נאָך געהאַלטן. די שולד פאַר זיין אייגענעם גורל זעט ער איז די זינד פון יידן, וואָס ווינען נאָך אין לאַנד און פראַוועס נאָך מלוכהשאַפט. נאָר זיי זענען פול מיט זינד. קיין איין נביא האָט נישט גע־רעדט מיט אַזויפיל ביינזקייט, ווי יחזקאל. דאָס גלותדיקע געמיט האָט פון אים אַרויסגערעדט, דאָס גלותדיקע געמיט האָט אים דערהויבן צו די אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס.

אָבער דער גלות האָט אים געבראַכט אויך אַנדערע וויזיעס, ווי די וויזיע פון די טרוקענע ביינער. דאָס גלותדיקע געמיט האָט פון אים אַרויס־געוויינט דאָס געוויין : „וויי, גאָט דו האַר, ווילסטו אַ פאַרלענדונג ברעג־גען אויפן איבערלייב פון ישראל ?"

יחזקאלס פּאָעטישע דערפאַרונג איז אַ גייסטיקע, זיין בילדלעכקייט איז גייסטיק־פאַנטאַסטיש, ער איז דער פּאָעט פון גלותדיקע וויזיעס.

אינהאַלט

די משפחה: אַ וואָרט פאָרויס 5

יצחק יאַנאַסאָוויטש: אפרים אויערבאַך ז״ל 8

א.

געטראַכט מיטן ליד 25

דער אויסלאָז פון אַ ליד 29

דער אימאַזש 38

יאוש אין ליד 43

דאָס קול 47

יידישע ווערטער 52

ב.

הונדערט יאָר מאָריס ראָזענפעלד 61

אברהם ליעסין 55

ביאַליק — דער מענטש און פּאָעט 73

די לירישע מענטש־דראַמע — לייוויק 77

ה. לייוויק — צום זעקסטן יאָרצייט 89

י. י. שוואַרץ 95

דער פולער קרוג האָט זיך אויסגעשעפּט 101
יעקב גלאַטשטיינס פּאָעטישער וועג 104
דאָס געזאַנג פון זאָגן 110
יעקב גלאַטשטיינס „די פרייד פון יידישן וואָרט" 116
א. לעיעלעס ־ גלאַנץ 124
דער פּאָעט לעיעלעס 130
לעיעלעס אין עברית 136
נפתלי גראָס — דער פּאָעט פון יידישע געשטאַלטן 141
וועגן יעקב פרידמאַן 147
לייב פיינבערג 155
דער באָבע חנהלעס נוסח 160
זעליק אַקסעלראָד 168
יעקב שטערנבערג 171
ישראל ראַבאָן 176
דער קדוש שמואל זאַראָמב 179
ארץ ישראל אין יידישן ליד 185
וועגן מרדכי יפהס אַנטאָלאָגיע 192

ג.

מרדכי אָלעי 201
חיים גראַדעס פּאָעמעס 205
חיים גראַדעס ניי לידערבוך 211
אַ שפע פון לידער — בונעם העלער 218
משה וואַלדמאַן אין ניו יאָרק 222
אברהם זאַק 225
יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ בן שישים 232
משה יונגמאַן — אַ פּאָעט פון ישראל 237
אין טרוים שיינט די זון 242
וועגן קאַדיע מאַלאַדאָווסקי 247
וועגן שמשון מעלצער 252

אַ קאַפּיטעלע סוצקעווער 259
שעפערישער עלנט 264
דער פיבער פון ליד 269
געלייטערטער קאַשמאַר 278
אברהם סוצקעווערס ניי בוך 283
לידער פון אַן אַנטרונענעם 288
רחל קאָרן — ערד און ליד 293
רחל קאָרנס דאָרף 298
מלך ראַוויטש — 75 יאָר 305
צעשטורעמטע האַרבסטיקייט 305
אריה שמרי 312
צוויי דיכטערינס אין מדינת ישראל 318
דריי ערשטע לידערביכער 324

ד.

גשר און קשר 333
ספּרימלעך בזעיר אנפּין 344
איינפלוס פון יידיש אויף העברעאיש 347
פיר נביאים — זייער בילדלעכקייט 351